STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10649

ALMANAKH VUSPP

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літопису Українського Друку“, Картковому репертуарі“ та інших покажчиках Укр. Книжкової Палати“.

אַלמאַנאַך וואוספּ

פון פּראָלעטאַרישע

צענטראַלפֿאַרלאַג
כאַרקאָוו
1929

די קינסטלערישע פאָרמירונג פונם בוך איז אויסגעפילט אַף לינאָ - און האָלץ - שניט דורך די קינסטלער ב. בלאַנק און מ. פראַדקין. געדרוקט אונטער דער אַלגעמיינער אויפזיכט פונם טעכנישן אָנפירער פון צענטרפאַרלאַג פּ. עפּשטיין. די וויאָרסטקע האָבן אויסגעפילט — י. פרידמאַן, פּ. שטרייכער, און י. פונק. אינסטרוקטאַזש — ל. וועקסלער. אויסגעפילט די קאָרעקטור — ע. כאַזין.
געדרוקט — פּאָנאָמאַריאָוו.

געדרוקט אין דער 1 - טער דרוקעריי „קאָמוניסט“ פונם מעלוכע - טרעסט „כאַרפּאָליגראַף“. אוקרליט — 3068. באַשטעלונג נומער — 3497. טיראַזש — 3.000 עקז.

אַ. אַבטשוק

הערשל שאַמאַי

ז עס קומט פאַר אַ שפּאַרעניש אין אָפּטיילונג פון דער ניי-אויפגעקומענער פאַבריק, וואָס זעט נאָך דערוויילּ אויס מיט אירע לאנגע טישן, ווי אַ גרויסער מוירעדיק-צעוואַקסענער וואַרשטאַט, און דער אוילעם האט טאַינעס צו הערשל שאמאַי פאַרוואָס ער יאָגט אזוי די נאָרמע כוץ לעדערעך האַטעווע, ענטפערט הערשל, ווען מ'שטופּט אים צו דער וואַנט און ער קאָן זיך שוין מיט קיין טערעץ ניט אויסדרייען: „וואָס שרייט איר, וואָס? זע נאַר, געקומען נייע באַלע-באַטים! גיי אַרבעט אָפּ 5 יאָר אין זאַלנע און באַקום געשוואָלענע הענט, ווי איך!"

— זע נאַר, זע, — ער איינער האָט מאזאָלעס אף די הענט!

— יאָ, יאָ, זאָלט איר טאַקע ווייסן, — איר האָט זיך דעמאָלסט, ווען באַ מיר האָט דער איזוועסט געריסן שטיקער פלייש פון די הענט, מיסטאם ערגעץ געדרייט אַפן פּראַנט צי אין טיל, — שנעקעס זייט איר, איר רעדט אויך.

ער איז א הויכער, הערשל שאמאַי, באַ די פּופּציקער. ער האָט אַ ברייט פליישיק פּאָנים מיט גרויסע טונקעלע אויגן, פייכטלעכע, ווי שטאַרק רייפע קלעפּיקע ווײַנשל, און זיי שטייען זעלטן ווען איין אף אַן אָרט, לויפן פון ווינקל צו ווינקל אומרואיק און דערשראָקן, ווי באַ אַן אומגעדולדיק פערד. די פינף יאָר אין זאלנע געדענקט ער גוט. ער האָט דאַמאָלסט, אין די שווערע הונגער-יאָרן, גאנצע טעג געשלעפּט פעל פונם גרוב מיט קאלעך, זיך גוט געמוטשעט מיט די שטענדיקע פרישטשעס אף די הענט און אונטער דער פּאַכווע. ער געדענקט, ער פאַרגעסט קיינמאָל נישט צו דערמאנען דעם גרויסן אַקטיוו אין זיינע קנאפּע פּופּציק יאָר לעבן — דרייסיק יאָר לוין-אַרבעט באַ פאַרשידענע באַלעבאַטימלעך פון סאמע קלײנוויז אָן, ווען דער אָרעמער טאטע זיינער, אַנשל דער וואַסערפירער, האָט אים אָפּגעגעבן אין אַ קליינער האַרבאַרניע באַ זיי אין שטעטל.

מער פון אלץ האָט הערשל ליב וועגן זיינע דרייסיק יאָר אַרבעט צו רעדן מיטן יונגוואַרג, כאָטש שטאַרק האלטן פון קאָמסאָמאָל האלט ער ניט.

— גיי, זאָגט ער, אַרבעט אָפּ דריי אייזערנע צענדליק יאָר באַ באַלעבאַטים, מעשוגענע הינט, ווּעסטו דאַמאָלסט רעדן.

— אָבער, שאמאַי, איך בין דאָך נאָך קיין צוואַנציק יאָר ניט אלט.

— זאָלסטו טאַקע ניט רעדן, נישט קריכן אין די אויגן.

— וואָס-זשע, איר'ט מיר פאַרשליסן ס'מויל?

— נו, גיי, הויב זיך אָן מיטן קאָמסאָמאָל, אַז ס'איז אַזעספּענעמער.

מ׳וויל אים דערוויי̆ל קיינער שטאַרק נישט פאַרטשעפּען פאַרן יאָגן, מ׳קען אים פאַר אַן אַקשן און אַביסל אַ גייציקן, אָבער אין מיט טאָג שוין דערזעט הערשל פלוצים לעם זיך דעם קרומען מאַליאַווטשיק, אָטאָ דעם, וואָס וואו אַ פאַרזאַמלונג נעמט ער וואָרט, מאַליאַווטשיק איז קלוימערשט צוגעקומען צום טיש עפּעס נעמען, נאָר שוין אין איין וועגס זאָגט ער צו שאַמאַיען, עפּעס שטיל זאָגט ער אים, די איבעריקע באַם טיש מוזן ניט דאַפקע וויסן, אַז מאַ־ליאַווטשיק איז עס ספּעציעל אים צוגעגאַן זאָגן:

— דיין יאָגעניש,— זאָגט מאַליאַווטשיק צו שאַמאַיען — וועט אונז קאָסטן רעבע-געלט.

— וואָסי? — פרעגט שאַמאַי און די אויגן בלישטשען באַ אים.

— מ׳וועט דאָרט אין טעענבע צו דיר אַ קוק טאָן אין ביכל און מ׳וועט העכערן די נאָרמע אַף פופציק פּראָצענט.

— וואָס-זשע ווילסטו? וועסט מיר פאַרבאָטן אויסאַרבעטן וויפל איך וויל — אַ נייער אויפזועער!

— נו וואַרט צו,— זאָגט מאַליאַווטשיק און גייט צוריק צו זיין שטעל,— מיר וועלן מיט דיר שוין רעדן ערגעץ אַנדערש.

נאָך דער אַרבעט, אַז הערשל גייט אַהיים מיט אַ פּאָר אַרבעטער און מ׳איילט זיך צום טראַמוואַי (וואָרום אויב ס׳איז שוין טאַקע היינט אַ פרייער טאָג און קיין פאַרזאַמלונגען זיינען נישטאָ, ווילט זיך פריער אַהיים קומען), איז אין טראַמוואַי הערשל נאָך פאַרנומען מיט דעם, וואָס ס׳איז היינט געווען אַף דער פאַבריק.

ער זאָגט צו כאַים קאַרטון, א מענטש אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט אַ קאַליע ריע, שאַמאַי זאָגט צו אים: „זאָל די נאָרמע זיין אַפילע הונדערט, אָבער מיינע פינף קאַרבן אַ טאָג מוז איך אויסאַרבעטן״.

— וואָס קומט ארויס, וואָס דו יאָגסט? — זאָגט קאַרטון,— אַז דו גיסט ניט קיין קאַטשעסטווע.

— איך גיב נאָך אַזאַ קאַטשעסטווע, ווי אַנדערע.

זיי שווייגן א פּאָר מינוט, טופען פעסט אין איילעניש צום טראַמוואַי. פלוצים זאָגט כאַים קאַרטון ווידער:

— מירן נאָך הערן, וואָס די יאַטשייקע וועט אַף דעם זאָגן.

— הערסטו נאָר,— טוט זיך הערשל א כאַפּ און די גרויסע אויגן לייכטן באַ אים פון דעם, וואָס קאַרטון איז דאָ אַריינגעפאַלן,— די יאַטשייקע האָט איצט אַ דירעקטיוו — פּראָאיזוואָדיטעלנאָסט טרודאַ אי ניקאַקיך!

— יאָ, ווערט קאַרטון ניט גיספּאָעל, אָבער נישט זיך אין קעשעניע אַריין.

— וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן,— זאָגט הערשל,— יעדערער מיינט זיך אין קעשעניע אַריין און מיט קיינעם האָט מען אזוי ניט צו טאָן, ווי מיט שאַמאַיען.

— כ'האָב מיט דיר — זאָגט קאַרטון, — נישט וואָס צו רעדן.

שאמאי גייט גאָר גיך אַראָפּ פון טראַמוואַי, און כאַים קאַרטון זעצט זיך איבער צו פריימאַנען, דעם סעקרעטאַר פון קעמערל. קאַרטון נעמט איצט אַרויס פונם האַרטן פּודעלע די פּענסנע, וואָס ער טראָגט זיי נאָר, ווען ער רעדט מיט מענטשן, ער זעצט זיי אַרויף אויף דער קלײנער קלײַנדיקער נאָז. ער איז אַ קורצזיכטיקער און זײַנע צוויי עטוואָס ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן אַ קאָליר פון אַ שלעכט אָנגעבלאָזוט העמד, דערפרייען זיך מיט די גלעזלעך און הויבן אָן אַרומלויפן אין די אויגן־לעכער.

— וויפל איך טאַנע מיט אים איין, — זאָגט ער צו פריימאַנען, — וויפל איך רעד מיט אים — מיר זײַנען שכנים, איז אַזוי ווי צו דער וואַנט. — וואונדערט זיך נישט, כאַווער פריימאַן, ער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ פון קלײנבירגערלעכקײַט...

אויפן צווייטן טאָג האָט שאמאי ווייטער געטאָן זיין ארבעט. ער האָט דאַפקע געוואָלט דערווייזן, אַז ער ווערט זײַנע אַכציק פאָר אָניאָגן דעם צעך אויף צעלאָכעס.

ער האָט קיין איבעריקע מינוט ניט פאַרלוירן, מיט קיינעם באַם טיש ניט גערעדט און דאָס ערשטע מאָל פאַרויכערט, ווען ס'איז שוין געווען גוטע פינף מינוט נאָכן מיטאָג־פּייף און אין צעך איז שוין קיינער ניט געווען.

ביזן מיטאָג האָט דער צעך געשוויגן. מ'האָט זיך נאָר באַנוגט מיט ווערטלעך, וואָס האָבן זיך ווי זשומענדיקע פליגן געדרייט אַרום שאמאיעס אויערן. ער האָט בעשאַס מאַיסע גאָרניט געהערט, נישט געוואָלט הערן.

נאָר ווען הערשל האָט נאָך מיטאָק נאָך האסטיקער אַ יאָג געטאָן, אין קיינעמס זייט ניט געקוקט, געסאַפּעט ווי אַ גאַנז און פון דער שטעל ניט אָפּגעטראָטן, האָט אים איינער אַ יאַט, וואָס האָט געשלעפּט אַ טאַטשקע איבער די רעלסן, מיטגעבראַכט אַ געלעכערטן שמוציקן עמער, אים אַוועקגעשטעלט לעם שאמאיען און זיך אָפּגערוקט.

שאמאי האָט צום אָנהויב ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל פאַרן גאַנצן טאָג אָפּגעריסן פון דער ארבעט, זיך איינגעבויגן אַ קוק טאָן וואָס איז דאָס פאַר אַן עמער. נאָר דער צעך האָט זיך שוין געקאַטשעט פאַר געלעכטער. דער געשטופּלטער יאַט איז פון ערגעץ ווידער אריין, ער האָט איצט מיטגעבראַכט אַ קוואָרטל וואַסער, אַ צעריסענעם האַנטוך, אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַן אויפשריפט: Для мужчин. דאָס קוואָרטל און דעם האַנטוך האָט ער אויפן טיש לעם שאמאיען אַוועקגעשטעלט, דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט ווייך ברויט צום עמער צוגעקלעפּט. ער האָט זיך ווידער אָפּגעטראָגן, נאָר פאַרן אַוועקגיין שאמאיען אַ וואָרף געטאָן:

— פאַריכט זיך, שאמאי, מיר זעען נישט און מיר הערן נישט.

מ'האָט געזשאַלעוועט אָפּצוגיין פון די שטעלן, אַניט וואָלט די קאָמעדיע נאָך עפשער שענער געווען אויסגעזען, האָט מען אים געוואָרפן ווערטלעך, זיך געוויצלט:

— שעם זיך נישט, שאמאי, ס'איז היימישע מענטשן!

— שאמאי, ס'אן אַווירע פינף מינוט אַרויסצוגיין אין דרויסן.

שאמאי האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דער כעוורע. די טונקעלע שוויצנדיקע אויגן זיינען בא אים נישט געשטאַנען אף איין אָרט און דאָס אונטערגעשוירענע בערדל האָט באַ אים אַביסל אונטערגעטאַנצט, ער האָט געשמייכלט צום אוילעם אַרום מיט אַ שמייכעלע פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט שוין, אַז מ'מאַכט פון אים כויזעק, נאָר ער רעכנט נאָך, אז ס'איז אַף קאַטאָוועס און ער ווייסט נישט, צי דאַרף ער אין קאַס ווערן, צי ניין.

— זיי מאַכן דיך צום נאַר, אָקס איינער, — האָט כאַים קארטון פונם צווייטן טיש, וואו ס'איז געלעגן אַ גרויסער יוכט, אַ זאָג געטאָן, — ס'וואָלט דיר שוין געפּאַסט צו זיין אַ זיידע און דו פאַרשטייסט נאָך נישט פונדאַנען אַהין.

אַן עלטערער אַרבעטער האָט אַ קוק געטאָן בייז אַפן לאַכנדיקן אוילעם. ער איז צו צו שאמאיעס שטעל, צוגענומען דעם עמער און דאָס קווערטל און עס אַרויסגעטראגן אין קאָרידאָר. מ'האָט שוין אין צעך ניט געשפּאַסט. מ'האָט אין פארלעגנהייט בא גאָר זייטיקע שמועסן ווייטער געאַרבעט.

מ'וואָלט שוין געווען אין דער מאיסע מיט שאמאיען פארגעסן, ער האָט זיך מער נישט אַזוי געוואָרפן אין די אויגן, מיט קיינעם ניט גערעדט. אָבער צום סאָף טאָג האָט זיך אין צעך געטראָפן אַזוינס, וואָס די פאבריק האָט שוין גאַנץ לאַנג ניט געזעען.

דער פריאָמשטשיק האָט בא שאמאיען בעאייסן אָפּנעמען די סכוירע פאַר־בראקעוועט אַ היפּש ביסל פערעדעס. ער האָט עס געטאָן מיט אזא רואיקייט, אַז שאמאי האָט די ערשטע פאָר מינוט נישט פארשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

— וואָס איז דאָס פארא שטיק? — האָט שאמאי געזאָגט — וואָס מאַכסטו זיך נאַריש?

ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט, צי מיינט עס דער פריאָמשטשיק ערנסט, און זיין קאָל איז נאָך געווען איינגעהאַלטן און רואיק.

אָבער אז דער פריאָמשטשיק האָט געענדיקט ציילן איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט שאמאיען היינט געמאַכט דעם עמעסן בראָך.

— וואָס איז דאָס? — האָט זיך שוין שאמאי ניט איינגעהאַלטן — וואָס איז דאָס פארא פוילע שטיק?

ס'איז זיך אף שאמאיעס געהערט טאָן צונויפגעלאָפן דאָס ביסל פאַרבליבענע אַרבעטער. מ'האָט נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר פאַרשטאנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

שאמאי האָט געשריגן. ער איז נאָך געווען אָנגעטאָן אינם שמוציקן, אין איינציקע ערטער נאָך פייכטן, פאַרטוך. ס'זיינען נאָך אף זיינע פּלייצעס נישט אויסגעטריקנט געוואָרן די דינינקע ריטשקעלעך שווייס, וואָס האָבן אַביסל געקיצלט דאָס לייב, די הענט זיינען נאָך נישט געהאט אָפּגעגאַן פונם שאבן אַכט שאָ קעסיידער.

כאימל קארטון איז געשטאנען הינטער אים. ער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט די ארבעט, געווען איבערגעטאָן. ער האָט איצט אַרויסגענומען פונם הארטן שאכטעלע די פענסנע, זיי אָנגעטאָן, ווי ער וואלט זיך וועלן איינקוקן אין דער זאַך, וואָס צוליב איר איז עס איצט געווען דער ראש.

— זיי פאָדערן איצט פריער פאר אלץ קאטשעסטווע, — האָט ער געזאָגט, ווי פאר זיך, — דאַרף מען טאַקע נישט אַזוי אַרויסיאָגן פון זיך די נעשאָמע.

— ס'איז נאָך בא מיר אזא סכוירע, ווי בא אנדערע, — האָט שאמאי געשריגן, — וואָסי, מע פארגינט מיר ניט טאָמער פארדין איך מיט צען קראפּן אַ וואָך מער.

ער האָט זיך געוואָלט נעמען איבערטאָן, נאָר ער האָט זיך באַרעכנט, אַלץ איבערגעלאָזט אזוי ווי ס'איז געווען און זיך אַ לאָז געטאָן אַפן צווייטן שטאָק צום דירעקטאָר אין קאַבינעט.

דער דירעקטאָר איז געווען פארטאָן אין אַ הויפן פאַפּירן. ער האָט געהאט אָנגעטאָן אַ פאָר ברילן מיט האָלאָבלעס, פון דעם סאָרט ניקעלנע ברילן, וואָס ס'קומט אַ פארסטראַכירטן, ווען ער ווערט קורצזיכטיק. אַף דער נאָז, וואָס שיילט זיך בא אים שטענדיק, און די הויט זעט דעריבער אויס, ווי רוי, זיינען די ברילן געזעסן גאַנץ איינגעפּאסט, און ס'וואָלט שוין גאָר מאָדנע געווען אים זען אָן זיי. זיי האָבן זיין פּאָנים געמאכט שטרענג און רואיק. ער האָט זיין קלוגן קוק געקאנט פאַרבאַהאַלטן אונטער די דיקלעכע גלעזלעך, זיי פארבאַהאַלטן אַף א פאָר מינוט ביז ס'איז אים נישט אינגאַנצן קלאָר געוואָרן, וואָס מ'וויל פון אים.

— כאַווער באלאן, — האָט שאמאי אַ געשריי געטאָן, דאָס האָט איר מיר געהייסן פאַרבראַקעווען די פּערעדעס?

דער דירעקטאָר האָט זייער לאַנג געהויבן די אויגן פון די פאַפּירן אַרויף צו שאמאיען און אז ער האָט זיי שוין אויפגעהויבן, האָט ער נאָך אַ היפּשע ווײַלע געקילט מיט זיי שאמאיס צעהיצקייט.

— איך גיב נישט אַרויס קיין באַפעלן פאר באזונדערע ארבעטער, — האָט באלאן ענדלעך געזאָגט, — און פאר שאמאיען אויך נישט.

ער האָט גערעדט פּאַמעלעך און עטוואָס שעפּעליאַווע, ווי ס'זאָל אים פעלן אַ פּיצעלע צונג.

— ווען מיר, — זאָגט שאמאי, — וועגן דעם רעדן אין ערקאקא.

— אַפילע אין סאַוונאַרקאָם, — האָט באַלאַן געענטפערט.

דעם דירעקטאָרס קאַבינעט איז שוין פול אָנגעפּאַקט, מ'וויצלט זיך איבער שאמאיען, ס'געפינען זיך אַזוינע, וואָס געבן אים גערעכט.

דער דירעקטאָר מישט שוין ווידער די פּאַפּירן. ער ווייזט דערמיט קלאָר, אַז ער בעט מ'זאָל אַרויסגיין, ער האָט ארבעט, אָבער זאָגן זאָגט ער דערווייל גאָרניט, ער וואַרט.

— דער שוואַרציאַר ווייסט זיי די פּאָראָנדקעס אייערע! — שרייט פּלוצים שאמאי אויס. ער גייט דער ערשטער אַרויס פונם דירעקטאָרס קאַבינעט, אַוועק אָן אַ „זייט געזונט”, ער טראַכט, אַז ער האָט דאָ נישט מער וואָס צו טאָן, קיין עמעס איז סיי ווי נישטאָ, ס'איז קיינמאָל נישט געווען און ס'איז איצטער אויך נישטאָ.

נאָר אָפּן וועג פונם דירעקטאָר, שוין אַפּן אונטערשטן שטאָק באַגעגנט אים דער סעקרעטאַר פון קאָמערל, דער הויכער פריימאַן, וואָס אַז ער גייט וואַל־גערט ער זיך איבער פון איין פוס אָפן צווייטן.

— הער צו, שאמאי, — זאָגט ער, — אייל זיך נישט. ער שטעלט אים אָפּ, זיי גייען ביידע אַריין אין צימער פון פּאַרטיי־קאָמערל. אַהער לאָזט פריימאַן דעם אוילעם נישט אַריין.

פריימאַן שווייגט אַ פּאָר מינוט. ער טראַכט וועגן עפּעס:

— וואָס פראַוועסטו פּאַראַ שטיק, — זאָגט ער צו שאמאיען, — ס'איז אַ בי־זאַיען פּאַר די בעזפּאַרטיינע אַרבעטער.

שאמאי פינטלט איצט אָפּט מיט די גרויסע טונקעלע אויגן. פריימאַן שטייט באַם פענצטער. ער איז אַ פעסטער באָכער מיט נאָך אַ יינגלש פּאָנים, צוויי געדיכטע טונקעלע ברעמען, וואס גייען זיך צונויף, מאכן זיין פּאָנים ערנסט. בא שאמאיען ארבעט איצט דער מויעך און ער שוויצט.

— דו ביסט, זאָגט ווייטער פריימאַן, — אַ קאנדידאַט פּאַרטיע און פירסט זיך אויף ערגער פון אַ בעזפּאַרטיינע.

— מ'האָט, — זאָגט שאמאי, — צופיל צו טאָן מיט מיר, איך בין זיי גרויס אין די אויגן.

— קיינער האָט מיט דיר גיט צו טאָן, דו מאכסט מער ראַש, ווי ס'איז.

— וואס האָב איך מיט דיר צו רעדן, זאָגסט דאס אייגענע, וואס זיי, גע־פּאַקט א שאמאַיען און מ'האָט וואס צו רעדן.

— הער אויף, — זאָגט פריימאַן, און דאָס קאָל זיינס קריצט דורך אַ בייזער, — הער אויף צו פּראַוון קוסטאַרישע שטיק, ס'איז אַ בושע פּאַר דער יאַטשייקע.

שאמאַי ענטפערט נישט גאָרנישט. פריימאַן גייט ארויס. נאָך אים רוקט זיך פונם צימער אַרויס שאמאי. ער גייט נישט קיין אָפּגעוואַשענער אַוועק צום טראַמוואַי.

II

די פאַבריק איז איצט אַלט געווען קנאַפּע א יאָר. אַ ברייטע מיט לאַנגע טונקעלע זאַלן האט זי זיך צוגעטוליעט צו אַן אַלטן קלויסטער אינם הייליקסטן אָרט פון דער פרומסטער אַלט-רוסישער שטאָט.

די גאַלאָכים, וואָס האָבן זיך דאָ אין קלויסטער אָפּגעזונדערט פונם רוישיקן שטאָט-לעבן און זיך געוואָרפן אין די אויגן נאָר אין דער ענגשאַפט פון אַ טראַמוואַי, — די גאַלאָכים האָבן דעם טאָג, ווען דאָס ערשטע פייפל פון פאַבריק האָט אַ רעווע געטאָן און מענטשן האָבן אָנגעהויבן אריין און ארויס, לענגער געקלונגען אין די גלעקער.

דאַמאָלסט איז די פאַבריק פון אויסנווייניק, פאַר דער וועלט נאָך שטום געווען; ס'איז נאָך קיין טונקל-גרויע שילד מיט זילבערנע אויסיעס, ווי איצט, פון פאָרנט באם ארייַנגאַנג נישט געווען; אַ שילד, וואָס זאָל דערציילן וועגן אַזאַ פיינעם באַלעבאָס, צו וועמען די פאַבריק קער — וועגן אוקרלעדערטרעסט.

ס'האָט נאָך דאַן אַפּן העכסטן שפּיץ, נאָך העכער פון דער דינער קלויסטער-נאָדל, קיין שטערן ניט געבריט די געגנט, און העל האָט נאָך נישט געפלאַ-טערט, צי ס'איז שטיל, צי ס'איז ווינטיק — אַ זאַפטיקע רויטע פאָן. די לאַנגע זאַלן האָבן נאָך דאַמאָלסט געהאט א רייעך פון שינעלן און פון שטיוול אויס-געשמירטע מיט דזשעגעכץ. אַף די ווענט פון די קאַזאַרמעס זיינען פאַרבליבן מיט אַ שיינער האַנטשריפט אויסגעשריבענע קלאָלים פון שיסעריי, געמעלן פון רויטאַרמייער אין גאַז-מאסקעס, אַ צענומענער אף שטיקלעך קוילנוואַרפער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן אין די גרויסע ליידיקע קאַזאַרמעס, וואו ס'זיינען דערווייל נאָר געשטאַנען לאַנגע טישן, אָנגעהויבן אַראָפּקומען פּאַרטיעסווייז מענטשן מיט געקנייטשטע פּענימער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפפאָרן שוסטער און צושניידער, פאַלצערס און וואלקערס, פון שטעטלעך זיינען זיי געקומען, דערווייל אָן די ווייבער, מיט קלומקעלעך אין די הענט, פרעמדע און אַביסל אָפּגעשראָקענע פאַר דער גרויסער שטאָט. זיי האָבן אָנגעפילט מיט זייער ראַש די לאַנגע ליידיקע זאַלן, און אַפּן אָרט פון קאַזאַרמע-רייעך האָט אַ שמעק געטאָן לעדער און פעטס, געשמאַק א שמעק געטאָן אין פאַרשמעקט אין קלויסטער אריין.

און סאָפּקאָלסאָף איז איינמאָל גאָר אינגיכן אין אַ קאַלטלעכן פרימאָרגן, ווען בא אַ טיש איז צווישן אַרבעטער געגאַן אַ שפּאַרעניש, צי זאָל מען עפענען אַ

פענצטער — סאיז אינעווייניק צו דושנע געוועז — איז אַראָפּגעקומען דער נייער דירעקטאָר באַלאַן. אַ נידעריטשקער און אַ ברייטפּלייציקער איז ער געוועזן, די נאָז האָט זיך בא אים געשיילט און מער פון אַלץ אַף דעם אָרט, וואו ס׳זיינען פעסט געזעסן די ניקעלנע ברילן זיינע, און אַ פּאָר קלוגע זאַפטיקע אויגן, ביר־קאָלירענע האָט ער אַרומגעטראָגן, אויגן לעבעדיקע שטענדיק פרישע.

ער איז אריין אין אָפּטיילונג, זיך געדרייט צווישן די סטאָסן פּערעדעס און כאָלעוועס און געשוויגן. בא די טישן האָט מען אים באקוקט, אָבער ווער ער איז האָט מען נאָך אינגאַנצן נישט געוואוסט.

— מיסטאַמע פון „אָכראַנע טרודאַ״!

— און עפשער פון „סאָיוז״!

— אין אַ מאַזלדיקער שאָ!

באַלאַן איז פּלוצים אַריין צווישן צוויי טישן, צו צו אַ פּאַלצער, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּערעד פונם טיש, שווייגנדיק גענומען באַם פּאַלצער דעם אינסטרו־מענט און פלינק אָפּגעפּאַלצעוועט דעם פּערעד.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, פאַרזשמורעט אַן אויג, אַ ליכטיקער פּאַס שיין האָט א בלישטשע געטאָן אַף זיין נאָז, וואָס שיילט זיך, און ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַביסל שעפּעליאווע לאָשן זיינעם: „שוין אַ היפּשע פּאָר יאָר ניט געשטאַנען באַם וואַרשטאַט״. ער איז אונטער צענדליקער פּאָר אויגן, איינגע־שטאָכענע אין זיינע פּלייצעס, פּאַמעלעך געגאַן אין דירעקטאָר־קאַבינעט.

אַזוי האָט זיך האָסטיק אַ דריי געטאָן די ראָד אַף דער נייער פאַבריק, און איצט איז שוין באַלד אַ יאָר, אַז ס׳רוישט אַזוי, כאָטש קיין סאַך מאַשינעס האָט די פאַבריק נאָך נישט, — פון ערגעץ האָט מען זיי אויסגעשריבן, — אַרבעט מען דערווייל מיט די הענט, און יעכידים קלערן אין דער שטיל צו, דערווייל בעסאָד, פּלענער פון נייע מאַשינעס, וואָס דאַרפן פאַרבייטן די האַנט־אַרבעט.

די גרויסע זאַלן זיינען פאַר דעם קנאַפּן יאָר ענגער געוואָרן — גייט מען איצט צווישן בערגלעך סכוירע און אָפּפאַל, און אַז ס׳באַגעגענען זיך צוויי טאַטשקעס, מוז איינע וואַרטן ביז די צווייטע וועט אַדורך.

באַ די טישן איז אויך נישט איבעריק גראַם. רעדט מען איצט באַ אַ טיש וועגן יובילי פון פאַבריק, וואָס שטייט אינגיכן פאָר.

— נישקאָשע, — זאָגט כאַים קאַרטון — דער דירעקטאָר מעג מאַכן א שיינעם יאָנטעוו, די פאַבריק האָט פאַרן יאָר אַ פיינעם וואָקס געטאָן.

— פאַרוואָס זאָל זי נישט וואַקסן — זאָגט הערשל שאַמאַי, — מיר האָרעווען כאָלילע ווייניק?

ער איז שטאַרק פאַרטאָן אין דער אַרבעט, ער שטייט די גאַנצע צייט אָנגע־בויגן איבער׳ן שטיקל סכוירע, וואָס ער האַלט אין דער האַנט, אָבער אָן רעדן

באַם טיש קאָן ער ניט אויסקומען, ביפּראַט נאָך, ווען ס׳פּאַרטשעפּעט אים מיט אַ זאַך, וואָס ס׳ארט אים, וואָס נישט איין קנייטש אין זיין מויעך איז אויס־געפּילט מיט דעם. כאַים קארטון איז פון שאַמאַיעס ענטפער שטאַרק אויפגע־בראַכט. ס׳צינדט זיך אָן אין זיינע עטוואָס ליכטיקע אויגן אַ צאָרנדיק פייערל און כאָטש ער איז גוט אין קאָס אף שאַמאַיען, ווייזט ער עס שוין נישט אזוי אַרויס פאַרן אוילעם, פּאַשעט עפּשער דערפאר, וואָס ער האלט, אַז שאַמאַי איז אַ בעהיימע און איז נישט ווערט מ׳זאָל אף אים זיין אינקאַס.

דאָך ענטפערט ער אים. רואיק און געלאסן ענטפערט אים כאַים קארטון:

— טיפּעש, — זאָגט ער צו שאַמאַיען, — ס׳איז שוין לאנג באַוואוסט, קאַרל מאַרקס האָט עס נאָך געזאָגט, אַז אָן האָרעוואַניע וואָלט די וועלט קיין קיעם נישט געהאַט.

— ער איז שוין אויך דאָ מיט מאַרקסן, — זאָגט שאַמאַי און איין אָדער צעצי־טערט זיך בא אים ערגעץ אַפּן שטערן, — מיילע, אַז דער דירעקטאָר גיט אַ ספּראַוואָטשקע פון קאַרל מאַרקס, בין איך מעכויעוו צו גלויבן, אָבער דיר וועל איך נישט האָבן קיין אַווירע, אַז איך וועל נישט גלויבן.

— מיילע, — זאָגט כאַים קארטון, און דאָס קליינע דארע נעזעלע שוויצט באַ אים, — מירן זיך מיט דיר אַן אנדערש מאָל אויסטאַינען, נאָר מיטן דירעק־טאָר וואָלסטו נישט געמעגט האָבן צו טאָן.

— מ׳בעט דיך נישט, זאָלסט זיך אָנעמען פאר באלאנען, ער קאָן זיין שטעטל אליין באשטיין.

— ביסט אַ פערד!

וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן, האָסט דאָך שוין באלד מאָזאָליעס אַפּן צונג פונם לעקן.

ווער ווייסט, ווי וויט ס׳וואָלט פאַרגיין די קריגערייַ, ווען כאַים קארטון זאָל נישט געווען פאַרשוויגן. ער איז שטיל געבליבן, אַף דער לעצטער זיד־לעריי שאַמאַיען גאָרניט געענטפערט. ער האָט מיט די אויגן געפירט איבערן גאַנצן טיש ארבעטער, אַף אלעמען אַ לאַנגע ווילע זיך אָפּגעשטעלט און גע־וואָלט מ׳זאָל אים פארשטיין, — אַז ער איז העכער פון אָטאָ דער אָ בעהיימע, וואָס זידלט זיך, העכער מיט אַכצן קעפּ. אָבער, אַז אַלע האָבן געשוויגן, האָט זיך כאַים קארטון דאָך ניט איינגעהאַלטן און געוואָלט מיט אַ לעצט וואָרט נאָך אָפּענטפערן שאַמאַיען:

— זאָלסט ניט זיין, — האָט ער געזאָגט, — אַזאַ ווילדע בריע, וואלט מען מיט דיר ניט געהאַט אזוי צו טאָן אין וואַנט־צייטונג.

— ווער, זאָגסטו, האָט מיט מיר צו טאָן?

— נאַ גיב אַ קוק, וואָס מע שרייבט וועגן דיר אין וואַנטצייטונג.

— ס׳האָט עס מיסטאַם געשריבן אַזאַ טעלערלעקער ווי דו.

שאמאַי איז דאָך באַלד אנטשוויגן געוואָרן. ס'האָט אים געקאָרטעט וויסן, וואָס האָט מען אף אים דאָרט אָנגעשריבן, ווען ער זאָל זיך ניט שעמען פארן טיש אַרבעטער און פארן כאוור טשאַן, דעם פארוואַלטער פון אָפּטיילונג, וואָלט ער זיך געוויס אינמיטן דער ארבעט אַראָפּגעכאַפּט אונטן אין קלוב צו דער וואַנטצייטונג.

ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביזן מיטאָג־פייף. נישט אָפּגעוואַשענערהייט, אין פארטוך, איז ער אראָפּ אין קלוב און גענומען זוכן די צייטונג.

ער האָט אף דער וואַנט א גענדיקטע באַהאַנגענע מיט פארשידענערליי פּלאַ־קאַטן אָפּגעזוכט די יידישע וואַנטצייטונג. קיין שטאַרקער לייענער איז ער ניט געווען, איז אים שווער אָנגעקומען אָפּזוכן דאָס אָרט, וואו ס'האָט זיך גערעדט וועגן אים, אָבער גיך האָט ער דאָס געפונען, ס'האָט זיך אים א וואָרף געטאָן אין די אויגן אריין א געמעל — דאָס איז אַ מענטש געשטאַנען אַביסל איינגעבויגן איבער אַ טאַטשקע מיט פּערעדעס, דעם הינטן ארויסגעסטאַרטשעט. דער מענטש האָט מיט אַ פּאָר לאַנגע הענט געשאַרט די פּערעדעס צו זיך, ווי ער וואָלט וועלן פארכאַפּן די גאַנצע טאַטשקע.

ס'איז שאמאַיען פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

די נאָטיץ האָט געהאַט א קעפּל: „זשעדנעקייט, וואָס האָט ניט קיין גרענעץ". געשטאַנען איז דאָרט אזוי:

> אויב אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט די זשעדנעקייט נאָך געלט קיין גרענעץ ניט, איז פארשטיי איך עס. נאָר פאַר־וואָס האָט דאָ אף דער פאבריק אַן אַרבעטער אַזוי פיל זשעדנע־קייט, פאַרוואָס, אַז מע פירט צו צום טיש אַ טאַטשקע פּערעדעס פאַר אַלע פאַלצערס, וואַרפט ער זיך אַרויף אף איר, ווי אַ ווילדע כאַיע און שלעפּט וויפל ער קאָן, ניט איבערלאָזנדיק קיינעם גאָר־ניט — דאָס קאָן איך ניט פארשטיין. אויב איר ווילט געפינען אַן ענטפער, פרעגט טאַקע בא אים אַליין, — בא הערשל שאַמאַי.
>
> איינער.

ס'האָט שאמאַיען אַ קלאַפּ געטאָן דאָס בלוט אין פּאָנים אריין, דאָס האַרץ האָט זיך בא אים צעטיאָכקעט, די קאַריקאַטור אף זיך אליין און די נאָטיץ האָבן זיך פאַר זיינע אויגן צעגאָסן איבער דער גאַנצער צייטונג.

ער איז אַ צעטומלטער אַוועק פון דער וואַנט, ניט געוואוסט, וואוהין צו גיין, פארגעסן זיך אָפּוואַשן און עסן פרישטיק.

אין גרויסן קלוב־צימער האָט שוין געררושט; אַרבעטער האָבן באַ טישלעך געגעסן, אריינגעקוקט אין א בלאַט. שאַמאי האָט זיך אזוי, ווי ער איז געווען

ניט אָפּגעוואַשן אנידערגעשטעלט אין א זייט, געגומען מיט ברייט צעעפּנטע, שטארק אומרואיקע אויגן זוכן עמעצן, ווען ער האָט איצט שטארק נויטיק געדאַרפט האָבן; ער האָט געבלאָנדזעט מיט די אויגן איבער די טישלעך ביז ער האָט אָפּגעזוכט. ער איז צו צום טישל, וואו ס׳איז איצט געזעסן בוכאַרטשיק (מע האָט אים דעם צונאָמען אין אַ פּאָר וואָכן נאָך זיין אָנקומען אַף דער פאבריק געגעבן) דער פארזיצער פון רעדקאָלעגיע. שאַמאַי האָט אים איצטער געהאַט וואָס צו זאָגן, ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט לאָשן, אָבער באַם טיש האָבן אים פאר אויפרעגונג פארפעלט ווערטער, דאָס קאָל האָט זיך בא אים איבערגעריסן און ער האָט קוים ארויסגערעדט:

— וואָס איז עס פאר אַ מעסירעס בא דיר אין צייטונג, בוכאַרטשיק?

בוכאַרטשיק האָט אַ פּאָר ווייכע ליכטיקע אויגן. עפּעס שמייכלט שוין אין זיי, ווי נאָר זיי דערזעען שאַמאַיען אָן אויפגעטראָגענעם צוגיין צום טישל. אָבער אינגאַנצן פארשטיין, וואָס שאַמאַי וויל פון אים, פארשטייט נאָך בוכאַרטשיק ניט.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט ער שאַמאַיען.

— ס׳הייסט, איך דאַרף דיר גאָר זאָגן, וואָס איך וויל?

שאַמאַי וואַרט ניט אַף בוכאַרטשיקס ווייטערדיקן ענטפער, ער נעמט אים אָן באַם לאַץ און פירט אים צו צו דער וואַנטצייטונג.

— וואָס זאָגט איר צו אים? — מורמלט בוכאַרטשיק, ער לאָזט זיך פירן צו דער וואַנט, ער שמייכלט דערביי אַביסעלע אונטער, ווי איינער, וואָס ווייסט גאַנץ גוט, אין וואָס ס׳גייט, און מאַכט זיך דערווייל טאַמעוואַטע.

— ווער האָט אָנגעשריבן אָטאָ דאָס פּאַסקודסטווע?

— סע שטייט דאָך עמעצער אונטערגעשריבן. האָסט קיין אויגן ניט?

— ווער שטייט אונטערגעשריבן? ס׳שטייט קיינער ניט אונטערגעשריבן.

בוכארטשיק ווערט פלוצים זייער ערנסט. ערגעץ גלייכט זיך בא אים אויס דער קנייטש אַרום דער ליפּ, ער רעדט איצט געלאַסן, ציט אויס יעדעס וואָרט, ער וויל, אַז שאַמאַי זאָל איינמאָל פאר אַלע מאָל פארשטיין און אַוועקוואַרפן זיינע ווילדע שטיק.

— כ׳האָב געמיינט, — זאָגט בוכאַרטשיק, — כ׳האָב געמיינט, שאַמאַי, אז דו מאַכסט א שפּאַס, — נאָר איצט קאָן איך דיך אינגאַנצן ניט פארשטיין.

— איך וויל ניט מ׳זאָל מיך פּאַטשקען פאר דער גאַנצער פאַבריק.

— וואָס־זשע, וועסט עמעצן פארבאָטן שרייבן אין וואנטצייטונג?

— זאָל ער זיך אונטערשרייבן, וועל איך זיך מיט אים צערעכענען.

אַרום שטייט שוין אַ היפּשער אוילעם אַרבעטער, מע האָט נאָך די ביסנס אין מויל, מע קייט געשמאַק. שאַמאַיס היצן זיך קען מען שוין, רייצט מען אים אונטער.

— נו, שאַמאַי, זעסט, קעדאַי געווען צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, האַ?
— זאַ טשטאָ באָראָליס, שאַמאַי?
— לאָז זיך ניט שפּאַיען אין דער קאַשע!

ס'איז שוין דאָ דאָ כאים קאַרטון מיט די לויפנדיקע אויגעלעך, וואסערדיקע און קליינע. ער האַלט שוין מיט צוויי פינגער די ברילן באַם מאַשינקעלע, גרייט זיי אַרויפצוזעצן אַף זיין קליין קלייענדיק נעזל, ווי נאָר ער וועט נעמען אַ וואָרט.

— ס'הייסט, — איז ער דאָ ניט זיין וואָרט, — ס'הייסט נאָר וועגן איין שאַמאַיען שרייבט מען אין ציימונג? — אַף דערויף איז עס דאָך אַ וואַנטציימונג, מע זאָל אויסבעסערן אונזערע פעלערן.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — קריכט אַריין אינדערמיט אַ יאַט מיט אַ פול מויל, — נאַ אַשיבקאַך מי אוטשימסיאַ.

מע פאַרשיט שאַמאַיען מיט רייד. ער שטייט צעטומלט, די גרויסע טונקעלע אויגן זיינע פינטלען גיך-גיך, ווי אַ עלעקטרישע לעמפּל, וואָס צינדט זיך אָן און לעשט זיך. ער קאָן שוין מער די ווערטלעך ניט פאַרטראָגן, רייסט ער זיך אַרויס פונם רינג מענטשן און לויפט אין פּאַבקאָם.

דער פּאַבקאָם איז אין אָ דער מיטאָג־שאַ פול אָנגעפּאַקט מיט אַרבעטער. אַ געדיכטער רויך שטייט אין צימער, פונם רויך־קוקן אַרויס פּעניִמער צעהיצטע, אויפגערעגטע. איילעניש ברענט אין יעדער איינציקן און מאַכט דירעוור־דיק מענטשלעכע הענט און צינגער. ס'איז דאָך דאָ איין קנאַפּע שאָ, ווען מ'קען אַף גיך אַריינלויפן אין פּאַבקאָם נאָך אַ פּאַפּירל, אויפקלערן אַ טאָעס צי עפּעס אַן אַנדער איניען, אין וועלכן דער פּאַבקאָם קאָן באַהילפיק זיין.

מער פון אַלץ האָט מען זיך צונויפגעקוועטשט אַרום טיש. אַ געדיכטער רינג מענטשן אַרום אים, און אינעווייניק אינם רינג, דאָרט, וואו דער טיש, זיצט דער פאַרזיצער פון פּאַבקאָם באַרט, האַלט אַ שלעכט פאַרשניצטן בלייער, שרייבט געבראָכענע ציפערן אַף דער ליכטיקער ברעט פון טיש און טאַינעט מיט עמעצן איין.

אינגאַנצן אַן אויפגערעגטער, אינם טונקעלן היטל מיטן הויכן דעניק, אַ צעהיצטער, מיט אַ פול מויל טאַינעס לויפט הערשל שאַמאַי אַריין אין ענגן צימער פון פּאַבקאָם. נאָך אים נאָך אַ גאַנצע כעוורע — מע וויל זען, מיט וואָס די מאַיסע וועט זיך ענדיקן.

שאַמאַי רייסט זיך צום טיש. ער צעוואַרפט דעם אוילעם, וואָס שטייט אַפן וועג, און ווען ער איז שוין באַם טיש, וואו באַרט, דער פאָרזיצער פון פּאַבקאָם, שרייבט ציפערן און מעקט זיי איבער און טאַינעט נאָך אַלץ מיט עמעצן איין, פּאַליעט שאַמאַי פּלוצים אויס און פאַרוואונדערט באַרטן די ערשטע מינוט זייער שטאַרק מיט זיינע רייד.

— איך וויל וויסן, — שרייט שאַמאַי, — אין וואָס באַשטייט די ארבעט פון פאַבקאָם?

יונגוואַרג, וואָס איז געקומען צו לויפן מיט שאמאיען אינײנעם, לאַכט. ס׳געפעלט זיי אָטאָ די פראַגע, וואָס אַזאַ בריע ווי שאַמאַי, קאָן פלוצים, האָסטו - נישט - ווייסטו - נישט — אַ שטעל טאָן דעם פאָרזיצער פון פאַבקאָם.

באַרט, א דינער יונגערמאַן מיט אַ לענגלעך פאַרטראַכט פּאָנים, רייסט ניט איבער זיין איניען, וואָס מיט אים איז ער געווען באַשעפטיקט איידער שאמאי איז ארײנגעלאָפן אין פאַבקאָם. עס שיינט, אז רעדנדיק, הערט ער אויך שאמאיס געשריי און זיינע ווייטערדיקע טאַינעס, וואָס שיטן זיך אָן אַן אָפּשטעל אַ פּאָר רעגעס, און אין דערזעלבער צייט, ווי ער הערט אַזוי שאַמאַיען שרייען, פירט ער ווידער זיין פריערדיקן שמועס, הויבט דערביי זייער פאַמעלעך, ווי מע שלעפּט אַרויס אַ שווערן עמער וואַסער פון אַ ברונעם, די אויגן אויף, רייסט איבער דאָס רעדן אַף איין האַלבע מינוט, טאַקע מאמעש אַף געציילטע רעגעס אף אַזוי פיל, וויפל מע דאַרף האָבן אף צו זאָגן עטלעכע געציילטע ווערטער.

— כאַווערטע גיל, — זאָגט באַרט רואיק צו דער סעקרעטאַרקע, — וואָס שרייבט בא אַ צווייטן טיש, — ווייזט, זייט אַזוי גוט, דעם כאַווער שאַמאַי דעם צירקו־ליאר וועגן די פונקציעס פון אונזערע פאַבקאָמען.

אין צעטומלטקייט הערט שאַמאי אַפילע ניט בארטס לעצטע ווערטער, און ווען באַרט פירט ווייטער זיין שמועס מיטן בלייער אין האַנט, מיט די ציפערן אַפּן ליכטיקן דעק פון טיש, רייסט אים שאַמאי ווייטער א מאָל איבער:

— איך וויל וויסן, ווער האָט אייך דאָ אַװעקגעזעצט, צוליב וועמען זיצט איר דאָ?

לעם טומלדיקן שאַמאי שטייט שוין די סעקרעטאַרקע, די הויכע כאַווערטע גיל; זי האַלט אַ לאַנגן לייוונט אין האַנט — דעם צירקוליאר וועגן די פונק־ציעס פון די פאַבקאָמען. זי שטופּט שאמאיען דעם פּאַפּיר אין האַנט אריין, שאמאי נעמט אים צעטומלטערהייט צו און ווייסט דערווייל ניט, וואס מיט דעם פּאַפּיר צו טאָן. פונם אוילעם רוקט זיך אַרויס כאַים קארטון, ער קומט אונטער נעענטער צום טיש, ווארפט אַ קוק אַף באַרטן און אַפּן אוילעם און ווייטער אף באַרטן. ער טראָגט שוין בעשאָס מאיסע די פענסנע צו דער נאָז, און בעשאס ער עפנט דאָס מויל, איז זיין פּאָנים שטרענג און אָנגעבייזערט.

— וואס טומלסטו דאָ, איך בעט דיך? — זאָגט ער צו שאַמאַיען, — הער נאָר אַן אומגליק געשעען, — מע האָט אים באשריבן אין גאַזעט.

ער האָט אָפּגעזאָגט זיינס און טראָגט שוין צוריק די ברילן פון דער נאָז צום האַרטן שאַכטעלע, און די עטוואָס ליכטיקע אויגן לויפן בא אים אום גיך גיך. ער פילט זיך איצט גוט, ווען סאי באַרט, סאי דער גאַנצער אוילעם הערט זיך צו צו זיינע רייד.

פון צענדליקער מיילער הערט איצט בארט אויס די מאַיסע פונם אָנהויב ביזן סאָף און אַז אַלע ענדיקן שוין איבערשרייען איינס דאָס אַנדערע, זאָגט באַרט געלאַסן צו הערשל שאַמאַי:

— איז וואָס זשע ווילסטו?

— כ'וויל וויסן, ווער ס'האָט עס דאָרט אָנגעפּאַסקודעט אַף מיר.

עס צעבראָיגעזן זיך פּלוצים אַ פּאָר אַרבעטער, וואָס שטייען דאָ אַרום טיש, ווי אַף שפּילקעס — אַסאַך איניאָנים וואַרטן נאָך אַף זיי. זיי צעבראָיגעזן זיך, וואָס אַפן צענטן יאָר רעוואָלוציע זאָל נאָך טאַקע אַזוינס קאָנען געשעען. די פּריערדיקע פרײַלעכקייט, וואָס שאַמאַיס שרייען האָט אַרויסגערופן באַם יונג־וואַרג, גייט אָפּ, באַרט כאַפּט אָן באַם אַרבל בוכאַרטשיקן, וואָס איז נאָך עפּעס אין פּאַבקאָם אַריין, באַרט זאָגט צו אים רואיק, ער בעט זיך באַ אים מאַמעש:

— בוכאַרטשיק, זאָגט ער, ס'איז דאָך פּאָ טוואָיעי ליני, נעם אים צו פונדאַנען, ענטפער אים דו.

בוכאַרטשיק פירט שאַמאַיען אַרויס פון פּאַבקאָם. עס פּייפט שוין דער הודאָק, דער אוילעם הייבט אָן לויפן פון אַלע פּאַבריק־ווינקעלעך, בוכאַרטשיק פאַרהאַלט זיך אַביסל אין קלוב, און מיט אים בלייבט אַף אַ פּאָר מינוט אויך שאַמאַי.

— ווער עס האָט געשריבן, ווערסטו זיך ניט דערוויסן — זאָגט בוכאַרטשיק, — דערויף איז דאָ אַ געזעץ, מע זאָל ניט אַרויסגעבן קיין פּסעוודאָנימען.

— איכל אים ניט פאַרשווייגן!

— מוזט ניט דאַפקע פאַרשווייגן.

— הערסט, ווייס איך דאָך ניט, ווער ס'האָט געשריבן. אָט דאָס בעט איך דאָך באַ דיר.

— דו קאָנסט עס אָפּלייקענען. אָנשרייבן אַן אַרטיקל אין דער צווייטער וואַנטצייטונג און עס אָפּלייקענען.

— מ'וועט עס דורכלאָזן? איר דרוקט דאָך נאָר אַרבקאָרן?

— ווער אויך אַן אַרבקאָר. ווער לאָזט דיך ניט?

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג שווייגט שאַמאַי. ער טוט זיין אַרבעט שטיל, אַ פאַרטראַכטער אין זיך איז ער איצט, אַליין מיט זיינע מאַכשאָוועס, און דאַמאָלסט, ווען ער איז אַליין, האָט ער אַ טעווע נאָכאַמאָל אַלץ צו באַטראַכטן, גוט צו באַרעכענען אַלץ. איצט, אין די פּאָר רואיקע שאָען נאָך מיטאָג, ווען קיינער טשעפּעט אים ניט, און ער איז ניט אויפגעבראַכט אַף קיינעם, איז ער פאַרנומען מיט צונויפשטעלן אַן ענטפער אַף דער נאָטיץ. ער קלייבט וואָרט צו וואָרט און וויל עס אַלץ ערגעץ אָפּזעצן אין קאָפּ, ס'זאָל ניט פאַרגעסן ווערן. כאַזערט ער אין דער שטיל פאַר זיך אַ געדאַנק נאָך אַ געדאַנק, באַקלערט און

פאַרהערט זיך אַליין, און ווען ער ענדיקט די אַרבעט, איז שוין בא אים אין קאָפּ פאַרטיק דער גאַנצער ענטפער, וואס דאַרף יענעם אָנלערנען ער זאָל זיך איינמאָל פאַר אלע מאָל אויפהערן טשעפען צו שמאיען. אָבער באַטראַכטן דעם ענטפער, אים צונויפשטעלן — איז ערשט אַ האלבע זאַך. דאָס שווערסטע שטייט נאָך פאָר, — מ׳דאַרף עס אָנשרייבן און עס זאָל האָבן אַ פּאָנים. לויפט שאַמאי באַלד נאָך דער אַרבעט אַהיים, שוויצט אָפּ אַף דעם אַרטיקעלע אַ גוטע שאָ, לייענט עס אסאך מאָל איבער, ביז סע געפעלט אים, און דאַמאָלסט ערשט קאָן ער רואיק אָפּעסן וואַרמעס און זיך צולייגן אַביסל אָפּרוען. אָבער לאַנג ליגן אזוי אַף דער קאַנאַפּע קאָן ער ניט. עפּעס טראָגט אים פּלוצים אויף, ער גיט זיך אַ כאַפּ, גיט אַ קוק אַפן אָנקומענדיקן אָוונט, וואָס לאָזט זיך אַ פאַרטראַכטער אַראָפּ אף דער ערד, און דערזעט דורכן פענצטער אָנגעצונדענע עלעקטרישע פונקען אַף דער גאַנצער לענג פון גאַס און טראַמוואַיען, וואָס שלענגלען זיך, און מענטשן אַסאך, אסאך, וואס זיינען איצט ארויס אַף פרישער לופט. ער איילט זיך איצט ערגעץ, נאָר פאַרן אַוועקגיין טוט ער נאָך אָפּ איין קלייניקע אַרבעט, ער האָט אַזאַ געוואוינשאַפט באקומען — יעדער קלייניקייט, וואס טוט זיך אַף דער פאַבריק, מוז ער בא זיך אין העפט פאַרשרייבן, נישקאָשע ס׳וועט אַף דעם אויך קומען אַ טאָג מיסטאַם; מיט קרומע אויסיעס שרייבט ער אָפּ אַ גאַנץ זייטל אין העפט, דערנאָך טוט ער זיך אַפגיך אָן, — ער זאָגט ניט דער ווייב, ניט דער טאָכטער זיינער — אַן איין און איינציקע איז זי בא אים, גיטעלע, — ער נעמט דאָס געדיכט פאַרשריבענע בויגעלע פּאַפּיר און פאָרט מיט דעם אַראָפּ צו זיינעם אַ גוטן ברודער אים עס באַווייזן, מיט אים זיך מעיאַשעוו זיין וועגן דעם ענטפער, וואָס ער גיט אין וואַנטצייטונג.

III

שאַבעס פיבערט די פאַבריק מער ווי אַלע טאָג. שאַבעס דערציט די פאַבריק מיט פאַראַקשנטן געדולד די לעצטע שאָען נאָך אַ וואָך שווערער אַרבעט באַם וואַרשטאַט און אויסערן וואַרשטאַט. עפּעס שטייט זי שוין די פאַבריק מיט איין פוס אין זונטיק, וואס מע קוקט אַף אים אזוי אַרויס, — וויל מען שוין ניט הערן פון קיין זיצונגען, און אַפילע פריימאן, וואָס טראָגט ארום זייער אָנגעשטרענגט און כמורנע זיין יינגלש פּאָנים, לאָזט איצט אַביסל נאָך. ער מוסערט איצט ווייניק דעם אוילעם, יינגלש־ווייך צעשמייכלט זיך בא אים דאָס ברייטע פּאָנים, איין אויג איז בא אים פאַרזשמורעט, ווי בא אַ איינעם, וואס קומט אָנזאָגן עפּעס אַ גוטע בסורע, און דער גאַנצער צעך הערט אויס און איז גלייך מאַסקים און איז גרייט אַזאַ פריילעכע יעדיע פון זיין מויל אויסצוהערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

— היינט וועט די זיצונג פון אַסאָאָוויאַכים-קאָמיסיע ניט פאָרקומען.
— די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אַף מאָנטיק.
— וואס דען זאָגט הערשל שאַמאַי, ווער וועט עס אים גיין היינט אַף זיצונגען?
— אַ שיינער פאַרטייעץ, — מישט זיך אריין כאים קארטון, — בראָש ער מיינט' אַז ער טוט עמעצן א טויווע, אויב ער גייט אַף אַ זיצונג.
— וואס־זשע, מ'קאַן מיך נויטן גיין אַף אַלע זיצונגען?
— וואס האָב איך מיט דיר צו רעדן, — ענטפערט אים כאַים קארטון, — אַז דו האָסט אַף דיין לעבן דעם אוסטאַוו פאַרטיע ניט געלייענט.
— גענוג פאַר מיר, אַז דו האסט אים געלייענט.

אין אַ פאָר שאָ ארום איז שאַמאַי אַן אונטערגעשווירענער, אַן אָפּגעוואַשע־נער מיט אַ רויט פּאָנים פונם באָד, א הונגעריקער אריינגעלאָפן צו זיך אין שטוב אריין. ער איז געלאָפן מיט אַ מאָדנע מלאָסנעקייט אַפן האַרצן, וואס האָט אים איצט שטאַרק געכליאנעט. ער איז אריין אין קיך אריין, וואו דאָס ווייב זיינס האָט זיך געפּאָרעט און אָפּגעלאָזט דאָס פּעקל. דאָ האָט אַף צוויי זשומענדיקע, שטאַרק אָנגעגליטע פּרימוסן געטרישטשעט בוימל, בולבעס פּעטס האָבן זיך געקייקלט אַף דער אָנגעגליטער דעק פון סקאָוואָראָדע, אַמאָל אַ שפּריץ געטאָן נעבען אין פּאָנים אריין, אַפן שטערן, און זי האָט דעם הייסן שפּריץ מיט דער פרייער האַנט צעשמירט איבערן געזיכט, איבער דער נאָז, און דאָס שטענדיק געפלעקטע פּאָנים אירס האט איצט א אויסגעריכטס מיט סאַזשע־פלעקן, אַ פעטס און א גלאַנצעדיקס אויסגעזען שטאַרק ברודיק, ווי אַ קויטיקע זאַך, וואס דארף שוין גיין אין געוועש.
— וואָס פאָרקעסטו זיך אַ גאַנצן טאָג בא די קאָטלעטן?
די פרוי האָט ניט גלייך געענטפערט, זי איז מיט עפּעס שטאַרק געווען פאַרנומען, אָבער פאַרשווייגן האָט זי, ווייזט אויס, ניט געהאַט קיין כיישעק.
— וואָס שרייסטו? עסן ועסטו וועלן?
— ס'איז דאָך דאָ בא דיר אַ גאַנצער נאַרפיט!
שאמאי האָט גענומען אָנפּאָמפּען דעם פּרימוס, וואס האָט איצט אַביסל נאָכ־געלאָזט, און פון אַזא פּאָמפּען האָט די סקאָוואָראָדע געטאַנצט אַף דער מאַ־שינקע און דער בוימל האָט געטרישטשעט, געקריצט מיט די ציין.
— ווער האָט נאָך דיר אַהער געשיקט? — האָט זי געשריגן, — האָסט ניט געקאָנט דאָרטן אָפּזיין ביז דער וואַרעמעס וועט פאַרטיק ווערן?
שאַמאַי איז אַוועק אין צימער אַריין, און אז ער איז אריין אינעווייניק, איז אין צימער שוין אינגאַנצן טונקל געווען. שאמאי איז א ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט, זיך ניט גלייך געכאַפּט, וואָס צו טאָן ס'זאָל ווערן היימלעך און

ס׳זאָל זיך גלוסטן אַוועקזעצן, — ער האָט אָנגעטאַפּט אף דער וואַנט דעם אויס־שליסער און געמאַכט ליכטיק.

גאָר גיך האָט אפן טיש שוין געזאָטן דער בייכיקער סאַמאָוואַר, וואָס די שאַמאיעס האָבן זיך אין ניינצטן יאָר מיטגעבראַכט פון שטעטל. שאַמאי האָט אין אַזוינע רואיקע שאָען ליב געהאַט צו זיצן באַ אַ שטאַרקער גלאָז טיי און אַריינקוקן אין אַ צייטונג. ער האָט שוין געהאַט געשטילט דעם הונגער, היינט איז אַ גאַנצער פרייער אָפּדערנאַכט, מאָרגן איז זונטיק, — איז אים איצט גוט געווען אפן אַרצן. ס׳האָט זיך אים פּלוצים פאַרגלוסט אז די טאָכטער, גיטעלע, זאָל אים פאָרלייענען די צייטונג. ער האָט זי א רוף געטאָן. זי איז אַריין, אַ הויכע, אין אַ קרעם־שאלעכל מיט רויטע בלומען און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער פאָטער וויל פון איר. ער האָט זי אַנידערגעזעצט לעם זיך, זי זאָל אים פאָרלייענען די צייטונג (נישקאָשע, ער האָט איר ניט אומזיסט די גאַנצע צייט געהאלטן לערערס) און ער וואָלט מיסטאם געווען איינגעשלאָפן אונטער איר לייענען, האָט דאָס צימער אַ ריס געטאָן א שאַרפער קלינג און אין צימער איז, ווי אַף גומענע פיס, אַריין דער שאָכן, וואָס זיצט אקעגנאיבער די שאַ־מאיס, לאָקשין. א לייכטער איז ער אריין, אָנגעטאָן פראָסט אין א פלאַנעלעווע שטוב־בלוזע. ער האָט זיך דאָ געפילט היימיש. ער האָט זיך, אַזוי האָט געשיינט, אַריינגעכאַפּט צו שאַמאיען אַף א מינוט. ער האָט שוין באַם טיש שטייענדיק אונ־טערגעטראָגן שאַמאיען דאָס פּודעלע „קאָמינטערן״ און ווען שאַמאי האָט געשלעפּט א פּאַפּיראָס, האָט שוין באַ לאָקשינען דאָס מויל געאַרבעט, ווי אַף שרייפלעך, ער האָט, נישקאָשע, נאָך קיין וואָרט אין קעשעניע ניט געדאַרפט קריכן.

— ווי מיינט איר, כ׳ שאַמאי, — האָט ער געשמייכלט, — אָטאָ די פירמע מעג מען נאָך רויכערן?

ער האָט אטא דעם וויץ שוין עטלעכע מאָל באַ פאַרשידענע געלעגנהייטן געהאַט איבערגעכאַזערט; א ראַטן־אָנגעשטעלטן וועט ער עס זאָגן אַף איין אויפן, א קליענט, וואָס קויפט א פּאַרטיע שואוואַקס באַ אים אין שואוואַקס־פאבריקל, אַנדערש, און שאַמאיען אויך אנדערש.

— מ-הע — האָט שאַמאי געענטפערט, — דערווייל איז ער נאָך א טשלען צעקא און האָט נאָך אויך א דייע.

אַף דעם האָט לאָקשין צו דערציילן צענדליקער פאַקטן, ער האָט אַ פולן בויך מיט פּאָטשטן, ער ווייסט וואָס באַ יעדן פון די וואָזשדן קומט פאָר, וואָס יעדערער קלערט צו טאָן.

— פונוואַנען ווייסט איר אַלץ? — קען שאַמאי ניט פאַרשטיין, — אָט בין איך אַ פּאַרטייעץ און ווייס אַזוינס ניט.

— איך ווייסט, — ענטפערט אים לאָקשין און שטייט אויף. אַ קליינינקער און א פולינקער איז ער — ער שטייט, ווי ער האָט עפּעס וויכטיקעס מיטצוטיילן —

איר ווייסט, מיר פארגלויבן אנגעזעענע מענטשן אַזוינע סוידעס, וואָס איר וועט זיי קיינמאָל ניט וויסן —

— און דאָס, — זאָגט ער, — ווייסט איר — נעכטן אינדערפרי איז אַהער ראַקאָווסקי געקומען צופליען אף אַן אַעראָפּלאַן, ער איז געקומען אַף די זאַוואָדן און די אַרבעטער האָבן אים געהערט צוויי שאָ קעסיידער.

אַפילע ווען ער טרינקט די טיי, וואָס נעכע האָט אים צוגעטראָגן, רעדט ער אויך. שאמאי האָט ניט פיינט אים אויסצוהערן. לאָקשין ווייסט אַלע נייסן, און אז שאמאי קומט נאָכדעם אף דער פאַבריק, האָט ער וואָס צו דערציילן אַף אַ גאַנצע וואָך.

אָבער צום סאָף שוין, ווען לאָקשין דערפילט, אז אַף היינט וועט זיין גענוג, און דאָס, וואָס ער דאַרף, איז נאָך ניט געזאָגט געוואָרן און ס׳איז אים היינט עפּעס ניט אַזוי גרינג צו פאַרטשעפּען דעם איניען, הויבט ער זיך אויף, זאָגט אַ „גוטע נאַכט” און גייט צו דער טיר. באַ דער טיר פארעט ער זיך עפּעס צו לאַנג, ער קאָן דעם ענגלישן שלאָס ניט עפּענען. און ווען שאמאי שטייט מיט אים איניינעם באַם שלאָס און שוין בא דער אָפענער טיר אין קאָרידאָר אַריין, דערמאָנט זיך לאָקשין אין עפּעס —

— יאָ, כאוועד שאמאי, וואָס הערט זיך טאַקע מיקויעך די אומגליקלעכע צוויי קלאַפּטער? —

ער האָט שוין דערביי גלייך אַ מאַיסע, ווי אַזוי מ׳האָט באַ איינעם אַ קוסטאַר געשניטן די נאָרמע, האָט מען באַ אים אָפּגעשניטן צוויי קלאַפּטער פון צימער, אהין אַריינגעזעצט אַן אָפּערן - זינגער, האָט דער קוסטאַר געמוזט אַנטלויפן —

אף איין פוס באוויזט אים נאָך לאָקשין אָנצוזאָגן, אז ער זאָל אים דעם צימער, וואָס מ׳שארפט אַף אים די ציין — ס׳איז אומזיסט און אומנישט, עס וועט דערגיין ביז מאָסקווע — ער זאָל אים דעם צימער אָפּשרייען, — אַז ס׳וועט אויסקומען, כ׳ שאמאי, זאָלט איר געדענקען, אז איך בין אַן אַרבעטסלאָזער פונם 20 - טן יאָר אָן.

IV

דעם אָוונט איז שאמאי שפּעט געגאַן שלאָפן. ס׳איז אין שטוב שוין גאָר שטיל געווען, ווען שאמאי איז אַהיים געקומען פון דער זשילקאָאָפּ - פאַרזאַמלונג און זיך אַריינגעוואַלגערט אינם אַלטמאָדישן הילצערנעם בעט, וואָס שטייט הארט לעם צווייטן בעט, — דאָרט ליגט איצט צונויפגעדרייט אין אַ קנויל מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ נעכע. זי ליגט גאָר שטיל, כראָפּעט ניט, צי עפּשער הערט מען אונטער דער קאָלדרע איר שנארכען ניט, — טראַכט גאָר שאמאי

איינגאַנצן וועגן ווייב ניט. אין טיפער מידקייט פון א גאַנצן טאָג אַרבעט איז שאמאי גלייך איינגעשלאָפן מיטן פּאָנים אַראָפּ, אַפן בויך, ווי זיין שטייגער איז, און אין צימער איז עטוואָס ראשיקער געוואָרן: ס'איז געקומען פון שא־מאַיס כראָפּען, אַ טיפּס און א כאָרכלענדיקס. אַזוי איז שאמאי אָפּגעשלאָפן מער, ווי א האַלבע נאַכט. גרויס האַנאָע האָט ער פון דעם שלאָף געהאַט און ווען ער האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט — פון וואָס האָט ער אַליין ניט גע־וואוסט — איז נאָך אַף דער גאַס בלאָוולעך געווען, דער דרויסן איז געווען אָנגעגאָסן מיט אָטא דער פאַרטאָג־טונקלקייט, וואָס איצט זעט מען אמבעסטן, אַז די נאַכט איז אַריבער און גיך־גיך וועט טאָג ווערן. נאָר דערווייל איז נאָך צו טאָג אַביסל ווייטלעך געווען. ס'האָט אין דער בלאָוולעכער שטילקייט ערגעץ אַפן שאָסיי געקראַקעט אַ ערשטע פור, זייער פאַמעלעך און זיכער געקראַקעט און געהילכט מיילנווייז איבער דער שלאָפנדיקער שטאָט.

שאמאי האָט זיך איבערגעדרייט מיטן פּאָנים אַרויף און פּלוצים דערפילט צוגעקומענעם קויעך אין אַלע אייוורים, ווי מ'וואָלט אים אין די אָדערן פאַר די עטלעכע שאָ שלאָף אָנגעגאָסן פריש בלוט און עס שפּאַרט אָט דאָס בלוט און לאָזט ניט רוען, און שאמאי הויבט זיך אָן צו ציען, אויסצוציען די אויס־גערוטע גלידער זיינע און איז זיך מעכאַיע און ער קאָן זיך גאָרניט אָנזעטי־קן מיט אָ־דעם ציען זיך.

אין דער האלבטונקלקייט פון צימער דערזעט שאמאי אין צווייטן בעט דאָס ווייב. צונויפגעדרייט ווי אַ קנויל, ליגט זי באם סאמע ראַנד בעט. זי פאַרנעמט זייער ווייניק אָרט. זי איז נאָך אַלץ איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און פון אונטער דער קאָלדרע סטאָרטשעט אַרויס אַ נאַקעטע קני אירע.

שאמאי קען שוין מער ניט אַנשלאָפן ווערן. ער לייגט זיך ווידער מיטן פּאָנים אַראָפּ, אַפן בויך, פאַרמאַכט די אויגן, נאָר ס'העלפט ניט. די אייוורים זיינען אויסגערוט, — זאט זיינען זיי איצט פון דער געשמאַקער נאַכט־רו, `קיין שלאָף שמעקט זיי ניט, — קלערט שאמאי ניט לאַנג און קייקלט זיך איבער אין צווייטן בעט.

פון דער אָנגעגליטער נאָענטקייט שאמאיס הויבט נעכע זיך אָן אופצואוואכן. עפּעס איז נאָך אין טיפער נאַכט איינגעוויקלט, דער מויעך אירער איז נאָך איינגעטונקען אין נאַכט־פינצטערניש און ניט זי ווייסט וואו זי איז, ניט זי פאַרשטייט, וואָס עס איז.

אָבער פּלוצים באַנעמט זי וואָס און ווען, עפנט אַף איין קליינער ווילע די אויגן אויף און דערזעט דעם מאַן לעבן זיך, פאַרמאַכט זי ווידער די אויגן און איז זיכער, אז שאמאי האָט זי אן אויפגעוואַכטע נאָך ניט געזען. זי שלאָפט. אָבער שאמאיען איז איצט אַלציינס, — הויבט זיך נעכע אָן אָפּצורוקן אַלץ

ווייטער פון אים, ביז זי שפּאַרט שוין אָן באַם צווייטן ראַנד בעט, און ווען דאָס העלפט ניט, קוועטשט זי זיך אַריין אין סאַמע ווינקל בעט, דרייט זיך צונויף, ווי אַ בייגל, נאָרעט זיך שטאַרק איין און איז אין דער מינוט ענלעך צו אַ גרויסן יאָזש, וואָס זיצט פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל מיט איין ראַכמאָנעסדיקן ציטער אין גאַנצן לייב. —

ביסלעכווייז ווערט שאמאי אָן דעם ברען, עפּעס פאַרגייט זיין היצקייט פּאַמעלעך, ווי די שיין פון א לאָמפּ, וואָס טוקט זיך, און ס׳גלוסט זיך אים זי מער ניט אָנרירן אפילע, נאָר א טעמפּע סינע זידט בא אים אין הארצן אף איר שווייגן, אף איר שטילקייט, וואָס דערמיט דערצאָרנט זי אים מער פון אַלץ.

— וואָסי? — זשומעט ער איר שטיל אין פּאָנים אַריין. — וואָסי? לאָם איך הערן א וואָרט פון דיר!

נאָר נעכע שווייגט אַלץ. פאר גרויס בושע און הארצווייטיק שווייגט זי, דאָס מויל עפנט זיך איר ניט, ווי מ׳וואָלט עס עמעצער בא איר פאַרשלאָסן אַף שטענדיק. און אַז שאמאי באַקומט ניט קיין ענטפער פון איר, און אז אַף נאָך עטלעכע פראגן זיינע קאן ער פון איר קיין וואָרט ניט אַרויסבאַקומען און אז אין דער העלער שיין פונם טאָגווערן סטאָרטשעט פון דער צעשויבערטער קאָלדרע ארויס איר צעפּאטלטער, קאָפּ האָר און איר שטאַרק געפלעקט פּאָנים, ווי בא א יידענע, וואָס האָט א שווער טראָגן, קען זיך שוין שאמאי מער ניט איינהאלטן.

מיט דעם גראָבן פינגער פון פוס טוט ער א הויב אויף די קאָלדרע, וואָס מיט איר איז זי צוגעדעקט, ער שלעפּט זי אזוי מיט דער אויפגעהויבענער פוס אראָפּ, שליידערט זי אראָפּ אף דער ערד און צו דעם נאָך אַלץ צונויפגע־קאָרטשעטן ווייב זיינעם, וואָס ציטערט מיט אַלע אייוורים, שרייט ער איצט הויך און צערייצט: „פּאָשאָל וואָן אָטסיודאָוואַ!״

נעכע איז אזוי ווי זי איז געלעגן צונויפגעקאָרטשעטערהייט אַראָפּ פונם בעט, זיך מיט שרעק געוועקט אונטער שאמאיס דערצאָרנטן בליק אין ווינקל אַריין, ווי מוירע געהאַט, אז עס ווארט נאָך אף איר עפּעס שרעקלעכס. — שאמאי האָט אין דער אויפגייענדיקער פרימאָרגנדיקער שיין זי דערזען שטיין אין ווינקל מיט א צעשויבערטן קאָפּ, מיט אראָפּגעלאָזטע פּאַסמעס האָר איבערן שטערן, אין קירצלעכן רויט-געפלעקטן העמד, איינגאַנצן אין ציטער, ווי אַ געשלאָגענער הונט, אָן טרערן, וויינען האָט ער זי דערזען, מיט אַ הייזעריק קוויטשיקל, ווי בעשאָס מ׳צעשלוקערצט זיך.

דער לעצטער פונק פון גרימצאָרן האָט זיך בא שאַמאיען אויסגעלאָשן. ער האָט זיך דערפילט צעבראָכן, אין די אייוורים צוריק די מידקייט פון אַ וואָך ארבעט, פון יאָרן לאַנג שטיין און שאָבן מיט די הענט פּערעדעס. אַף יענער זייט פענצטער איז נאָך אַלץ ניט רעכט ליכטיק געוואָרן. דער טאָג האָט זיך ערגעץ

פאַרהאַלטן, אַ פּאַמעלעכדיקער און א אומעטיקער, איינגעהילט אין כמאַרעס און אין נעפּל, ווי א יאדעשליווער, וואָס וויקלט זיך שטענדיק אין וואַרעמע זאַכן, האָט דער אָנקומענדיקער טאָג אנגעיאָגט סומנעקייט אַפן הארצן, האָט שאַמאַי זיך צוריק אויסגעצויגן באַ זיך אין בעט מיטן פּאָנים אַראָפּ, אַפן בויך און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

נעכע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין ווינקל. ס'איז דער געוויין אירער, אַ טרוקענער אָן איין טרער, מיט אַן אָפּטן שלוקערץ, אַלץ שטילער געוואָרן,— זי האָט איצט קלאָר געזען, ווי שאמאי לייגט זיך צוריק אין בעט אַריין, האָט זי זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן רוקן, אַ נאַקעטע נאָך, צו דער טיר צו און אַז זי האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר אין צווייטן צימער אריין האָט זי אַף יענער זייט שוועל געטראָפן שטיין גיטעלען, אינם איינעם העמד, אַ בלאַסע, אינגאַנצן אין ציטער, מיט צווי ליכטיקע ריטשקעלעך טרערן, וואָס זיינען גערינען איבער די בלאַסע באַקן אירע, גערינען אַזוי לאַנג, ביז זיי זיינען געזאַלצענע אריינגעפאַלן אין א ווינקל מויל.

נעכע האָט באַ דער טאָכטער ניט געפרעגט, ווי זי קומט אהער. גיטעלע האָט איצט געפירט די מוטער באַ ביידע הענט צו זיך אַפן ציכטיקן מיידלשן געלעגער.

שאמאי האָט זיך דעם פרימאָרגן אויפגעכאַפּט שוין גאַנץ שפּעט. אין די הויכע פענצטער מיט די שמאָלע לענגלעכע שויבן האָט איצט אריינגעשיינט די זון,— אַף דער גאַס איז געגאַנגען אַן איינגעאַקשנטער געוועט צווישן הארבסט און ווינטער,— אַ טאָג אַ כמאַרנער, אַ ווייכער מיט א שיינענדיק זונען-אויג פון ערגעץ א טריבן וואָלקן, און א טאָג, ווען שנייעלעך הויבן אָן ס'ערשטע מאָל זיך צו דרייען אינדערלופטן.

שאמאי האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט א קאָפּ, וואוהין מ'האָט עפּעס פאַר דער נאַכט אָנגעלייגט אָן אַ שיר שווערקייט, דער קאָפּ האָט ווי געטאָן און אַפן הארצן איז געווען שווער.

ער האָט אַ קוק געטאָן אין צווייטן בעט, וואו אלץ איז נאָך צעקאַטשערעט געווען,— ס'איז אין בעט פוסט געווען, און ער האָט פלוצים, א וואכער שוין, אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

נאָך אין די גאַטיעס, א צעשויבערטער, מיט א צוגעלעגערטער באַק און נאָז פונם ליגן, איז שאמאי אַראָפּ פון בעט, פּאַמעלעך צעעפנט די טיר אין צווייט צימער און אריינגעקוקט.

ס'איז דאָרט קיינער ניט געווען.

גיטעלעס בעטל איז געווען צוגעקליבן, דער צימער אינגאַנצן אויך צוגעראַמט, אַ פרישע קילבלעכקייט איז אין צימער געשטאַנען.

— צו אלדע שוואַרצע יאָר !

ס'האָט אים שוין אָנגענומען אַ קאַעס, דער קארק זיינער האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעגאָסן, אַף זיך אָנגעצויגן אַ מאַלינאָווע הויט, אָבער שאמאי האָט איצטער קיינעם ניט געהאַט אַרום זיך, האָט ער זיך געניקעמט אין אנטון. ער האָט איילנדיק אָנגעצויגן אַף די פיס די יאָנטעוודיקע שטיוולעטן און פאַר איילעניש, צי פאַר קאַעס אָפּגעריסן אַ לעפל פון א קאַמאַש.

שוין אָנגעטאָנענערהייט איז שאמאי ארויס אין צווייטן צימער און אים געטראָפן איינגעטונקען אין פרימאָרגנדיקער רו. ער האָט איבעהן צימער א פּאָר שפּריין געמאַכט, אים נאָכאמאָל באקוקט און אים ניט אינגאַנצן דערקענט, ער האָט אַ עפן געטאָן די שאַפע, — נעכעס אויבערשטער מאַנטל האָט געפעלט, אירע פּאָר קליידלעך זיינען דא אויך ניט געווען.

דערווייל האט שאמאי דערפילט א שאַרף נאָגן אונטערן האַרצן. ס'האָט זיך אים פלוצים גאָר שטאַרק פאַרוואָלט עסן, ער האָט גענומען זוכן און גאָרניט געפונען.

ער האָט זיך אַף גיך אָפּגעוואַשן, איז ארויס אין גאַס און גענומען זוכן אַ נאַרפּיט.

אין דער ריי צו דער קאסע איז אים נאָך אלץ דער קאָפּ פול געווען מיט שטאַרק פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען. ער האָט גאָרניט געוואָלט קלערן, געוואָלט דער טאָג זאָל איבערלויפן, אָבער די געדאנקען זיינען אַליין געקראָכן אין קאָפּ אריין, קיין סאך האָט ער ניט געדאַרפט זיי זאָלן פון אים מאַכן אויס מענטש.

שוין גאָר פאר דער קאסע, ווען דער קאַסיר האָט אויסגעקלאַפּט דעם טשעק, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז שאמאי האָט אין קיין איין קעשעניע קיין קאָפּיקע געלט ניט, — געלאָזט דאָס געלט אינדערהיים, גאָר אינגאַנצן ארויס פונם פאַר־דולטן קאָפּ זיינעם. ער האָט איבערגעלאָזט דעם אויסגעקלאַפּטן טשעק, דעם שאַרפן רייעך פון געשמאַקער קאווע און איז מיט א פאַרכליאַנעט האַרץ ארויס אין גאַס. ער האָט זיך מיט אקשאָנעס איינגעשפּאַנט אין וועג אריין צו א גוטן ברודער, וואָס האָט געוואוינט ערגעץ ווייט אין עק שטאָט, — נאָכוואָס און נאָכוועו ער גייט אהין, האָט שאמאי אליין ניט קלאָר געוואוסט.

שאמאי האָט א גאַנצן טאָג אויסגעמיטן קומען אהיים. ערגעץ האָט ער זיך אַרומגעדרייט, זיך געפונען גענג פון דער וועלט. אהיים איז ער געקומען שפּעט אין אָוונט, פון שאָסיי א קוק געטאָן אַרויף און צווישן וואַרעמע פייערלעך, ווי געטריי־ע אויגן פון אַ געליבטער, אָפן פלאַכן פראַנטאָן פון מויער דערזען א שוואַרצן פירעקעכדיקן פלעק אַ לאָך פון אַ אויסגעשלאָגן אויג — איז ער אַ ווילדע געשטאַנען פון אונטן, באַטראַכט וואָס צו טאָן; דערהערט פלוצים אַ זייגער

אויסקלינגען עלף, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַריין אין צימער און אים געטראָפן אַ ליידיקן. האָט ער זיך אינם אָנטאָן א וואלגער געטאָן אַף דער סאָפקע און אַזוי אָפגעשלאָפן ביז אינדערפרי.

V

דעם צווייטן פרימאָרגן איז גיטעלע געגאַן אַף דער פאַבריק.

אָטאָ דעם אינדערפרי איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער ווינטער האָט גיוווער געווען. עס זיינען געפאַלן די ערשטע שנייעלעך, פאַמעלעך געפאַלן און גיך צעגאַן, געפאַרבט די ערד אין א ווייסלעכן קאָליר. אָט אין דער געגנט, דער העכסטער אין שטאָט, איז קעלטער געווען, גיטעלע איז געגאַן אין אַ לייכט אויבערשטס, אָטאָ דאָ שטאַרקער דערפילט די קעלט, זיך גענומען וויקלען און נאָך אייליקער א שפאַן געטאָן.

זי האָט נאָך אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי וועט אַף דער פאַבריק זאָגן!

ווען די מאַמע זאָל וויסן, וואָלט זי זי ניט געלאָזט גיין. די מאַמע איז שוין איצטער אינדערהיים. היינט אינדערפרי צוריקגעקומען שוין נאָך דעם, ווי שאמאי איז אוועק אַף דער אַרבעט, און איצט פאָרעט זי זיך ארום, ווי ס'וואָלט גאָרניט האָבן פאַסירט. און גראדע דאמאלסט, ווען גיטעלע האָט דערזען די מאמע אַזוי שטום און אונטערטעניק זיך ארומפאָרען אין שטוב, גראַדע דאַמאָלסט, ווען זי האָט דערזען די מאַמע זיך פאָרקן באַם טאַטנס גרעט, עס אויסציילן צום געוועש, — האָט עס איר אַ קוועטש געטאָן באַם האַרצן, — קאָעס איז עס געווען, צי עפּעס אַנדערש, — זי האָט דערפילט עפּעס אַ גרויסע בושע, האָט זי אַרויפגעכאַפּט דאָס בליטשקענע אויבערשטס אַף זיך און איז אַוועק אַף דער פאַבריק.

די פאַבריק איז איר פּליצים אקעגן געקומען מיט איר קאַנטיקער פּירעקעכדיקייט, מיטן גרויסן טונקעלן שילד; אויסגעפאַרבטע אין געלער פאַרב איז די פאַבריק איצט געשטאַנען און שטום — ניט צו דערקענען פון אויסן — צוגעדעקט פאַר דער וועלט דעם רויש פון מאשינען און דאָס פּינען פון מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ יעדן טאָג איינגעשפּאַנט אַף אכט שאָ אַרבעט און זיך נאָך נאָכדעם פאַרזעסן אין די פארטוכער און אָן די פארטוכער אַף זיצונגען ביז שפּעטן אָוונט.

אָבער שוין באַ דער פאַבריק האָט זיך גיטעלע אנגעשטויסן אַף צוגעמאכטקייט, ווי די פאַבריק זאָל גאָר קיין כיר ניט האָבן. — שווער געווען אַפילע צו דערקענען, ווי ארום־ זשע גייט מען עס אהין אַריין. אַף דער גאַס איז געזעסן אַ מיליציאָנער און געלייענט א ביכל.

— צו וועמען דארפט איר?

גיטעלע האָט שטיל געענטפערט: צום סעקרעטאַר.

— צום סעקרעטאַר יאַטשייקע? פון ראַיקאָם?

ס'איז גיטעלען ניט אינגאַנצן קלאָר געווען, וואָס דער מיליציאָנער מיינט דאָ, אָבער זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ, האָט דער מיליציאָנער זי אַף אַ ווײַלע אָנגעקוקט פאַרוואונדערט — צו יונג פאַרן ראַיקאָם — און זי דורכגע־לאָזט.

דאָס ערשטע מאָל אַף דער פאַבריק, — בלאָנדזשעט גיטעלע איבער די פינצ־טערע קאָרידאָרן, שטעלט פאַרזיכטיק די פיס. שטויסט זיך פלוצים אָן עפּעס אָן און דערשרעקט זיך. פונויבן, איבער איר קאָפּ זשומעט, ווי אַ שטאַרקער ווינט זאָל שפּילן אַף מיליאָנען טעלעגראַף־דראָטן, עפּעס טראַכקעט פון אויבן איבער דער גאַנצער לענג פון סטעליע — אַלץ זעט דאָ אויס גיטעלען אַזוי מאָדנע ניי און זי ווייסט ניט וואוהין זיך צו קערן און ווענדן.

ביז זי דערזעט ניט אַ האלב געעפנטע טיר און אַף דער טיר מיט קרייד גרויסע צעבראָכענע אויסיעס: יאַטשעייקאַ ק. פּ. (ב) או.

אָטאָ דאָס איז עס. אהער דאַרף זי.

אַ פאַמעלעכדיקער דריי פון אַ טיר האָט זי ארײַנגעשאַרט אין צימער ארײַן, זי איז געבליבן שטיין אַף יענער זײַט טיר אביסל אַ צעטומלטע. דער צימער איז ניט געווען צוגערוימט. ערגעץ אין אַ ווינקל טיש אַ בערגעלע סעמעטשקע־שאָלעכץ, אַף דער וואַנט פאַרעלטערטע דיאַגראַמעס.

אינם צימער זײַנען געווען עטלעכע מענטשן. יונגוואַרג, וואָס איז צוליב פאַרשידענע סיבעס היינט אַף דער אַרבעט ניט ארויס. מ'האָט געהאַלטן אין אַ שמועס און אין די ערשטע פּאָר מינוט זי אינגאַנצן ניט באַמערקט.

— וואָס טשטאָ אוגאָדנאָ?

אַ פראַגע, וואָס האָט איבערגעריסן דעם ראַש, — צו גיטעלען געווענדעט, אָבער גיטעלע האָט דערווײַל אַ צעטומלטע געשוויגן, און איר שווײַגן האָט אײַנגעשטילט דעם ראַש אין צימער.

— בוכאַרטשיק, פרעג דו זי, וואָס זי וויל?

בוכאַרטשיק איז צו איר צוגעגאַן, אַף איר געקוקט און געוואַרט אַף אַן ענטפער.

— איך דאַרף צום סעקרעטאַר —

— צום סעקרעטאַר פון פאַרטקעמערל?

און פלוצים האָט זיך אַ הויכער באָכער מיט אַ גרויסער געדיכטער קוטשמע האָר אָפּגעריסן פונם שפּיץ טיש, וואָס ער איז אַף איט די גאַנצע צײַט מיט איין פוס געזעסן, — ער איז צו צו גיטעלען און אַ זאָג געטאָן:

— איר דאַרפט צום סעקרעטאַר יאַטשייקי, אָט איז ער דאָך לעם אײַך!

ער האָט געטייטלט מיטן פינגער אַף בוכאַרטשיקן, צו אים שטיל געוואונקען ער זאָל זיך ניט ווּסנדיק מאַכן.

די קאָמפּאַניע האָט געלאַכט, עמעצער האָט זיך געקליבן זאָגן א כאָכמע.

בוכאַרטשיק איז רויט געוואָרן, ס'איז אים געווען א בושע פאַר דער קאָמפּאַ־ניע, וואָס באַגעגנט אזוי ווילד א נייעם מענטשן, ער איז צוגעגאַנגען צו גיטעלען, זי געוואָלט אָוועקפירן צו פריימאַנען. האָט זיך אַף דער שוועל באַוויזן פריימאַן אַליין. ער האָט געהאַט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַף א זײַט, שטאַרק געזשמורעט די אויגן, זיך איינגעקוקט, ווי ער זאָל אין גיטעלען וועלן דערקענען עמעצן אַן אַלטן באַקאַנטן.

— ווער איז? — האָט ער געפרעגט בא בוכאַרטשיקן.

— שאַמאַי, — האָט גיטעלע שטיל געזאָגט.

— הא, שאַמאַיס טאָכטער!

גיטעלע האָט זיך אַנידערגעזעצט, נאָר רעדן האָט זי דערווײַל ניט אָנגעהויבן, זי האָט אַף עפּעס געוואַרט.

די קאָמפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן איינס נאָך ס'אַנדערע. ס'איז נאָר געבליבן בוכאַרטשיק. ער איז געשטאַנען אין דער זײַט, ערגעץ באַם פענצטער און זיך אין שמועס ניט אַרײַנגעמישט.

א פול האַרץ האָט איצט גיטעלע געהאַט, אזוי איבערגעפילט איז עס געווען, אַז ס'איז איר שווער געווען עפּעס צו זאָגן. ווען זי וואָלט איצט קאָנען צוריק־גיין, ווען פריימאַן זאָל איצט אַשטייגער אַף א מינוט ערגעץ אַרויסגיין, וואָלט זי זיך אַרויסגערוקט פון פאַבריק, אַבי איצט ניט רעדן.

פריימאַן האָט איצט שטאַרק פאַרזשמורעט די אויגן, ווי ער וואָלט מיט די אויגן געהערט, ער האָט וועגן עפּעס געטראַכט, געקוקט אַפן דעק פון טיש און געוואַרט.

גיטעלע האָט ס'לעצטע מאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אַרײַנגעצויגן אין זיך אַסאַך לופט מיטאַמאָל און פּלוצים איז איר אײַנגעגאַנגען איבערגעגאַן די שרעק, ווי זי זאָל שוין האָבן אַלץ דערציילט.

פריימאַן האָט שווײַגנדיק לאַנג געהערט גיטעלעס דערציילן וועגן היים און טאַטע־מאַמע, ער האָט עפּעס אַלע מאָל געגנישטערט מיט די קורצזיכטיקע אויגן אַפן טיש, יעדעס מאָל ערגעץ געפונען א ברעקל, עס געקנאָטן צווישן די פינגער און געקייקלט פּיצעלעך טונקעלע קייקעלעך איבערן טיש־דעק.

ווי אַרום די מאַיסע מיט שאַמאַיען האָט געקענט אָנקומען אין די צעכן, אי דאָס אזוי גיך, איז ניט באַוואוסט, נאָר אַפן צווייטן טאָג האָט מען שוין בא די טישן גערעדט וועגן דעם, אַז אין ביוראָ איז דאָ א זאַיאַווּלעניע אַף שאַמאַיען, מיט כסימעס פון אַסאַך שכיינים און דאַפקע ניט נאָר פון קאָמוניסטן,

אז ער פירט זיך אינדערהיים אָף נישט ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאַרטייעץ. ער גיט ניט דער ווייב קיין קאָמוניסטישע דערציאונג און, אַז ס'קומט אים גאָר אָן דער טראַנק, בעכעט ער זי אָן און מאַכט איר סיניאַקעס אַפן גאַנצן לייב.

מ'האָט זיך ניט איבעריק געוואונדערט.

מ'האָט אַזאַ זאַך פון שאַמאַיען געקאַנט דערוואַרטן.

נאָכדעם האָט עמיצער איניינעם מיטן מיטאָג-פּייף אַראָפּגעבראַכט אין צעך אַ נייס: מ'רופט הייַנט אַרויס שאַמאַיען אַפן ביוראָ פון קעמערל.

— די ביוראָ האָט מער ניט וואָס צו טאָן!

עפּעס וויל עמיצער אינם טומל פון אַוועקגעלייגטער אַרבעט, אינם רויש פון פרייד, וואָס מ'האָט אין מעשעך פון פיר שאָ אָנגעזאַמלט, וויל עמעצער בעשום אויפן ניט גלויבן, אַז צוליב אַזאַ זאַך זאָל מען רופן אַפן ביוראָ.

אַ פּאָר מינוט שוין נאָכן פּייף שטייען גרופּקעס אַרבעטער, מע שפּילעט אָפּ די פּאַרטעכער, אָף איין פוס שטייט מען און כאָטש מ'איילט זיך אין עס-צימער נאָך אַ גלאָז טיי, וויל מען דאָך וויסן, צי איז טאַקע אַזאַ זאַך דאָ געשעען, וואָס די ביוראָ מאַכט אַן עקסטרע זיצונג צוליב דעם.

מ'וועט אים שוין ניט איבערמאַכן, אַן אַוויירע די צייט —

כאַים קאַרטון האָט שוין אויסגעטאָן דעם פּאַרטוך; אַז מ'רעדט וועגן שאַמאַיען האָט ער אויך עפּעס, וואָס צו זאָגן —

— איך קען אים שוין, — זאָגט ער, — אַביסל מער, ווי איר, ס'אַ בומילע, און קיין שאָלעם-באַיס איז באַ זיי קיינמאָל ניט געווען.

— וואָס זשע, ס'איז אים נימעס געוואָרן דאָס ווייב?

— נאָווי ביט — וואָס דען מיינסטו?

— איך ווייס ניט, — זאָגט קאַרטון, — ווי אַנדערע, נאָר איך לעב שוין מיט מיין ווייב 25 יאָר און האָב קיין כאַראָטע ניט.

— אָי, טיפּעש איינער, איך וואָלט שוין פאַר דער צייט געהאַט 12 ווייבער.

— אַזאַ יאָר אָף דיר.

— טאַקע אַזאַ יאָר אַף מיר.

אין דער צונויפשטופּעניש פון מענטשן, וואָס שטייען אָף איין פוס און רעדן, איז אויך דאָ יאָסעלע קאָרדופ, אַ פעסט געבויט מענטשל מיט אַ טונקעלן געקרייזלטן קאָפּ, אַ ליטוואַק, וואָס האָט זיין אייגענע מיינונג וועגן אַלץ אַף דער וועלט.

— קאָמוניסטיצעסקע וואָספּיטאַניע — זאָגט ער מיטן אַביסל צוגעלעגערטן לאָשן זיינעם, — איז אַ צאַסט פון לעניניזם און דער „ביט", גוטע ברידער, האָט זיך אונז איינגעגעסן אין די ביינער ערגער, ווי אַלע קאָנטרעוואָלוציעס איניינעם.

— איז וואָס?
— איז גאָרניט —
אַף דעם שמועס קומט אָן שאמאי. ער גייט נאָך אינם פּאַרטוך, אַפן קאָפּ דאָס היטל מיטן הויכן דענעק, עס פייערט אין אים עפּעס, די אויגן זיינען באַ אים שטאַרק פייכט, ווי זיי זאָלן איצט שוויצן און ס'דאַכט זיך, — שוואַרצע טראָפּנס טריפן פון זיי.
— איר רעדט וועגן קאָמוניסטיטשעסקע וואָספּיטאַניע, — האַקט ער אַריין, — און דערוויל פאַרגעמט איר זיך מיט רעכילעס.
ער שטעלט זיך אַפילע ניט אָפּ. דער אוילעם וויל איצט מיט אים אויך ניט אַריינטרעטן אין קיין שפּאַרעניש, און כאַים קאַרטון, וואָס האָט וואָס צו ענט-פערן שאמאיען, שווייגט איצטער. וואָס דאַרף ער דאָ זאָגן, אַמער ער וועט עס שוין טאַקע זאָגן אַפן ביוראָ פאַר אַלעמען.

נאָך דער אַרבעט דרייט זיך הערשל שאמאי צופיל אַרום איבער די קאָרי-דאָרן פון אונטערשטן שטאָק. ער גייט פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, פון צימער צו צימער און אַלץ מיט אַ פאַרנומענעם אויסזען, ווי ער זאָל נאָך ניט האָבן אַלץ אָפּגעטאָן. ער כאַפּט אַלע מאָל אַ קוק דורך דער האַלב-אָפענער טיר אין צימער פון פאַרטקעמערל. ער גייט נאָך ניט אַריין. ער האָט צייט, כאָטש געזאָגט האָט אים בוכאַרטשיק נאָך מיטאָג-צייט, און די גאַנצע פאַבריק ווייסט, און די, וואָס דרייען זיך דאָ מיט אים איינעם אַרום — אַזוי ווייזט זיך שא-מאיען אויס — ווייסן אויך, ווייסן נאָך עפּשער מער, ווי ער שטעלט זיך פאָר.
ס'איז אים שווער אַהין אַריינגיין. און וואָס האָט ער קיין צייט ניט. די ביוראָ איז נאָך ניטאָ, זיין פראַגע איז ניט די ערשטע און ס'זאָל זיך זיינע סאָנים אַזוי גלוסטן לעבן אַף דער וועלט, ווי אים גלוסט זיך, אַז אַלע זאָלן מיט אים האָבן צו טאָן.
אינם טומל פון איילנדיקע מענטשן לויפט דורך דער דירעקטאָר באַלאַן — ער איז אָנם היטל, אין דער האַלב-טונקלקייט פון קאָרידאָר שיינט אָפּ זיין פּליך און זיינע זאַפטיקע ביר-אויגן קוקן פאַרנומען און ערנסט.
שאמאי שטעלט אים אָפּ, באַלאַן גייט מיט אים אָפּ אָן אַ זייט, ער שטייט אַף איין פוס — ער איילט זיך, דער קאָפּ איז באַ באַלאַנען אָנגעבויגן, אָן אויער איז אָנגעשטעלט גרייט אויסצוהערן.
— מ'טוט אַ מאָל אַ נאַרעשקייט, — זאָגט שאמאי — דאַרף מען מאַכן אַזאַ טראַסק?
— אַפן ביוראָ, ס'ט עס זאָגן אַפן ביוראָ.
— כ' באַלאַן, עס קאָסט מיר גענוג געזונט, כ'האָב עס שוין אויסגעקרענקט.
— ס'ט עס זאגן דאָרט, אַלץ דאָרט.

— איר פאַרשטייט, איך בין אַ מאָלאָדאָי קאַנדידאַט פּאַרטיע, דאַרף מען מיך לערנען.

— וואָס זשע ווילסטו? קום אַפּן ביוראָ, וועסטו אַלץ אויסלייגן.

— מ׳קאָן דערפאַר שיקן אין קאקא, כ׳ באַלאַן?

אַף באַלאַנס פּאָנים באַווייזט זיך אַ קלוג שמייכעלע, ער גיט שאַמאיען אַ גוטברודערישן קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

— ניטשעווא, — זאָגט ער שאַמאַי, — לויפט און איילט זיך, — ניע סטראַשנאָ.

VI

פון הערשל שאַמאַיס נאָטיצן

„איך ווייס ניט, וואָס האָט מען מיט מיר דאָ אַזוי צו טאָן. דאכט זיך, דער אייגענער אַרבעטער, ווי אַלע, דערזעלבער פּאַרטייעץ און קיינער איז ניט אַזוי באַ אַלעמען אַפּן צונג, ווי שאַמאַי״.

היינט מיטאָג־צייט — ערשט נעכטן האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן אַף דער ביוראָ עפּשער אַ שאָ און ווער ס׳האָט גאָט אין האַרצן האָט מיך געמוסערט — היינט מיטאָג צייט רופט מיך פריימאַן אַריין צו זיך אין קאַבינעט. ס׳איז באַ אים שטענדיק סוידעס, ער פאַרמאַכט אונטער אונז די טיר, גיט אַף מיר אַ קוק מיט די צוויי קורצזיכטיקע קוקערס, גייט מיר אַף אַ מינוט איבער אַ גרויל איבערן לייב.

מיסטאַם שוין עפּעס אַ ניי צוטשעפּעניש צו שאַמאַיען. איך שטיי גאַנץ קאַלט און ווארט.

— שאַמאַי, קראַצט ער זיך אויס נאָך אַ פּאָר מינוט צו זאָגן, שאַמאַי, וואָס פאַרא נאַגרוזקע האָסטו?

— אָטאָ דאָס איינגאַנצן. ס׳איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פונם האַרצן.

— איך ווייס, זאָג איך, באַ אונז איז דען, ווי אין אַנדערע יאַטשייקעס? באַ אונז האָט איינער צען נאַגרוזקעס און פילט קיין איינע ניט אויס, און אַן אַנדערער דרייט זיך אַרום און גאָרניט —

— ס׳איז ניט אַזוי די מאַיסע, זאָגט ער.

— וואָס זשע, זאָג איך ווייטער, באַ אונז זאָרגט מען זיך דען, אַז אַ ריאַ-דאָוואָי פּאַרטייעץ זאָל זיך מיט עפּעס קאָנען באַווייזן?

פריימאַן ברויגעזט זיך, ווי געווינלעך, אַף מיר אָן, ער פאַרקנייטשט שטאַרק די צוויי געדיכטע ברעמען, ער מיינט — איך וועל זיך דערשרעקן. אָבער שאַמאַי, אַז ער דאַרף זאָגן דעם עמעס, איז אַפילע דעם צעקאַ אַליין.

— וועסט, זאָגט צו מיר פריימאַן, אַרבעטן אין שעפּטום־קאָמיסיע.

— וואָס, פרעג איך איבער, וואָס פאַרא קאָמיסיע?

— שעפּטום איבערן דאָרף.
— פאַר אַנדערע, זאָג איך, איך לאָז עס איבער פאַר אַנדערע.
ער שטעלט אַף מיר אָן די פּאָר אויגן. ער פאַרשטייט מיך, ווייזט אויס, ניט.
— ס'איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, זאָג איך, ס'וועט סאַי ווי דערפון גאָר ניט אַרויסקומען.
— פון וואָס וועט ניט אַרויסקומען?
— פונם שעפּטום. ס'ט מיך ניט אײַנרעדן, זאָג איך, אַז דער פּויער איז אונזער סאָיוזניק, ער האָט זיך אינזינען, ניט אונז. ער דאַרף דעם סאָציאַליזם אַף סימסאָט קאַפּאָרעס.
פריימאַן שווייגט, ער בײַסט זיך די נעגל, און איך, אַז איך האָב שוין דאָס וואָרט, וועל איך אים שוין טאַקע זאָגן דעם גאַנצן עמעס.
— אַ מוזשיק איז אַ כאַזער, זאָג איך ווייטער, מ'האָט אים אָנגעשטאָפּט מיט ערד איז ער מיט אונז געגאַן, און איצט האָט ער אונז ווייטער פײַנט. ער וואָלט בײַ אונז נאָך איצטער אַלץ צוגענומען — לאָז אים נאָר.
ער הערט פּלוצים אויף צו בײַסן די נעגל.
— שאַמאַי, — זאָגט ער צו מיר, ער רעדט דאַפּקע רואיק, נאָר די אונטערשטע דיק׳עכע ליפּ ציטערט בײַ אים אַביסל און דאָס איז ערגער, ווי אַז ער שרײַט — איך הויב אָן צו טראַכטן, אַז דו ביסט אין אונזער פּאַרטײַ אַ פרעמדער עלעמענט.
— וואָס זשע, — זאָג איך, — אַזוי טראַכטן אַלע אַרבעטער, נאָר יענע שווײַגן און איך זאָג, וואָס איך טראַכט.
— האָסט, רעדט ווייטער פריימאַן און מיינט מיך דערמיט צו נעמען, — האָסט נאָך ניט באַנומען די פּראָגראַם פון דער פּאַרטײַ, ווי ס'קער צו זײַן.
— ווּעסטו מיר, — זאָג איך, — איצטער בײַ קנאַפּע פופציק יאָר זיך הייסן אַוועקזעצן לערנען — ס'קריכט שוין גאָר ניט אין קאָפּ אַרײַן בײַ די יאָרן.
— אַוואַדע, זאָגט ער, ווּעסטו לערנען, נאָך אַ מין לערנען.
אַ נאַגרוזקע האָב איך געגומען אַזאַ, ווי איך האָב געוואָלט.
איך האָב אים געזאָגט פריימאַנען, אַז פון קיין נאַגרוזקע זאָג איך זיך ניט אָפּ. פאַרקערט, איך וויל ניט אָפּשטיין, און אַפּן „קרוזשאָק" וועל איך אויך גיין, כאָטש בײַ קאָרעוו פופציק יאָר וואָלט מען מיך שוין עפּשער געמעגט לאָזן צורו — איך האָב צו אים געזאָגט: „דו ווילסט געבן אָן אַרבעטער, אַ מאָלאָדאָי קאַנדידאַט פּאַרטיע, אַ לײַטישע נאַגרוזקע, שיק מיך אין אָכראַנע טרודאַ, דאָרט זע איך אַלץ און איך האָב וואָס צו זאָגן, ווי אַזוי ס'איז בײַ אונז די אָכראַנע טרודאַ, כ'וועל דיר אָנשרײַבן גאַנצע ביכער וועגן דעם.
האָט ער אַף מיר ווידער אַ קוק געטאָן מיט זײַנע טונקעלע קורצזיכטיקע אויגן און גאָרניט געזאָגט. ער האָט נאָר עפּעס מיט אַ בלײַער פאַרשריבן בײַ זיך אין נאָטעסל.

באַ מיר איז גערעדט און געטאָן.

איך בין גלייך אַפן צווייטן טאָג אַריין אין פאַבקאָם, גענומען באַ דער כאַווערטע גיל אַ העפט און אַ בלייער (דער אַלטער העפט איז מיר אויסגעגאַן).

איצט וועל איך אַוואַדע מוזן פאַרשרייבן אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר באַ אונז אַף דער פאַבריק.

כ׳האָב היינט פארנאכט אינדערהיים — כ׳האָב פרייע צייט געהאַט — געשריבן אַ היפּשע פּאָר שאַ.

נישקאשע, כ׳האָב געגוג מאַטעריאַלן, ס׳וואָלט געסטאיעט אַף צען העפטן.

איך בין שוין געווען אין פאַריין אויך, באַם פאָרזיצער אַליין, כ׳האָב אים דערציילט די גאַנצע מאַיסע; ער האָט דעם העפט ניט געוואָלט לייענען, געהייסן ווייטער שרייבן ער האָט מיר געזאָגט: „שרייב, שאמאי, שרייב. וואָס ס׳וועט טויגן, וועלן מיר אויסנוצן, איבערשיקן אין ערקאַ, און דאָס איבעריקע מאַכט אויך ניט אויס — שרייב, וועסט זיך אויסשרייבן די האַנט״.

איין זאַך — די האַנט שרייבט פאמעלעך, גייט שווער. אַף דער עלטער. מ׳דאַרף זיך אַביסל צולערנען. דער כאַווער בארו, אונזער לעקטאר, זאָל אונז איינעם מיט פּאָליט צואווייזן לייענען און שרייבן, וואָלט גאָר גוט געווען. מ׳דאַרף מיט אים אַ רעד טאָן.

טזשאַן - זאָ - לין דער פארוואַלטער פון אונזער צעך (ער הייסט אַזוי, ווייל זיין פאַמיליע איז טשאַן און ער איז אַ פּריטשעפּע) ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. ער גייט אַרום צווישן די טישן, דעם קאָפּ אַף די סוטולעוואַטע פּלייצעס שיקט ער פאָרויס, די קליינינקע גרינע אייגעלעך נישטערן אומעטום — אַזוי ווי ס׳זאָל דאָ אַלץ זיין זיין באַבעס ירושע.

ער האָט אַ פּלינקן קאָפּ, מיסטאם אמאָל געלערנט אין אַ יעשיווע און ער איז ניט קיין שלעכטער ספעץ. ער האָט היינט דערוויזן אַ קונץ, ער האָט שוין לאַנג געלייגט דעם קאָפּ אַף דעם אויפטו, ער האָט געגעבן אַ העלפט שמירעכץ, ווי שטענדיק, האָט מען זיך מיט אים געשפּארט, איך דער ערשטער. „סט׳מיך לערנען, האָב איך אים געזאָגט, ווען איך האָב אָנגעהויבן שמירן, ביסטו נאָך מיסטאם ארומגעלאָפן מיטן הוילן סטאָן״.

האָט ער זיך ניט דערשראָקן, אַ שמייכל געטאָן, גאַנץ געלאַסן און רואיק. „ס׳ט דאָך מיר ניט דערציילן, האָט ער געזאָגט, אַז מ׳דאַרף אָנגיסן אַזוינע קאַליעזשעס שמירעכץ, כ׳האָב אויך אמאָל געשמירט, ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק״.

און ער פוילט זיך ניט, פאַרקאַטשעט די אַרבל און שטעלט זיך שמירן.

ער זאָגט — ס׳האָט אַ שאַיכעס צו ראַציאָנאַליזאַציע.

זאָג איך — ס׳האָט אַ שאַיכעס צו „אָכראַנאַ טרודאַ״ אויך —

צעשמייכלט ער זיך ווידער, אַ כויזעק לייגט זיך אים אויס אַפן גאַנצן פּאָנים:

— ביסט טאַקע, זאָגט ער, אַ טשלען אָכראַנאַ טרודאַ, אָבער לערן זיך פריער אויס, ווי איין און ווי אויס.

ווערט אַ געלעכטער.

טזשאַן־זאַ־לין גייט פון דעם גאַנצן אייסעק ארויס אַ טרוקענער. ער גייט מיט דער סוטולעוואַטער פלייצע, מיט די גרינלעכע אויגעלעך אַרום איבערן צעך, זוכט, נישטערט, רוט ניט אף קיין מינוט, און אז אַ בלאָוער פּארטוך דרייט זיך ארום פאַר די אויגן, אַרבעט מען טאַקע בעסער.

מיין טעכטערל האָט עפּעס אָפּט אָנגעהויבן צו קומען אף דער פאַבריק אַנומלטן האָט זי מיר געבראַכט אָנבייסן (כ׳האָב פארגעסן מיטצונעמען), הײנט איז זי גלאַט אַזוי געקומען, אז זי קומט איז זי אָפּ אַ פּאָר שאָ. בוכאַרטשיק פירט זי ארום (בעשאַסן מיטאָג) איבער די צעכן, ער ווייזט איר, ווי אַזוי מ׳אַרבעט. הײנט איז זי געבליבן ביז נאָכן הודאָק און אז מיר זיינען געגאַן אַהיים, האָט ער זיך צו אונז צוגעשאַרט. איך האָב זיי ניט געקאַנט דעריאָגן, בין געבליבן אונטן און האָב זיי ערגעץ פארלוירן.

טזשאַן וויל מיך איינרעדן, אַז מ׳קאן דערווייל קיין ווענטיליאַציע ניט מאַכן, אז מ׳מוז זיך דאָ שטיקן אין דער פארדומפּעניש. „נישטאָ, זאָגט ער, פאַר־שטייסטו מיך, קיין סמעטעס, מ׳עט מוזן אַביסל צוואווארטן”. און שטיין אין דושנעקייט, מ׳זאָל זיך פארדעכען, דאָס קאן מען. וואָסי, ווייל מ׳איז אַ מענטש און מ׳קען שלעפּן אַף זיך דעם יאָך?

איך ענטפער אים גאָרניט. וואָס וועל איך זיך מיט אים אויסטאַינען? אַז רעדן רעדט ער פאַר צען, איז אומעטום אויסגעקאָכט, באַלד ברענגט ער דיר ימעשאָלים פון דער וועלט און איז גערעכט.

איך האָב אָפּגעוואַרט ביז דער „כאַזיאַין” אַליין וועט זיין אין צעך, ער קומט יעדן טאָג אריין, גייט דורך די אָפּטיילונגען, כאַפּט אומעטום אַ קוק — אַן עמעסער דירעקטאָר.

— כ׳ באַלאַן, זאָג איך צו אים, ס׳איז בא אונז, זאָג איך, קאַליע געוואָרן די ווענטיליאַציע.

גיט ער זיך בעאייס מאַיסע טאַקע אַ כאַפּ — פּאָרט אַ באַלעבאַטיש אויג, היטן היט ער דאַפּקע יעדעס שרייפעלע אַף דער פאַבריק, אַזאַ יאָר שוין אַף מיר, ער לויפט מיט די אויגן דורך די גאַנצע אָפּטיילונג און כאַפּט זיך פלוצים, אז ער איז דאָ ארייגעפאַלן.

— ביסט בא דיין טאַטן אַנדערש ניט געוואוינט געוואָרן, זאָגט ער, אָן ווענטיליאַציע ביסטו כאַלילע שלעכט אויפגעגאַנגען.

דער אוילעם לאַכט פון דער כאָכמע און טזשאַן זאָגט מיר נאָכדעם: „זעסט, וואָס האָב איך דיר פריער געזאָגט?"

זיי'ן זיך אמאָל אומקוקן אף דער ווענטיליאַציע אויך. זיי'ן אַמאָל אָנזעען, אַז שאַמאַי איז געווען גערעכט.

נעכטן האָט זיך טזשאַן־זאָ־לין אָפּגערעכנט אף דער צעך־יאַטשייקע. אַ יאַם מיט ציפערן. ער האָט זיך שוין אָפּגעלערנט פון די „קעפּלעך" קומען און פּלעטן דעם קאָפּ מיט ציפערן. כ'האָב עס אים דאַפקע געזאָגט, האָט ער מיר געענטפערט: „ס'איז דאָ, זאָגט ער, שאַמאַי, אן ענגליש ווערטל: „דער בעס־טער פאַקט איז אַ ציפער" מיילע, מיך וועט ער ניט איינרעדן. מ'האָט סאַי ווי העכער דריי פערטל ניט פאַרגעדענקט.

איין ציפער איז מיר יאָ פאַרבליבן אין זיקאָרן: די צאָל דורכגעלאָזטע אַר־בעטס־טעג האָט זיך פאַר דעם האַלבן יאָר פאַרגרעסערט אַף 10 פּראָצענט.

אַ שיינער שפּרונג!

— פאַרוואָס, פרעג איך?

— מ'קרענקט אסאך, ענטפערט מען מיר.

נעם איך אַ וואָרט און ס'זידט אין מיר דאָס בלוט און א טעווע האָבן זיי, אַז שאַמאַי גייט אַרויס רעדן ווערט אַ שושקעריי, א הו־האַ, אַ טומל. זיי ווייסן שוין: שאַמאַי קען גוט אריינזאָגן.

מ'וויל איך זאָל רעדן אַף רוסיש.

וויל איך דאַפקע איצט רעדן אַף יידיש.

מיך פאַרשטייען די גאַנצע אויך, פון מיין וואָרט מאַכט מען ניט קיין פערעוואָד.

— כאַווײרים, זאָג איך, וויפל קאָסט דער פאַבריק, צי דער מעלוכע אָטאָ די 10 פּראָצ. פּראָגולן אַ יאָר?

פּרואווט מען טרעפן פון די ערטער; ווערט אַ טומל, אַ געשריי —

דער דירעקטאָר גיט אַ ספּראַוואָטשקע.

— העכער דריי טויזנט רובל א יאָר — זאָגט ער.

— און וויפל, רעד איך ווייטער, קאָסט א ווענטיליאַציע אַריינפירן?

פאַרשטייט מען שוין, וואָס איך מיין, וואָרום אַלע פאַרקילעכצן נעמען זיך דערפון ס'איז דושנע, עפּנט מען אומעטום די פענצטער, ווערט א צוג, מ'איז פאַרשוויצט, פאַרקילט מען זיך, איז דאָ פּראָגולן.

מ'קלאַפּט מיר „בראַוואָ", איך האָב עס אפילע פיינט, איך טו עס ניט פאַר זיך, — מ'האָט מיר געגעבן א נאַגרוזקע, פיל איך זי אויס. אָבער אַז זיי ווילן, זאָלן זיי קלאַפּן געזונטערהייט.

פאַרדריסט די גאַנצע מאַיסע באַלאַנען. אַף דערויף איז ער דאָך אַ כאַזיאַין, נעמט ער ווידער א וואָרט פאַר אַ ספּראַוואָטשקע.

ער שטייט מיט א דיקן בוך אין האַנט, מישט עפּעס גיך-גיך און געפינט עס סאָפּקאָלסאָף.

— אין גאַנץ סעסעסער, לייענט ער פון דאָרט אַרויס, איז דער פּראָצענט פּראָגולן % 8-7 און באַ אונז איז עטוואָס מער.

ער גלויבט ניט, אַז עס זאָל זיין צוליב דער ווענטילאַציע.

ער גלויבט ניט, און איך גלויב יאָ. און ניט נאָר איך — אַלע גלויבן, אַז אַזוי איז עס.

באַ מיין טיש אַרבעט איצט בוכאַרטשיק. מ'האָט אים די טעג אַוועקגענומען פון ראסקראי און איבערגעוואָרפן צו אונז אף דער פאַלצאָווקע. ער שטייט פונקט אַקעגן מיר און פּרוּאווט מיך „באַאַרבעטן״.

ער ווייסט ניט, אז איך פאַרשטיי. מ'האָט אים צוגעשטעלט צו מיר. ער איז מיין „אינדיווידואַל״!

מיילע, פּאָליטיקע ווייסט ער עפּשער מער פאַר מיר, די פּאַרטיינע צוזאַמענ־פאָרן, די רעזאָליוציעס געדענקט ער געוויס בעסער, ווי איך, אָבער אז ס'קומט צו פּראַקטיקע, מעג ער זיך לערנען באַ מיר.

די פאָראַנדקעס אף דער פאַבריק גייען אים דאכט זיך אָן, ווי מיין לינקער פּיאַטע.

ס'אַרט אים מער וואָס ס'טוט זיך אין א בערלין צי אין א פאַריזש. ער פליט אין די הימלען אַריין.

(באַ זיי הייסט עס — וו מיראָוואָם מאַסשטאַבע)

— מיר שטייען, — זאָג איך צו אים, — באַ איין טיש, פאַלצןביידע אַלציינס פּערעדעס; עמעס, דו ביסט מיט א מיטוואָך יונגער פאַר מיר, ווייל איך וויסן, פאַר־וואָס זאָל דיך ניט אַרן פּונקט ווי מיך, אז ס'איז אין צעך דאָ איין קווערטל און מ'טרינקט וואַסער פון די זשמעניעס.

לאַכט ער.

ס'איז דאָ, זאָגט ער, וויכטיקערס וועגן וואָס צו טראַכטן.

און מיר קאָסט עס געזונט, ווען איך זע, ווי מ'שטייט אין א ריי נאָכן טרונק וואַסער, ווי נאָך ברויט אין די גוטע יאָרן.

איך האָב עס נעכטן געזאָגט טזשאנען.

לאַכט ער, דער טזשאַן-זאָ-לין.

— ס'איז זאָגט ער, אַ קנאַפּער אומגליק; וואָס־וואָס, נאָר א קווערטל קאָן יעדערער מיטברענגען מיט זיך פון דער היים.

היינט האָט עס מיך אַרויסגעבראַכט פון די קיילים. איך קום צו צום באַק וואַ־סער — נישטאָ דאָס קווערטל. פיר מעגטשן זוכן עס, פאַטערן צייט און סאָפּ־קאָלסאָף געפינט מען עס אין אַ עמער מיט שמירעכץ.

עמיצער נעמט שווענקען דאָס קווערטל, און די איבעריקע שטייען, ווי די בעהיימעס און וואַרטן.

האָט עס מיך אויפגעריסן.

בין איך אַרויף פון אויבן, אַזוי ווי איך שטיי און גיי, און בין אַריין צו באַלאַנען.

כ׳האָב אים געטראָפן א פאַרטיפטן אין פאַפּירן. מיילע, וואָס דען זאָל ער טאָן? אַף דערויף איז ער אַ דירעקטאָר און באַקומט געהאַלט. די ברילעכלעך אַף דער נאָז (זי האַלט זיך באַ אים אין איין שיילן), מיטן דינעם ציגאַרל אין מויל.

מיין אריינלויפן האָט אים אָפּגעווענדט פון די פאַפּירן. ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך דאַרף.

וואָס איך האָב אים אַף דער הייסער מינוט אָנגעפלאַפּלט, געדענק איך ניט אינגאַנצן.

כ׳האָב אַביסל אַ לאַנגע צונג און ווער אַמאָל געשטרויכלט.

כ׳האָב אים נאָר געפרעגט: ווי געשיקט זיך עס, אז באַ דיר זאָל שטיין א גאַנצער סערוויז אַפן טיש פאר די בוכהאַלטערס מיט די מאַשיניסטקעס מיט די אינזשענערן און ווי א שוואַרציאַר, און די ארבעטער זאָלן אַפן צענטן יאָר רעוואָלוציע טרינקען פון א פאַראיפּעשט קווערטל. וואָסי, דאָס גרויסע געלט וואָס מ׳דאַרף אַף דעם אויסגעבן?

האָט ער זיך דאַפקע ניט דערשראָקן, באַלאַן, געבליבן זיצן אַפן בענקל, אַפילע דעם ציגאַר פון מויל ניט ארויסגענומען. ער האָט מיך דורכגענומען מיט די אויגן און געזאָגט מיטן שעפּעליאַווע לאָשן זיינעם: „דו מיינסט, ס׳איז דיר יענער אריינלויף דיינער מיט די פערדעס. ס׳האָט דאָך דאמאָלסט אויסגעזען ווי אַן עקס אמאָליקע יאָרן“.

— איך בין איצט ניט געקומען צוליב זיך, האָב איך געזאָגט, איך בין איצט געקומען וועגן אַן אַלגעמיינעם אינטערעס.

דאָ איז ער, דאַכט זיך, אביסל צעמישט געוואָרן, און איך פויל זיך דאַפקע ניט און רוק זיך שוין פון ערגעץ צו א בענקל.

פאַלט ער בא זיך ניט אַראָפּ.

— נאָך דער אַרבעט, זאָגט ער, איצט וויל איך מיט דיר אַפילע ניט רעדן, און ניט צו מיר, נאָר צו דיין זאַוו, פריער פאַר אַלץ.

— צו טזשאַן - זאָ - לינען? זאָג איך, מיט אים האָב איך שוין ניט וואָס צו רעדן, ער זעט אַליין און מאַכט זיך ניט ווויסנדיק.

— נו, גיי, מאַכט באַלאַן, און פוילט זיך ניט און שטייט אויף, באַלייט מיך אַרויס פונם קאַבינעט, און שוין אַף דער שוועל בליצן זיינע ניקעלנע ברילן אַף מיר און דער לישאי אַף דער נאָז צעבליט זיך באַ אים.

— דאָס צווייטע מאָל, — זאָגט ער מיר, — זאָלסטו מיט אזעלכע קלייניקייטן ניט קריכן צום דירעקטאָר אין קאַבינעט אַריין בעשאס דער ארבעט.

דעם עמעסן פּסאַק האָב איך ערשט געהאַט פון טזשאַן-זאָ-לינען, נאָר איך זאָל זיך ווען צוהערן צו אַלעמען, וואָס ער זאָגט, וואָלט איך שוין לאַנג געווען א אינוואַליד אף סאָצסטראַך.

מ'זאָגט, אַז מ'האָט שוין ערגעץ געפונען סמעטעס אַף ווענטיליאציע. מ'נעמט שוין ארויס די אויבערשטע טאָפּליעס אין די פענצטער. אין אַ גוטער שאָ!

בוכאַרטשיק האָט מיך נעכטן גענומען אַפן דאָפּראָס. אזא שנעק, דאַכט זיך, און מוז אלצדינג וויסן.

— אז דו ווסט אלץ וויסן, זאָג איך אים, וועסטו גיך אַלט ווערן.

לאַכט ער.

— דו ביסט שוין קיינאנאָרע נישט יונג און ווייסט נאָך אַזוי ווייניק.

ער פרעגט זיך נאָך אף שטוב-זאַכן — ער האָט אַ נאַגרוזקע אַזאַ. ער איז מיין אינדיווידואַל.

און וואָס בא שאַמאיען אין טעפּל קאָכט זיך, ווילן דאָפּקע אַסאַך וויסן.

איך בין, דאַכט זיך, ניט קיין פאראַנטוואָרטלעכער, ניט קיין דירעקטאָר — וואס זשע איז עס פאַר אַ טשיקאַוועס.

— וואָס טוט, — פרעגט מיך פּלוצים בוכאַרטשיק, — בא דיר גיטעלע?

— וואָס, זאָג איך, זאָל זי טאָן? זי איז אינדערהיים, העלפט צו דער מוטער.

— דאָס גאָר? — וואונדערט ער זיך.

— וואָס זשע, — זאָג איך און ווער שוין אַביסל ברויגעז, — זי איז א לייטיש קינד, שפּרינגט ניט אין פּאָנים אריין, ווי אַנדערע.

— און אין קאָמסאָמאָל, — פרעגט ער, — שיקסטו זי גאָרניט?

— זי איז, — זאָג איך, — ווי דער עמעס איז, זייער אַ פיין קינד, זי וועט זיך שוין באַגיין אָנם קאָמסאָמאָל.

ווערט ער אָנגעצונדן, און קאן פאַר קאַעס גאָרניט זאָגן.

אַ קלייניקייט, כ'האָב אים אָנגערירט דעם קאָמסאָמאָל.

ניט פאַרגינערס איז באָרעכאַשעם דאָ אַסאַך. מע פאַרגינט מיר אפילע ניט די טאָכטער.

כאַים קאַרטון, אָטאָ דאס צעקראָכענע קרעפּל, איז באַלד דאָ מיטן פאַרי־פּעשטן מויל זיינעם.

— ער קער, — זאָגט ער צום טיש אַרבעטער, (מיינען מיינט ער מיך), — ער קער פאַר אירעט וועגן קלייבן נאַדן צו דער כאַסענע.

— איז וואָס־זשע, זאָג איך, וואָס פאַר מיין גיטעלען ליגט פאַרגרייט, וואָלט איך זיך עס געמעגט ווינטשן פאַרדינען אַ יאָר.

— נו, און אַ כאָסן האָט זי שוין? — פרעגט ער אַלץ דורך יענעם און אַ כויזעק־געלעכטערל שווימט אים ארום אַפן פּאָנים.

— ס׳וועט זיין אַ כאָסן אויך, ענטפער איך אים אַף צעפּיקענעש.

— אַ שיינער פאַרטייעץ ביסטו, — זאָגט צו מיר קארטון, — אַזא יאָר אַף דיר.

— איכ׳ל זיך נאָך מיט דיר אויסגלייכן, זאָג איך, אין פאַרטייאישקייט אויך, דערוויל האָט מען מיך נאָך בא קיין צוגעשריבענער סכוירע ניט געפּאַקט, ווי בא אַנדערע.

ס׳איז גוט, וואס ס׳איז באם טיש און אינמיטן דער אַרבעט, אַניט וואָלט איך אָטאָ דעם כניאָקעוואַטן קארטון אָפּגעליאפּעט מיט א עמער שמירעכץ די פאַריפּעשטע צורע זיינע.

מע האָט די טעג אַראָפּגעבראכט 12 פאַלץ־מאשינעס. אין פאַבריק איז אַן איבערקערעניש.

דעם אויבערשטן שטאָק, וואס איז ביז איצט געווען פארוואלגערט מיט אַלט־וואַרג, רייניקט מען אָפּ, מ׳מאכט דאָרט אַ גענעראלן רעמאָנט, די פּאָדלאָגעס — בעטאָן, גרויסע פענצטער, ווענטיליאציע; מיט איין וואָרט — אַ פּאַלאַץ.

— ס׳וועט, — זאָגט טזשאַן־זאַ־לין, — בא אונז ווערן אויס קוסטארערײ. גענוג געהאט צו טאָן מיט קוסטאַרעס.

— און דו, — זאָג איך, — ביסט אַ פּאָטאָמסטווענע פּראָלעטאַריאַט, פון אור־אור־עלטערן אָן? דיין טאַטע, — זאָג איך, — איז מיסטאמע געווען א שאַמעס אין א אונטערקלויז.

— מע קאָן, — ענטפערט ער, — שטאַמען פון אַ טאטן א שאַמעס און אליין האבן א פּראָלעטאַרישע פּסיכאָלאָגיע. און פאַרקערט.

אַף דער פאַבריק טומלט.

אסאך האבן מוירע, מ׳וועט דאַרפן ווייניקער הענט.

האָט מען מוירע פאַר פארקירצונגען.

מיך וועט מען עפּשער ניט טשעפּען, אָבער איך האַלט גלאט ניט פון די פּאַלץ־מאשינעס.

מ׳וועט גענוג בראַק אָנמאכן, ס׳וועט גענוג קאָסטן רעבע־געלט, ביז מ׳וועט זיך אויסלערנען.

וואָס קאָן אַ יונגער שנעק, צי אַ דעמאָבילי־זירטער רויטאַרמייער, קיינמאָל די מעלאָכע ניט געשמעקט, וואס קען אַזא איינער, איך בעט אייך, מאַכן, אַפילע מיט דער בעסטער מאַשין?

איך האָב עס פירגעהאַלטן באם טיש.

איז באלד דאָ דער טעלערלעקער, כאַימל קארטון מיט זיין לעניניזם.

— און וואו, — זאָגט ער און מיינט קלוימערשט ניט קיינעם — און וואו איז די ליניע פון דער פארטיע, און וואו איז אינדוסטריאַליזאַציע און מאַשיניזאַציע, און עלעקטריפיקאַציע?

אָטאָ דעם טעלערלעקער וויל איך גאָרניט ענטפערן, נאר צום טיש זאָג איך:

— איך, — זאָג איך — זאָל שוין באוואָרנט זיין דערפון, איך פאלן שוין אַזוי־פיל יאָרן מיט די הענט, וועל איך שוין דערציען אַזוי.

— לאַכן זיי פון מיר. זעסטו, אַ דאַיגע האָב איך.

איין זאַך קאן איך ניט פארשטיין: מ׳האָט, דאַכט זיך, מוירע פאר אַ פאַר־קירצונג, קיין גוטס וועלן אָטאָ די מאַשינעס ניט ברענגען, און דאַך האָט מען אָנגענומען אַף דער פארזאַמלונג אָפּצוגעבן אומזיסטע עטלעכע שאָ אַרבעט אַף איבערשלעפּן די מאַשינעס אַפּן אויבערשטן שטאָק, ס׳אַמין „וואָסקרעסניק״. אַזוי ווי אין 19־טן יאָר.

אַז מע ענדיקט די ארבעט (אַזוי קומט עס שוין פאָר עטלעכע טעג), שטעלט זיך בוכאַרטשיק אַרויף אַף אַ בענקל און זאָגט מיט זיין פריילעך קעלעכל:

— כאַוויירים, קומט שלעפּן דעם סאָציאַליזם אַפּן אויבערשטן שטאָק.

און אַז אַלע גייען, גיי איך אויך, איך וויל ניט אָפּשטיין.

צענדליקער שווארציאָרן דרייען זיך ארום איבער דער פאבריק, זאַוון און פּאָמען, אויפקוקערס און אויפזעערס, טעכניקעס מיט אינזשענערן, — ס׳איז אומעטום פול מיט זיי און פאר די אויגן גייען לעאיבעד טויזנטער.

מע שמעקט מיט די שמעקערס, מע קוקט מיט די אַמעריקאַנער ברילן און זעען זעט מען, איך בעט אייך איבער, אַ פייג.

פּאַר אַלעמען אין די אויגן פוילט שוין אַ וואָך צייט אַ פאַרטיע כאַלעוועס — סאַכאַקל טויזנט שטיק. דריי טעג געפּריעט, נאָכדעם אָנגעהויבן פוילן — מע זוכט שוין אַ ריין אָרט, וואוהין די כאַלעוועס אַרויסצוואַרפן.

אַז געפינען דעם אומגליק האָבן אויך ניט זיי. ווען יאסעלע קארדופּ — דאַכט זיך אַזאַ גאָרניט, אַ ליטוואַקל — זאָל ניט געווען דערזעען, וואָלט עס נאָך געפוילט און געפוילט.

מע האָט, ווייזט זיך ארויס, די כאַלעוועס שלעכט געלייגט.

און וואו זייט איר, באַלעבאַטים מיינע, פארוואָס באקומט איר פאַראַנט־וואָרטלעכע סטאַוועקעס?

אין פאבריק זשומעט פון דעם נייס, עמיצער וועט שוין פליען צו אַלדע רוכעס. נישקאָשע, אַ מיצווע.

ס׳וואָלט געדאַרפט פליען באַלאַן אַליין — נאר מיסטאם וועט מען אָפּקומען מיטן סטאַראָזש.

אונזער פריימאַן גייט ארום אַ צעקאָכטער. ס'טוט אים ווי דאָס האַרץ און ס'איז אים נאָך דערצו א בושע. ער איז דאָך שטענדיק אַפּן דירעקטאָרס צאַד — פּארדעקט און פארשטעלט אים — אַ שיין פּאָנים האָבן זיי איצטער אַלע איניינעם.

יאָסעלע קארדופּ האָט זיי ארויסגעראַטעוועט. אַזוי ווי איר קוקט עס אָן, דאָס קארדופּטשיקל אינם אָפּגעבאָרעטן שינעלכל (ער איז אַ דעמאָבילייזירטער, ערשט מיט א האַלב יאָר צוריק געקומען אף דער פאבריק), שניידט זיך עס אַף אַ דערפינדער. ער עסט ניט, ער שלאָפט ניט — ער וויל אויסקלערן אַ מאַשין. אַזוי זיינען זיי אַלע: מע קאָן נאָך קיין כעשבן רעכט ניט מאַכן, וויל מען שוין ווערן אינזשענערן.

יאָסעלע האָט אָפּגעראַטעוועט די פארטיע כאָלעוועס. ער האָט אויסגעפונען אַזאַ מיטל, ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייגט די כאָלעוועס, זיי מיט עפּעס איבערגעשיט, ס'האָבן געליטן סאַכאַקל ביז דרייסיק שטיק, די וואָס זיינען געלעגן פון אויבן. דאָס איבעריקע איז געזונט און פריש.

אַפן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי ער האָט באוויזן די קונץ, איז ער אַוועק-געלאָפן ערגעץ אין א ביוראָ מע זאָל אים זאָגן, וואס עס קאן מיט אָט דער דערפינדונג זיינער ווייטער טאָן. ער איז געלאָפן און געקומען צוריק און נאָכדעם נאָכאַמאָל אַוועקגעלאָפן. ער וויל אָן אַ שום טערעץ קריגן אַף דעם אַ פּאַטענט.

— אַף וואָס אַ פּאַטענט? — פרעג איך אים — אַף דעם ווי אַזוי צו צעלייגן סכוירע, אַז מ'לייגט זי לעכאַטכילע אַנידער זי זאָל פריען?

— אָבער, — טאַינעט ער, — קיינער פאר מיר האָט עס ניט געטאָן, איז עס מיין דערפינדונג.

וואָס ער האָט דאָרטן אין ביוראָ געמאַכט, האָט ער ניט דערציילט. געקומען איז ער פון דאָרטן מיט א פּאַפּירל גלייך צום דירעקטאָר (ס'איז געווען מי-טאָג-צייט, בין איך אומישנע אריינגעגאַן אין קאנטאָר זען, וואָס און ווען) — האָט אים באלאַן אויפגענומען גאַנץ קאַלט, זיך פריער לאַנג געווישט די גלעז-לעך פון די ברילן — אָן די ברילן קאָן ער קיין וואָרט ניט איבערלייענען — און אַז ער האָט איבערגעלייענט, האָט ער געזאָגט:

— גוט, ס'ט פאר דעם אויפטו באקומען אַ פרעמיע — דרייסיק קארבן.

מיינט איר, אַז ס'האָט אים געווירט, דעם קארדופּ, אַזוי ווי אַ מיליאָנ-שטשיק, סע וואלגערן זיך בא אים די דרייסיקער קערבלעך.

— כאוועער באלאן, האט ער געזאָגט, א פרעמיע איז פאר זיך, איך וויל איר זאָלט מיך יעדער טאָג באפרייען אף צוויי שאָ פריער — איך ארבעט איצט איבער א נייער מאַשין.

האָט באַלאַן אַף אים א קוק געטאָן און קלוימערשט גוטברודעריש געזאָגט:
— אזוי, ארבעטסט איבער אַ נייער מאַשין? נו, און די אלטע איז שוין באַ דיר פארטיק?

וואָס ווייטער איז געוואָרן, האָב איך ניט געהערט. יענער איז מעשוגע, וואָס ער פאַרדרייט זיך די קאָפּ מיט מאַשינעס, און דער דירעקטאָר איז ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים, אויב ער וועט אים ניט אָנעמען באַם קאָפּ און אַראָפּווארפן פון אלע טרעפּ.

היינט באַ דער ארבעט זאָגט צו מיר פלוצים בוכארטשיק (ער איז איצט אַביסל אויפגערעגט, איך ווייס אליין ניט פארוואָס): אַף דער בירזשע איז זי באַ דיר פאַרעגיסטרירט, גיטעלע?

לעכאַטכילע גלוסט זיך מיר אים אָפּפאָרן איבערן פּיסק — וואָס פאַראַ מעכוטן ביסטו מיט מיין גיטעלען — דערנאָך ווערט מיר דאָך טשיקאַווע די מאַיסע און איך זאָג:

— וואָס זשע, איך קאָן כאַלילע מיין שטוב ניט אויסהאלטן, וואָס מיין איין און איינציקע טאָכטער מוז גיין אַף דער בירזשע?

איז ער אָבער אַ קליפּע, טרעט ניט אָפּ.

— אנדערש, — זאָגט ער, — קאנסטו עס ניט פארשטיין. — וואָס זשע, רעכנסט זי אייביק צו האלטן אינדערהיים, אַף קעסט?

— פאַרוואָס אייביק, זאָג איך, זי וועט מערצישעם אַוועקגיין פון דערהיים, זי איז נאָך יונג.

— נאַר, — מישט זיך פלוצים אריין, דער פאַסקודניאַק, קארטון, — סע גייען שוין, מיסטאמע, צו אים אין שטוב אריין שאַדכאָנים, ער וועט זי נאָר פאַר־קנאַסן פאר אַ נעפּמאַן.

וואָס זאָל איך אים ענטפערן, אָטאָ דעם לעקער?

— דיינע, זאָג איך, וועט קיין נעפּמאַן אויך ניט נעמען.

בוכארטשיק שווייגט עטלעכע מינוט. דאָס פּאָנים איז באַ אים אַ ביסעלע פאַרכושט, עס זעט אויס, ווי ער קלייבט זיך מיר זאָגן אַ סאָד.

— און וואָס וועט זיין, — זאָגט ער, — שאמאי, אז דיין טאָכטער האָט זיך אָן דיין וויסן פאַרעגעסטרירט אַף דער בירזשע און וועט ערגעץ וואוהין אָנקומען ארבעטן?

— וואָס, — האלט איך זיך שוין ניט איין, — וואָס לאָזט דיך די גאנצע צייט ניט אָפּ מיין גיטעלע, וואָס פאַר אַ קרויוועשאַפט ביסטו מיט איר?

ער ווערט אַף א מינוט אביסל פאַרשעמט, ענטפערט ניט, זיינען דאָ גוטע ברודער, ענטפערט מען פאַר אים.

— ער איז דאָך דיין אינדיווידואַל, שאמאי.

— איז וואָס?
— באארבעט ער דיך.
— א מאַיסע, וואָס פאַר אַ שאַיכעס האָט עס?
— ער באַאַרבעט גיטעלען אויך, ענטפערט אַ צווייטער.
מ'כיקעט, מע לאַכט פון דער גרויסער כאָכמע.
צו אלדע שוואַרצע יאָר, פאַסקודניאַקעס. מע קאָן גאָר מיט זיי ניט רעדן?. ווי מיט קיין מענטשן. אַף אַלץ איז שטענדיק כאָכמעס, ס'איז זיי מיסטאמע צו גוט אַפן האַרצן.

מ'האָט שוין אַוועקגעשטעלט די פאַלץ-מאַשינעס. אַכט וועלן אַרבעטן אין כיר וועלן שטיין אַף זאַפּאַס.
כ'האָב זיי היינט באַטראַכט. ס'אַ דייטשישע אַרבעט. כ'האָב שוין אַמאָל געזען מאַשינעס, איך האלט דאפקע פון מאַשינעס, נאָר פון קיין פאַלץ-מאַשינע וועט קיין גוטע סכוירע ניט ארויס.
דאָ דאַרף מען האָבן אַ פּאָדכאָד. אַ שטיקל לעדער האָט ליב מע זאָל עס קענען, ס'זאָל דערמיט האָבן צו טאָן אַ מענטש.
טזשאַן-זאָ-לין לאַכט.
— און ווי אזוי, זאָגט ער, אַרבעט מען אין דייטשלאַנד און אין אַמעריקע? ס'איז דאָרט כאָלילע שלעכטער לעדער, שלעכטע שיך?
באַ יעדער מאַשין באַ דער זייט איז דאָ א דראָטענע סעטקע — דאָס קער זיך שוין אָן צו אָכראַנע טרודאַ. די סעטקעס זיינען אָנגעקומען אינײנעם מיט די מאַשינעס. אזוי גייען זיי ארויס פון דער פאַבריק.
טזשאַן-זאָ-לין ווייזט מיר, ס'איז, ווי אַף צעלאָכעס, ער ווייזט מיר אַף די סעטקעס (זיי דאַרפן פאַרהיטן, די מאַשינעס זאָלן ניט פארכאַפּן קיין האנט אָדער קיין פוס) און זאָגט:
— זעסט, — זאָגט ער, — אָכראַנע טרודאַ, מ'האָט עס שוין באַוואָרנט אָן דיר.
— זייער וואויל, — זאָג איך, — האַלעוויי וואָלט שטענדיק אזוי געווען.
— מע וועט, — זאָגט ער — שוין אינגיכן אינגאנצן קיין אָכראַנע טרודאַ ניט דאַרפן האָבן.
אַוואדע, — זאָג איך, (איך האָב זיך פיינט צו לאָזן שפייען אין דער קאַשע) — באַם סאָציאַליזם וועט מען קיין זאַוון אויך ניט דאַרפן.

די טעג לאָזט מען צוויי פאַלץ-מאַשינעס אַף אַ פּראָבע.
די טעענבע וויל זען, וויפל וועט מען מאַכן פאַר אַ טאָג — זי דאַרף וויסן וויפל צו שטעלן די נאָרמע.

טזשאַן־זאָ־לין זאָגט, אז די ערשטע צייט וועט עפשער גיין שווער, אָבער שפּעטער האָפטעט ער פאַר פיר הונדערט שטיק אַ טאָג. פונקט פינף מאָל אַזוי פיל, ווי ביז איצט.

— באַ דיר, — זאָג איך צו אים, — איז עס שוין ווי אַפן טעלער, און איך וועל נאָך אַפילע אף קיין צוויי הונדערט שטיק אין געווער ניט גיין.

— די פאבריק, זאָגט ער, וועט האָבן עקאָנאָמיע אזוי פיל און אזוי פיל.

אַז אלץ איז באַ אים מיט גוזמעס.

— שא, — זאָג איך, — פונוואַנען וועט זיך נעמען די עקאָנאָמיע? מ׳עט אויסאַרבעטן מער, וועט מען צאָלן פאר מער.

— ביסט, זאָגט טזשאַן־זאָ־לין און זיינע קליינינקע אויגעלעך זיינען פול מיט כויזעק, ביסט, זאָגט ער, א שלעכטער עקאָנאָמיסט, וואָלסט זיך געמעגט אַביסל צולערנען פּאָליטעקאָנאָמיע.

מיינע דרייסיק יאָר אַרבעט, זאָג איך, זיינען מער ווערט, ווי אַלע פּאָליט־עקאָנאָמיעס אינאיינעם. וואָס איך האָב איבערגעהאַלטן אין די הענט סכוירע, וועלן עס דיינע מאשינעס פאַר קיין צען יאָר ניט ארויסלאָזן.

איז וויבאַלד איך האָב אים אָנגערירט די מאשינעס, בין איך ניט זיכער מיטן לעבן.

באלד איז בא אים: קוסטאַר, קליינבירגער, אומבאַוואוסטזיניקער עלעמענט.

און סאָפּקאָלסאָף האַלט איך אויך ניט אויס (מ׳איז דאָך נאָר א מענטש מיט א גאַל) — וואָס האָב איך מיט דיר צו רעדן, זאָג איך, א טזשאַן־זאָ־לין ביסטו געווען און א טזשאַן־זאָ־לין וועסטו בלייבן.

ווערט ער פלוצים געל, ווי וואַקס, די שפּיץ שארפע נאָז הויבט אוש באַ אים אָן צו ציטערן און אז ער קומט צו זיך פּינעט ער אף מיר מיטן מויל: „פארדערפאַר וועסטו בא מיר גיין אַף דער ביוראָ, ס׳ט בא מיר דערפאַר ארויספליען פון פאַרטיע".

הער נאָר: ער מיר — קוסטאַר, עלעמענט — מעג יאָ, און איך אים טזשאַן־זאָ־לין — טאָר ניט.

די מאַיסע מיט די נייע נאָרמעס הויב איך ניט אָן צו פאַרשטיין.

אונזער טעענבע זאָגט אויך דאָס אייגענע: די נאָרמע וועט זיין א פיל גרעסערע.

און פאַרוואָס, פאַרשטיי איך ניט: כ׳האָב פריער געמאכט אַכציק שטיק אַ טאָג, האָב איך געהאַט פינף קארבן און איצט וועל איך, אַשטייגער, מאכן דריי הונדערט, איז אויך פינף קאַרבן?

מיט טשאַן־זאָ־לינען וויל איך וועגן דעם ניט רעדן, נאָר בוכאַרטשיקן (ער איז א צוגעלאָזטער באָכער) פרעג איך:

— בוכארטשיק, זאָג איך, און דער אַרבעטער דאַרף שוין גאָרניט אויסשפּילן דערפון, וואָס מע פירט אשטייגער איין אַ נייע מאַשין?

— ער שפּילט שוין אויס, זאָגט ער, דער גאַנצער אַרבעטער־קלאַס שפּילט אויס, עס פאַרגרעסערט זיך די אויסאַרבעטונג און אַזוי ווייטער.

לויט זיין כעשבן ווער איך גאָר ניסאַשער.

יאָ, — זאָג איך, — די מעלוכע, דער טרעסט, דאָס פאַרשטיי איך, אָבער דער אַרבעטער, זאָג איך, דער ארבעטער האָט עפּעס פון דער מאַשין?

— זעסט, — זאָגט ער, — ווען דו זאָלסט, ווי סע דאַרף צו זיין באַזוכן דעם פּאָליט־קרייז, וואָלסטו אזוינע קאַשעס ניט געשטעלט.

אין אַ פּאָר מינוט ארום דערמאנט ער זיך ווידער צו זאָגן:

— דיין גיטעלע, זאָגט ער, ווערט שוין אַזוינע פראגעס ניט שטעלן.

ווידער אַ מאָל גיטעלע.

— וואָס, — זאָג איך — דו בילדעוועסט זי שוין עפּשער אויך? מאכסט זי פאר א פּאָליטיטשעסקע מענטשן, הא?

— וואָס זשע מיינסטו, — זאָגט ער, — ס'ועט איר כאָלילע פאַרשאַטן?

איך זאָל וויסן באַגליקט צו ווערן, וועל איך אַף דער מאַשין ניט איבערגיין.

און ניט נאָר איך — אסאך עלטערע אַרבעטער טאַינען אַזוי.

דאָס יונגוואַרג טאַנצט — וואָס האָט עס אָנצואווערן? אים איז אַלץ איינס — קיין גרויסער באַלמעלאָכע איז ער ניט און באַ דער מאשין זיינען אַלע גלייכע מעיוכאָסים.

דער גאַנצער טיש איז דאָ יאדאכאס, אַכוץ בוכארטשיקן און א פּאָר שקאָצים, נאָר זיי האָבן באַם טיש א קנאַפּע דייע.

וואָרום טאקע אין דער עמעסן: ס'הייסט דאָך פּאַטערן די קוואַליפיקאַציע.

אָפּגעאַרבעט אַזויפיל יאָרן באַ פאַלצאָוקע, פאַרדינט ניט שלעכט, און איצטער גיי איבער אַף דער מאשין, שטעל זיך לערנען אַף ס'ניי, באַגלייך מיטן קאָמסאָמאָלעץ, וואָס איז ערשט נעכטן געקומען אַף דער פאַבריק.

— איז נאָך דיר נאָך, — טאַינעט טזשאַן־זאַ־לין, — דאַרף מען גאָר קיין מאַשינעס ניט איינפירן — קוסטארעוועו — גאַנץ סעסעסער פאַרקוסטאַרעווען.

— פאַרוואָס, זאָג איך, מאַשינעס? ווער האָט דען אַקעגן מאַשינעס? נאָר, מ'האָט געקענט אָנהויבן פון אַן אַנדער אַרבעט, ניט פון פאַלצן.

— פאַרוואָס זשע פון אַן אַנדערער? — מאַכט זיך טזשאַן־זאַ־לין טאמעוואַטע.

גיי ענטפער אים, אז באַלד איז באַ אים: עגאָאיזם, צעכאָוושטשינע, קוסטאַר — דאָס גאַנצע צעטל פון דער טויכעכע שיט ער דיר אויס, און די גרינע אויגעלעך ברענען באַ אים ווי די קוילן.

— מיט אַזוינע ווי דו, שאמאי, — זאָגט ער, — קאָן מען גיין נאָר צו א מיניען, קיין סאָציאַליזם ווערט מען מיט אַזוינע ווי דו ניט אויסבויען.

— דו ס'ט טאַקע ניט אויסבויען, — זאָג איך, — און איך באָווע שוין דריי־סיק יאָר סאָציאַליזם. נא, — זאָג איך, — גיב א קוק אף מיינע הענט, גיב א קוק.

דאָ האָט ער שוין מער ניט, וואָס צו זאָגן. ער גיט א מאך מיט דער האנט און גייט צו צו אַן אַנדער טיש.

מע וועט שוין, ווייזט אויס, ניט פאַרקירצן. און געהאַלטן האָט עס גאָר שמאָל. אַז באלאן אַליין האָט עס גאָר פריער ניט באהאלטן. — ס'איז, זאָגט ער, קיין אַנדער ברייררע ניטאָ, — ראציאָנאליזאַציע אָן אַ פאַרקירצונג, — פרואוו מאַך דו עס אַזוי — איך קאן ניט.

דער פאַבקאָם האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאכט. פריימאן איז ארומגעגאַן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — ס'איז צוליב דעם, דערציילט מען, אויסגעבראָכן אַ רויגעז צווישן אים און באלאנען.

בא די טישן האָט מען גאַנצע טעג געטראָפן. ס'איז שוין באלד קלאָר געווען וועמען מ'וועט פאַרקירצן און ווער ס'וועט בלייבן.

מישט זיך אריין, ווי שטענדיק, האָסטו־ניט־ווייסטו־ניט טזשאן־זאָ־לין און אים העלפט אונטער בוכאַרטשיק.

— ס'איז, — זאָגט טזשאן־זאָ־לין — גאָר קיין סימען ניט, אז דאָס יונגוואַרג וועט גיין — מיר האָבן שוין געזען פאַרקערטע זאַכן.

— וואָס־זשע, — זאָג איך, — ס'ט מיט זיי ווייט פאַרגיין, נא קוק אף אים (איך ווייז אָן אַף יאָסעלע קארדופּ), ער האָט נאָך דעם שינעל ניט אויסגעטאָן, ער איז נאָך אין קאַזאַרמע.

דאמאָלסט דעקט טזשאן־זאָ־לין אויף די קאָרטן.

— צו דער מאשין, — זאָגט ער, — טויג א יונגער אַרבעטער גיכער, ווי אַן אַלטער.

און איר מיינט, אז ער זאָגט עס אין אַ שפּאַס? כאָלילע! — ער מיינט דאָס גאַנץ ערנסט דאָס אויסגעצויגענע פּאָנים (פאַרוואס ער איז אזוי מאָגער, ווייסט אים דער רועך, נאָר די אויגן בליצן בא אים שטענדיק) איז אָנגערויגעזט, — פרואוו אים אפילע ניט אָפּענטפערן.

דאמאָלסט האבן מיר שוין מיט אים ניט וואס צו רעדן. לויפן מיר — אַ צענד־ליק ארבעטער זיינען מיר, מערסטנטייל קאָראָסטישעווער — מיר לויפן אין פאַבקאָם, נעמען בארטן דעם פאָרזיצער אונזערן און אַוועק אין פאַריין.

און אין פאַריין איז דער פאָרזיצער א „ווידוויזשענעך", ערשט מיט אַ האלב יאָר צוריק געשטאנען באם ווארשטאַט.

גוזשענקאָ הייסט ער — אַ וואוילער שייגעץ.

מיר דערציילן אים — אַזוי און אַזוי — מיר ווייסן ניט, וועמען און וויפל, אָבער אפן צענטן יאָר רעוואָלוציע וואָלט עס שוין ניט געדאַרפט אַזוי זיין.

און אַרבעטער איז עס אַלץ עלטערע, און גוזשענקאָ קען אונז אַלע, רעדט ער ניט קיין סאַך, ער פֿאַרשטייט אַלץ אַפֿן וואונק, ער זאָגט צוויי־דריי געציילטע ווערטער: „כאַווער בארט, זאָגט ער, מיר פֿאָרן גלייך אין טרעסט".

האקלאל, מ'איז אַוועק אין טרעסט, פֿונם טרעסט אַף דער פֿאַבריק און ווייטער אין פֿאַריין. באלאן האָט די צוויי טעג געהאלטן אין איין אַרומפֿאָרן אין זיין בריטשקעלע, פֿריימאַן איז אַלע מאָל געקומען און אַוועק, ער איז נאָך טונקעלער געוואָרן פֿאַר די טעג, מיט קיינעם אַף דער פֿאַבריק ניט גערעדט, אַ האלבן טאָג געשוויצט אַף אַ פֿארמאכטע זיצונג פֿון ביוראָ, זיך דאָרט, ווייזט אויס, צעקריגט מיט באלאנען, — דאס איז דאָס איינציקע, וואס מ'האָט זיך פֿון דער זיצונג דערוואוסט, — און פֿאַמעלעך האָט זיך אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן — ס'איז געווען א טאָג פֿיר נאָך יענער מאיסע — אָנגעהויבן אויסצולייטערן — פֿון הונדערט פֿאַרקירצטע אַף פֿופֿציק, נאָכדעם פֿון פֿופֿציק אַף צוואַנציק, און סאָפֿקאָלסאָף וועט מען קיינעם ניט פֿארקירצן, מע וועט נאָר איבערוואַרפֿן פֿון איין אַרבעט אַף אַן אַנדערער.

VII

דאָס געוועט

ווי צוועלף דרימלדיקע לייבן האָבן זיי אויסגעזען די צוועלף ניי־אראָפּגעבראכטע פֿאַלצמאשינעס. זיי זיינען שוין געשטאַנען פֿון אויבן, אינם גרויסן זאַל מיט די סאַך פֿענצטער, אַף ספּעציעלע, פֿון בעטאָן אויסגעגאָסענע, פּלאַטפֿאָרמעס, געבלישטשעט מיט ניט געריבטער נייקייט נאָרוואס פֿון פֿאַבריק ארויס. ארום איז איצט, די ערשטע פֿאָר טעג, זינט מ'האָט די מאשינעס אַוועקגעשטעלט, פֿול געווען מיט מענטשן. בא מיטאָג־פֿייף איז מען גלייך אַהער געלאָפֿן, נאָך דער אַרבעט איז שווער געווען א זיצונג צונויפֿצורופֿן. אַלע זיינען פֿון אויבן.

פֿאַר דער פֿאַבריק, וואס האָט זיך אין ליידיקע געלעכערטע קאַזאַרמעס אין שכיינעס מיט אן אַלטן קלויסטער אזוי ביסלעכווייז אויסגעבויט, אַ קאָרפּוס נאָך אַ קאָרפּוס צוגעשטעלט, א טיש נאָך אַ טיש מיט ארבעט באַוואָרפֿן און אָנגעהויבן זידן מיט פֿאַרטיעס פֿעל אַריין און פֿאַרטיעס כאָלעוועס און פֿערעדעס אַרויס, פֿאַר דער פֿאבריק איז איצט יעדע נייע אראָפּגעבראכטע מאַשין אַ דאַטע אין לעבן געוואָרן און מ'האָט דאָרט געשעענישן גענומען ציילן פֿונם טאָג, ווען מ'האָט אַ נייעם מאָטאָר אין ארבעט איינגעשפּאַנט.

ווען ס'האָט מיט אַ קנאַפּע יאָר צוריק דער טרעסט זיין בארימטן באַשלוס אָנגענומען — מעכאַניזירן אלע אַרבעטס־פּראָצעסן און דער פֿאָרזיצער פֿון

טרעסט האָט עס אַף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון ארבעטער געמאָלדן, — איז איניינעם מיט פרייד באַם אוילעם געווען אסאַך אומצוטרוי.
טשאַן איז פון דאמאָלסט אָן מעשוגע געוואָרן אַף די פאַלץ-מאַשינעס.
ער האָט וועגן זיי פאַרן קנאפע יאָר ניט אויפגעהערט צו רעדן. האָט עמיצער שוואך געארבעט, זיך געדרייט, האָט טשאַן געקאָנט צו אים צוגיין, פון אונטער זיין אַקסל א קוק טאָן אַפן טיש, איינגראָבן די גרינע קליינע אויגעלעך אין שטיקל ארבעט, וואס יענער האלט, און זאָגן: „הערסטו, כאווער, דיך וועל איך דעם ערשטן איבערפירן אַף דער פאַלץ-מאַשין".
— וואָס עפּעס מיך?
— דאָרט וועסטו זיך וויניקער דרייען. די מאשין אליין וועט אַף דיר אַכטונג געבן.
פון די מאַשינעס האָט ער פאר דעם יאָר געהאט קאַלט און ווארעמס. ס'זיינען געווען וואָכן, ווען קיינער האָט וועגן זיי מער ניט גערעדט, גלייך ווי ס'זאָל גיין אין א געשטאָרבענעם, וואס מ'האָט מוירע זיין נאָמען צו דערמאָנען.
טשאַן האט צווישן די שורעס אין צייטונג ארויסגעלייענט דעם גוירל פון די מאַשינעס.
— מ'פארקלענערט די צאָל ליצענזיעס אף אויסלענדערשער אויסארבעטונג.
— צייטווייליק אָפּגעשטעלט די האַנדלס-באַציאונגען מיט ענגלאַנד.
— פאַרהאַלטן אין אַ ענגלישן פּאָרט סכוירעס פאַר סאָוועטישע פאבריקן.
טשאַן איז נאָך יעדער אַזאַ יעדיע פון דער צייטונג געלאָפן אַ בלייכער מיט אַ פאַרשפּיצטער נאָז צום דירעקטאָר, אים געשלעפּט אין טרעסט און אים אויסגעשטאטעט אין וועג אַריין קיין מאָסקווע.
אין די געפערלעכע טעג, ווען די מאַשינעס האָבן אַף לאַנג געקאָנט פאַרהאַלטן ווערן, אָדער גאָר אַף שטענדיק אַף יענער זייט פאַרבלייבן, האָט טשאַן וויניק גערעדט, זיך שטומערהייט אַרומגעדרייט איבער דער אָפּטיילונג, אָפּגעגעבן אָנווייזונגען שטילערהייט, ווי ער זאָל נאָר וואָס פון אַ שווערער שלאפקייט האָבן אויפגעשטאַנען און היט זיך ער זאָל ניט צו הויך רעדן, זיך ניט אויפרעגן.
אין צעך האָט אין יענע שווערע טעג, ווען די מאַשינעס זיינען ערגעץ אין אַן ענגלישן פּאָרט געלעגן, דאָרט וואָכנלאַנג געגליווערט צוליב אַ נאָטע פון אַ ענגלישן מיניסטער, אין צעך האָט דאַן דעם טאָן געגעבן הערשל שאַמאַי.
— ס'זיצט, האָט ער הויך גערעדט — נישקאָשע זאָל מען הערן — א טרעסט מיט טשינאָווניקעס, ליידיקגייערס, מע פארדרייט זיך דעם קאָפּ מיט מאַשינעס — כ'וויים טאָמער אַ קאָמאַנדיראָווקעלע, אַ נעסיעלע קיין אויסלאַנד אין אַ וויילכן וואַגאָן.
באַם טיש האָט מען אים אפילע אונטערגעהאַלטן. פאַר טשאַנען און פאַר אַנדערע, ווען ס'האָט פאַר דעם ווי געטאָן, זיינען זיינע רייד געווען

ווי אַ פּאַרוואורף, אַף וועלכן מ'קאָן דערוויל מיט גאָרניט ענטפערן, — מ'מוז ביז אַ צייט שווייגן.

איצט שטייען די צוועלף מאַשינעס אַפן העכסטן שטאָק אין פאַבריק, זיינען דאָרט אין בעטאָן פעסט איינגעגלידערט און האָבן קאָנטאַקט מיט דער לעבע־דיקער קראַפט, וואָס די פאַבריק פאַרמאָגט.

באַלד וועט דער קאָנטאַקט געגעבן ווערן, און די פאַלץ־מאַשינעס וועלן אָנהויבן שלייפן דאָס לעדער, עס אָפּגלעטן — באַלד וועלן בערג פּערעדעס און כאָלעוועס אַרומרינגלען די שטומע אייזערנע לייבן.

ס'איז דאָ איצטער דאָ אַ האַלבער צענדליק אַרבעטער. מ'איז היינט פריי, אַף דער גאַס איז נאָך ליכטיק, אָנהויב פרילינג שטייט שוין אין דרויסן, און דאָך שטופּט מען זיך אין צעך, אַ קאָפּ אַף אַ קאָפּ שטייט מען, מע וואַרט אַף דער פּראָבע און פאַרשידנס הערט מען דאָ וועגן דער פּראָבע, — יעדערער האָט זיך דאָ זיין מיינונג.

באַלאָן לויפט אַלע מאָל אַריין און אַרויס. אין דעם אָנקומענדיקן פאַרנאַכט, אַ יונגן און אַ צוגעלאָזטן, זעט באַלאָן אויך אויס יונגער און היימישער. ער טומלט איצט אַביסל מער ווי געוויינלעך. זיין שטענדיקע רואיקייט איז איצט געשטערט.

ווי שטענדיק איז זיין פּאָנים איצט געקאַרבט און געקנייטשט, ווי שטענדיק לייכטן זיינע צווי קליינע ביר־אויגן און עס בלישטשעט שטאַרק שטאַרק די נאָז, וואָס שיילט זיך באַ אים, און ניט ווי טאָמיד איז יעדער קנייטש אַף זיין פּאָנים איצט אָנגעפילט מיט פרייד און ניט ווי טאָמיד טאַנצט אַ יונג פאַרשייט פייערל אין זיינע אויגן. אין אַזאַ מינוט, ווען באַלאָן איז גאָר צופרידן, ווערט ער נערוועזער מיט די אַרבעטער, גלייך ווי מע וואָלט צענומען דאָס ווענטל, וואָס טיילט אים אָפּ פון די צעכן, ער דרייט זיך איצט אַרום צווישן די סטאָסעס סכוירע, שטעלט זיך אָפּ לעם באַזונדערע אַרבעטער און קומט אונטער צו אַ רעדל, וואו ס'גייט אַ הייסער שמועס.

אין דעם פאַרנאַכט רעדט באַלאָן גאָר היימיש. און צום ביסל מענטשן, וואָס שטייט איצט דאָ אַזוי רואיק און איילט זיך ניט אין ערגעץ און האָט געדולד צו וואַרטן וויפל מע וועט דאַרפן, ווענדעט זיך באַלאָן אַף יידיש:

— לאָמיר, זאָגט ער, דערווייל ביז וואָס־ווען כאַפּן אַ מינכעלע.

דער אוילעם לאַכט. אייניקע פון דער כאָכמע, אַנדערע פון דעם, וואָס דער דירעקטאָר רעדט פלוצים אַזוי פּראָסט און היימיש.

אַן אַלטיטשקער זאָגט: „כאַווער באַלאָן, און איך האָב געמיינט, אַז איר האָט שוין פאַרגעסן יידיש ריידן"

— עך, דו נאַר איינער, ענטפערט באַלאָן, איך וועל דיך נאָך איצט אויך פאַרקויפן און אָפּנעמען געלט פאַר דיר.

— און א ביכל אַ יידיש לייענען מיינסטו קאָן איך ניט?

מע׳ שטוינט. עס קומט אויס אַזוי וואונדערלעך, וואס אזא מענטש קאָן אַפילע א ביכל א יידיש לייענען.

— איר זענט מיסטאַם א בונדאָווען אמאָל געוועץ? — שטעלט זיך א יונגער באָכער איין צו פרעגן.

— געוועזן, געוועזן, ווי דען? נאָר דאמאָלסט איז נאָך דער „בונד" געוועזן אַ רעוואָלוציאָנע פּאַרטיי.

אין רעדל איז וואַרעם, גאָר וואַרעם — און זיין איז עס — ווער ווייסט צוליב וואָס: צי צוליב דעם, וואָס מ׳עט באלד לאָזן די מאַשינעס, צי ווייל ס׳איז דאָ גלאַט איינגענעמען, צי ווייל דער דירעקטאָר באַלאָן רעדט איצט אַזוי היימיש מיט זיי און אף יידיש.

און אינמיטן אָטאָ די רעדעס האָט פּלוצים אַ זשומע געטאָן. העלע זילבערנע וואַלן האָבן זיך גענומען רייבן איינער אָן צווייטן, די דרימלדיקע לייבן האָבן אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען. יאָסעלע קארדופּ וואָס איז געשטאַנען באַ דער ערשטער מאשין, האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פּערעד, אים אַריינגערוקט צווישן דעם וואַל און קאַנטיקן מעסער, אביסל נאָכגעגעבן; דאָס לעדער האָט זיך אונטערגערוקט, זיך געלאָזט אָפּשאבן, אָפּגלעטן, ביז יאסעלע האָט עס ניט איבערגעדרייט, עס ווייטער אַרונטערגערוקט, און אַזוי פון אלע זייטן און אינדערמיט, — ס׳האָט אומעטום איין גרעב געדאַרפט אַרויסקומען, פון אַלע זייטן אַלציינס געפּאַלצט.

באַ פאָלקאָמער שטילקייט זיינען געוואַקסן בערגלעך אָפּגעפּאַלצעוועטע פּערעדעס, באַזונדערע שטיקלעך סכוירע האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין איבער דער אָפּטיילונג פון האַנט צו האַנט.

הערשל שאמאי האָט צוגעטראָגן אַ אָפּגעפּאַלצטן פּערעד צום דירעקטאָר. שווייגנדיק האָט ער אין האנט געדרייט דאָס שטיקל סכוירע, געמאָסטן די גרעב פונם לעדער אין פארשידענע זייטן און קלאָר געוויזן באלאנען, אז די גרעב איז ניט אומעטום אַלציינס.

דערנאָך איז שאמאי ווידער צוגעגאן צום פּעקל אָפּגעפּאַלצטע פּערעדעס, פון דער מיט ארויסגענומען איינעם, אים גוט באקוקט און אים מיט אַ שמייכעלע צוגעטראָגן באלאנען.

ער האָט דערביי גאָרניט געזאָגט.

באלאן האָט לאנג געקוקט, דערנאָך עס איבערגעגעבן טשאנען.

די מאַשין האָט געריסן.

מ׳האָט שוין צעשלעפּט קימאט דעם גאנצן סטאָס: די פּערעדעס זיינען אַרומגעגאן פון האנט צו האנט, מ׳האָט אַף זיי געזוכט די ריסן, און ס׳איז ניט שווער אָנגעקומען די ריסן צו געפינען.

אַף שאמאיס פּאָנים האָט געלויכטן אַן איינגעקשאַנט שמייכעלע. עס האָט געדערט וועגן מאָדנע זאַכן: אז ער גלויבט גאָרניט, אַז די פאַבריק האָט מיט די מאַשינעס בעסער געמאַכט. זי האָט בעפיירעש ערגער געמאַכט, ס׳איז שוין קלאָר, ווי דער טאָג.

— עפשער פופציק פּראָצענט בראַק, האָט ער געטאַינעט צווישן די רעדלעך מענטשן, די פאַבריק האָט שוין רעווער, די מאַשינעס צאָלן זיך שוין אָפּ.

טשאַן האָט געהייסן אָפּשטעלן די מאַשין.

מ׳האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו צעגיין. אזוי זיך שטיל ארויסגערוקט אין דער טונקעלער נאַכט אַריין, איבערגעלאָזט דאָס ביסל מענטשן אין צעך אַף נאָך אַ מאָל פּרואוון און נאָך א מאָל דורכפאַלן.

שאמאי איז צו צו טשאַנען, געהאלטן אַ שטיקל סכוירע אין האנט און געזאָגט:

— זינט מיר פאַלצן, האָבן מיר אַזאַ בראַק ניט געהאט.

— האָב צייט, האָט אים טשאַן געענטפערט, ס׳איז נאָך אַביסל צו פרי, שאמאי, צו טאנצן.

— וויסטו גאָר וואָס, — האָט שאמאי פּלוצים אויפגעלויכטן, — איך שטעל זיך מאָרגן אינדערפרי אַרבעטן באַם טיש, דו שטעל באַ דער מאַשין ווּעמען דו ווילסט, און איך שטעל איין אַ וואָך פאַרדינסט, אַז איך יאָג איבער די מאַשין אָן איין פּראָצענט בראַק.

טשאַן האָט אַף אים א קוק געטאָן און זיך פאַרוואונדערט: ס׳האָט אַצינד באַ שאמאיען געלויכטן דאָס פּאָנים, די אויגן זיינע האָבן געפייערט, קויעך האָט פון זיי געשפריצט אָן אַ ברעג.

— גוט, — האָט טשאַן אַ זאָג געטאָן, — שאמאי, דו ווּעסט כאַראָטע האָבן.

— זאָל דיך ניט אַרן! אָט זיינען דאָ איידעס.

— אָפּגעמאַכט!

און אזוי איז מען אין דעם אָוונט אַ צעה׳צטן און אַ אויפגערעגטן פאַר־טומלט געווען, דעם גראַדן סייכל געהאט פאַרלוירן, אַז מ׳האָט זיך אין דעם געוועט אָנגעכאפּט: טשאַן און שאמאי אויס אַמביציע, די איבעריקע אויס גרויסן נייגיר צו דעם, וואָס ס׳קאָן א מאַשין און וואָס א מענטש פארמאָגט צו טאָן, ווען ס׳קומט אַף אים אָן דער מעשוגאַס פון איינגעשפּאַרטקייט און אייפער.

דער הויפּט-אינזשענער איז נאָך דעם אַפּדערנאַכט געקומען אַף דער פאַב־ריק. באַלאַן אליין איז דאָס מאָל צו אים ניט געפאָרן, צו צעשרויפט איז ער דעם אָוונט געווען, פארלוירן און געפאלן באַ זיך. ווען ניט טשאַנס האַס־טיקע פאַראָרדענונגען, וואָלט מען עפשער אלץ אזוי געמוזט איבערלאָזן ביז מאָרגן אינדערפרי.

מ'האָט בוכארטשיקן און יאָסל קארדופ אויפגעזעצט אַפן בריטשקעלע און זיי זיינען אין אַ שאָ אַרום אראָפגעקומען מיטן הויכן אינזשענער, וואָס באַדינט עטלעכע פאבריקן פון דעמזעלבן טרעסט. אינײנעם מיטן אינזשענער האָט זיך אויך פון ערגעץ באוויזן דער מעכאַניק. פאַרן הויכן אינזשענער האָט גאָרניט אַזוינס פאַסירט, און אַף זיין פאָנים איז די אייגענע אומעטיקייט און אָפגעלאָזנקייט געלעגן, ווי שטענדיק אין וואָכעדיקע טעג, ווען ער דרייט זיך אַרום איבער די לאנגע זאלן און קאָרידאָרן פון פאַבריק מיט אַ אָנגעוואָקסענער באָרד שטעכעלקעס (זילבערנע הערעלעך בלישטשען פון דאָרט ארויס), מיט דער אָפגעריבענער אינזשענערישער היטל, אין דער סאַמעטענער טאָלסטאָווקע. שווייגנדיק האָט ער געקוקט אף באלאנען, וואָס איז שוין צו זיך געקומען, און אַף דעם טומעלדיקן צערודערטן טזשאַן.

אין צעך זיינען אין דער שפעטער שאָ פארבליבן פיר; פאַרבליבן דאָ אָפגעשניטן פון דער וועלט, ווי אין א ווינטער-טאָג, ווען זאַווערוכע און געדיכטער שניי פארשיטן די פאַבריק-פענצטער ביז האלב, די גאסן און טראַמוואַי-רעלסן, דאַמאָלסט מוז מען אין דעם פאַרוואָרפענעם טייל שטאָט אזוי אַמאָל צונעכטיקן אף דער פאבריק. איצט איז די אָפגעריסנקייט ניט קלענער. די פיר קאָנען איצט ניט אַוועקגיין, זיי וועלן נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן, ווידעראַמאָל פרואוון.

באלאן גייט דעם שווייגנדיקן אינזשענער נאָך פוס-טריט. בעאייס דער אינזשענער שטייט רואיק און ווייזט אָן דעם מעכאַניק, וואָס צו טאָן, בעאייס דער מעכאַניק פאָרעט זיך ארום די מאַשינעס, מוז דאָ באלאן זיין און ס'מוז טשאַן זיין; מיט איינגעהאלטענעם אָטעם קוקט מען ארויס אף יעדער וואָרט פונם אינזשענערס מויל.

אָט האָט דער אינזשענער געענדיקט באַפעלן, דער מעכאַניק הויבט זיך פאַמעלעך אויף, א שמייכל צעשפילט זיך אפן אינזשענערס פאָנים, ער שטייט אַ ווײלע און קלאפט מיט צוויי פינגער עפעס אויס אַפן טיש, נאָכדעם הייסט ער די פיר זיך שטעלן באַ די מאַשינעס. ער גיט א צייכן. סע הויבט פלוצים אין דער נאַכט שטילקייט אָן צו רוישן.

א לאנגער זשום צעלייגט זיך איבערן זאל; דער אויבערשטער מעסער, אַ שארפער ספיראל טוט זיך א דריי און אין האסטיקן פלי זעט ער אויס, ווי א לופטיקער וואל, ער רייבט אינם אונטערשטן, דעם זילבערנעם און עס קריכן איצט פון צווישן די צוויי וואלן אַרויס שטיקלעך לעדער גלאט אָפגעפאלצטע, דינער געוואָרענע. באלאן באקוקט יעדער שטיקל סכוירע, זוכט דאָרט באַם שיין פונם עלעקטרישן סנאָפ פייער, וואָס גייט פון אַסאַך לעמפלעך, ער זוכט ריסן און געפינט ניט.

שווייגנדיק הויבט ער אויף דעם קאָפ, זוכט אַפאָנים ועמען מיטצוטיילן וועגן דעם, וואָס איז געשען, ער דערזעט דעם אינזשענערס גלייכגילטיק געזיכט,

דערנאָך טשאַנען, וואָס ברענט און האָט, דאַכט זיך, היץ, גייט צו צום הויכן אָוולדיקן אינזשענער, נעמט אַריין זיין האַנט איןביידע דלאָניעס זיינע, קוועטשט זיי לאַנג און האָט ניט וואָס צו זאָגן.

יאָסעלע קארדופ פאלט באזונדער פאַר זיך אריין אין אַ מאָדנער היספּאַילעס און אין אַ פּאָר מינוט ארום, ווען די מאַשין שטייט שוין, זעצט עס פון אים אַרויס; ער צעשרייט זיך מיט אַ קאָל, ווי דאָ זאָל א טויזנט־קעפּיקער אוילעם שטיין:

— דאַ זדראַווסטוואויעט אינזשענער קראַנט!

טשאַן איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער מאַשין, עפּעס ווי ניט געגלויבט, אַז סע גייט שוין אַלץ גוט, געשטופּט אונטערן מעסער אַ פערעד נאָך אַ פערעד, מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן באקוקט יעדער אָפּגעפּאַלצט שטיקל סכוירע און נאָך ניט זיכער, אַז ער קען שוין מאָרגן אינדערפרי לאָזן די מאַשינעס זיי זאָלן זיך אַוועק זייער אומאויפהערלעכן גאַנג, האָט ער זיך פארגעסן, ווייטער געאַרבעט, ווי דער אַרבעטס־טאָג זאָל זיך ערשט אָנהויבן, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אומגעקוקט און דערזען, אַז קיינער איז שוין אין צעך ניטאָ, אַ פרישע שטערנדיקע נאַכט קוקט אריין פון דרויסן, האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין און זיך געגומען אָנטאָן, אָבער באלד זיך באקלערט, צוריק אויסגעטאָן דעם איינציקן אַרבל, וואָס ער האָט שוין געהאַט ארופגעשלעפּט, צונויפגערוקט צוויי בענק, אונטערגעלייגט די פּאַלטאָ, צוקאָפּנס — אַ בארג כאַלעוועס, און איז אזוי בא דער מאַשין, ווי אַ שוימער, פעסט איינגעשלאָפן.

דעם צווייטן פרימאָרגן האָבן זיך איניינעם מיט די עטלעכע הונדערט אַר־בעטער אויך די פאַלצמאַשינעס איינגעשפּאַנט אין אַרבעט.

צום שטארק פארנומענעם טשאַן איז צוגעגאַן שאַמאַי, אַ פרישער און שטארק אויסגערוטער און א פרעג געטאָן:

— די מאַשינעס וועלן היינט אַרבעטן?

— יאָ.

— געדענק, וואָס מיר האָבן נעכטן אָפּגערעדט.

— גיי שטעל זיך ארבעטן, איך געדענק אַלץ.

ס׳איז נאָך געווען עטלעכע מינוט פארן הודאָק, האָט שאמאי צוגערייט דעם אינסטרומענט, איצט אַף אים מער אַכט געלייגט, ווי שטענדיק, אָפּגעטאָן אַלע קליינינקייטן, ער זאָל שפּעטער ניט דאַרפן אָפּטרעטן פון ווארשטאַט.

ער האָט נאָך אַפילע צייט געהאַט אריינצולויפן צו די מאשינעס זען, ווער סע ארבעט דאָרט.

באַלד נאָכן פייף האָט שאמאי דאָס לעצטע מאָל אַ וויש געטאָן מיטן גרויסן קויטעקלעכן טיכעלע דעם האַלז, דערנאָך דעם שטערן און די נאָז, אַ גלעט

געטאָן דאָס טונקעלע גלאַנצנדיקע בערדל און א יאָג געטאָן. אין שטאַרקער פאַרנומענקייט האָט שאמאַי געדענקט נאָך אין עפּעס, וואָס האָט אים געגעבן כיישעק און קויעך צו יאָגן: קאָלזמאַן די נייע נאָרמעס זיינען ניט פעסטגע־שטעלט, קאָן מען אָניאָגן ביז פופציק פּראָצענט איבער דער נאָרמע.

טשאַן איז אלע מאָל אריינגעגאַן, פון דער זייט געקוקט אף שאַמאַיען, אַף די סטאַסעס וואקסנדיקער סכוירע, וואָס לעם אים, באַלד ארויס צו די מאַשי־נעס און געמאָסטן די בערגלעך סכוירע מיטן אויג.

ער האָט דערווייל ניט געהאַט פון וואָס אומרואיק צו זיין.

באַם טיש האָט מען שאמאַיס יאָגעניש דערזען ערשט פאַרן מיטאָג־פּייף. מ'האָט זיך פלוצים אַף אים אומגעקוקט, דערזען לעם אים א הויכן באַרג סכוירע און זיך געכידעשט.

— שאמאַי יאָגט שוין!

— ס'איז אים שוין אָנגעקומען דער טראָנץ.

— ער מיינט, ס'איז אים פאַראַיאָרן, ווען מ'האָט אים אַ פּערטל פאַרבראַ־קעוועט.

ער האָט געשוויגן, געשוויגן, נאָר נאָכדעם זיך ניט איינגעהאַלטן און איב־גאַנצן א רויטער פאַר קאָעס אָפּגעענטפערט:

— נישקאָשע, ס'עט באַ מיר זיין ווייניקער בראַק, ווי באַ דער מאַשין.

— הע, ער וויל איבעריאָגן די מאַשין!

— ער האָט זיך פאַרוועט!

— מיינע סאָנים זאָלן אזוי לעבן!

שאַמאַי האט מער גאָרניט געענטפערט, געשטיקט אין זיך דעם צאָרן. ער איז שוין שטארק מיד געווען, אַפן שטערן איז אים אָנגעשוואָלן אַן אָדער, און ער האָט דערפילט, אז מער קאן ער ניט אַזוי יאָגן, עס וועט קיין קויעך ניט סטאַיען.

ער האָט זיך קוים דערוואַרט אַפן פּייף. בעאייסן מיטאָג טאָר מען זיך סאי ווי ניט פאַרהאַלטן — די מאַשין שטייט דאַמאָלסט אויך, — קאָן שאמאַי רואיק אָפּגיין פונם וואַרשטאַט.

שאמאַי האַלט די גאַנצע צייט דעם כעשבן און בעאייס אַלע זיינען שוין פון אונטן אין עס־צימער, כאַפּט ער זיך אריין צו די מאַשינעס.

ס'איז דאָרט איצטער קיינער ניטאָ. שטיל. לעם יעדער מאַשין אַ באַרג סכוירע.

הויבט שאַמאַי אָן צו גיין פון מאַשין צו מאַשין. באַקוקט די סכוירע און דערקענט זי ניט. ציילט. פאַרפלאָנטערט זיך און הויבט ווידעראַמאָל אָן. פאַר גרויס אויפרעגונג קאָן ער בעשום־אויפן ניט איבערציילן ריכטיק, אין צע־טומלטן מויעך זיינעם גאַנוועט זיך פלוצים אריין אַ געדאַנק, אַז ס'איז דאָ אַסאַך

מער, ווי באַ אים; דער געדאַנק איז שטאַרק מעטושטעש. ער קאָן ניט איבערציילן. ער וועט שוין צוואוואַרטן ביזן סאָף טאָג, זאָלן שוין אַנדערע פאַר אים ציילן.

נאָכן מיטאָג האָט שוין די גאַנצע אָפּטיילונג געוואוסט וועגן דעם געוועט.

ס'האָט זיך יעדע שאָ עמיצער א נייגיריקער ארייַנגעכאַפּט צו די מאַשינעס, און א ווײַלע אַרום צוריק אַריין צו זיך און מיט קרייד געשריבן אַף דער וואַנט די לעצטע ציפער.

ווי באַם עלעקטרישן לאָטאָ האָט עס אויסגעזען, ווען יעדער מינוט באַווייזט זיך אַפן עקראַן א פייערדיקע רויטע ציפער.

ס'האָט נאָך געפעלט, עמיצער זאָל אינדערהויך אלע מאָל אויסשרייען די צאָל.

שאמאַי האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט, אַלע מאָל ביגנייווע געכאַפּט א קוק אַף דער וואַנט; אין קאָפּ באַ אים האָבן זיך איצט, ווי צעשראָקענע טויבן, געטומלט צאָלן, אייגענע און פרעמדע, און האָבן אים דעם קאָפּ שווער געמאַכט און דאָס געמיט שווער געמאַכט און דאָס לעבן — אומווערדיק און נימעס.

וואָס אַ שאָ ווייטער, איז די ציפער אַף דער וואַנט געוואַקסן. טשאַן איז מער שוין ניט אַריינגעקומען, נאָר צום סאָף טאָג, אַ שאָ פארן פייַף, איז ער ס'לעצטע מאָל אַריין און מיט זיין אַריינקומען איז אַף דער וואַנט א ציפער אויסגעוואַקסן, וואָס האָט שאמאַיען, ווי מיט א האַמער, דערלאַנגט איבערן קאָפּ. ער האָט עפּעס ניט פאַרשטאַנען, א פרעג געטאָן באַ אַ שאָכן:

— וויפל איז עס?

און באַלד ווידער פארגעסן די צאָל.

ער האָט פּלוצים דערזען אונטער זיך טשאַנען מיט צוויי פריילעכע אויגן, כויזעק האָט אין זיי געשפּילט. האָט עס שאמאַיען אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין. די הענט זיינען באַ אים אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט פּלוצים אַראָפּגעלאָזט דעם אינסטרומענט אפן טיש און איז ארויסגעגאַנגען. טשאַן איז אים נאָכגעגאַן. ער האָט שווייגנדיק געקוקט, ווי שאמאַי ווארפט פון זיך האַסטיק אַראָפּ דעם פארטוך, טוט אָן די פּאַלטאָ און לאָזט זיך לויפן איבערן גרויסן פאבריק־הויף צום טויער.

VIII

פון שאַמאַיס נאָטיצן

דאָס יאָגעניש האָט מיר געקאָסט אסאך געזונט. איך בין אַכט טאָג געלעגן — געכאַפּט א פארקילעכץ, צי וואָס.

איך הוסט נאָך איצטער אויך אונטער, אָבער דער דאָקטער גיט מער ניט קיין סאָצסטראַך — ס'איז באַ זיי איצטער א טאָג מיט גאָלד גלייך.

היינט בין איך ארויסגעגאַנגען צו דער ארבעט.

מיטאָג צייט בין איך אַריינגעגאַנגען אין פּאַבקאָם נאָכן ביסל סאָצסטראַך, וואָס מיר קומט פאַר די אַכט טעג. דריי מאָל אין דער וואָך קומט מיטאָג־צייט אַף דער פאַבריק אַן אַגענט פון טאָצסטראַך. ער צאָלט עס אויס די ארבעטער פאַר די אורלויב־טעג.

איך בין ניט איינער, שטייט מען אין אָטשערעד. און אַז מע שטייט, רעדט מען שוין, וויל מען וויסן, וואָס באַ יענעם אין טעפּל קאָכט זיך.

— וויפל טעג איז באַ דיר שאמאי, געווען, „סאָציאַליזם"? פרעגט מיך יאָסעלע קארדופ (אַז מע גייט ניט אַרויס צו דער אַרבעט און מע באַקומט דערפאַר סאָצסטראַך, הייסט עס באַ זיי „סאָציאַליזם").

— באַ מיר, — זאָג איך, — האָב איך מוירע ס'זאָל פון דעם סאָציאַליזם קיין לונגפעלער ניט בלייבן.

קומט צו צו מיר דער אָטשערעד, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער צאָלט אויס נאָר פאר זיבן טעג.

וואָסי? דעם ערשטן טאָג, ביז מע האָט אים אַרויסגערופן, האָט דער דאָק־טער ניט פאַרצייכנט.

אַי, מ'איז נאָכגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג נאָכן דאָקטער און אים ניט געקענט אַראָפּברענגען? (ס'איז איצט אין שטאָט אַן אונטערגאנג אף גריפ, זיינען זיי פאַרנומען) — איז עס ניט דעם סאָצסטראַכס אייסעק.

— וועמענס דען אייסעק? — פרעג איך אים.

— נאַר, נעם דערוויילע פאר זיבן טעג, — זאָגט צו מיר יאָסעלע קאַרדופ, — באַם פאָלנע סאָציאַליזם וועט מען דיר פאַרבעסערן.

אין אָפּטיילונג איז דאָ נייס; באַ אונזער טיש שטייען נייע מענטשן.

פון דער נאָרמע, וואָס איך האָב אָנגעיאָגט, האָט דעם גרעסטן נוץ געהאט די טעענבע.

אונזער זאַוועטענבע האָט אפן צווייטן טאָג געהעכערט די נאָרמע אַף 30%.

זיין גליק, וואָס איך בין געלעגן קראַנק.

— אז שאַמאי האָט געמאכט הונדערט און זעכציק, אַז די מאַשין מאַכט דריי הונדערט שטיק, קאָן מען דאָ אויך מאַכן הונדערט און דרייסיק.

אַ שיינער מאָשל!

פרעג אים, דעם גראָבן אינדעק, וואָס ליגט ער אַזוי איין די וועלט, וואָס ברענט ער אזוי? די דרייסיק שטיקלעך אַ טאָג וועלן אים שוין רייך מאַכן?

און איר מיינט, מע מאַכט ניט? מע מאַכט. אַלעמאַי יענעם טאָג, ווען עס איז געווען דאָס יאָגעניש, זיינען מענטשן, אַף מיר קוקנדיק, דערגאַן ביז הונדערט פופציק.

האָט מען כאַטש עפּעס געהאַט דערפון!

איך וועל זיך נאָך מיט אים דורכשמועסן אין אָכראַנע טרודא, — אַזוי לאָז איך עס אים ניט אָפּ.

בא אונזער טיש האָט מען זיך אָפּגערעדט, — מער ווי די נאָרמע — קיין איין איינציקן פּערעד.

ס'ט זיך יאָגן נאָך דער איבערנאָרמע, נאָך א פּארדינסטל, וועט מען דיר מאָרגן פּונקט אַף אזוי פיל העכערן די נאָרמע.

ס'איז באַ אונז יאדאכאס.

און אזוינע זאכן האָב איך ליב זיין דער ערשטער.

איך קאָן ניט ליידן קיין אַוולעס.

דער געדאנק שטאמט דאָפּ.ע פון א בעזפּארטיינעם, אָבער זייער אַ פּאר־שטאַנדיקן, אסאך מער, ווי אונזערע פּארטיינע מיט די בילעטן אין קעשעניע.

איז אָבער דאָ באם טיש כאַימל קארטון, אָט דאָס פּאסקודסטווע נעפּעשל.

אזוי בעשאסן שמועס שווייגט ער דאפּקע, באָמקעט אונטער, אָבער ס'האָט דאָך מוירע פאר נאטשאלסטווע, ס'ציטערט איימעס־מאָוועס, און וויבאלד עס דערשרעקט זיך, הויבן בא דעם אָן ציטערן די לעפּלעך פון אויערן, אוביפראט נאָך, ווען ער פּילט, אז טזשאן־זאָ־לין שטייט בא דער זייט, דרייט ער צוריק.

— ס'איז דאָ, זאָגט ער, א דירעקטיוו — פראָאיזוואָדיטעלנאָסט טרודא.

— זאָל זיך, זאָג איך, דערפאר זאָרגן דער טעענבע, נישקאָשע, זיי נעמען דאָרט פיינע סכירעס.

איז צוגעקומען א נייער שווארץ־יאָר. אַף בוכארטשיקס אָרט (אים האָט מען געגומען צו דער מאשין) ארבעט איצט א שייגעץ, מיטקע — מ'האָט אים צו אונז איבערגעפירט פון א צווייטן צעך.

יאָגט ער, ווי אַף פּארע.

גיסט א קוק צוויי אזייגער — האָ־האָ, מיין באָכער האלט שוין העט־העט וויט.

שוין לאנג אריבערגעפּוצעוועט די נאָרמע.

— יאָג, יאָג, זאָג איך, מאָרגן וועט מען דיר הויבן די נאָרמע ביז צוויי הונדערט.

— ס'ט מאכן צוויי הונדערט אויך, זאָגט ער און שמוכט.

אַ נארישער שייגעץ אזא, — „אין אָדעס, זאָגט ער, האָבן מיר צוויי הונדערט שטיק געמאכט שפּילעוודיק".

ער כאפּט פון אונז דעם עמעסן פּסאק, פון מיר דעם ערשטן, איז ער אָבער ניט קיין שרעקעוודיק קינד.

— שריי אַף דיין טאטן, זאָגט ער, שאמאיטשיק, ניט אַף מיר.

צינדט זיך אין מיר אָן דאָס בלוט. וואָס איז דאָס פאר א שאמאיטשיק? באַאַשער ער איז א לאנגער דראָנג מיט א פלאקסענער טשופרינע און איז א שייגעץ? — שאמאיטשיק — מ׳קען מיינען, כ׳האָב מיט אים פון איין קעסל קאשע געגעסן.

— וואָס פאר א שאמאיטשיק בין איך דיר? — זאָג איך, — דו סמארקאטש איינער, כ׳האָב שוין באלד אזא טאָכטער, ווי דו!

— מיר האָבן שוין אזוינע געזען, זאָגט ער, איך בין פונקט אזא טשלען פארטיע, ווי דו.

— גיי, זאָג איך אים, גיי גליטש זיך יעדן זונטיק אף קאָניקעס, מער ליגט דיר ניט אין קאָפּ.

— ניטשעוואָ, זאָגט ער, עטאָ פיזקולטורא!

ניט נאָר איך האָב צו אים טאינעס. באַם טיש זיינען אַסאך ניט צופרידן דערמיט, וואָס ער יאָגט אזוי.

— איך קאָן מאכן מער, זאָגט ער, מאך איך.

— יאָ, — זאָג איך, — דו מיינסט אוואדע מע וועט דיר אסאך אָפּצאָלן דערפאר.

נעמט ער דער שנעק — א שיין פּאָנים האָט עס — און שטעלט זיך אַוועק אונז לערנען.

— קאק אוסיאָ עטאָ, זאָגט ער, נאשע, טאק אוסיאָ ראוונאָ, טשטאָ וו נאש קארמאן.

ס׳איז בוכארטשיק נומער צוויי, נאָר דערצו נאָך א נאר און א גאָישע קאָפּ.

מאָרגן קומען צו אונז די פּאָדשעפניקעס.

מיר זיינען שעפן איבער א דאָרף, — אונזער שעף־יאטשייקע פאָרט אהין אַלע כוידעש און ברענגט זיי מאטאָנעס.

מע האָט מיר אויך פאָרגעלייגט זיך פארשרייבן, — האָב איך זיך ניט געשעמט — כ׳האָב זיי אָפּן געזאָגט:

— ס׳איז מיר ניט קיין שאָד דער פיטאק א כוידעש, נאָר ס׳איז ארויסגע־וואָרפן, ווי אפן ווינט.

אַז סאכאקל, איז זיי בעסער, ווי אונז. אָנגעשטאָפּטע גאָיִם. פון אַלדעס גוטס. סע גייט זיי אָפּ נאָר קאדאָכעס.

האָט טאַקע די יאטשייקע יענע וואָך באַקומען א בריוו פון דאָרט (מע באַ־האַלט עס, מע שעמט זיך דערמיט), שרייבן זיי דאָרט; פרישליט נאַם, קאָזש־נאָמו קאָמסאָמאָלצו, פּאָ קאָזשאַנאָי קורטצי.

מ׳איז דאַפקע באַלד געפאָרן אַהין, געזונט מאַכן דעם קאָמסאָמאָל. מ׳האָט אַהין אַוועקגעפירט א לערער און אַ פּאַרטיע ביכער.

איך האָב נאָך דאמאָלסט געזאָגט בעשאַס מיר האָבן גענומען שעפּטום: מיר זיינען אַ פּולע פאַבריק יידן, איז אויב שוין א שעף, איז אַף אַ יידיש דאָרף. אַסאַך קריסטן האָבן מיך אונטערגעהאַלטן.
זיינען דאַפקע יידעלעך אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ כקירע: טאַקע ווייל סע איז דאָ אַסאַך יידישע אַרבעטער, דאַרף מען נעמען אַן אוקראַיניש דאָרף.
סע קומט אויס — ס'איז א סגולע א קעגן אַנטיסעמיטיזם. אַז זיי וועלן, הייסט עס, זען, אַז יידן אַרבעטן באַגלייך מיט קריסטן, וועלן זיי פאַרשטיין, אַז יידן זיינען אויך מענטשן.
און איך האַלט זיך באַ מיינעם; אַ גאָי איז אַן אַנטיסעמיט. ס'איז שוין באַ אים אַריין אין בלוט און אין פלייש.

נעכטן זיינען מיט מאַזל און מיט גליק געקומען די פאָדשעפּניקעס.
צען אייזערנע שקאָצים, צוויי דידעס און איין שיקסע.
אַראָפּגעבראַכט האָט זיי אונזער מיטקע, ער איז אין דער שעף-קאָמיסיע אַ גאַנצער מאַכער, ער איז אומיסטן צוליב דעם געפאָרן אין דאָרף אריין מיט אַ טאָג פריער.
אַף א יאָנטעוו פאָרט מען צו זיי — צום ערשטן מאַי, אָדער אָקטיאַבער; — איצטער זיינען זיי געקומען אָנקוקן די פאַבריק.
מיטקע אַרבעט היינט ניט. ער גייט זיך אויסגעפּוצט אין דעם נייעם קאָסטיום און פירט זיי אַרום איבער די אָפּטיילונגען, ער ווייזט אויס יעדער ווינקעלע.
שפּעטער וועט זיי בוכאַרטשיק אַרומפירן איבער דער שטאָט.
טשאַן איז היינט שטאַרק פאַרנומען מיט זיי. צו אונז האָט ער מיט זיי אַפילע ניט אריינגעשמעקט, ס'שטייט אים, ווייזט אויס, גיט אָן, דערפאַר איז ער מיט זיי באַ די מאַשינעס אָפּגעשטאַנען א היפּש ביסל צייט.
די שקאָצים איז די מאַיסע דאַפקע געפעלן געוואָרן. איינער א הויכער שייגעץ מיט קליינע אַפן פאָנים — מיטקעס א קאָפּיע — שלאָגט פלוצים איבער טשאַנען:
— נעם אונז, זאָגט ער, אזוי ווי מיר זיינען דא צען פאַרובקעס, נעם אונז צו די מאַשינעס.
האָט ער לאַנג ניט געקלערט. טשאַן — ער טראָגט א קלוגן טשעמאָדאַן אַף די פלייצעס — און זאָגט: „אַז ס'וועט אָנקומען די צווייטע פאַרטיע מאַשינעס, זייט איר באַ אונז די ערשטע קאַנדידאַטן".
נישקאָשעדיק אַריינגעזאָגט. זיי קאָנען וואַרטן אַ היפּשע פּאָר יאָר.

מע האַלט זיך מיט זיי אין איין צאַצקען. בעשאַסן מיטאָג-איבעררייס האָט מען זיי אַריינגענומען אין עס-צימער, זיי צעזעצט באַ די טישן, צו איינעם צו צוויי באַ א טיש, צווישן די אַרבעטער און זיי געהאָדעוועט. איינער, דער

קלייענדיקער שייגעץ — מיטע מיט די ביינער — פאקט בוכאַרטשיקן — מיט אים זיינען זיי נעענטער, ווי מיט אַנדערע, ער פּאָרט אָפּט צו זיי אין דאָרף אריין, — פּאַקט אים דער שייגעץ באַם אַרבל און זאָגט: „פרעג אָן, זאָגט ער, בוכאַר-טשיק, עפשער דאַרף מען דאָ באַ אייך א קעכער, איך קאָן קאָכן אויך".

ער ברענט מאַמעש. סע געפעלט אים דאָ, ווייזט אויס, זייער שטאַרק.

נאָך דער ארבעט איז ווידער געווען מיט זיי א קלאָפּאָט.

בוכאַרטשיק און מיטקע זיינען אַרומגעגאַן איבער די אָפּטיילונגען צו די אַרבעטער זוכן פאַר די פּאָדשעפּניקעס נאַכטלעגער.

די דריי „דידעס" האָט גענומען צו זיך דער דירעקטאָר. ער האָט ווייך מעבל, וועט ער זיי דאָרט באַלייגן.

די שיקסע נעמט אונזער זשענאָטדעל. די שקאָצים איז דערווייל ניטאָ וואו-הין אַהינצוטון.

אין מיטן דרינען, בעשאַס מע ברעכט זיך דעם קאָפּ מיט די נאַכטלעגערס, קומט אַריין טזשאַן-זאָ-לין.

ער לויפט, דאָס היטל ברענט אַף אים. נאָר אז ער' דערזעט די פּאָדשעפּניקעס, שטעלט ער זיך אָפּ.

ער לאָזט בוכאַרטשיקן קיין סאך ניט רעדן, ער פאַרשטייט אפן וואונק.

— ווייסטו גאָר וואָס, זאָגט ער, און דאָס גאַנצע פּאָנים לויכט באַ אים (מיסטאַם ניספּאָעל געוואָרן פאַר די גאָים), איך טרעט זיי אָפּ מיין דירע אַף אַ נאַכט, — איכל נעכטיקן אין צעך.

קאָן איך זיך ניט איינהאַלטן. איך קען ניט ליידן קיין אוולעס.

— היט זיך, זאָג איך צו אים, קלוימערשט אין שפּאַס, היט זיך, זיי קאָנען דיר נאָך פארטיק מאכן דאָס ווייב.

אַלע האָט ער ניט גענומען, ער האָט זיך באַטראַכט; דאָס ווייב איז אים, ווייזט אויס, ניט וואָלוול אָנגעקומען.

בוכאַרטשיק איז צו מיר אויך צוגעגאַן. „ס'איז געבליבן, זאָגט ער, שאמאי איין כאַוועך, אָט דער אָ, נעם אים צו זיך".

איך האָב א קוק געטאָן אַפן הויכן שייגעץ מיטן קלייענדיקן פּאָנים, דערזען דאָס ליכטיקע טשופּרינקעלע פון אונטער דעם דאַשעק. — „ניין, האָב איך אַ טראַכט געגעבן, אָט פונקט אַזאַ שייגעץ האָט מיין ריווען דערהאַרגעט בעשאַסן פּאָגראָם, גיטעלעס צו לאַנגע יאָר אַן עלטערע שוועסטער, זי פריער געמוטשעט גוטע עטלעכע שאָ. ער, צי ניט ער, וואָס איז דער כילעק, איז עס זיינער אַ ברודער, אַ פריינטל".

— ניין, זאָג איך צו בוכאַרטשיקן, באַ מיר איז אין שטוב דאָ א יונג מיידל, זאָל ער זיך שוין זוכן ערגעץ אַנדערש נאַכטלעגער.

צוויי טעג זיינען די פּאָדשעפּניקעס געווען אַף דער פאַבריק. פאַרן אוועק־פאָרן גייט אַריין דער אַלטער צום דירעקטאָר און דערלאַנגט אים אַ קעשבן.

דער כעשבן איז ניט קיין גרויסער: צוואַנציק קערבלעך פאַר די פורן אין שטאָט אַריין.

באַלאָן האָט זיי אָפּגעשיקט צו פרוימאַנען.

מיט וואָס די געשיכטע האָט זיך געענדיקט, ווייס איך ניט.

מ׳זאָגט, אַז פרוימאַן האָט פון זיין קעשעניע אויסגעלייגט דאָס געלט.

פרוימאַן זאָגט, אַז ס׳איז אַזוינע בעדניאַקעס, אַז זיי האָבן קיין פערד ניט און האָבן געמוזט דינגען פורן פאַר געלט.

ס׳איז באַ אים, זאָגט ער, אַ סימען, אַז מיר האָבן אָנגעטראָפן אַף אַ דאָרף, וואָס דאַרף האָבן אַזאַ שעף, ווי מיר זיינען.

אַז אַלץ איז באַ אים „גאַם זע לעטויווע“. ס׳איז גאָר קיין שלעכטס ניטאָ.

IX

מיט אונז לערנט דער כאַווער באַרו.

ער איז אַ פאַרטיינע אינטעליגענט. אונזער פּאָליטשול איז פון צווייטער שטופע און דער כאַווער באַרו לייענט מיט אונז לעניניזם.

די נאַגרוזקע פילט ער אויס זייער אָרנטלעך: פאַרפעלט ניט, קומט צו דער צייט, זיצט וויפל מע דאַרף און גיט טאַקע גוט צו פאַרשטיין אויך.

באַ מיר נעמט דער מויעך ניט אַזוי גוט. דאָס פּאָליט, עפּשער דערפאַר, וואָס איך קום אַפן קרוזשאָק אַ מידער און זיץ מיט אַ הילצערנעם קאָפּ.

דאַמאַלסט ווען איך הער, פאַרשטיי איך אַלץ, וואָרום מיר מיט מיין פּראַקטיקע איז קיין שום פּאָליטגראַמאָטע ניט שווער.

פאַר איין זאַך בין איך אַף אים ברויגעז: פאַר טראָצקען.

וואו ערגעץ אַ כעט, איז אַלץ אַף טראָצקען. איך בין ניט קיין אָפּאָזיציאָנער. אָבער מיר ווערט מען ניט איינרעדן, אַז כאַווער באַרו פאַרשטייט מער פון טראָצקען.

ער נעמט זיך דערווייזן, אַז וואו אַ פעלער, וואו אַ שלעכטער גאַנג שטאַמט עס פון אים.

ווער הייסט זיך קריגן מיטן פויער? — טראָצקי.

ווער הייסט העכערן די פרייזן אַף סכוירע? — טראָצקי.

איך זאָג אים (טאַקע אַפן קרייז, ער הערט דאַפקע אויס, כאַפּט זיך ניט):

— כאַווער באַרו, זאָג איך, פאַרוואָס האָט מען זיך דערמאָנט אָט איצטער אָ וועגן דעם צו רעדן, פאַרוואָס איז טראָצקי, זאָג איך, גוט געווען דאַמאַלסט, ווען ער האָט אָפּגעגעבן באַיעוואָיע פריקאַזן אַקעגן די ווייסע, זאָג איך, — דאַמאָלסט זיינען שוין גאָר אַף דער וועלט קיין אָשיבקעס ניט געווען?

איז ווידער דאָ כאַימל קאַרטון (ער איז אויך אינם קרוזשאָק) און ווייזט שוין אַרויס זיינע קענטעניש‌ן:

— וואָס פאַרשטייסטו ניט, זאָגט ער און קוקט אין באַרוס זייט, אונזער קאָמוניסטישעסקע פאַרטיע האָט ליב, אַז מ׳גייט אפן ריכטיקן וועג, איז וויבאַלד, לאָמיר זאָגן, טראָצקי איז אַראָפּגעגאַנגען פון דעם ריכטיקן וועג, איז ער שוין ניט אונזערער און די פאַרטיע פאָסטופּאַיעט מיט אים, ווי מיט אַ פרעמדן עלעמענט.

גיט אין מיר אַ קאָך דאָס בלוט: „ווי מיט א פרעמדן עלעמענט, זאָג איך, ווען טראָצקי, זאָג איך, איז געווען וואָזשד קראַסנאַי אַרמיי, האָסטו מיסטאַם ספּעקולירט מיט זאַלץ״.

— איך, זאָגט דער פּאַסקודניאַק, האָב מ י ס ט אַ ם ספּעקולירט, און דו האָסט ג ע וו י ס ספּעקולירט. אַז דו וועסט שטאַרק וועלן, וועל איך ברענגען איידעס אויך, זיי אַרבעטן ניט ווייט פון אונז.

שוין א שטיק צייט, אַז בוכאַרטשיק אַרבעט ניט באַ אונזער טיש. ער קומט אַמאָל אריין צו אונז אין אָפּטיילונג, פרעגט אויס און גיט עפּעס צו פאַרשטיין.

ער קומט אויך אַף אונזער פּאָליט־קרייז, זיצט אביסל, הערט זיך איין און גייט אַזוי שווייגנדיק אַרויס.

ס׳איז אַזאַ מין נאַגרוזקע.

פון אַ שטיקל צייט אָן לערנט ער אונטער מיט אַ פּאָר אַרבעטער, וואס דער קאָפּ אַרבעט באַ זיי ניט אַזוי גיך אַף פּאָליט.

אינמיטן דער וואָך האָט בוכאַרטשיק קיין צייט ניט אַ גאַנצן טאָג אַרבעט ער, דערנאָך האָט ער נאַגרוזקעס און אפּדערנאַכט לערנט ער זיך.

ער וויל שטודירן אַף אינזשענער; מוז ער אסאך לערנען.

מיט אונז לערנט ער זיך זונטיק.

מע נעמט זיך צונויף באַ מיר. דריי פיר אַרבעטער זיינען מיר, וואס ס׳קומט אונז אָן א ביסל שווער דאָס פּאָליט. מע קומט נאָך א טאָג אַרבעט אַפן קרייז, אַרבעט שוין ניט דער קאָפּ, סע גלוסט זיך אַמאָל אַ דרימל טאָן, הערט מען ניט שטענדיק, וואָס דער לעקטאָר דערקלערט.

בוכאַרטשיק זאָגט, אַז דער גרעסטער אומגליק איז דאָס, וואָס מיר קאָנען ניט האַלטן קיין ביכל אין האַנט. איך, לעמאָשל, שרייב בעסער, ווי איך לייען: עפשער דאַרף איך ברילן? און עפשער? אין מיינע יאָרן איז שוין טאַקע שווער אָנצוהויבן פונם אָנהויב.

מע קומט זיך צו מיר צונויף זונטיק פאַרנאַכט, אַזוי אַזייגער פינף, און מע זיצט ביז זיבן.

מיינע גרייט צו דעם סאַמאָוואַר, ברענגט עפּעס אריין צו דער טיי — אַזוי לערנט זיך גאָר בעסער.

בוכאַרטשיק קומט צו דער צייט. פאַרקערט, ער קומט נאָך אַמאָל פאַר דער צייט. אַז איך שטיי אויף פונם שלאָף (נאָכן וואַרעמעס כאַפּ איך אַ דרעמל), דערפיל איך אים שוין אין צווייטן צימער. איך הער פונם שלאָף, ווי מע לייענט עפּעס דאָרט אינדערהויך.

אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, הער איך גיטעלעס קאָל אויך.

ער לייענט אַביסל און זי — און נאָכדעם לייענט זי און ער הערט.

די אַלטע מיינע גייט אַרום אַף די שפּיץ נעגל. זי האָט, ווייזט אויס, דערפון נחת.

פרעג זי, וואָס איז דאָס נחת?

אַז איך בין אַריין אין צימער אַריין, איז בוכאַרטשיק אַביסל רויט געוואָרן און דאָס טעכטערל — זאָלסט זאָגן, זי זאָל אַ פינטל טאָן מיט אן אויג.

— האָסט, זאָג איך צו אים, בוכאַרטשיק, שוין נאָך אַ נאַגרוזקע.

— ס'איז, ענטפערט ער און שמוכט, ניט אַזאַ שווערע נאַגרוזקע.

אַוועק איז ער היינט פריער פאַר אונז. אונז אָנגעוויזן פון דאנען ביז דאַנען און איז אַרויס. גיטעלע, דאָס האָב איך באַמערקט, איז אַוועק נאָך פריער. איך זאָל אַף דעם זיין שטאַרק אויפגעטראָגן בין איך ניט. נישט אַף אים און ניט אַף איר.

בוכאַרטשיק קומט שוין אריין ניט נאָר זונטיק, נאָר אַמאָל אינמיטן דער וואָך אויך.

די ערשטע צייט פלעג ער עפּעס אויסזוכן אַ טערעץ, איצט דאַרף ער שוין קיין טערעץ אויך ניט.

זיי זיצן ביידע אָפּ שאָענווייז אַף דער סאָפקע און שמועסן.

איך טראַכט זיך נאָר: ווי דערנעמט זיך צו אַ מענטשן אַזוי פיל רייד? נאָר זאָגן וועל איך זיי גאָרניט, איך גיי אריין אין צווייטן צימער, די אַלטע מיינע איז אויך דאָרט — ס'איז יונגע קינדער, זאָגט זי, איצט איז זייער וועלט.

זי גייט ארום אַף די שפּיץ נעגל, ווי אַרום א קימפּעטאָרן.

אַנומלטן איז בוכאַרטשיק געקומען. האָט ער גיטעלען ניט געטראָפן, נעכטן און היינט אויך דאָס אייגענע, אַזוי ווי אומיסטן.

די לעצטע טעג, אַבי זי דערפילט נאָר, אַז ער דאַרף קומען, טוט זי זיך אָן און גייט ערגעץ אַוועק.

ער זיצט אַביסל, קוקט אַריין אין אַ ביכל, און אַז ער דערוואַרט זיך ניט, גייט ער אַוועק. זי קומט אַביסעלע שפּעטער, עסט ניט גאָרניט, טוט זיך אויס און לייגט זיך גלייך שלאָפן.

די אַלטע מיינע האָט צאָרעס, זי זאָגט, אז עפּעס טוט זיך מיט גיטעלען, נאָר זי קאָן פון איר קיין וואָרט ניט ארויסבאַקומען.

זי איז איינגעשפּאַרט, ווי די וואַנט.

באַנאַכט רעדט זי פונם שלאָף, וויינט. די מוטער לויפט אַראָפּ און וועקט זי אויף.

נעכטן האָט זיך מיט בוכאַרטשיקן אף דער פאַבריק שיר ניט געטראָפן אַן אומגליק.

ער האָט באקומען אַ טעווע די לעצטע טעג — ער פארטראַכט זיך, באַקומט אַ טאַמעוואַטע פּאָנים — עפּעס אן עמעסע כאַלאַעס.

האָט ער זיך באַ דער מאַשין אויך אַזוי פאַרטראַכט, שיר ניט אריין מיט דער האַנט אונטערן מעסער, ס'האָט אים אָפּגעגליקט, ער האָט זיך נאָר צע־שניטן צוויי פינגער.

ס'איז אים א גרויסע בושע, ער שעמט זיך צו ווייזן פאר מענטשן, און ווי נאָר ער ענדיקט די אַרבעט, טראגט ער זיך אָפּ אַהיים.

פריימאַן האָט זיך צו אים גענומען טשעפּען — ער טוט ניט גאָרניט, ער האָט אָפּגעלאָזט די נאַגרוזקעס, האָבן אים די כעוורע אָפּגעבעטן, זיי זאָגן, אַז ס'איז ניט אומזיסט, מע דאַרף אים לאָזן א שטיקל צייט צורו.

היינט איז ער געקומען אין אָוונט און געטראָפן גיטעלען אינדערהיים. זי איז אינערגעץ ניט ארויסגעגאַן, זיך איינגעוויקלט אין שאַלעכל און זיך אַוועק־געלייגט אַפן סאָפּקע. וויפל די אלטע האָט זי ניט געבעטן, זי זאָל איר זאָגן, וואָס איז דאָס וויינען, דאָס זיפצן — איז אזוי ווי צו דער וואַנט.

און אַז ער קומט, גייען מיר שוין ביידע אַוועק צו זיך אין אַלקער אַריין. וואָס וועלן מיר זיך דאָ ארומדרייען.

זיי זיינען אזוי אָפּגעזעסן זייער שפּעט. איך האָב ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן, די אַלטע מיינע אַוואַדע און אַוואַדע.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אים גיטל אַרויסגעבאַלייט ביז צום טויער און אַז זי איז צוריקגעקומען, האָט זי זיך גענומען דרייען לעם דער טיר, וואָס צו דעם אלקער, אריינגעגאַן איז זי ניט, נאָר די מוטער האָט דערהערט, איז זי צו איר ארויס. ס'איז שוין ווייזט אויס, ווידער גוט, וואָרום די קליינע האָט שטילערהייט געלאַכט און שוין ניט אָפּגעלאָזט די מוטער א גאנצע נאַכט.

גיטעלע האָט אָנגעהויבן אָפטער קומען אף דער פאַבריק.

נעכטן איז זי ווידער דאָ אָפּגעווען אַ האַלבן טאָג, עפּעס האָט זיך מיט איר בוכאַרטשיק געדרייט באַם דירעקטאָר אין קאַבינעט און אין יאַטשייקע. שוין

פאַרנאַכט צו, ווען איך גיי אַזוי אַרויס פון פאַבריק, יאָגט מיך אָן דער די־רעקטאָר (ער איז עפּעס היינט ניט געפּאָרן אַפן בריטשקעלע, געגאַן צופוס) —

— זעסט, זאָגט ער, שאַמאַי, דו האָסט אַ טאָכטער, און אַנדערע זאָרגן זיך פאַר איר.

— וואָס־זשע? — פרעג איך.

— מיר נעמען זי צו אַפן פאַבריק — זאָגט ער, — מיילע, וואָס זאָלן מיר מיט איר טאָן.

— פאַר מיינעטוועגן מעג זי זיצן אינדערהיים, זאָג איך, סע פעלט איר כאָליִע אינדערהיים אויך גאָרניט.

— הע, זאָגט ער, ביסטו דאָך אַ פאַסקודניאַק, שאַמאַי. אַזאַ ווי דו, דאַרף גאָר קיין קינדער ניט האָבן.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז זי אויפגעשטאַנען פאַר מיר. איך האָב זי שוין אין צימער ניט געטראָפן. איך האָב זי ערשט דערזעען אַף דער פאַבריק, אינם פאַרטוך מיטן רויטן טיכל אַפן קאָפּ. זי האָט געשיינט. לעם מיר איז זי פאַר־ביַיגעגאַנגען, ווי פאַר אַ פרעמדן. מיילע, ווילסט זיך שוין ניט פריזנאַיען צום אייגענעם טאַטן, מאַכעטייסע.

זי שטייט אין סאָרטיראָווניע. דאָרט אַרבעטן דעריקערשט פרויען. קיין גרויסע כאָכמע דאַרף מען דאָ ניט צולייגן.

צו אַזאַ אַרבעט וועט זי עפּשער טויגן.

אַף דער פאַבריק רעדט מען ווידער וועגן ווידוויזשעניע. ס'איז דאָ אַ די־רעקטיווע פונם ראַיקאָם — אַ שטרענגע און ניט אַף אָפּצולייגן.

מ'וועט אַרויסרוקן אַרבעטער אַף שטעלעס — אין די קאָמכאָזן און אין אַנדערע ערטער — סע זיצן דאָרט פאַרשידענע סטאַראָזשימניקעס, אינטעליגענטן, וואָס זיינען מער געטריי דעם נעפּמאַן, ווי דעם אַרבעטער.

פאַר אונזער פאַבריק האָט דער פאַרקאָם אַוועקגעשטעלט אַ ציפער — 10 — צען אַרבעטער פונם וואַרשטאַט; ביז ס'איז געקומען פון ראַיקאָם — איז גע־בליבן זיבן, און איצט ווייסטו אַף דער פאַבריק קיין זיבן רעכטע ווידוויזשענ־צעס אויך ניט געפינען — האַלעוואַי ס'זאָל זיין גוטע פינף.

צוויי וועט מען לאָזן אַף דער פאַבריק — אין דער אַדמיניסטראַציע, און די איבעריקע וועט מען שיקן אַפן ראַיאָן.

היינט אינדערפרי גייט צו מיר צו דער פאַסקודניאַק, כאַימל קאַרטון, טוט אָן די פענסנע אַפן נעזל און זאָגט צו מיר פאַרן גאַנצן טיש אַרבעטער: מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט דערלאַנגט אין ביוראָ אַן אָטוואָד אַף מיין קאַנדידאַטור.

ס'האָט אים שוין, ווייזט אויס, גוט געברענט דאָס האַרץ אַף מיר, אויב ער האָט איצט אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר (מיר זיינען שוין א צייט צעקריגט און רעדן צווישן זיך ניט).

— און אז איך? — זאָג איך.

מ'האָט שוין אים עמעצער געטאָן זיין רעכט.

געבענטשט זאָלן זיין די הענט, וואָס האָבן עס געטאָן.

— אז דו? — פאַלט ער אריין אין א ווילדן צאָרן, ווערט גרין און געל און די צווי פענצטערלעך טרייסלען זיך אַף זיין נאָז — דו וועסט באַ מיר אָטווע־טשאַיען פאַר די פראָטעקציעס מיט דיין טעכטערל, וועסטו באַ מיר.

— מיט מיין גיטעלען? — זאָג איך, — אָ, זעסטו, ס'ט מיר אָפּטאָן. קענסט גיין דערציילן וואוהין דו ווילסט.

פון דעם טאָג אָן אין פון די פריערדיקע געשעפטן שטאַמט עס זיין סינע צו מיר, ער זאָל מיך קענען אין א לעפל וואסער דערטרונקען, וואָלט ער עס געטאָן.

נישקאָשע, ס'וועט אים אזוי גרינג ניט אָנקומען דער בלאָווער פאַרטוך.

גוטע ברודער האָבן מיר איבערגעגעבן, אז מ'האָט אין יאַטשייקע גערעדט וועגן מיין קאַנדידאַטור אויך.

מ'האָט מיך געוואָלט נעמען פאַר אַן אינסטרוקטאָר. א סטאַזש האָב איך — כ'אַרבעט שוין העכער דרייסיק יאָר. פאַרשטיין אין דער ארבעט, פארשטיי איך ניט ווייניקער, ווי אונזער גאנצע אַדמיניסטראַציע — איילע וועגן געטריי זיין — דאַכט זיך, אז איך וועל ניט ווייניקער זיין געטריי, ווי כאַימל קארטון.

איז דאָ פריימאַן, און באַלד האלט אים אונטער טזשאַן־זאַ־לין אין בוכארטשיק און די גאנצע קאָמפּאַניע. געזוכט און אויפגעפונען כאַטאָים.

„ערשטנס, זאָגן זיי, איז ער א קאַנדידאַט פאַרטיע און מע דארף האָבן אַ טשלען פאַרטיע, און, צווייטנס, הינקט באַ אים אַ ביסל אונטער דאָס פאָליט. זיי וועלן מיט מיר, זאָגן זיי, אַביסל צואוואַרטן.

זעסטו, איך בענק שטאַרק נאָך דעם. מ'וועט מיך אַוועקשטעלן ערגעץ פאַר א פארוואלטער. די ספּעצן מיט די בוכהאַלטערס וועלן מיך באגאנווענען און מיך וועט מען נאָכדעם שלעפּן צום סלעדאָוואַטעל. די יאַטשייקע וועט ארויפלייגן איר שטעמפּל: נע אָפּראַוודאַלסיאַ, ביסטו שוין צוגעקלאַפּט, ווי לאנג דו לעבסט. איך וועל שוין בעסער שטיין, ווי איך בין געשטאַנען, באַ די פערדעס.

מאָרגן גייען אַוועק פון פאַבריק די פינף ווידוויזשענצעס. מ'האָט געשיקט שוין ניט דאפקע קיין גרויסע בעריעס, בא אונז קוקט מען זיך אַמאָל מער אום

אַף דעם, וואָס קען זיך אונטערכאַפּנען, אָדער ווער ס'האָט א גלאַט ציגל און שטופּט זיך אומעטום.

נעכטן איז נאָך דער אַרבעט געווען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די אַר־בעטער. מ'האָט באַלייכט די ווידוויזשענצעס.

פריימאן האט געהאלטן א וואַזשנע רעדע: „בעאייסן בירגער־קריג, האָט ער געזאָגט, האָבן די זאַוואָדן אויסגעטיילט דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט, און געשיקט אַקעגן דעניקינען, קאָלטשאַקן און פּעטליורען, און איצט, ווען מיר בויען דעם סאָציאַליזם, טיילט דער ארבעטער־קלאַס אויך אויס דאָס בעסטע אַף צו באַלעבאַטעווען און אָנצופירן מיטן לאַנד".

מ'האָט געקלאַפּט בראַוואָ אזוי ווי סע פירט זיך נאָך א רעדע.

זיי זיינען אַלע פינף געזעסן אין פּרעזידיום. מ'האָט זיי געגעבן נאַ־קאָזן, — זיי זאָלן ניט פאַרגעסן, אז דער אַרבעטער שיקט זיי און ער קען זיי צוריקרופן.

זיי זאָלן זיך ניט פאַרגעסן און ניט ווערן קיין ביוראָקראַטן.

אזוי ווי מע רעדט אין אזעלכע פאַלן.

איך האָב אויך גענומען א וואָרט. מיין וואָרט איז צו זיי אזוי געווען:

— די פאַבריקע האט אייך אויסגעטיילט, מיסטאם האָט מען געפונען, אַז איר טויגט. זאָלט איר געדענקען, אז אַן אַרבעטער איז ניט מעכויעוו אַרומ־צולויפן דריי וואָכן נאָכאַנאַנד אין קאָמכאָז נאָך אַ פּאַפּירל און אנדערהאַלבן יאר ביז ער קריגט א שטיקל צימער פאר זיך און פאר זיין פאַמיליע.

טזשאַן־זאַ־לין האָט זיי געזאָגט: „באַ אונז זייט איר געווען פּרימערנע ארבעטער (מיטאַמאָל געוואָרן פּרימערנע), זאָלט איר אַף אייערע פּאָסטן ניט פאַרגעסן, אַז איר גייט בויען דעם סאָציאַליזם".

מע האָט פריער גערעכנט זיי אַונטערטראָגן א מאַטאָנע, האָט מען זיך אָנגעפרעגט אין ראַיקאָם און דאָרט האָט מען געזאָגט, אַז קיין שום פאַבריק האָט עס ניט געטאָן.

דערווייל האָט זיך די פאַרזאמלונג פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט, יעדע־רער נעמט אַ וואָרט און רעדט און רעדט. איך בין טויט הונגעריק, זיי זיינען, דאכט זיך, אויך הונגעריק, נאר אז סע קומט צום רעדן, פאַרגעסן זיי, ווייזט אויס, אָן עסן.

אז איך גיי ארויס, גייט פאר מיר בוכאַרטשיק. מיט אים האָב איך ליב אַ שמועס צו טאָן אָפט.

— ווען ס'זאָל דאָ זיין אַן אָרקעסטר, זאָג איך, וואָלט מען זיי מיסטאָמע ארויסגעפירט מיט מוזיק פון דער פאַבריק.

— וואס זשע מיינסטו, זאָגט ער, ס'וואָלט טאַקע אַזוי געווען.

— איך פֿאַרשטיי ניט די סימכע, — זאָג איך, — מענטשן גייען ווערן סאָ־וועטסקע סלוזשאַשטשעס, גייען קריגן אַ פּאַרטפעל. סיידן, זאָג איך, ס'וואַרט אף זיי א קאַבינעטל מיט ווייך מעבל מיט א לאַקיי.

— עך, שאמאי, — זאָגט ער צו מיר און קלאַפּט מיר איבער דער פּלייצע און ס'קומט אויס, ער איז דער געניטער און איך בין דער פריץ, — דו זעסט, זאָגט ער, גאָרניט, ווי דער אַרבעטער־קלאַס נעמט ביסלעכווייז איבער די גאַנצע מעלוכע־מאַשין אין זיינע פעסטע פּראָלעטאַרישע הענט.

איך זע נ י ט, און ער זעט י אָ.

היינט איז בעאייסן מיטאָג־איבערייס אין פאַבריק־הויף פאָרגעקומען אַ מיטינג.

אינדערפרי האָט מען נאָך ניט געוואוסט, אין מיטן דער ארבעט איז בוכאַר־טשיק געקומען פון ראיקאָם (ער איז איצטער אַ אגיטפּראָפּ און איז א פּאָר שאָ אין טאָג באַפרייט פון דער ארבעט) מיט אַ פּעקל פּאַפּירן. מע האָט זיך אַביסל געסוידעט אין יאַטשייקע און אין פאַבקאָם און אין א האַלבע שאָ צייט איז פאַרטיק געוואָרן דער מיטינג.

מ'האָט קוים געהאַט צייט עפּעס אָפּצועסן, איך האָב זיך געכאַפּט און זיך געוואָרגן. איך קען ניט עסן, אז מע שטייט איבער מיר און מע יאָגט מיך: עס גיכער, עס גיכער.

דער מיטינג איז צוליב דעם ענגלישן שטרייק.

אין ענגלאַנד האָבן די קוילנגרעבער אָנגעהויבן קעמפן פאַר מער לוין. ווילן די באַלעבאַטים מיסטאַמע ניט געבן, האָבן די קוילנגרעבער געמאַכט אַ שטרייק, די איבעריקע אַרבעטער זיינען אויך ארויס מיט א שטרייק צוליב, הייסט עס, סאָלידאַרישקייט. אזוי ווי בא אונז פאַר ניקאָלאַיס צייטן.

זייער פיין!

פון ראיקאָם איז קיין רעדנער ניט געקומען, האָט גערעדט בוכאַרטשיק. ער האָט זיך ארויפגעשטעלט אף א בענקל, אזוי אז אַלע זאָלן אים זען.

געהערט האָט מען אים ניט אזוי גוט. ערשטנס, רעדט ער ניט הויך און, צווייטנס, קריכן אים די ווערטער צוריק אין מויל אריין.

— אין ענגלאַנד, האָט בוכאַרטשיק געזאָגט, הויבט זיך צוריק אויף די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס וועט פאַרטרינקען די אַלוועלטלעכע בור־זשואַזיע.

לויט ווי בוכאַרטשיק זאָגט, קומט אויס, אז היינט מאָרגן האָבן מיר א רעוואָ־לוציע אף דער גאַנצער וועלט.

אַז ער איז אַראָפּ פונם בענקל איז ער געווען פאַרשוויצט. ער האָט זיך, ווייזט אויס, באַם רעדן אביסל גענערווירט.

נאָך אים האָט מיטקע — זיין שאָכן באַם טיש — זיך ארויפגעשטעלט אפן בענקל. נאָכוואָס ער, אזא לאַנגער דראָנג, האָט געדאַרפט קריכן אפן בענקל, ווייסט איין גאָט אין הימל. מ׳האָט געמוזט צו אים פאַרייסן דעם קאָפּ. ער האָט מיט צוויי פינגער אונטערגערוקט אונטערן דאַשעק דאס ליכטיקע טשופּרינקעלע זיינס און האָט גענומען לייענען די רעזאָלוציע.

ער לייענט גיך, ווי אַ וואסער. די גאַנצע רעזאָלוציע האב איך ניט איינגע-הערט, נאר דער סאָף איז געווען, אז מיר אלע אַרבעטער פון פסר״ר דאַרפן אונטערהאלטן די ענגלישע אַרבעטער.

דערווייל איז באַלאַן אונטערגעקומען פון שטאָט מיט אַ נייס. ער האָט געבראַכט א פרישע בלאַט און מ׳האָט אים גלייך געגעבן דאָס וואָרט:

— כאַווײרים, האָט ער געזאָגט, ס׳זיינען דאָ פרישע נייסן: די דייטשע און אנדערע קוילנגרעבער וועלן אויך אונטערהאלטן די ענגלישע אַרבעטער, — זיי וועלן ניט לאָזן. אַראָפּפירן קיין ענגלאַנד קיין קוילן.

מ׳האָט שטאַרק געקלאַפּט בראַוואָ, מער פון אלץ דאס יונגוואַרג. מיין טעכ-טערל אויך צווישן זיי. זי איז שוין דאָ גאָר אַ מאַכערן. און מע האַלט דאַפּקע פון איר.

און אזוי ווי סע זאָל זיין אָפּגערעדט, טרעט איצט ארויס טושאַן מיט אַ פּאָר-שלאַג: „אזוי ווי מיר, ארבעטער פון ראַטנפאַרבאַנד, זיינען געוואוינט צו העלפן ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר מיט מאַיסים, און אַזוי ווי די ענגלישע אַרבע-טער וועט אויסקומען לאַנג צו שטרייקן (ער ווייסט שוין אַז לאַנג), זאָלן מיר זיי העלפן מיט געלט אויך, זייערע פאַמיליעס הונגערן — זאָלן מיר איין טאָג אַרבעטס-לוין געבן פאַר די שטרייקנדע.

האָט איר געמעגט זען: אַזוי האט מען אים דאכט זיך ניט איבעריק ליב, טושאַן-זאָ-לינען (ער זאָגט, אַז נאָר די קוסטאַרעס, — דאָס מיינט ער אונז), האָט איר געדאַרפט זען, ווי נאָך זיין וואָרט איז עפּשער אַ צענדליק אַרבעטער איינס נאָך׳ס אנדערע ארויף אפן בענקל און זיך געשוואוירן בא וואָס איר ווילט, אז ער וועט העלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך איז דעם ענגלישן אַרבע-טער-קלאַס דערפירן די זאַך ביזן סאָף.

וועגן אָפּגעבן א טאָג פאַרדינסט איז שוין אָפּגערעדט.

סע זיינען אָפילע געווען שנעקעס (סע קאָסט זיי אסאך), וואס האָבן פאַר-געלייגט, מע זאָל אָפּגעבן צוויי טעג, נאָר דאָ האָט שוין פריימאַן אליין גע-זאָגט, אז ס׳איז צו פיל.

איך ווייס ניט, דאכט זיך, אז בא אונז איז אויך דאָ וועמען צו העלפן, — קאַרג ארבעטסלאָזע דרייען זיך בא אונז ארום און האָבן ניט וואס צו עסן, נאָך וואָס מע דאַרף זוכן נויטבאַדערפיקע אזש אין ענגלאַנד, איז מיר ניט אינ-גאַנצן קלאָר.

נאָר איך וועל פון אלע ניט אָפּשטיין. אז ס׳הויבט זיך אויף א גאַנצע פאַבריק מיט הענט, הויב איך אויך.

נאָך דער אַרבעט איז די גאַנצע פאַבריק געגאַנגען אף דער דעמאָנסטראַציע צום פּאַרקאָם.

די פלאַקאַטן מיט די פאָנען זיינען שוין געווען צוגעגרייט פון פריער.

ווען איך האָב זיך בעשאס דער ארבעט אַראָפּגעכאַפּט אין פּאַבקאָם, האָב איך דאָרט דערזען מיין גיטעלען אַף די קני שמירן אַ פלאַקאַט.

זי האָט מיט רויטער פאַרב געפארבט די אויסיעס אף א לאָזונג.

ווייזט זיך אַרויס — מע האָט זי מיט אַ שאָ פריער באפרייט — זי קען מאָלן אויסיעס, שלעפּט מען זי אלע מאָל אין פאַבקאָם.

מע האלט פון איר זייער אַפן פאבריק.

אף דער דעמאָנסטראַציע האָב איך ניט שטאַרק געוואָלט גיין. איכל בעסער פריער קומען אַהיים. ס׳איז אזוי אויך אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, האב איך גערעכנט — איכל ארויסגיין אינײנעם מיט אלע און אַפן וועג וועל איך ניט בלייבן.

בין איך אָבער ארויס אַפן הויף און דערזען די גאנצע פאבריק איז דאָ, יעדערער איז אפן אויג, וויל איך ניט זיין קיין אויסנאַם און גיי שוין אויך.

אונזער פאַבריק האָט ניט קיין אָרקעסטער, זיינען מיר געגאַנגען מיט נאָך אַ פאַבריק אינײנעם. פאָרויס די מוזיק — אַזוי גייט זיך גאָר בעסער.

מיין גיטעלע האָט געטראָגן אַ פלאַקאַט מיט גרויסע רויטע אויסיעס.

— זעסט, זאָגט צו מיר מיטקע, שאמאיטשיק, דיין טאָכטער ווערט אַ לייט.

איך וויל זיך מיט אים איצט ניט שטעלן קריגן, נאָר כ׳האָב אים דאַפקע געזאָגט: „זי איז פריער אויך געווען אסאך לייטישער פאר דיר״.

איך האָב צו איר איצט קיין טאַינעס ניט: וואס זי פאַרדינט, גיט זי אָפּ אינדערהיים.

נעכטן פּאַקט מיך פריימאַן, רופט מיך אַוועק אין אַ ווינקל און זאָגט צו מיר: „שאמאי, מ׳האָט איבערגעגעבן אין יאַטשייקע, אז דו האָסט ניט געוואָלט נעמען קיין פּאָדשעפניק אף נאַכטלעגער, ווייל ער איז ניט קיין ייד — ס׳איז עמעס?״

גיי זאָג אים דעם עמעס, וועט ער באלד דערפון מאכן אַ גאנצן געשעפט, בא אים ווערט דאָך פון א פליג אַ העלפאַנט.

— ס׳הויבט זיך אַפילע ניט אָן, — זאָג איך, — איך ווייס ניט, ווער סע האָט דיר אָפּגעטראָגן אַזאַ גראָבן ליגן.

— אויב אַזוי וועלן מיר עס אויספּאָרשן, זאָגט ער, און פון זיינע אויגן קוקט אַף מיר אַ יאַם כשאד.

— פאָרש אויס, זאָג איך, און איך טראָג זיך אָפּ.

אַ גרופּע אַרבעטער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו אין וואַנטצייטונג, אַז אַזאַ פאַבריק, ווי אונזערע, וואָס האָט פּאַראַיאָרן געהאַט דריי הונדערט און פופציק אַרבעטער און איצט שוין באַ די פינף הונדערט, וואָלט שוין געמעגט האָבן אַן אייגענעם אָרקעסטער. נו, און געלט?

ליגן זיי פאַר דעם פאַבקאָם, ער זאָל זיך נעמען דערצו, וועט זיין געלט אויך. מוזיקאַנטן וועט באַ אונז אַף דער פאַבריק אויך ניט פעלן.

וואָס זשע, זיי זיינען ניט גערעכט? ווען מ'נעמט צונויף די פאַרשיידענע סבארן, צי דאָס, וואָס די פאָדשעפניקעס קאָסטן אָפּ אַ יאר (מ'האָט ערשט יענע וואָך אַהין געשיקט הונדערט מעטער לייוונט אף ווינדעלעך פאַר די יאַס־לעס), וואָלט שוין באַ אונז געווען אַן ארקעסטער, פונקט ווי ס'האָט די האַלצ־פאַבריק די שיך־פאַבריק און אַנדערע זאַוואָדן.

נעכטן איז די פראַגע געשטאַנען אַפן פאַבקאָם. איך בין דאָרט אויך געווען.

זיצן דאָרט עפּשער צען מיטגלידער מיטן קאָפּ־מענטש בארט אין דער שפּיץ און דרייען זיך די מויכעס, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן די צוויי טויזנט קאַרבן פאַרן אָרקעסטער.

מע גיט פאַרשיידענע אייצעס, איינע ווילדער פון דער אַנדערער, עס איז אַלץ אַזוינע זאַכן, וואָס פון דעם וועט קיין אָרקעסטער ניט זיין.

איינער זאָגט: „וואָסקרעסניקעס", אַ צווייטער זאָגט: דריי מאָל צו איבע־ריקע צוויי שאָ אַרבעטן און נאָך אַזוינע אייצעס.

נעם איך אַ וואָרט און זאָג: איך ווייס ניט, נאָך וואָס מ'דאַרף אַזוי לאַנג כקירען — און דער טרעסט וואו איז? און דער פאַריין וואו איז? אַף טויזנטער נאַרישקייטן איז דאָ, אַף שעפּן איז דאָ, אַף פאָנען סטאַיעט — אַלץ פונם אַרבעטער? פון איין בער צען פעלן? איז דערפאַר, וואָס איך זאָג זיי דעם עמעס אין די אויגן, בין איך באַ זיי אַ דעמאַגאָג און וואָס אין דער קאָרט.

— וויפל פאַרדינסטו, שאמאַי, אַ וואָך? — פרעגט מיך בארט.

— וואָס הייסט וויפל איך פאַרדין, זאָג איך, וואס נעמסטו עפּעס מיך? ס'איז דאָ נאָך אַסאך אַזוינע ווי איך.

— זעקס קערבלעך א טאָג, זאָגט אים עמעצער אונטער.

איז ער ניט פויל אַף דער פען באַרט, מאַכט באַלד אַפן טיש מיטן בלייער דעם כעשבן און זאָגט: אף דיין כעשבן, שאמאַי, וועט זיך אָנעמען פונקט פיר קאַרבן.

היינט האָט מען אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דורכגעפירט: דער טרעסט און דער פאַריין גיבן העלפט און אַ העלפט וועט זיין פון דריי סובאָטניקעס צו צוויי שאָ.

איך פאַרשרייב זיך אין אָרקעסטר. איך בין בעאייסן דינען אַ יאָר געווען אין מוזיקאַלנע קאָמאַנדע, איך האָב געשפילט אַף אַ קלאַרנעט. זיי וועלן נאָך מאַכן קונצן, מיך ניט וועלן פאַרשרייבן — אַז באַ יעדער זאַך איז באַ זיי דאָ ליובימטשיקעס — וועל איך זיי מאַכן דעם גרעסטן סקאַנדאַל.

מאָנטיק איז באַ אונז געווען אַ יידישע פאַרזאַמלונג. דעם פאַבקאָם און דער יאַטשייקע קומט עס ניט גרינג אָן ביז מ'רופט צונויף אַזאַ פאַרזאַמלונג: אַף אַלצדינג איז דאָ אַ צייט — אַף פאָרן אין דאָרף אַריין, אַף גיין צו די רויטאַרמייצעס אין לאַגער אַריין — מיין קליינע האָט שוין אויך אָנגעהויבן אַהין גיין — נאָר אַז ס'קומט צו אַ יידישער פאַרזאַמלונג סטאַיעט ניט קיין צייט.

מע צעלויפט זיך: דער אין פאָליקליניק, באַ דעם איז דאָס ווייב קראַנק — טערוצים פון דער וועלט.

אונזער נאַצמען האָט שוין אַ מיטל: ער שטעלט זיך אַוועק באַם טויער און קערט אום דעם אוילעם צוריק. דאָס מאָל איז די פאַרזאַמלונג גראַדע ניט אָנגעקומען שווער. מ'איז זיך צונויפגעקומען, עמעס אַ האַלבע שאָ נאָכן הודאָק. מ'איז באַ אונז גרויסע פריצים געוואָרן, ביז מ'טוט זיך איבער, ביז מ'וואַשט זיך אָפ, אַנדערע האָבן זיך געמאַכט אַ מאָדע יעדן טאָג נעמען אַ באָד — געקומען איז אַ היפש ביסל מענטשן. ס'איז געווען געפאַקט. איך טו אַ קוק — ס'איז דאָ מיטקע, ס'איז דאָ טקאַטשוק, דער מיט די גרויסע וואָנצעס (ער שטייט מיט מיר באַ איין טיש), ס'איז דאָ די טאַנקאַליטיכע, וואָס אַרבעט מיט מיין גיטעלען אין סאָרטיראָווניע. וואָס טוען זיי דאָ? ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי זיינען אויך טשלענעס פון „געזערד" און אַזוי ווי היינט וועט מען רעדן וועגן „געזערד" זיינען זיי, די אַקטיוויסטן, געקומען הערן.

זייער פיין!

— נו, און וואָס וועלן זיי דאָ פאַרשטיין? פרעג איך, אַף אַ יידישער פאַרזאַמלונג.

— אָט שטעל זיך טאַקע אַנידער, זיי מויכל, שאַמאַי, זאָגט צו מיר טשאַן, שטעל זיך לעם זיי אַנידער און פאַרטייטש זיי.

— זוך זיך אויס, זאָג איך, אַ בעסערן דאָלמעטש, ווי איך.

דער פון דער יידסעקציע האָט אָפגעוואַרט אַ היפשע האַלבע שאָ, ביז מע האָט אָנגעהויבן די פאַרזאַמלונג.

אין פרעזידיום האָט מען, מיסטאָם פאַר יוצא־זיין, אַריינגעזעצט די טאָנקאָליטעכע אויך (זי איז דאָרט געזעסן און געפינטלט מיט די אויגן).

דער רעדנער איז אַרויף אַף דער טריבונע. מיט די פינף פינגער אַ קעם געטאָן אַרויף די קודלע האָר, זיך אויסגעהוסט און געוואָלט אָנהייבן, זיינען אָבער באַ אונז שוין דאָ געדונגענע שרייערס —

— רעדט אף רוסיש, רעדט אַף רוסיש, ס'זיינען דאָ רוסישע כאַווייִרים.

ער האָט געמוזט צומאַכן דאָס מויל נאָך איידער ער האָט עס געעפנט — אַ ברייִרע האָט ער געהאַט! מיטקע בייגט זיך צו מיר אָן און פרעגט מיך אַפן אויער: שאַמאַי, וואָס שרייט מען?

אַביסל פאַרשטייט ער, דאַכט זיך, נאָר אַז ער דערוואוסט זיך, וואָס מע שרייט, ווערט ער פלוצים אַ ליטישער מענטש, שטעקט ארויס צוויי פינגער און נעמט אַ וואָרט (און מע הערט אים דאַפקע, פונקט, ווי ס'זאָל אַ שטייגער רעדן גאָר אַ וואַזשנע פאַרשוין):

— ניטשעוואָ, זאָגט ער, פוסקאַי, זאָל ער רעדן אַף יידיש, ס'איז דאָ אַלע יידישע אַרבעטער, און אונז וועט אַ כאַווער שטילערהייט פאַרטייטשן אַף רוסיש.

וואָס זאָגט איר אַף דעם ליטישן מענטשן — קליינערהייט מיסטאַמע געפאַשעט כאַזיירים און געשריגן יידישע קינדער „זשיד פאַרכאַטע, אַ רועך אין דיין טאַטן".

דער יידסעק האָט זייער שיין גערעדט. אַ פיינער יונגערמאַן, ווייזט אויס. רעדן רעדט ער זייער גיך, ווי אַ וואַסער, און זייער טיף יידיש. שוין צו טיף, אַזוי ווי אין די ביכלעך. פאַרוואָס רעדט ער ניט פּראָסט אזוי ווי איך? איך האָב די שווערע ווערטער דאפקע געוואָלט פאַרשרייבן איך זאָל אים נאָכדעם פרעגן, האָט ער זייער געכאַפּט, אַז איך האָב אים ניט געקאָנט אָניאָגן. און דער גאָיעץ מיטקע, אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, ווערט מיטאַמאָל גאָר סעריאָזנע, שטייט און הערט און לאָזט קיין איין וואָרט ניט דורך, אזוי ווי ער זאָל אַלץ פארשטיין, שאָקלט אַלעמאָל מיטן קאָפּ אף יאָ. דאָס פלאקסענע טשופּרינקעלע טאנצט אים דערבײַ אונטער אַפן שטערן — ער פּאַדאקעוועט אים, הייסט עס, און אז דער יידסעק ענדיקט, קלאפּט מיטקע און די טאָנקאַליטיכע גלייך מיט אַלע „בראַוואָ".

נאָכדעם, אז מ'פארגיט פונם אוילעם פראַגעס, גיי איך צו צום רעדנער (נאָך אַרבעטער האָבן אים ארומגערינגלט, זיי פרעגן בא אים עפּעס) און זאָג צו אים: כאַווער פון דער יידסעקציע, איר וועט מיר מויכל זיין, נאָר אזוי ווי איר זייט שוין דאָ באַ אונז אף דער פאַבריק, וועל איך אייך עפּעס פרעגן.

ער ווישט זיך די גלעזלעך פון דיברילן און וואַרט איך זאָל אים פרעגן.

— פאַרוואָס, פרעג איך, קומט אָן אַן ארבעטער אזוי שווער אָפּצוגעבן זיין קינד אין אַ שולע?

— שווער? פאַרוואונדערט ער זיך, דאָס ערשטע מאָל הער איך עס.

איך דערציי̈ל אים אויס די מאַיסע מיט מיין שוועסטערקינדס יאַטל מענדע־לען, ווי אזוי מ׳האָט אים ניט געוואָלט שיקן אין דער שול, וואוהין דער פּאָ־טער וויל.

— פארוואָס? — פרעגט ער.

— זיי שיקן אים, — דערציי̈ל איך אים — ווי דער עמעס איז, אין אַ יידי־שער שול.

— וואָס־זשע איז אייך שלעכט? — פרעגט ער מיך.

— וואָס הייסט שלעכט, — זאָג איך, — ער איז שוין באַלד אלט אַכט יאָר, מ׳האָט א גאַנץ יאָר צו אים געהאַלטן א לערער, ס׳האָט אָפּגעקאָסט 150 קארבן, מ׳האָט אים פּאַדגאָטאָוועט, דאָס קינד לייענט ווי אַ וואַסער, וויל מען אים ניט צונעמען.

— נו, און יידיש קען ער? — פרעגט ער מיך.

— ווי דען, ער קען ניט? זאָג איך, ער קען.

— נו, איז גוט, זאָגט ער, וועט ער לערנען אין אַ יידישער שול, ער וועט קענען רוסיש אויך.

איך טאַינע מיינס, ער זאָגט זיך זיינס. איך זע, אז ס׳איז אַ מאַיסע אָן אַ סאָף, מע רופט אים שוין צום טיש.

— דערלויבט מיר, — זאָג איך צו אים און אַרום שטייען אַרבעטער און מע האַלט מיך דאַפּקע אונטער, — דערלויבט מיר, — זאָג איך — אייך אַוועק־שטעלן א קלײנינקע פראַגע, אַ ליטשנע, זאָג איך:

— אייער קינד וואו לערנט? אין אַ יידישער שול, צי אין אַ רוסישער?

— איז ער געוואָרן רויט און נאָכדעם אַביסל בלאַסלעך, און דער אוילעם אַרום איז צופרידן — געטראָפן אין סאַמע פּינטל אַריין.

— איך, — זאָגט ער, — פארשטייט איר מיך, וואוין אין אַ קריסטלעכן הויף, די ניאַניע רעדט רוסיש — מיט איין וואָרט טערוצים אָן אַ סאָף.

זיין נעס איז געווען, וואָס מ׳האָט אים אַוועקגערופן צום טיש ענטפערן אַף די צעטעלעך. און אַז ער האָט אָפּגעענטפערט, האָט ער זיך אַלץ גערדרייט צווישן די „קעפּלעך” און איז ניט געבליבן אונטער די הענט.

X

נעכטן רופט דער דירעקטאָר אַריין צו זיך אין קאַבינעט בוכאַרטשיקן. ער הייסט ארויסגיין דעם פּאָם, דעם סעקרעטאַר, ער פארמאַכט אונטער זיך די טיר און הייסט זיך בוכארטשיקן צוזעצן.

נאָכדעם הויבט ער עפּעס אָן צו זוכן אין שופלאד און אין שאַפע, זוכט און זוכט און געפינט ניט גאָרניט און בוכאַרטשיק זיצט אַלץ און וואַרט.

סאַפּקאָלסאָף זעצט זיך באַלאַן אַנידער, ווערט זייער סעריאָזנע, קימאַט ברוי־געז, און זאָגט: „גרין, (בוכאַרטשיקס פאַמיליע איז גרין) דאָס אַרטיקעלע וועגן מיר וועט אין וואַנטצייטונג באַ דיר ניט גיין".

בוכאַרטשיק האָט זיך, ווייזט אויס, צום אָנהויב אַביסל דערשראָקן און גאָר־ניט געענטפערט, דאמאָלסט האָט דער דירעקטאָר ווייטער געזאָגט: „און אויב דו לאָזט עס, איז אַפן צווייטן טאָג דיין פוס דאָ ניטאָ".

האָט זיך בוכאַרטשיק געגעבן אַ הויב אויף, — איר'ט עס אַף אים גלויבן! — דאכט זיך אזאַ ניונקעלע, אַזאַ ווייכער מענטש, האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף, איז געוואָרן מאָלע רעציכע און א זאָג געטאָן: „מירן נאָך זעען וועמעס פוס ס'וועט דאָ זיין, כאוועך באַלאַן! — און איז ארויס, און אריין אין יאַטשיי־קע און מ'האָט מיט פריימאַנען פארמאַכט די טיר אונטער זיך. וואָס ס'איז דאָרט געווען, ווייס איך ניט, נאָר די גאַנצע פאַבריק קאָכט און אין רעדקאָ־לעגיע האָבן זיך א שיט געטאָן אָן א שיר זאמעטקעס אַף באַלאַנען — ס'איז דאָ געגנוג וואָס צו זאָגן וועגן אים — און לאָמיר זעען — אַזוי זאָגן אַלע — צי מ'וועט זיך פארן דירעקטאָר דערשרעקן און זיי ניט דורכלאָזן.

נאָך דער ארבעט איז געווען א ביוראָ טאַקע וועגן דער מאַיסע מיט באַ־לאַנען און בוכאַרטשיקן.

בוכאַרטשיק האָט די מאַיסע איבערגעגעבן וואוהין מ'דאַרף. די ביוראָ איז געווען אַ פארמאַכטע, נאָר באַ אַ גוטן ברודער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מ'האָט די מאַיסע צעריבן, ס'פּאַסט ניט פאר דער פאַבריק, מ'טאָר ניט וואַרפן דעם אַווטאָריטעט, נאָר כעוורע זיינען געווען ניט צופרידן, ס'האָבן זיך ארויס־געוויזן אַנדערע באַליאַטשקעס, רופט מען היינט צונויף דעם פּאַרטיינע אַקטיוו.

כ'ווייס ניט, צי הייס איך אויך אין אַקטיוו און צי כ'מעג אַף דעם אַקטיוו זיין.

נעכטן אַרום פיר אזייגער איז אַף דער פאַבריק אַראָפּגעקומען עפּשער אַ צענדליק „אָטועטסטוועננע". דער גאַנצער ראַיקאָם, און פון פּאַרקאָם, און קאַקאַ, — דאָס איז אַלץ אפן אַקטיוו.

זיי האָבן זיך צעשיט איבער דער פאַבריקע, אָבער מער פון אַלץ זיינען זיי געווען פון אויבן.

אזוי איז שוין שטענדיק: אַז סע קומען אַראָפּ די „קעפּלעך", גייט מען ניט גלייך צום ארבעטער, מ'לויפט פריער צום דירעקטאָר, אין יאַטשייקע, מע הויבט זיך אָן שושקען, סוידען.

איר גייט בעסער אַראָפּ אין צעך, טוט אַ רעד מיט אַן אַרבעטער, פרעגט אים אַף אַלע זיינע באַליאַטשקעס — וועט איר וויסן, וואָס איר דאַרפט טאָן.

קימאַט אַ האַלבע יאַטשייקע איז געווען אַפן אַקטיוו. איך בין אויך צוגעגאַן, כ׳האָב געוואָלט הערן וואָס און ווען, איז בא דער טיר געשטאַנען מיטקע. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דער טשופּרינקע און מיך גענומען דאַפּראַשע-ווען (ער ווייסט, אַ ברייערע ניט): ביסט אַ קאַנדידאַט, שאַמאַי, צי אַ טשלען פּאַרטיע?

— און אַז אַ קאַנדידאַט, זאָג איך, דאַרף איך ניט וויסן, וואָס אַף דער פאַבריק טוט זיך?

— היינט, זאָגט ער, איז נאָר פאַר טש־עני פּאַרטיע, ס׳איז אַן אַקטיוו.

מיילע, איך, ווי איך, כ׳וועל סיי ווי וויסן, און באַליידיקן זיך אַף מיטקען איז ניטאָ וואָס: אַ יונגער שקאָץ, וואָס איז זיך מעכאַיע, אַז ער קען אַ יידן זאָגן: פּאַשאָל וואָן. נאָר אָט איז באַלד נאָך מיר צוגעגאַן מאַרטע טאָנקאָלי-טיכע, האָט ער איר אויך געמאַכט אַזאַ באָרעך־האַבע, איז זי אַ נערוונע, נעמט זי און פאַרקאַטשעט אָטאָ דאָ אָ טאַקע בא דער יאַטשייקע אַ היסטע-ריקע.

דאָס, וואָס זיי פאַרמאַכן זיך אַף די אַקטיוון און ביוראָען איז אַן ארויסגע-וואָרפענע זאַך: נאָך דעם זעלבן אָוונט ווייס איך שוין, וואָס דאָרט איז געווען און אַפן צווייטן מאָרגן ווייסט עס שוין די גאַנצע פאַבריק. פאַר קיין מאַסע וועסטו ניט פאַרבאַהאלטן!

נאָך דעמזעלבן אָוונט טאַקע האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט צו א גוטן ברודער, האָט ער מיר דערציילט אַלץ פון אַלעף ביז טאָף.

מ׳האָט דעם דירעקטאָר דאַפקע לעכאַטכילע אָנגעהויבן דעקן, ס׳זיינען ארויס-געגאַן פּאַרטייצעס און גענומען אויסשיטן אַלץ, וואס אפן האַרצן, האָט באַלאַן גענומען אַ וואָרט פאַר אַ זאַיאַוולעניע, פאַרשניצט דאָס צינגעלע און געזאָגט, אַז אויב אַזוי, אויב ס׳איז צו אים ניטאָ קיין דאָווערייע ניט ווי צו קיין דירעקטאָר ניט ווי צו קיין פּאַרטייעץ, קען ער מער קיין דירעקטאָר ניט בלייבן און גיט מאָרגעדיקן טאָג אָן אין פאַרקאָם מע זאָל אים פונדאַנען צונעמען.

האָט נאָך אים דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם גענומען א וואָרט און אָנגעהויבן דרייען מיטן דישל צוריק, — אַז טאַקע עמעס, נאָר יעדער מענטש קאָן אַמאָל אַ טאָעס האָבן און אַזוי ווייטער. און בוכאַרטשיק האָט פּלוצים אויפגעהויבן אַ האַנט און מ׳האָט אים ס׳וואָרט דאַפקע גלייך געגעבן. ער איז פּלוצים געוואָרן גוט און פרום און גענומען ציען אַף צוריק, אַז עס איז אַזוי גאָר ניט געווען געזאָגט, זיי האָבן זיך ביידע געהיצט, מאַלע וואָס מע כאַפּט זיך אמאָל אַרויס, און ער געדענקט שוין גאָרנישט, ווי אַזוי ער האָט אים געזאָגט, — מיט איין וואָרט מ׳איז ווידער שאָלעם געוואָרן — פאַר דער מאסע איז דער

דירעקטאָר באַלאָן ווידער דערזעלבער ווי געווען. ס'איז גאָרניט ניט גע־שען.
נאָר די מאסע קען באַלאַנען בעסער, ווי דער אַקטיוו מיינט.

פאַרנאַכט, אַז בוכאַרטשיק קומט צו גיטעלען און זיי זעצן זיך אַוועק אַף דעם סאָפקעלע שמועסן, זאָג איך צו אים:
— זעסט, זאָג איך, ס'האָט בא דיר געסטאַיעט פּולווער פונקט אַף א האַל־בער שאָ.
מאַכט ער זיך טאַמעוואַטע:
— וואָס פאַר אַ פּולווער? זאָגט ער, איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט.
— מיטן דירעקטאָר, זאָג איך, האָסט זיך צו גיך דערשראָקן פאַר אים.
לאַכט ער:
— נישקאָשע, ער האָט צוגעזאָגט, אַז מער וועט זיך אַזוינס ניט איבער־כאַזערן.
— וואָס זשע, דו ביסט דער ערשטער? זאָג איך, אַז אַנדערש קען ער גאָר ניט. ער פילט זיך דאָ ווי אַ פאָלנע כאַזיאַין.
מישט זי זיך אַריין, די קליינע.
— טאַטע, זאָגט זי, ביסט, דאַכט זיך, אַ פאַרטייעץ, איז וויבאַלד די פאַר־טיע האָט אים אַוועקגעשטעלט אַף דער אַרבעט, טאָרסטו ניט וואַרפן זיין אַווטאָריטעט.
דערפאַר איז וואָס? טאָר איך דעם עמעס ניט זאָגן?

דער פאַבקאָם האָט מיר געגעבן אַ נייע נאַגרוזקע. מ'האָט מיך אויסגעטיילט אין אַ לאַוקאָם. מ'האָט מיר געגעבן באַ אונז אין ראַיאָן אַ מאַנופאַקטורנע סאַראַבקאָאָפּ. אין דעם סאַראַבקאָאָפּ בין איך פאָלנע באַלעבאָס, קען קומען אַפילע אינמיטן דער נאַכט, זיך הייסן ווייזן די ביכער, די קאַסע, זעען צי מע שטייט ריכטיק אין אָטשערעד, צי די פּריקאַזשטשיקעס באַהאַנדלען גוט די קוינים. איבערמאָרגן איז זונטיק, גיי איך אַהין אַריבער אַף א גאַנצן טאָג.

היינטיקן זונטיק בין איך געווען אין סאַראַבקאָאָפּ. כ'האָב געוויזן דעם מאַנ־דאַט, האָט מען מיך אויפגענומען זייער שיין. גאָר אַ פיינער זאַוו, ער האָט מיר אַלצדינג אויסגעוויזן, געפירט אַפן סקלאַד (ס'זיינען דאָרטן דאָ גרויסע סקלאַדעס מאַנופאַקטור), מיך באַקאַנט געמאַכט מיטן געשעפט, די איבעריקע זיינען אויך וואוילע מענטשן. איך קום אָפּט אַריין. פאַר מיר איז יעדער ווינ־קעלע אָפן, פונקט ווי פאַרן זאַוו.

היינט אַרבעטן מיר ניט. ס'איז עפּעס א יאָנטעוו, נאָר דער סאַראַבקאָאָפּ איז אָפן.

איך האָב היינט דעזשורעט פון עלף ביז פיר, געפּאַקט איינעם מיט א פרעמדן טשלענסקע בילעט און באַ אים צוגענומען דאָס ביכל.

אסאך קוינים קענען מיך שוין: זיי ווייסן, אַז איך דעזשורע, וועט שוין זיין אָרדענונג, קיינער וועט ניט געקריוודעט ווערן, וואָרום כ'האָב פיינט אַוולעס.

אין סאָראַבקאָאָפּ האָט מען מיך אינזינען, אַז עס קומט אָן אַ נייע פּאַרטיע סכוירע און ס'טרעפט זיך עפּעס אַ גוט שטיקל געוואַנט, קלינגט מען מיר אָן אַף דער פאַבריק, איז אויב ס'געפעלט מיר, שיקט מען עס מיר צו אין קערן גלייך אַהיים.

סע שפּילט באַ זיי אַ ראָלע אָן אָטרעז סכוירע!

יענע וואָך האָט זיך פריימאַן אַף דער פּאַרטפאַרזאַמלונג געקלאָגט, אַז די פּאַרטייצעס זיינען ווינציק פאַרבונדן מיט די קאָמסאָמאָלצעס, גייען ניט אַף זייערע פאַרזאַמלונגען און גיבן ניט די קאָמסאָמאָלצעס קיין וואָספּיטאַניע, וואָס עלטערע פּאַרטייצעס וואָלטן געקענט געבן.

האָט אים געענטפערט אַן עלטערער אַרבעטער — אַרויסגעכאַפּט באַ מיר פון מויל: — זיי לאָזן זיך ניט לערנען, פריימאַן, האָט ער געזאָגט, זיי האַלטן זיך פאַר קלוגערע פון אונז. נעם פּרואוו, אשטייגער, זאָגן אָט אַזאַ קאָמסאָמאָלעץ עפּעס, ביסטו ניט גאַראַנטירט, אַז ער וועט דיך ניט אָפּזידלען, דיך ניט אָפּ-ליאַפּען פון קאָפּ ביז די פיס מיט ביזוינעס, ביפראַט נאָך, אַז דו טרעפסט אָן אַף א שישקע, עפּעס אַן אָטוועטסטווענע — ביסטו ניט זיכער מיטן לעבן.

איז ווער דאַרף עס און ווער וועמען פעלט עס.

איך גיי קיינמאָל ניט אף זייערע פאַרזאַמלונגען, נאָר היינטיקן מיטוואָך וועל איך גיין, מ'האָט באַ אונז אף דער פאַרזאַמלונג אַזוי אָנגענומען, אַז עלטערע פּאַרטייצעס זאָלן אַהין גיין אַ קוק טאָן, ווי אַזוי מע פירט זיך דאָרטן אוף און טאַקע פרואוון זיי עפּעס אָנווייזן — איילע זיי וועלן ניט הערן — מיר דאַרפן אונזערס טאָן.

מ'האָט מיר געזאָגט, אַז היינטיקן מיטוואָך נעמט מען אריין מיין גיטעלען אין קאָמסאָמאָל. זי גרייט זיך שוין ד'ערצו עטלעכע כאַדאָשים, בוכאַרטשיק גרייט זי, זיי זיצן אָפּ גאַנצע אָוונטן אָדער אין שטוב אף דער סאָפּקע, אָדער דרויסן אין סעדל (ס'איז שוין אָנהויב זומער — מאַי כוידעש).

כ'וויל אַפילע ניט שטאַרק ליידן, — ער איז טאַקע א וואוילער באָכער, אָבער ביז צוועלף באַנאַכט איז איבער דער מאָס. מישט זיך אַריין נעכע, — איז וואָס וועל איך זיך מיט איר שפּאַרן, — ס'איז ווי אין דער וואַנט אריין.

— טשעפּע זי ניט, זאָגט נעכע, ער גרייט זי אין קאָמסאָמאָל, טאָמער פאַר־גיט מען איר נאָך א פראַגע און זי ווייסט זי ניט – וועט איר זיין א גרויסער ביזאָיען.

איך בין היינט געווען אף דער קאָמסאָמאָלסקער פאַרזאמלונג, קיין עלטערע פאַרטייצעס זיינען ווידער ניט געקומען. בוכארטשיק איז דאָרט יאָ געווען, נאָר ער איז נאָך אזא שנעק, ווי זיי.

א הו־האַ, א טומל – אף טויב צו ווערן.

וואו דערנעמט זיך צו זיי אַזויפיל קויעך, אַזוינע געזונטע העלזער, אַזוינע פּיסקאַטשעס!

מ׳האָט מיך דאַפקע גוט אויפגענומען, מיר געמאַכט אן אָרט לעם פענצטער, ניט ווייט פון פרעזידיום, גאָר פיין.

— וואָס קומט אַרויס, זאָג איך, וואָס איר באַזעצט מיך דאָ אַזוי פיין, אין דעם יאריד וועל איך סיי ווי גאָרניט הערן.

— נישקאָשע, זאָגן זיי, אז מ׳וועט אָנהויבן, וועט ווערן שטיל.

בוכארטשיק האָט זיי געהאַלטן אין איין איינשטילן. ס׳האָט אים, ווייזט אויס, ניט געפאַסט, וואָס זיי קאמאנדעווען אַזוי. שעמט מען זיך דאַפקע פאַר אים נישט און מע ענטפערט אים, אז קאָלזמאן די פארזאמלונג האָט זיך נאָך ניט געעפנט, מעג מען צווישן זיך רעדן.

אַ שיין רעדן!

מיטקע איז דאָ אויך דאָ. עפּעס פון דער היץ (ס׳איז שוין גאַנץ הייס) איז ער געוואָרן קלייענדיק און ער שוויצט.

— דו ביסט, זאָג איך, אויך דאָ; צווישן יידן, זאָג איך, ביסטו א ייד און צווישן יונגוואַרג – א קאָמסאָמאָלעץ.

— און דו, זאָגט ער, שאמאיטשיק, ביסט געקומען זען, ווי מע וועט דיין טעכטערל היינט צונעמען אין קאָמסאמאל?

— זיי ניט, זאָג איך צו אים, קיין פּאַסקודניאַק, וואָס פאר א שאמאיטשיק בין איך דיר, האָב כאָטש צווישן יונגוואַרג אַביסל דערעכערעץ פאר אן עלטערן כאַווער, א ראַבאָטשי און א פּאַרטייעץ.

— פּראַווילנא, – זאגט ער, גיט א רוק אַראָפּ ס׳היטל נידעריקער אַפן שטערן, – ביסט גערעכט, שאמאי, אָט זעסטו, זאָגט ער, איך פאַרמאַך ס׳מויל און שאַ!

— שטום זאָלסטו שוין ווערן, זאָג איך אַף יידיש, און ער שמוכט, ער פאַר־שטייט, ווייזט אויס, און ס׳טוט אים האנאָע.

גיטעלע האָט זיך פאַרזעצט אין א ווינקל. זי איז בלאַס, רעדט ניט מיט קיינעם, זיצט און קוקט אַריין אין א צייטונג. איך ווייס ניט, צי זי זעט, אז איך

בין אויך דאָ, און אפילע, אז זי זעט, איז עס אַזאַ אַקשן, אז זי וועט זיך צו מיר איצטער ניט פריזנאַיען (אף דער פאַבריק רעדט זי מיט מיר ניט אויס קיין צוויי געציילטע ווערטער). בוכארטשיק גייט אלע מאל צו צו איר. ער טישעט זי, ווייזט אויס, ווארום, אז ער רעדט מיט איר, ווערט זי לעבעדיקער און באַקומט גאר אן אנדער פאָנים.

מ׳האָט אָנגעפּאַקט א פולן פּרעזידיום מיט קאָמסאָמאָלצעס. זיי זיצן צונויפגעפּרעסט, ווי קינדער אין א גרוזאָוויק בעאייס א יאָנטעוו. פון די פּארטייצעס האָט מען גענומען מיטקען. פון די עלטערע פּאַרטייצעס בין איך דאָ דער עלטערער, נאָר מ׳האָט עס ניט געטאָן, ווייזט אויס, ווייל היינט גייט דורך גיטעלע אין קאָמסאָמאָל — פּאַסט ניט. די פאַרזאמלונג גייט באַ זיי, פּונקט ווי באַ די גרויסע.

מ׳האַלט לאַנגע רעדעס, מ׳נעמט ווערטער אָן א שיר (20 מענטשן האָבן זיך פאַרשריבן צום וואָרט), און ביז ס׳הויבט ניט אָן פריען דאָס זיצפלייש, דערפילט מען ניט, אז ס׳דאַרף שוין אַמאָל נעמען א סאָף.

ווער עסן, וואָס אָפּרו!

פון בוכארטשיקן האלטן זיי שטאַרק. ער איז ניט אין פּרעזידיום, נאָר ער זיצט אַף א שטול באַם טיש. מיט אים איז זיך דער פּאָרזיצער אלע מאָל מעיאַשעוו, און אויב דער אוילעם פאַרשטייט עפּעס ניט, אויב מ׳דאַרף עפּעס אַ מאָשל פון מאַרקסיזם אָדער לעניניזם, הויבט מען אָן צו קלאַפּן מיט די הענט: „דאַיאָש בוכאַרטשיקאַ״! גייט ער ארויס חויבט אויף די האנט צום אוילעם, מאַכט א סעריאָזנע פּאָנים, ווערט מען רואיק. דאַמאָלסט גיט ער זיך אַ ווישׁ דעם שטערן (אין זאַל איז הייס און דושנע) גיט אַ לויף מיט די ליכטיקע אויגן איבער דעם יונגוואַרג און רעדט.

און אַז בוכאַרטשיק רעדט, איז דאפקע שטיל. דאָס יונגוואַרג האָט אים ליב.

דעם אויפנאַם לייגט מען אָפּ אף צולעצט. אף דעם קוקן אלע ארויס מיט גרויס אינטערעס.

דער סעקרעטאַר רופט אויס די פאמיליע, ער הייסט דעם יאַט זיך אויפשטעלן אלע זאָלן אים זען. נאָכדעם נעמט זיך אף אים שיטן אַ האָגל מיט פראַגן, גלייך, ווי ס׳זאָל ערשט זיין זיבן אַזייגער אינדערפרי, נאָר וואָס געקומען אויסגערוטע פון דער נאַכט. וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגעס: ס׳וואָלט געפּאַסט מ׳זאָל זיך ניט קענען איינס ס׳אַנדערע אויסגעבונדן. אַזוי איז מען נאָענטע כאַווײרים, און אַז סע קומט צום אָנעמען אין קאָמסאָמאָל, ווערט מען פלוצים אָפיציאַלנע.

— כאַווער, מיט וואָס האָט זיך פאַרנומען אייער פאָטער?

— וואָס האָט איר געטאָן ביזן זיבעצנטן יאָר?
— וויפל צייט אַרבעט איר אַף דער פאַבריק?
גאַנצע מענטשן, מ׳מאַכט נאָך די גרויסע.
מיינע איז די לעצטע. זי זיצט אין א זייט און שווייגט.
מ׳האָט זי דאפקע ניט קיין סאַך געהאלטן.
דער פאָרזיצער האָט ווייזט אויס געוואָלט איך זאָל איר געבן אַ כאַראַקטע־ריסטיקע (ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אָן מיין זייט), נאָר בוכארטשיק האָט אים עפּעס איינגעראַמט אין אויער, האָט ער אַפילע ניט געפּרוּווט מיט מיר רעדן. קיין פּאָליט האָט מען זי ניט געפרעגט, מ׳ווייסט, אַז בוכארטשיק איז איר לערער, ווייסט זי שוין מיסטאמע מער, ווי מע דאַרף.

איך האָב זי געוואָלט פּאָזדראַווען, האָט זי זיך אַלץ געדרייט צווישן יונג־וואַרג, האָט עס מיר ניט געפּאַסט.
פון דער פאַבריק איז זי אַוועק מיט אַ קאַמפּאַניע, נאָר נאָכדעם איז זי און בוכארטשיק פון דער קאָמפּאַניע אָפּגעשטאַנען.
איך האָב זיי אָנגעיאָגט.
— וואוהין גייט איר? — האָב איך זי געפרעגט.
זי האָט ניט געענטפערט, נאָר בוכארטשיק האָט געזאָגט; „מיר גייען אַפן בערגל, אַביסל אָטעמען פרישע לופט״.
איך האָב אָפּגעטראָטן אין אַ קלייטל, געקויפט אַ פונט באַרן און זיי אָנגעיאָגט.
— נאַט, האָב איך געזאָגט, קינדער, איר האָט היינט מיסטאמע אַ גאַנצן טאָג אין מויל ניט געהאַט.
זי האָט גענומען דאָס שקאַרמיצל און עס איבערגעגעבן בוכאַרטשיקן.
אז איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין טראַמוואַי, האָב איך דורכן פענצטער געזען, ווי ער האָט זי געפירט אונטער דער האַנט אַפן בערגל אַרויף און מיט איר עפּעס שטאַרק איינגעטאַינעט.

מיר האָבן אַף איר דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט געוואַרט. ס׳איז שוין צען, ס׳איז שוין עלף. איך קען ניט גיין שלאָפן, ס׳הויבט מיך שוין גאָר אָן אַרן די מאַיסע. סאָפּקאָלסאָף איז מען דאָך נאָר אַ מענטש. מ׳ווערט מיד, נאָך צוועלף גיי איך שלאָפן. שוין אין בעט זאָג איך צו מיין נעכען: „נעכע, זאָג איך, מ׳דאַרף זיך אָנהויבן צוקוקן צו אונזער גיטעלען, דו ביסט אַ מאמע, איך בין אַ גאַנצע וואָך פאַריאָגט״.
ענטפערט זי מיר: „כ׳האָב מוירע, אַז דאָס צוקוקן זיך וועט שוין ניט העלפן, זי איז שוין אַ גאַנצער סאַמאָסטאַי און פרעגט ניט באַ קיינעם קיין אייצע״.

כ׳האָב שוין געהאט געכאפּט דעם ערשטן דרימל, האָב איך דערהערט — מ׳קלאַפּט אין טיר. איך בין אַראָפּ, אָנגעצונדן די שיין און איר געעפנט. זי האָט עפּעס אויסגעטראַכט אַ טערעץ, איך האב באַלד דערקענט, אַז ס׳איז אַ ליגן. באַם שיין האָב איך זי דערזען א מידע, מיט טונקעלע פּאַסן אונטער די אויגן און א פּאָנים פול מיט רויטלעכע פלעקן און עפשער בין איך געווען פאַר־שלאָפן און ס׳האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן.

איך בין צוריק געגאַן שלאָפן. א צווייט מאָל האָב איך זיך ווידער שפּעטער אויפגעכאַפּט, האָב איך געהערט, ווי גיטעלע דרייט זיך אַפן געלעגער פון איין זייט אף דער אַנדערער.

איך האָב צו איר געשיקט די מוטער, נאָר נעכע האָט זיך באַלד צוריק גע־קערט: „גיטעלע שלאָפט שטאַרק און געשמאַק״.

היינט האָט מען מיר פון מאנופאַקטורנע סאראבקאָאָפּ אָנגעקלונגען אף דער פּאַבריקע בעשאַסן מיטאָג, אז ס׳איז געראַדע דאָ צוויי אָטרעזן סכוירע: איינער אַף א זומערדיקן קאָסטיום, א רעשטל, אין קעסטעלעך, און דער צווייטער — אַ מאַרענגאָ. איך בין אַוועק פריער פון דער ארבעט און זיך אַראָפּגעכאַפּט אין קלייט אַריין. דארט איז עס שוין געלעגן אָפּגעלייגט, פאַרפּאַקעוועט. זיי וויסן שוין, וואָס מיר געפעלט.

און מענטשן זיינען דאָס אַזעלכע אין קלייט, אז קיינער וועט דערפון ניט וויסן, מ׳צעפּויקט ניט, ווארום טאָמער קומט עס אָן אף דער פּאַבריק, — מ׳סלע־דירט, נישקאָשע, גוט נאָך נאָכן לאווקאָם, — וועט מען באַלד דערפון מאַכן אַ גאַנצע מאיסע, מ׳וועט עס אזוי צעבלאָזן, אז איך וועל עס אויסקרענקען מיט פּראָצענט.

האָב איך אָבער אַן אייגענעם שפּיאָן אין שטוב: מיין קאָמסאמאלקע. זי איז געקומען אביסל שפּעטער פאַר מיר פון דער ארבעט, אַריין אין שטוב אַריין און נאָך איידער וואָס־ווען, האָט זי דערזען דאָס פּעקל. כ׳האָב דאַפקע גע־זאָגט נעכען זי זאָל עס צונעמען. און אז דאָס טעכטער־ל האָט עס דערזען, האָט זי זיך ניט געפוילט, עס צעוויקלט, א קוק געטאָן אף מיר און געפרעגט: „וואו האָסטו גענומען די אָטרעזן סכוירע?״.

מאַך איך זיך ניט הערנדיק, און זי שטייט און וואַרט. פּלוצים דערזעט זי דעם כעשבן מיט דער פירמע פונם סאראבקאָאָפּ (זי קען דעם נומער, אונזער פּאַבריק איז צוגעפעסטיקט צו דעם סאראבקאָאָפּ) און זאָגט: „ד י מ י נ ו ט זאָלסטו אָפּטראָגן די סכוירע אין קלייט אַריין, אַנישט ווייסט מאָרגן די גאַנצע פּאַבריק״.

— זאָל זיין שטיל, זאָג איך צו איר, שריי ניט. ס׳איז מיר א בושע פאַר די שכיינים.

ווערט זי מאָלע רעציכע, די צורע ווערט אַזש באַ איר רויט: „דער גאנצער פאַבריק, שרייט זי, איז אָנגעקומען דרייסיק קאָסטיומען, נעמסטו זיך פון דער זייט צו גאַנצע צוויי?!

ניט זי שרייט אף מיר, נאר איך דערהער שוין אין קאָל באַ איר א קוויטשיקל: אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען.

לאָז איך איבער דעם וואַרעמעס, נעם דאָס פעקל, זאָג גאָרניט און גיי מיט דעם אַרויס פון שטוב.

זאָל זי מיינען, אז איך גיי אין סאראבקאָאָפּ. איך האָב איין אָטרעז אָפּגעטראָגן צום שניידער נייען, דעם צווייטן האָב איך איבערגעלאָזט באַ א גוטן ברודער.

ער וועט זיך אויך דערוואַרטן, ס'איז גיך אָסיען, און די צעטראָגענע מיינע וועט קלוגער ווערן און פאַרשטיין און וועט ווערן אויס מעשוגענע אידעאַליסטקע.

באַם וואַרעמעס גייט צו מיר צו מאליאוטשיק, דער וואָס מיטן קרומען פיסל, און זאָגט צו מיר (ער רעדט שטיל, ער וויל ניט מ'זאָל הערן: — „ווילסט, שאמאי, לייענען א טאַינע דאָקומענט, קום היינט צו מיר אין אָוונט אף דער קוואַרטיר"; ער זאָגט מיר אָן ווי אַזוי און ווען. דריי מאל אָנקלאַפּן אין טיר און אז מ'וועט פרעגן „ווער", זאָל איך ענטפערן: „איך".

איך האָב אים דאַפּקע צוגעזאָגט, אַז איך וועל קומען, נאָר נאָכדעם האָב איך כאראַטע געהאַט, איך בין ניט באַוואָרנט, אַז עמעצער וועט עס מאָרגן ניט אָפּטראָגן אין יאַטשייקע.

היינט האָט מען אונז אין צעך געלייענט דעם מאַניפעסט. ס'איז א מאַניפעסט וואָס דער ציק האָט ארויסגעגעבן פאַר די אַרבעטער און אויך פאַר די פויערים. ער האַלט צען פונקטן. אונז זאָגט מען צו צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג ביז 7 שאָ. א שאָ ווייניקער אַרבעטן. באלאן זאָגט, אַז דאָס איז אף דעם, דער אַרבעטער זאָל זיך אויסרוען און קענען בעסער אַרבעטן. באַ אים איז באלד פראָיזוואָדיטעלנאָסט טרודא.

בוכארטשיק זאָגט, אז די שאָ איז געגעבן געוואָרן דעם אַרבעטער־קלאַס, ער זאָל זיך אָנעמען מיט מער וויסנשאַפט און קולטור.

מאליאוטשיק איז דאָ אויך דאָ. ער איז אומעטום דאָ מיט זיינע מאַטעריאַלן. און אויב ער פאַספּייעט ניט, איז דאָ עמעצער פון זיינע כעוורע פריער שטעלט ער באלאנען און בוכאַרטשיקן (זיי זיינען די דאָקלאדטשיקעס) א פאָר פראַגן:

ערשטנס, פאַרוואָס האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז דער צעקא קלייבט זיך איינפירן דעם זיבנשאָעדיקן אַרבעטס־טאָג און, צווייטנס, פאַרוואָס האָט מען ניט געפרעגט זיי, די אָפּאָזיציע, און נאָכדעם נעמט ער ערשט א וואָרט און זאָגט, אז דאָס איז ניט מער, ווי א פאָרטעל אנקעגן דער אָפּאָזיציע, — אַז דער אַרבעטער־קלאַס וויל עס גאָר ניט, און אז ס'וועט דערפון סיי־וויסיי גאָרניט אַרויסקומען — מיט איין וואָרט, ער איז אַקעגן. ער איז שטענדיק אַקעגן און איז איצט אויך אַקעגן.

האָט מען אים דאַפקע הײנטיקס מאָל ניט געענטפערט, וואָרום אַלע ווייסן שוין, אז מאַליאַווטשיק מוז זיין אַקעגן אַפילע ווען ער איז פאַר.

בוכאַרטשיק פלאַנעוועט שוין געוויס נאָך א פּאָר קרייזלעך צו מאכן. ער זאָגט, אַז דער אַרבעטער וועט איצטער אַפן אָרט פון 4 אזייגער ענדיקן די אַרבעט 3, האָט ער צייט אי זיך אָפּצורוען, אי צו זיין אין א קאָמיסיע, אי צו לערנען.

ס'איז צו אַ ברייטער כעשבן. פאַר איין שאָ קען אלץ אָפּטאָן נאָר איין בוכאַרטשיק. באַ אים ברענט אלץ אונטער די הענט.

מ'דערציילט באַ דער אַרבעט, אַז באַלאַן האָט צווישן אייגענע מענטשן גע־מאַכט אַזאַ כעשבן: פופצן מינוט וועט מען אָפּרייסן פונם רויכערן (באַ אונז איז דאָ צוואנציק מינוט, ווען מ'גייט רויכערן און נאָך נאָך אנדערע קלייניקייטן). „נישקאָשע, זאָגט ער, מ'וועט זיך אָפּגעוואוינען". וואַרעמעס נאָר דריי פערטל שאָ, אַביסעלע וועט מען דערגרוזיען די נאָרמע — וועלן מיר קענען איבערגיין אַף זיבן שאָ. ער אַרבעט שוין אַפילע אויס אזא פלאַן. אונז זאָגט מען נאָך ניט, אָבער אַז מ'וועט אונז ניט פרעגן, וועט סיי־וויסיי גאָר ניט זיין.

אויב אזוי קירצן, דאַנקען מיר זיי אַלע דערפאַר. מירן שוין בעסער (אַזוי טאינען אלע), מירן שוין בעסער אַרבעטן ווי פריער, אַכט שאָ.

דער אַלטער יאנקל גייט צו צו מיר (ער איז שוין באַ זיבעציק און דאַרף גיך גיין אַף פענסיע), גלעט זיך די ווייסע באָרד זיינע, וואָס איז אים שטענ־דיק אויסגעשמירט מיט עפּעס, און זאָגט צו מיר: (ער איז א בעזפּאַרטיינע, די פּאַרטיע איז שוין ניט פאַר זיינע יאָרן): „זאָג זיי, זאָגט ער, שאמאי, אַז אויב זיי וועלן אונז אזוי איינשפּאַנען, מ'זאָל פון טיש ניט טאָרן אָפּטרעטן אַף קיין מינוט, איז א דאַנק, — זאָל שוין בעסער זיין, ווי פריער".

אַף דער פאַבריק פאַרקאָכט זיך א קאַשע. היינט נאָך דער אַרבעט איז געווען אַ בירורָ. האָט מאַליאוטשיק און נאָך אָפּאָזיציאָנערן געוואָלט ארייגגיין, האָט פריימאן זיי געבעטן אַרויסגיין, איז מאַליאוטשיק דאַפקע ניט קיין שפּעטנע יונג און זאָגט: „דערווייל, זאָגט ער, בין איך נאָך א טשלען פאַרטיע אַזוי ווי

דו, און אין פּאַרטיינע אוסטאוו איז ניטאָ אזא פּונקט, אז קיין פּאַרטייעץ טאָר ניט זיין אַף דער ביוראָ".

פּאַלט פּלוצים פרײמאַן אַף אַן אײיצע און זאָגט: „די ביוראָ, זאָגט ער, איז אַ פּאַרמאַכטע, נאָר פּאַר מיטגלידער פון ביוראָ".

— נו, און מיטקע, און טשאַן און אַנדערע?

פּאַסט אים שוין ניט, און ער הייסט אַלעמען אַרויסגיין.

מאַליאַווטשיק גייט מיט מיר איצטער יעדן טאָג אהיים. ער קען מיך ניט דער־יאָגן, ער הינקט און גייט מיט א שטעקל, מוז ער אונטערלויפן, איך האָב אַ גיכן שפּאַן.

די מאַיסע פּעלט מיר ווי אַ לאָך אין קאָפּ. מ'עט מיך גלייך מאַכן פּאַר אַ אָפּאָזיציאָנער, נאָר מיר איז פּאָרט ציקאַווע צו הערן, וואָס מאַליאַווטשיק דערציילט.

מאַליאַווטשיק זאָגט, אז נאָך א צוויי־דריי כּאַדאָשים אַרום וועלן אַלע זען, אַז די אָפּאָזיציאָנערן זיינען גערעכט.

— וואָס זשע וועט זיין? — פרעג איך.

— וואָס ס'וועט זיין? ס'וועט, זאָגט ער, ווערן אויס אָטשערעדן, ס'וועט זיין גרעסערע פּאַרדינסטן, ס'וועלן זיין דירעס, מאַנופּאַקטור, וואָס דען — אַזוי ווי איצט? דער ארבעטער איז דען איצטער באַלעבאָס?

איך האָב היינטיקע וואָך דערלאַנגט א מעלדונג אין יאַטשייקע מ'זאָל מיך איבערפירן אין פּאַרטיי.

זיי וואָלטן זיך אליין אַף דעם געדאַרפט אומקוקן, — איך בין שוין א היפּש שטיקל צייט קאַנדידאַט. מ'האָט מיך צוגענומען נאָך מיטן צווייטן לענינסקע פּריזיוו, אַן ערעך א יאָר אַנדערהאַלבן צוריק, גענוג שוין געלעגן. איז עס דאָך אָבער שאַמאַי, — קיין סאָנים פּעלט מיר דאַנקען גאָט ניט — מאַרינירט מען מיך און מ'מאַרינירט מיך און ווען איך דול זיי ניט דעם קאָפּ, וואָלטן זיי מיך נאָך איצט אויך ניט איבערגעפירט. פרײמאַן אליין איז צו מיר צוגעגאַן און זאָגט מיר: גיב אָן, שאַמאַי, א מעלדונג אַפן ביוראָ, וועלן מיר זען.

איך האָב אָפּגעוואַרט עפּשער א שאָ, ביז מ'איז דערגאַנגען צו מיר, ביז מ'האָט מיך אריינגערופן אַפן ביוראָ. דאָרטן זיינען זיי אַלע געזעסן, מ'האָט מיר אַלע גענומען שטעלן פראַגעס. אַף דעם זיינען זיי ספּעצן.

נאָכדעם הויבט זיך אויף יאָסעלע קאַרדופּ, דאָס ליטוואַקל, און זאָגט (ער איז אויך געווען אַף דער זיצונג): מ'זאָגט, סאַמאַי, (ער רעדט מיט דער סין) אַז דו האָסט ניט געוואָלט נעמען אַף נאַכטלעגער דעם פּאָדסעפּניק, צטאָ־לי?

ווידער אויפגעמישט די אַלטע מאַיסע.

פריימאַן האָט אָנגעצילעוועט אַף מיר די קורצזיכטיקע אויגן און קוקט אַף מיר אַזוי ווי ער וואָלט וועלן פון מיר עפּעס ארויסזויגן.

— ענטפער, זאָגט ער, שאַמאַי, מ׳האָט דיך עפּעס געפרעגט.

— כ׳האָב דיר שוין דאַמאָלסט געזאָגט, ענטפער איך, און דו האָסט געהאַט אַ ברייטע אויסצופאָרשן.

אַף מיין גליק איז בוכארטשיק ערגעץ געהאַט ארויסגעגאַן און מעגלעך, ווען ער זאָל דאָ זיין, וואָלט ער עפשער די גאַנצע מאַיסע ניט געדענקט.

קיין פאַליט האָט מען מיך ניט געפרעגט.

נאָכדעם האָט מען מיר געהייסן אַרויסגיין. כ׳האָב אָפּגעוואַרט אין קאָרידאָר אַקעגן אַ פּערטל שאָ (אַ גוטער ברודער האָט געדאַרפט ארויסגיין און מיר זאָגן דעם רעזולטאַט). מ׳האָט זיך דאָרט, ווייזט אויס, שטאַרק געשפּאַרט. בו־כאַרטשיק איז שוין טאַקע מער צוריק ניט אַריינגעגאַן. כ׳האָב זיך קוים דער־וואַרט אַף אַן ענטפער: דורכגעגאַן מיט 5 אַקעגן 4.

— וואָס זשע, פרעג איך, האָבן זיי פון מיר געוואָלט?

— וואָס זאָלן זיי וועלן, זאָגט ער, און לאַכט, זיי האָבן געזאָגט, אַז דו וועסט זיך באַגיין אָן דער פאַרטיע און די פאַרטיע וועט זיך באַגיין אָן דיר אויך.

אין קיין סאָנים בין איך ניט זשעדנע, נאָר איך האָף, אז איך וועל זיך מיט יעדן באַזונדער ווי ס׳קער צו זיין אָפּרעכענען.

XI

באַ אונז אַף דער פאַבריק טוט זיך איצט כוישעך מיט דער אָפּאָזיציע.

ווי אַ זיצונג, ווי אַ פאַרזאַמלונג, הויבט מען באַלד אָן פונם אָנהויב, ביידע צדאָדים רעכענען זיך אויס די כאַטאָים פון פאַר צען יאָרן און ס׳איז גאָר קיין סאָף צו דעם ניטאָ.

ס׳שלאָגט שוין צו דער גאַל דאָס קריגן זיך. אַן ארבעטער מיט אַן אַרבע־טער, אַ פאַרטייער מיט אַ פאַרטייעץ זאָלן זיך אַזוי זידלען.

נעכטן גיי איך שוין פאַרנאַכטלעך־צו דורכן עס־צימער, זע איך — אין אַ ווינקל זיצט אַ גרופּקע מענטשן. איך גיי צו — דאַכט זיך די רעדקאָלעגיע, ס׳ליגן צעלייגט די ארטיקלען, נאָר דער אוילעם איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, דער קדומער מאַליאַווטשיק איז דאָ מיט זיינע מאַטעריאַלן. מ׳לייענט לעגינס צאַוואָע, וואו ער גיט כאַראַקטעריסטיקע די וואָזשדן. מ׳איז אַלע שטאַרק פאַרטאָן. איך זעץ זיך אויך צו. ס׳איז דאַפקע דאָ וואָס צו הערן. נאָכן לייענען כאַפּט מען אַ שמועס. יאָסעלע קאַרדופּ ווייסט אכוץ דעם, וואָס ער

לייענט נאָך אַסאַך נייסן. ער דערציילט (ס׳איז פינצטער, אַלע האָבן געשלאָפן — די מיילער און הערן), אַז כאָטש ער לעבט אין דעם האָט פאַרן טויט צוגערופן זיינע נאָענטע, מיסטאמע קרופסקען און אנדערע, און האָט צו זיי אזוי געזאָגט: „אויב איר ווילט, האָט ער זיי געזאָגט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין גאַנץ און דער ארבעטער-קלאַס זאָל זיין באַלעבאָס אין לאַנד, דאַרפט איר גוט אכטונג געבן אַז צוויי טשלעני צעקאַ זאָלן לעבן בשלום צווישן זיך, דעמאָלט וועט אלץ זיין גוט.

— ווער זשע זיינען די צוויי טשלעני צעקאַ? — פרעג איך.

— ס׳איז, זאָגט ער, סטאלין מיט טראָצקען.

— פאַרוואָס זשע, פרעג איך אים, ספּאָלניאַיען זיי עס ניט?

היינטיקן דאָנערשטיק איז פריימאַן געקומען אַף דער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג מיט א פולע פּאַפּקע דאָקומענטן. ער האָט פריער עטלעכע מאָל אויסגערופן, אַז אויב ס׳איז דאָ בעזפּאַרטיינע, דאַרפן זיי ארויסגיין, אַפילו קיין קאָמסאָמאָלצעס טאָרן דאָ ניט זיין.

ס׳איז געוואָרן זייער שטיל. מ׳האָט אויפגעהערט רעדן צווישן זיך, מ׳איז אַוועק פון די ווינקלעך, פון דער וואנט-צייטונג און מ׳האָט זיך צעזעצט אַף די בענק.

פריימאַן האָט געוואַרט, ער האָט ניט געוואָלט אָנהייבן, ביז אַלע וועלן ניט זיצן אויסגעזעצט אַף די בענק. ער האָט געהאלטן אין האנט א געדרוקטן בויגן פּאַפּיר, ער האָט אים צענומען און געוויזן דעם עולם.

— איר זעט, — האָט ער געזאָגט, זיין קאָל האָט אַזש געציטערט, — אָט אָ דאָס האָבן מיר היינט געפונען בא אונז אַף דער פאַבריק, — ס׳איז געהאנגען אַף דער וואַנט און מ׳האָט עס אויך צעלייגט באַ די אַרבעטער אין די קעשענעס.

עטלעכע מענטשן (די וואָס זיינען געזעסן אַף די פאָדערשטע בענק) האָבן זיך אַ הייב געטאָן, זיך געגעבן א צי צום פּאַפּירל, נאָר פריימאַן האָט זיי באַרואיקט: ער וועט עס באַלד איבערלייענען אין דער הויך.

נאָכדעם האָט ער ווייטער געפרעגט צי ס׳זיינען ניטאָ קיין בעזפּאַרטיינע און אזוי ווי ער האָט א קורצזיכטיקע ריע, האָט ער עס געגעבן לייענען בוכאַרטשיקן.

מ׳האָט אומזיסט אָנגעמאַכט אזאַ קוראַזש. אומזיסט פאַרמאַכט טיר און פענצטער. מ׳ווייסט אלץ, יעדער אַרבעטער ווייסט עס.

וואָס איז דאָ נייס? אַז צווישן אונזערע אָטוועטסטווענע זיינען דאָ ביוראָקראַטן? אַז דער פרעדסעדאטעל טרעסטא האָט ערשט ניט לאַנג געקויפט פאַר דריי טויזנט רובל מעבל פאַר זיין קאַבינעט?

מע ווייסט ניט, אז מ׳האַלט אין איין שטאָפּן דעם פויער אַפן אַרבעטערס כעשבן?

אַזוי איז עס!

אַז בוכאַרטשיק ענדיקט לייענען, שטייט נאָך פריימאַן אַביסל בּאַם טיש, קוקט אפן אוילעם און מיינט, ער האָט אַלעמען דערמיט געפּלעפט. נאָכדעם נעמט ער אַ וואָרט.

— מאָרגן, זאָגט ער, וועלן אַדאַנק דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע אַלע בוו זשואַזע ציידונגען אין דער גאַנצער וועלט אָפּדרוקן דעם דאָקומענט (זיי האָבן אים צו דער צייט, נישקאָשע, עמעצער באַזאָרגט זיי). נאַט, וועלן זיי זאָגן, זעט, וואָס אייערע אייגענע מענטשן שרייבן וועגן די באָלשעוויקעס, אַף קיין האָר ניט געמינערט פון דעם, וואָס מיר שרייבן די גאַנצע צייט.

האָט זיך גלייך מאַליאַוואָטשיק א הייב געטאָן פונם אָרט און געבעטן א וואָרט. און נאָך מאַליאַוואָטשיקן — נאָך און נאָך. דער פּאַרזיצער האַלט אין איין פרעגן דעם אוילעם, ווער ס'וויל א וואָרט. די סעקרעטאַרקע האַלט אין איין פאַר-שרייבן, איך גיי צו צום פרעזידיום — הע־הע, דאָס צעטל איז געשוואָלן ווי אַ בארג, ס'האַלט שוין באַ פינף און דרייסיק.

איך האָב זיך אויך פאַרשריבן צום וואָרט.

אין דער זייט באַ אַ טישל זיצט איינער פון קאַקאַ. ער איז אומיסטן געקו-מען אף דער פאַרזאַמלונג זען, ווי אַזוי מען זאָגט זיך ארויס און ווי האַלט עס מיט דער אָפּאָזיציע.

ער איז א מענטש אין די יאָרן, מיט אַ בלאָנדער באָרד, ווייזט אויס זייער אַ סעריאָזנע.

ער מישט זיך ניט, זיצט, הערט זיך איין און פאַרשרייבט עפּעס באַ זיך אין נאָטעס־ביכעלע.

דער ערשטער איז פאַרשריבן צום וואָרט מאַליאַוואָטשיק. די פּאַרטייצעס ווילן וואַרטן — הערן, וואָס מאַליאַוואָטשיק וועט זאָגן, וועט דאַמאָלסט זיין גע-שמאַקער צו רעדן.

בּאַם טיש שושקעט מען זיך אביסל, מאַליאַוואָטשיק שטייט שוין גרייט ארויס-צוגיין און אַז מ'שושקעט זיך דאָרט אָפּ, רופט מען אים אויס.

ער גייט אַרויס (ער איז געוועסן ערגעץ פאַרוקט, זיי צעזעץ־ן זיך אומיסטן אין די ווינקלען, קעדיי זיי זאָלן שרייען פון פאַרשיידענע ערטער אין זאַל און מ'זאָל מיינען, אַז זיי זיינען אַסאַך); דאָס שטעקעלע באַ דער זייט, אין האַנט האַלט ער עטלעכע בלעטלעך געדיכט פאַרשריבן, פונם נאָטעס־ביכעלע אַרויסגעריסענע. אַפּן וועג זוכט ער דאָס ערשטע בלעטל, פון וואָס אָנצוהייבן.

מ'האָט אים, ווייזט אויס, גוט אויסגעמוסטערט פריער, נישקאָשע, מ'שטו־דירט מיט זיי גוט איין

אַז מאַליאַוואָטשיק רעדט, הערט מען דאַפּקע; אַ קאָל האָט ער אַ הויכס, אַביסל אַ הייזערקלעכס, נאָר ס'מאַכט ניט אויס.

ער הייבט אָן גלייך פונם צעקאַ פאַרטיע. ער נעמט אויסרעכענען אַ צעטל מיט כאַטאָים, מיט אוקלאָנען, רעכנט איבער אַלץ נייע און נייע און קען זיך גאָר נישט אָפּשטעלן.

— וואָס זשע ווילסטו? שרייט מען צו אים פון די ערטער, שיט אויס און קריך אַראָפּ.

ער דערשרעקט זיך דאַפקע ניט, שטעלט זיך אויף א ווײַלע אָפּ, קערעוועט זיך אויס צום פּרעזידיום און זאָגט:

— שטיל זײַ איין, איך האָב נאָך ניט געענדיקט.

ער נעמט ווידער זוכן עפּעס א פּאַפּירל, לייגט איבער די בלעטלעך און קען בעשום אויפן ניט געפינען, וואָס ער דאַרף.

ווייזט אויס, ער האָט עפּעס פאַרלוירן.

אינם זוכעניש האָט ער זיך דערווייל פאַרפּלאָנטערט, פאַרגעסן ווי ער האַלט, און קיין כאַניפּעסניקעס פעלט בא אונז ניט, האָט מען גענומען שרייען: „אַראָפּ! גענוג!" מ'האָט אָנגעהויבן קלאַפּן „בראַוואָ" (אַז זיי ווילן עמעצן ניט הערן, הויבט מען אָן אין דערמיט קלאַפּן „בראַוואָ"), מאַליאַוווטשיק האָט זיך מיטן שטעקעלע אַראָפּגערוקט צוריק צו זיך אויף דער באַנק.

נאָך אים האָט מען שוין די אָפּאָזיציאָנערן ניט געוואָלט הערן.

אַז עמעצער פון זיי האָט גענומען רעדן, האָט דער אוילעם גענומען שרייען, קלאַפּן „בראַוואָ", „גענוג"! האָט מען געשריגן „מיר האָבן שוין געהערט".

ס'א וואַזשנע קונץ — אַז מ'נעמט מענטשן, וואָס ווילן עפּעס זאָגן און מ'פאַרשרייט זיי, ס'איז אַ קנאַפּע כאָכמע — 100 אַקעגן 6־5 מענטשן.

און ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַזוי ווי אָנגעדונגען — איינס נאָך ס'אַנדערע האָט מען אָנגעהייבן אַרויסגיין און זיי געניטען דעקן — אַי, האָט מען זיי אַריינגעלייגט — אַלע אין איין קאָל: „אַזוינע דאַרפן מיר ניט, פאַר אַזוינע זיינען די טויערן פון דער פאַרטיע אָפן — זיי קענען גיין!"

אויב מ'עט נעמען אַרויסוואַרפן פון דער פאַרטיע יעדערן, וועט ס'וועט עפּעס וועלן זאָגן, וועט עס האָבן א שיין אויסזעען.

איך וויל עס זאָגן, איך וויל עס שטאַרק זאָגן פאַר אַלעמען, נאַר אַ ביסעלע האָב איך איצט ניט קיין כיישעק אַרויסצוגיין און מ'גיט מיר טאַקע דערווייל קיין וואָרט ניט.

דער דירעקטאָר נעמט א וואָרט פאַר א ספּראַוואָטשקע (אים גיט מען אויסער אַלעמען — אַ מעיוכעס!). ער גייט אַרויס פון ערגעץ א ווינקל (ער האָט דאָרט די גאַנצע צייט געהאַט א קאָמפּאַניע מיט זיך און מיט זיי געטאַינעט), דער פליך בלישטשעט בא אים שטאַרק, ער קוקט גלייך צום אוילעם און זאָגט אויף זיין שעפּעליאַווע לאָשן: איך וויל געבן א קלייניקע ספּראַווקע.

אין 1907־טן יאָר איז מיר אויסגעקומען צו נעמען אן אָנטייל אין פינפטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן. ס'איז דאָרט געווען לענין, פּלעכאַנאָוו, ראָזע לוקסעמבורג, ס'איז דאָרט אויך געווען טראָצקי.

זאָלט איר געווען זען, ווי אַזוי טראָצקי האָט געדרייט: אָט בּאַ די בּאָלשע־וויקעס, אָט בּאַ די מענשעוויקעס, געפּלאָנטעט און געפּלאָנטעט, — ס'האָט גע־שלאָגן צום הארצן".

— און בּאַ וועמען בּיסטו דאַמאָלס געווען? שרייט מאַליאָווטשיק פון זיין ווינקל.

— פּאַריפּעשטער בּונדאָוועץ, שרייט מען פון אַ צווייט ווינקל, רעוואָלוציאָ־נער מיינער!

— באַלאַן, שרייט ווייטער מאַליאָווטשיק, דו האסט נאָך אין 18־טן יאָר געשריבּן פּראָקלאַמאַציעס אַקעגן די בּאָלשעוויקעס.

באַלאַן מוז איבּערוואַרטן. איינס געשריי הערט מען אים ניט. ער ווערט רויט און בּלאַס, מער פון אַלץ איז ער אויפגעבּראַכט אף מאַליאָווטשיקן.

— וואַרט אויס, — שרייט ער צו אים פון ד'ער סצענע אַראָפּ, — וואַרט אויס, דו וועסט בּאַ מיר נאָך פאַרפוילט ווערן אין דאָפּר, דו פּאַרשיווער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער.

זיי ווילן זיך וואַרפן איינס אַף ס'אַנדערע. כעוורע האַלטן איין מאַליאָווטשיקן, וואס איז איינגאַנצן רויט, זעצן אים אַנידער אַף דער בּאַנק און באַלאַן גייט צו צום פּרעזידיום און נעמט זיך סוידען מיט פּריימאַנען.

איך וויל שוין ניט ס'זאָל דערגיין צו מיין וואָרט, און אז מ'וועט עס מיר געבּן, וועל איך אויך ניט רעדן, וואס זשע, זיי הערן זיך דען צו צו דעם, וואס אַ ריאַדאָוואָי פּאַרטייעץ רעדט?

אין א וואָך ארום קלייבּט מען איבּער די פּאַרוואַלטונג פון אונזער זשיל־קאָאָפּ. בּאַ אונז אין הויז טוט זיך כוישעך, יעדערער וויל ווערן אַ מאַכער, אַ בּאַלעבּאָס.

נאָר איך איינער האָבּ טאקע גאָרניט געהאַט דערפון. פּאַרקערט, כ'האָבּ פּאַר דעם יאָר געהאַט געננוג בּויכווייטיק — ווי אַ געקריוודעטער, ווי אַ באַאוולטער, איז ער געלאָפן צו מיר.

לאָקשין האָט אָנגעהויבּן אָפטער אַריינקומען צו מיר. יעדער יאָר, אז עס קומט צו די ווייבּאָרעס, הייבּט ער אָן אויסשמעקן, ווער און וואָס.

ער וויל איצטער אויך וויסן, צי בּייט זיך דער צוזאַמענשטעל, וועמען מ'רעכנט אריינפירן פון די בּעזפּאַרטיינע.

— ס'איז שוין, זאָגט ער צו מיר, מיסטאמע בּא אייך געווען אַ דירעקטיווע, וועמען יאָ און וועמען ניט.

אַ דירעקטיוו איז שוין עפּשער ערגעץ דאָ, נאָר ער איז ניט מעכּויעוו וועגן דעם צו וויסן.

— איר פֿאַרשטייט, — זאָגט ער, און קוקט זיך אַרום צי ס'איז קיינער ניטאָ, — פֿאַר מיר קענט איר אַלץ זאָגן, כאַוועה שאַמאַי. ס'וועט מיט מיר אײנײנעם שטאַרבן.

וואָס וועל איך אים גיין זאָגן, אַז דאָס צעטל האָט מען נאָך ניט אָנגע-מערקט, מע וואַרט אַף א פראַקציע.

נעכטן האָט מען אונז, די פּאַרטיינע, וואס ארבעטן אין די זשילקאָאָפּן, גע־רופן אין ראַיקאָם אַף אַ באַראַטונג. ס'דארפן פּאָרקומען וואַלן אין די זשיל־קאָאָפּן אין גאנצן ראַיאָן. האָט מען ארומגערעדט, ווי אַזוי מע זאָל מאכן די וואַלן, אַז די ליניע זאָל זיין אויסגעהאַלטן און די פּאַרטיינע וויליאַניע זאָל פֿאַרגרעסערט ווערן.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם האָט עפּשער צען מאָל דערמאָנט, אַז די וואַלן דארפן זיין דעמאָקראַטישע, מ'זאָל קיינעם ניט צווינגען, מ'זאָל ניט אָנבינדן קיין צעטלען — מיט איין וואָרט פריי, און דערביי דאַרפן די פראַקציעס אַזוי אַרבעטן, אז ס'זאָלן דורכגיין די, וועמען די פראַקציע וועט אָנמערקן. ס'איז איצט אנדערע צייטן, דעמאָקראַטיטשעסקע. אַלץ דארף מען איצטער מאַכן מיט אַגי-טאַציע, מיט איבערעדן יענעם. איז אז ס'איז דאָ אַ דירעקטיוו, זאָגן שוין אַלע, אַז אזוי איז טאַקע גוט, אַז דער מאָמענט איז אזאַ — מיט איין וואָרט, ווי צוגעטראָפן.

נאָך פארן טויער וואַרט אַף מיר לאָקשין. ער דרייט זיך אַרום מיטן פּאַפּי־ראָסל אין מויל. איך גיי אים פאַרביי, סע פּאַסט מיר ניט פּאַר די כאַווײרים זיך מיט אים צו כאַווערן, נאָר ער גייט מיר נאָך, ער האַלט שטענדיק אָנגע־גרייט דאס פודעלע „קאָמינטערן" און דערלאַנגט מיר גלייך אַ פּאַפּיראָס. אבער איך רויכער די לעצטע כאַדאָשים ניט (זינט איך הוסט אונטער).

— ס'איז שוין דאָ דאָס צעטל? — פרעגט ער מיך.

— און אז ס'איז דאָ? זאָג איך, מעגן עס וויסן נאָר פּאַרטיינע.

— מיט מיר מעגט איר זיין גאַראַנטירט, זאָגט ער, מיר דערציילט מען גרע-סערע סוידעס, מיין וואָרט איז בא מיר טייערער, ווי מיין לעבן.

די פראַקציע האָט אַנומלטן געדויערט ביז 12 באנאכט. דאס האָט מען אַלץ ארומגערעדט די וואלן, וואָס דארפן די טעג פּאָרקומען. אין פראַקציע זיינען זיבן מענטשן — גאָלע שוסטערס — ס'איז אַלץ נאַש בראַט.

מ'וועט אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דארפן אָפּגעבן אַ באריכט וועגן דעם הויז. צי ס'וואַקסט אָן וועגן רעמאָנט, און וועגן די דירעס, וועמען ס'איז

ענג און צי ס'איז אויסגעהאַלטן די קלאַסאָווע ליניע און צי דער ארבעטער איז טאַקע אין דעם הויז דער באַלעבאָס.

כאימל קארטון איז דאָ א גאנצער מאַכער, מיסטאמע דערפאר, וואס ער איז א לעקער און אַ כאניפעניק. אף דער זיצונג איז ער די גאַנצע צייט געזעסן אין די פּענסנע, אלע מאָל געגומען אַ וואָרט, אָן לעניגען קען ער קיין פינף געציילטע ווערטער ניט ארויסרעדן, — ער וויל ווייזן זיינע קענטעניש אין פּאָליט.

באם אָנמערקן דאָס צעטל האט מען זיך ניט געשפּאַרט, באַ מיין קאַנדידאַ-טור נעמט אַ וואָרט כאימל קארטון (ער איז שוין דורכגעגאַן), ער קוקט אומיסטן ניט אין מיין זייט און זאָגט:

— כאווײרים, איר האָט פארגעסן איין פונקט פונם נאַקאַז: אָבנאָוולעניע אַף 60 פּראָצענט.

שעם איך זיך ניט און זאָג: פּאַרוואס-זשע עפּעס דאַפקע באַ מיר?

— ווייל, — זאָגט ער, קלוימערשט ניט מיר געענטפערט, — דער כאַווער איז צוויי יאָר קעסיידער אין פּאַרוואַלטונג.

האקלאל, דער צעטל איז דורכגעגאַן, איך בין אויך דאָ, נאָר ס'איז דערווייל נאָר אָן אָריענטיר-צעטל, מע דארף עס נאָך ווייזן אין ראיקאָם און דער ראי-קאָם, אַז ער וויל, קען ער דאָ אויך זאָגן א דייע.

לאָקשין שנאָרעט אַלץ ארום, ער לאָזט מיך ניט רוען מיטן צעטל.

— כאווער שאמאי, זאָגט ער, מ'ווייסט עס שוין סיי ווי סיי. איר ווילט, וועל איך אייך אויסרעכענען אַלעמען באַ די נעמען.

— אייך, זאָגט ער, וויל דער גאַנצער הויף, סיי די פּאַרטיינע, סיי די בעז-פּאַרטיינע, איר וועט האָבן יעדינאָגלאסנע, אַף אַלע הונדערט פּראָצענט.

— עט, זאָג איך, כאַווער לאָקשין, איר קאָנט ניט אונזער הויף.

— אָט וועגן אנדערע, רעדט ער ווייטער, ווייס איך ניט. די פראַקציע וואָלט געדארפט אַ גוטן טראכט טאָן. די מאיסע איז שוין היינט ניט אזא, פּאַרשטייט איר מיך, מ'זאָל איר קענען אָנוואַרפן אַבי וועמען.

מער פון אַלץ, זאָגט ער, וועט מען זיין אַקעגן כאימל קארטון.

ער איז נישקאָשע פון אַ מענטשן, דער לאָקשין, צווישן די בעזפּאַרטיינע אין הויף (ער האָט אַ קליין קוסטאַרנע פּאַבריקל פון שוואוואַקס, ער איז אַ קוס-טאר אָן פּראוועס) איז ער דער סאַמע סאָזנאַטעלנער, ער איז אויסגעבונדן אין פּאָליטיקע, — איך קען מיט אים אַמאָל אָפּזיצן א גאַנצן אָוונט און שמועסן און ס'זאָל מיר גאָרניט נימעס ווערן.

נעכטן אין אָוונט איז לאָקשין באַ מיר ווידער געוועזן. און ווי זיין שטייגער איז, וויל ער אַלץ אויסשמעקן; — פּאַר אים, זאָגט ער, טאָרן קיין סוידעס ניט

זיין. ער איז, זאָגט ער, פּונקט אַזוי איבערגעגעבן דער ראַטנמאַכט, ווי אַ פּאַר־טיינער.

— וואָס, זאָגט ער, איז געווען נעכטן אויף דער פּראַקציע?

— נעכטן, ענטפער איך אים, איז ניט געווען קיין פּראַקציע.

— כאַווער שאַמאַי, זאָגט ער, זאָגט בעסער גלייך, אַז איר ווילט ניט דערציילן.

— איך האָב ניט וואָס צו דערציילן, זאָג איך, נעכטן איז קיין פּראַקציע ניט געווען.

— ס'איז, זאָגט ער, י' אָ געווען.

מיט איין וואָרט, איך שפּאַר זיך מיט אים, ער באַשטייט אויף זיי־נעם, ער רעכנט מיר אויס אַלע ביז איינעם, ער האָט זיי געזען אַריינ־גיין. נאָר מיך האָט ער ניט געזען, ער האָט געמיינט — איך בין שפּעטער אונטערגעקומען.

פאַרוואָס זשע האָט מען מיך ניט גערופן? ס'איז דעם פּאַסקודניאַקס, כאַימל קאַרטונס, אַרבעט.

איך קען שוין ניט איינזיצן בײַ דער טיי. ס'ברענט אין מיר אינעווייניק, ס'קאָכט אין מיר דאָס בלוט. איך לאָז איבער די גלאָז טיי, געזעגן זיך מיט לאָקשינען און גיי אַוועק צום סעקרעטאַר פון פּראַקציע.

דער סעקרעטאַר איז ניטאָ אינדערהיים.

דריי מאָל בין איך בײַ אים דעם אָוונט געווען אינדערהיים און יעדער מאָל קומט אַרויס די דינסט און זאָגט:

— נאָך ניטאָ, נאָך ניט געקומען.

אויף מאָרגן, אַז ער באַגעגנט מיך, איילט ער זיך ערגעץ שטאַרק, ער פאַר־כאַפּט די פיש פאַר דער נעץ:

— פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען, זאָגט ער, אויף דער פּראַקציע, מיר האָבן נאָך דיר דריי מאָל געשיקט.

— וועמען האָט איר געשיקט, זאָג איך, אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ טויבער האָט געהערט.

ער איז שוין ניטאָ, ער איילט זיך ערגעץ. ער איז שטענדיק פאַרנומען, הערט יענעם אויס אויף איין פוס און ענטפערט אויף איין פוס.

דאָס צעטל קען איך זיך בײַ אים ניט דערוויסן. ווען איך פּאַק אים שוין, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט דאָס צעטל אין פּאָרטפעל און דער פּאָרטפעל איז אינדערהיים. אויף אויסווייניק געדענקט ער ניט. מיר פּאַסט ניט צו פרעגן, צי איך בין דאָ אין צעטל. איך שטעל זיך מיט אים שוין, דאַכט זיך, גאַנץ גוט אָפּ: איך וועל קומען צו אים אין אָוונט, וועלן מיר איבערעדן וועגן אַסאַך זאַכן, וואָס קערן זיך אָן צום זשילקאָאָפּ, — איך האָב אַסאַך פּלענער אויף

ווייטער — קום איך צו גיין, איז ער אוועקגעגאַן. דאָס ווייבל גייט ארויס: מ׳האָט אים ארויסגערופן אַף אַן עקסטער זיצונג פון פּאַרקאָם.

די אלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון זשילקאָאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ שפּעט. ביז מ׳שלעפּט צונויף דעם אוילעם, יעדערער וואַרט, ביז אַלע וועלן זיך צונויפקומען, מע וויל ניט זיצן אומזיסט און וואַרטן, גייט מען דערווייל ערגעץ צו און מ׳וואַרט, מ׳וואַרט ס׳ווערט אזש ניט גוט.

מ׳האָט געמיינט, ס׳וועט הייַנטיקס מאָל זיין אַ גיכע פאַרזאַמלונג, האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט פאַרקערט. צום באַריכט פון פאַרוואַלטונג האָבן זיך פאַרשריבן עפּשער צוויי צענדליק מענטשן.

ס׳איז פול מיט טאַינעס: באַ דעם האָט מען קיין רעמאָנט ניט געמאַכט, דעם האָט מען צוגעזאָגט אַ צימער און מע גיט אים ניט, ער שטיקט זיך זאלבע פינף אין אַ לאָך פון דריי קלאַפטער, באַ א דריטן איז דער אויוון צעבראָכן, עס רויכערט, און ס׳איז קאַלט. גיי גיב זיי צו פאַרשטיין, אז ס׳איז קיין געלט ניטאָ, אַז מ׳שניידט זיך די פינגער פאַר אַ גראָשן, זיי טאַינען: מע באַלעבאַטעוועט שלעכט.

מער פון אַלץ פאַלט מען אָן, פאַרוואָס מע האָט נאָך ביז הייַנט באַ לאָקשינען דעם איבעריקן צימער ניט אָפּגענומען און נישט אַריבערגעפירט אַהין אַ פּאָדוואַלניק.

ס׳איז, זאָגן זיי, געווען אַזאַ באַשלוס און מ׳האָט אים ניט אויסגעפירט.

איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס לאָקשין טאַנצט אַזוי אַרום, ניוכעט אויס, ווער ס׳גייט אַריין אין דער נייער פאַרוואַלטונג.

ער איז אַף דער פאַרזאַמלונג ניטאָ. ער האָט קיין רעכט ניט דאָרט צו זיין פּאָ סאָציאַלנאָמו פּאָלאָזשעניו (ער זאָגט, אז ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען די ראַטנמאַכט וועט איינזען, אַז אַזוינע ווי ער, זיינען אויך געטריי און וועט זיי געבן פּראַוועס).

כאַימל קארטון נעמט אַ וואָרט און זאָגט אַף זיין פאַרשטעלט לאָשן:

— ס׳זיינען אין דעם שולדיק די, וואָס כאַווערן זיך מיט לאָקשינס און פאַרברענגען מיט זיי גאַנצע אָוונטן.

וואָס וועל איך אים איצטער גיין אָפּענטפערן? ס׳וועט אויסקומען, אַז איך שטעל זיך איין פאַר לאָקשינען.

אַז ס׳איז געקומען צו קלויבן איז געוואָרן גאָר לעבעדיק. דעד סעקרעטאַר פון פראַקציע האָט גענומען אַ וואָרט און דערקלערט, אז מ׳קען קלייבן ווע־מען מ׳וויל, דאָס צעטל איז נאָר קעדיי מ׳זאָל ניט אָנרופן קיין הונדערטער נעמען און ס׳זאָל זיין אַן אָרדענונג.

נאָכדעם איז אַף דער סצענע אַרויפגעגאַן כאַימל קארטון, ער האָט אָנגעטאָן די פּענסנע, אַלעמען מיט זייער אַ וואַזשנע מינע באַטראַכט און גענומען פאָר־לייגן דעם צעטל.

איך הער זיך גוט איין, נאָר מיין נאָמען דערהער איך אין צעטל ניט עמעצער בעט פונם אָרט מ׳זאָל עס נאָכאַמאָל איבערלייענען, איך הער זיך גוט איין, נאָר מיין נאָמען איז דאָרט ווידער ניטאָ.

ס׳איז זיין אַרבעט, כאַימל קארטונס פּאסקודנע אַרבעט.

איך פיל, אז אין מיר זידט אויף אַ קאַעס, עס פאַרקלעמט מיר באַם הארצן, ווען איך האָב אים דאָ אָ לעם זיך, וואָלט ער פון מיינע הענט אַרויס אַ טויטער.

דער פאָרזיצער פרעגט, ווער עס וויל עפּעס זאָגן, עפּעס ענדערן, צוגעבן נייע קאַנדידאַטורן.

אַ פּאָר מינוט שווייגט דער עולם. ס׳ווייזט אויס, אז דער צעטל איז זיי געפעלן געוואָרן.

און פּלוצים האַלט איך ניט אויס, וואָס וועל איך זיך דאָ שעמען, דעם עמעס אין די אויגן וועל איך זיי זאָגן, זאָלן זיי דערפילן, ווער שאַמאַי איז.

— מיר א וואָרט!

מע רופט מיך אויס, איך גיי דורכן צונויפשטופעניש, א היץ יאָגט מיך אַף דער סצענע אַרויף, די פיס טראָגן מיך.

לעם מיר שטייט באַם טישל כאַימל קארטון. ער מאכט זיך טאַמעוואַטע, ער האָט זייער אַ פרום פּעניטל, ווען איך האָב ניט ס׳וואָרט איצט, וואָלט איך אים געמאַכט א פראזשעניצע פון דער פאַרשיוועך צורע זיינער.

— כאַוויירים, זאָג איך צום עולם, — און איך רעד דאַפקע הויך, עפשער שוין צו הויך, ס׳טוט מיר ווי דאָס הארץ, — כאַוויירים, זאָג איך, וואָס פאַר אַ קונצן גייען דאָ צו, וואָס פאַר א ציגיינערשע שטיק.

דער עולם שווייגט, איך זע — מ׳פאַרשטייט ניט, וואָס איך מיין.

— אַף דער פראַקציע, זאָג איך, איז דורכגעגאַנגען מיין קאַנדידאַטור, און דאָ האָט מען געמאַכט אַ מאַניפּאָרגיע, מ׳האָט אַריינגעשמועלט עמעצן אנדערש.

אין זאַל איז געוואָרן א טומל. דער פאָרזיצער האָט זיך געפילט שלעכט, דער פרעזידיום האָט זיך גענומען שושקען איינס מיטן אנדערן און מיטן סעק-רעטאַר פון פראַקציע.

נאָכדעם איז דער סעקרעטאַר ארויס מיט אַזאַ שפּיצל: אַזוי ווי דער צעטל איז סיי ווי נאָר אַן אָריענטיר-צעטל, איז אויב מ׳וועט פאָרלייגן מיין קאַנדי-דאַטור אויך, וועט מען זי אַוואדע גאָלאָסירן אינאיינעם מיט אלע.

און מיך רופט ער אוועק אין א זייט (דאָרט גייען שוין די וואַלן) און איז מאָלע רעציכע אַף מיר: שאמאַי, שרייט ער, מאָרגן ווערט דאָס איבערגעגעבן אין דער יאַטשייקע, דו שטעלסט צו ביזאָיען די פראַקציע, דו פירסט זיך אויף בעזסאָזנאַטעלנע, הונדערט מאָל ערגער ווי א בעזפּאַרטיינע.

וואָס וועל איך מיט אים טאַינען, וואָס וועל איך זיך פאַרענטפערן? איך הויב זיך אויף, גיי ארויס, בין זיי מוֹיכל די פאַרזאַמלונג, בין זיי מוֹיכל זיי זאָלן מיך אויסקלייבן — איך וועל לעבן אָן דעם זשילקאָאָפּ אויך.

XII

דאָס טעכטערל מיינס פּראָגרעסירט. ב״ז אהער האָט זי געאַרבעט אין סאָר־טיראָוונע. איצטער עפּנט מען אף דער פאַבריק אַ נייע אָפּטיילונג, — מ׳וועט אויסאַרבעטן סאנדאַלן — בלייבט זי איבער פיר מאָל אין דער וואָך נאָך דער אַרבעט אף דריי־פיר שאָ אַף קורסן אזוינע און לערנט זיך מאַכן סאנדאַלן. מע קוואַליפיצירט זיי איבער. א ליאדע וואָך־צוויי וועט זי שוין שטיין באַ דער מאַשין און וועט פאַרדינען פיר קאַרבן א טאָג.

פון זינט זי איז אריין אין קאָמסאָמאָל און פון זינט זי קוואַליפיצירט זיך איבער, קוקן מיר זי ניט אָן אינדערהיים. זי קומט שפּעט באַנאַכט (זי האָט זיך צוגעמאַכט אַ שליסל צו דער טיר, גייט אריין אַף די שפּיץ נעגל, אַזוי, אַז מיר ווייסן אָפּט מאָל אפילע ניט, ווען זי איז געקומען) און גייט אַוועק פריער פאַר מיר. איך זע זי נאָך א מאָל באַ דער ארבעט, נאָר די מוטער קוקט זי אָפּט מאָל א גאַנצע וואָך ניט אָן.

נעכטן איז גיטעלע געקומען אהיים פריער. איך האָב זיך געכידעשט, די מוטער איז געווען אַפן זיבעטן הימל.

— וואָס עפּעס אזוי פרי היינט? — פרעג איך זי.

— איך נעכטיק היינט די לעצטע נאַכט אינדערהיים, זאָגט זי, און האָט זייער א סעריאָזנעם פּאָנים, איך קלייב זיך מאָרגן פונדאַנען אריבער.

באַ דער אלטער אנטפאלט דאָס געזונט. זי ווערט בלאַס און הויבט אָן אזש צו ציטערן.

— וואָס הייסט? — זאָג איך און ווער שוין אויך סעריאָזנע.

— איך בין, זאָגט זי, זיך צונויפגעגאַן מ׳ט בּוכאַרטשיקן און קלייב זיך אַריבער צו אים אף דער קוואַרטיר.

— מיט בּוכאַרטשיקן? — זאָג איך, — וואו האָט ער גענומען צייט אף כאַסענע צו האָבן?

— זעסט דאָך — ער האָט געפונען צייט, זאָגט זי, און קוקט אַף דער מוטער (זי וויל די מוטער זאָל האָבן דערפון נאַכעס), נאָכדעם זאָגט זי: „מיר זיינען ביידע שטאַרק פאַרנומען, האָבן ניט קיין צייט זיך צו טרעפן, אַזוי וועלן מיר כאָטש זיין אינייינעם באַנאַכט און גאַנץ פרי פאָרן אוועקגיין צו דער ארבעט.

די מוטער זיצט, און ס׳רינען איר טרערן פון די אויגן, זי שווייגט, זי קאָן איצט גאָרניט זאָגן. איך לייג זיך פריער שלאָפן, נעכע אויך, נאָר באַלד, זע איך, קריכט זי אַראָפּ, וויקלט זיך איין אין דער קאָלדרע און גייט אריבער צו גיטעלען אפן געלעגער. זיי שושקען זיך דאָרטן לאנג, ביז ד׳יקליינע ווערט ניט אַנטשלאָפן.

היינט נאָך ד״ר ארבעט האָט מיך טזשאַן־זאָ־לין אַריינגערופן צו זיך און זאָגט מיר: „הער, שאמאי, מיר מעכאַניזירן די גאַנצע פאַלצאָוועקע, איצט קענסטו דיר אויסקלייבן: אָבער איבערגיין אף דער מאשין, אָדער ווי דו ווילסט.

— וואָס הייסט, זאָג איך, ווי איך וויל, וועסט מיך עפשער שיקן אף דער בירזשע?

— איך האָב דיר געמאָלדן, זאָגט ער, און דאָס איבעריקע איז דיין זאַך.

— פאַרפירסט, זאָג איך צו אים, אַ שלעכטע שפּיל, איך קען, זאָג איך, ערגעץ טרעפן העכער אויך.

— נאָר ניט געסטראַשעט, זאָגט ער, פון פאבריק טרייבט דיך קיינער ניט אַרויס, קענסט טאָן שוואַרצע ארבעט, אויב דו ווילסט ניט איבערגיין אף דער מאשין.

מער האָב איך מיט אים ניט וואָס צו רעדן. לויט זיין מעשוגענע פאַנטאַזיע וועט מען אין א האלב יאָר ארום אף דער פאַבריק גאָרניט טאָן מיט די הענט — אַלץ וועט זיין מעכאַניזירט.

— אַפילע, זאָגט ער, די שוואַרצע אַרבעטער, מעגן זיך שוין גרייטן איבער־גיין אין א האלב יאָר ארום אף מאשינעס.

איך בין די פּאָר טעג גוט אראָפּגעלאָפן, ס׳האָט מיך געגוג געזונט געקאָסט, איך וועל שוין מיינע יאָרן אויסלעבן אזוי. איך האָב מיינס אויסגעפירט: מע האָט מיך איבערגעפירט אף מעטקע. דאָרט וועט נאָך אזוי גיך קיין מאשין ניט זיין.

ס׳איז גיכער א קאָפּ־זאַך: צעצייכענען דעם יוכט אזוי, אַז ס׳זאָל פון אים אַרויסגיין וואָס מער סכוירע.

ס׳איז מיר ניט שווער אָנגעקומען. איך שטיי ווידער באַ א טיש מיט מענטשן, מע כאפט א שמועס, מע הערט נייס און דעריקער, כ׳האָב ניט באַ מיין זייט דעם פאַסקודניאַק, כאימל קארטון. ער איז אוועק צו דער מאַשין. ער האָפט, זאָגט ער, אז איגגיכן וועט אים די יאַטשייקע גיבן אזא ארבעט, וואו ער וועט קענען ארויסווייזן זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן. ער מיינט געוויס א בלאָון פארטוך.

ס׳איז שוין א שטיקל צייט, זינט איך בין דורכגעגאַנגען אף דער בּיוראָ. אף יעדער פאַרטיינער פאַרזאַמלונג געפינט זיך עפּעס אַן אנדער וויכטיקע פראַגע,

צום אויפנאַם דערגייט מען ניט, מײנע פאַפירן ליגן דערווייל אין פאַפקע און שימלען.

היינטיקן דאָנערשטיק האָט פריימאַן שוין צוגעזאָגט עס דורכצופירן. אַן עק זאָל עס נעמען: ס'איז מיר שוין נימעס העכער אנדערהאַלבן יאָר צו זיין קאַנ-דידאַט, אַנדערע, וואָס זיינען דורכגעגאַן אינײנעם מיט מיר, האָבן שוין פון לאַנג פאַרטײנע בילעטן אין קעשעניע און האָבן שוין אַפילע פאַרגעסן, אז זיי זיינען געווען קאַנדידאַטן.

נעכטן איז מען שוין אַף דער פאַרטײנע פאַרזאַמלונג דערגאַנגען צום אויפ-נאַם. ס'איז געווען די ערשטע פראַגע — פון היינט אָן וועט דאָס שטענדיק זיין די ערשטע פראַגע — די פאַרזאַמלונג איז אַן אָפענע, אַף אַזאַ פאַרזאַמלונג, וואו מע דארף אָנעמען אין פאַרטיע, קומען בעזפאַרטײנע ארבעטער אויך און מע הערט זיך צו זיי צו אַזוי גוט, ווי צו די פאַרטײצעס.

איך האָב נעכטן ניט געאַרבעט, איך האָב אַף דריי טעג סאָציאַליזם. איך בין געקומען נאָר אַף דער פאַרזאַמלונג.

גייט דורך מיטקע — און א נאַרישער שײגעץ איז ער — מוז ער זיך אומע-טום אריינמישן: — זע נאָר, זאָגט ער, שאַמאי, ביסט, זאָגט ער, געקומען אויס-געפוצט, ווי אַף א כאַסענע. דאָס בערדל אונטערגעציפּעט, אינם געקעסטלטן קאָסטיום — וואָסי? גיסט היינט אויס די באַסעכידקע דיינע?

— באַ דיר, ענטפער איך אים, איז א יאָנטעוו נאָר זונטיק, ווען מע קלינגט אין קלויסטער און באַ מיר איז יעדן טאָג יאָנטעוו.

אָפּגעווישט די מאָרדע.

ס'איז געווען א פולער זאַל. זייער אסאך בעזפאַרטײנע. זיי ווייסן, אז מ'וועט היינט אָנעמען אין פאַרטיע, זיינען זיי געקומען, ווער גלאַט אזוי, ווער מיט אַן אָטוואָד, צי פארקערט.

מיך האָט מען אויסגערופן דעם ערשטן. פריימאַן האָט איבערגעלייענט מיין אַנקעטע. אזוי און אזוי, דער טאַטע אַ וואַסערפירער, איך אליין דרייסיק יאָר אַף ארבעט באַ פארשיידענע באַלעבאַטימלעך, א פאָר יאָר באַ זיך אליין גע-אַרבעט, אַף דער פאַבריק פונם 20-טן יאָר אָן און אזוי ווייטער, ווי ס'פירט זיך, ווען מ'נעמט אָן.

— צי ס'איז דאָ פראַגן?

פאַרוואָס ניט? זיי וועלן אייך זשאַלעווען פראַגן? פּלוצים אינמיטן דערינען שפּרינגט ארויס אײנער: פאַרוואָס האָט מען אים אזוי לאַנג ניט איבער-געפירט?

אײנער האָט אנגעהויבן און נאָך אים האָט זיך א שאָט געגעבן א יאָם מיט קאַשעס. איך האָב זיך דאַפקע ניט געשעמט, געענטפערט רואיק און געלאַסן

אַף אלץ, איך האָב זיך די פראַגעס פריער אַף אַ שטיקל פּאַפּיר פאַרשריבן, איך האָב זיי, דאכט זיך, אַלעמען באַפרידיקט.

— ווער וויל גיבן אַן אָטוואָד?

עס גיט מיר א טיאָכקע דאָס הארץ. איך ווייס, אז סאָנים האָב איך גענוג, ס'איז שווער צו געפינען עפּעס אַ צוטשעפּעניש?

אָבער דער אוילעם שווייגט.

דער פּאָרזיצער פרעגט נאָכאַמאָל: ווער וויל געבן דעם כאַווער שאמאי אַן אָטוואָד? ער פרעגט עס שוין צוליב יויצע זיין און וויל שוין נעמען גאָלאָסירן, הויבט זיך פלוצים פון א ווינקל אויף אַ האנט, איך דערהער אַ באקאנט קאָל אונטער דער פּלייצע:

— איך בעט א וואָרט!

און אַז איך גיב א קוק, ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. די טאָכטער מיינע, דערזע איך, גייט צו דער סצענע צו, שטופּט זיך צווישן די בענק; דאָס פּאָנים איז בלייך, די אויגן פינקלען באַ איר. זי קוקט ניט אַף מיר, יאגט, יאָגט צו דער סצענע. איך קאָן איצטער ניט קוקן אַף דעם אָרט, וואו זי שטייט. שפּאר איך אָן דעם שטערן אָן א פּערענטשע פון א באַנק. כ'וואָלט זיך נאָר געוואָלט פארשטאָפּן די אויערן. איז מיר א בושע פאר מענטשן.

— כאַוויירים, — דערהער איך פּלוצים איר קאָל (עס ציטערט אביסל), — איך האַלט, אז דער כאַווער שאמאי דאַרף ניט זיין אין פּאַרטיע, דער כאַווער שאַמאַי האָט בעאייס ער איז געווען לאַווקאָם זיך געוומען צוויי אָטרעזן סכוירע פון סאָראַבקאָאָפּ אין דער צייט, ווען אַף דער גאַנצער פאַבריק איז אָנגעקומען אינגאַנצן דרייסיק.

זי האָט אָפּגעזאָגט און איז אַראָפּ, אַוועק אין א ווינקל און זיך ערגעץ פּאַרוקט צווישן דעם אוילעם.

זי האָט געמאַכט דעם פּאָטשאַטאָק נאָך איר האָט זיך אַ שאָט געטאָן אביסל אָטוואָדן: ווער ס'האָט געהאַט גאָט אין הארצן. קארטון האָט דאָ ארויסגעטראָגן די מאַיסע מיטן זשילקאָאָפּ, מ'האָט יעדער זאַך אזוי צעבלאָזן, אז ס'איז אויסגעקומען — כאָטש נעם און הענג זיך אויף.

נאָך די אַלע ווערטער האָט מען מיך שוין ניט אָבסוושדאַיעט. פריימאן האָט גענומען א וואָרט און האָט אַריינגעטראָגן א פּאָרשלאַג: „אַזוי ווי ס'זיינען איצטער דאָ וועגן דעם כאַווער שאמאי נייע פאַקטן, לייג איך פאָר אים דערוויילע ניט איבערפירן, עס בלייבט דערווייל אלץ אַזוי ווי געווען".

ער האָט שוין אַפילע ניט געדאַרפט אָפּשטימען. דער אוילעם איז גרייט געווען אַף ערגערס.

אונזער אַדמיניסטראַציע זאָרגט זיך מער פאַר די מאַשינעס ווי פאַר די אַר־בעטער. זאָל עפּעס אָפּגיין בא א מאַשין, א שרייפעלע זאָל פעלן, עפּעס וואָס — איז באַלד דאָ צען טעכניקעס אפן אָרט, מע קלינגט באַלד אין די טעלעפאָנען נאָכן אינזשענער, דער טרעסט קומט צו פליען רייטנדיק — און אַן ארבעטער, מעג ער ניט האָבן דאָס נויטיקסטע פאַר די מענטשלעכע באַדערפענישן — אָרט דאָס אונזער אַדמיניסטראַציע, ווי דעם פאַראיאָריקן שניי. מ׳האַלט, דאַכט זיך, אין איין בויען, רעמאָנטירן, מ׳שטעלט אלע מאָל צו א נייעם קאָרפּוס, מע צעוואַרפט סטעלעס, און אזא קליינינקייט, ווי א לייטישן קלאָזעט קען מען זיך ניט דערשלאָגן.

שטייט ערגעץ אין הויף אַן אלט שטעלכל, וואָס מע מוז דערביי שטיין אין אָטשערעד (די פאַבריק באַשטייט שוין פון העכער 500 מענטשן) און אינעווייניק איז אַזא פעסטער ביניען, וואָס וועט א ליאדע טאָג איינפאַלן. באַלאָן זאָגט, אַז אין פּלאַן פון גענעראַלן רעמאָנט גייט עס אריין, אָבער דערווייל איז מען נאָך דערצו ניט דערגאַנגען, מיטאמאָל אלץ, זאָגט ער, איז אומעגלעך. ער האָדעוועט אונז מיט צוזאָגן: — אין דריי כאדאשים אַרום וועט איר האָבן אַ קלאָזעט מיט וואַסערלייטונג, מיט צענטראַלע באַהייצונג, — ווי אין די גרויסע פאַבריקן.

נאָר דערווייל איז היינטיקע וואָך שיר ניט געשען אַן אומגליק: מ׳האָט זיך אָנגעשטעלט אין דרויסן וואַרטן, קיין שקאָצים פעלן באַ אונז ניט, קריכט מען אַרויף צו דריי און צו פיר אַפן זיצברעטל און אַזוי ווי ס׳איז שוין דורך און דורך פויל, קען עס די כאַפּטע ניט אויסהאַלטן, סע נעמט טרישטשען, אָט־אָט ברעכט עס זיך איין.

ס׳האָט געקענט געשען א גרויסער אומגליק.

נעכטן האָט מען אף דער ביוראָ אַרומגערעדט דעם פּלאַן, ווי אַזוי איבער־צוגיין אף 7 שאָ ארבעט.

מ׳האָט גערופן נאָר דעם אַקטיוו, אָבער איך בין אויך אַריינגעגאַנגען, האָט פּרייזאַן א קוק געטאָן אף מיר מיט די קורצזיכטיקע אויגן, עפּעס א טראַכט געטאָן און גאָרניט ניט געזאָגט.

באַלאָן האָט געבראַכט זיין פּלאַן. ער האָט איס, זאָגט ער, דערווייל אַזוי אָנגעוואָרפן און אז מ׳וועט שוין האָבן א דירעקטיוו פון ווען, פון וועלכן כוי־דעש איבערצוגיין אף 7 שאָ, וועט ער עס מאַכן אסאך גענויער, מיט אַלע קליינינקייטן.

ס׳איז מיר שטאַרק ציקאַווע געווען צו הערן, וואָרום אף דער פאַבריק גייען אַרום אַזעלכע שלעכטע פּאָטשטן, אז די ארבעטער האָבן ניט גערן אָטאָ דאָס נייס. ווייזט זיך ארויס — די פּאָטשטן זיינען ניט שטאַרק ווייט פונם עמעס.

באלאַן מאַכט א קלאָרן כעשבן: דער וואַרעמעס — פופציק מינוט (אָפּגעריסן צען מינוט), די 20 מינוט אף רויכערן — אראָפּ, אַכוץ דאָם העכערן די נאָרמע, די סכירעס בלייבן די אייגענע און נאָך אלע גליקן האָט ער מוירע, אז די ערשטע צייט וועט זיך די אויסארבעטונג פאַרקלענערן.

איך בין נאָך געשטאַנען און צוגעקוקט: ווי אף א געיעג האָבן זיך אלע א וואָרף געטאָן צום וואָרט, זיך געריסן צו פריימאַנען ער זאָל אלעמען פאַר-שרייבן, אי דאָס וואָס פריער, ווארום באַ יעדן ברענט אַ העלעשׂ פייער אין האַרצן אף דעם כאַזיאַין אף אונזערן. דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען אונ־זער דערפינדער, יאָסעלע קארדופּ: „דער כאַוער באלאַן, האָט ער געזאָגט, האָט אזוי צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן, גלייך ווי די טעכניק האָט זיך שוין אָפּגעשטעלט, גלייך ווי ס'איז שוין ניטאָ קיין נייע איזאָברעטעניעס, מ'עט שוין קיין נייע מאַשינעס ניט איינפירן — און נאָך א זאַך, די גאַנצע לאַסט פון דער רעפּאָרמע, וואָס דאַרף אונז פירן צום סאָציאַליזם, וואַרפט ער אַרויף אף דעם אַרבעטערס רוקן".

און נאָך אים נאָך און נאָך, און אלע מיט איין טאַינע: באלאַן האָט געמאַכט אַ פּלאַן, ווי א באַלעבאָס, ער וויל אַרויפלייגן אַלץ אַפן ארבעטער. מיר ווילן ניט, זאָל שוין בעסער זיין אַזוי ווי פריער.

באלאָן איז געזעסן מיט א ביטער שמייכעלע אף די ליפּן. דער לישאַי האָט זיך באַ אים מוירעדיק צעבלישטשעט און די ליסינע האָט געשוויצט.

אַזוי האָבן אָפּגערעדט עפּשער אַ מענטשן פופצן, מ'האָט גערעדט מיט בלוט, ווייל יעדערן אַרט עס און עס טוט וויי.

נאָכדעם האָט גענומען א וואָרט פריימאַן: „באלאָן, האָט ער געזאָגט, האָט ניט אינזינען די פּאָליטישע זייט פון דעם זיבנשאָעדיקן ארבעטס־טאָג, אף דעם פּלאַן וועט קיין שום ארבעטער ניט איינגיין, וואַרף אַרויף די שוועריקייט אַף דער מאַשין, באלאָן, נייע מאַשינעס, ראַציאָנאַליזאַציע, אַ טראַכט טאָן דאַרף מען, דער טרעסט וועט מוזן העלפן, ס'איז די ערשטע פאַבריק זיינע — דער פּלאַן איז קיין פּלאַן ניט".

איך האָב זיך מעכאַיע געווען. ווי פריימאַן האָט אים געדעקט, ניט געזשאַ־לעוועט קיין וואָרט. פּונקט דאָס אייגענע, וואָס ס'רעדן אלע ארבעטער אין די צעכן, אזוי ווי ער זאָל שטיין און אונטערהערן.

באלאָן האָט זיך שוין קוים דערוואַרט אף זיין וואָרט. ער האָט פריער פאַר אַלץ גענומען אָפּכויזעקן פון אַלעמען, ער האָט דיר באַלד ספּראַוועקעס מיט מעשאָלים מיט ווערטלעך פון דער וועלט, אָבער היינטיקס מאָל האָט עס אים ניט געהאָלפן. דער אוילעם איז געווען זייער ערנסט. ניט מער, מ'האָט אים אַ פּאָר מאָל פונם אָרט איבערגעשלאָגן, ניט געלאָזט רעדן, ער האָט זיך געמוזט בעטן באַ פריימאַנען, ער זאָל איינשטילן דעם אוילעם, און אַפן סאָף האָט ער געזאָגט:

— נישקאָשע, האָט ער געזאָגט, דער אַרבעטער דאַרף זיך דיסציפּלינירן, זיך אַביסעלע אָנשטרענגען. מע אַרבעט היינט ניט שווערער ווי אַמאָל, איך טרעף יעדן טאָג מענטשן זיצן אָפּ צו פינף מינוט אין קלאָזעט און רויכערן פּאַפּיראָסן.

און אַז דער אוילעם איז אַלץ ניט אַף זיין זייט, צעשרייט ער זיך: „ס'איז מיר ניט דאָס ערשטע יאָר זיין דירעקטאָר, איך בין פון די ערשטע רויטע דירעקטאָרן" (און נאָך אַ צעטל מיט ייכעס-בריוולעך האָט ער אויסגערעכנט) און אַז איך זאָג אייך איצטער, אַז אַנדערש איז ניט מעגלעך, איז עס אַזוי. איך, יעדנפאַלס, קען עס אַנדערש ניט מאַכן.

— וועט עס אַן אַנדערער מאַכן! — עפּשער פון צען מיילער מיטאַמאָל האָט זיך אָטאָ דער געשריי אויסגעריסן, אַזוי ווי מע זאָל זיך האָבן פון פריער צו־גרייט צוגעגרייט. מ'האָט די זיצונג געענדיקט מיט גאָרניט. מ'איז זיך צעגאַנגען ברוגיז, באַלאַן איז פריער פאַר אַלעמען אליין אַוועקגעפּאָרן אַפן בריטשקעלע (אַן אַנ־דערס מאָל נעמט ער פריימאַנען אָדער עמעצן אַנדערש פון דער ביוראָ), פריימאַן איז איינגענעם מיט אַלעמען געגאַנגען אַהיים. פון דעמאָלסט אָן איז צווישן באַלאַנען און דעם אַקטיוו דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ.

היינטיקע וואָך וועט בא אונז זיין דער פּאָרזיצער פון טרעסט.

עס ענדיקט זיך גיך דאָס יאָר (אַ ניי יאָר פון אָקטיאַבער ביז אָקטיאַבער), מ'האָט פאַר דער צייט אַסאַך געבאָוועט, איבערגעמאַכט, קומט ער אַף דער פאַבריק זיך אָפּרעכענען פאַר די דערגרייכונגען, וואָס דער טרעסט האָט דאָס יאָר געהאַט.

ער וויל ווייזן, ווי אַזוי מיר שטייען ניט אַף איין אָרט און אַז דער סאָ־ציאַליזם וואַקסט בא אונז אַף דער פאַבריקע ניט ווייניקער ווי אַף אַנדערע פאַבריקן.

אַ גרופּע אַרבעטער גרייט זיך אים שטעלן אַ פּאָר הארבע פראַגעס.

מיר האָבן זיך, עטלעכע מעטשיקעס און פאַלצערס, נעכטן געטראָפן בא מיר. מאַליאַוווטשיק (מ'האָט אים שוין איניינעם מיט נאָך אַ פּאָר אָפּאָזיציאָנערן אַרויסגעוואָרפן פון פּאַרטיע) האָט געבראַכט מאַטעריאַלן (ער האָט שטענדיק פולע קעשעניעס מיט מאַטעריאַלן) וועגן דעם, ווי אַזוי דעם אַרבעטער ווערט וואָס אַ טאָג ערגער און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, ווער עס זאָל אַרויסטרעטן, און וואָס יעדערער זאָל זאָגן און מיט וואָס מ'זאָל נעמען די מאַסע, וואָס האָט זייער אַסאַך טאַינעס סאַי אַקעגן באַלאַנען, סאַי אַקעגן טרעסט.

מאַליאַוווטשיק האָט אַפילע געזאָגט, אַז מיר דאַרפן האָבן אַף דער סאָבראַניע אונזערן אַ פּאָרזיצער, וואָרום אויב עס וועט זיין אַן אַנדער פּאָרזיצער וועט ער זיין אַ דעמאַגאָג און וועט עמעצן אַנדערש ניט לאָזן נעמען קיין וואָרט.

נאָר דאָ זיינען שוין א פּאָר מעטשיקעס ארויסגעטראָטן אקעגן, וועט עס שוין זיין אזוי.

פונקט פיר אזייגער, קימאַט אין איין צייט מיטן פייף, איז כאוועך ביטעל, דער פּאָרזיצער פון טרעסט, צוגעפאָרן אפן בריטשקעלע צו דער פאַבריק מיט אים איז אפן בריטשקעלע געזעסן באלאן, ער האָט אים, ווייזט אויס, אראָפּ־געבראַכט. אף באַלאַנס בריטשקעלע זיינען זיי געקומען, ביטעל האט דעם קוטשער געהייסן פאָרן א היים און קומען נאך אים אין א פּאָר שאָ ארום. ער רעכנט, ווייזט אויס, די מאיסע פארציען אף לאנג, ער האָט ניט פיינט צו רעדן.

ביטעל האָט מיטגעבראכט א פולן פּאָרטפעל מיט שפּארגאַלקעס און אכוץ דעם פּאָרטפעל האָט אים נאָך באלאַן אונטערגעטראָגן עפשער א צען מעגילעס, מ׳איז אריין צום דירעקטאָר אין קאַבינעט און זיך גענומען שושקען. די גאַנ־צע סמעטענע אונזערע איז שוין דאָ. אין צימער איז דושנע, אָנגערויכערט, באלאַן עפנט פריער דאָס לופטיקל, דערנאָך ס׳גאַנצע פענצטער, דערנאָך מוז ער בעטן אויפהערן רויכערן, וואָרום ס׳איז שוין דאָ, זאָגט ער, ניט קיין קאַ־בינעט נאָר א קורילניע.

אף דער פארזאמלונג זיינען דאָ קימאט אלע ארבעטער, אין זאַל איז זייער, זייער ענג. מע זיצט אף די פענצטער, אף די טרעפּלעך, בא דער סצענע, מע שטייט אין דורכגאַנג, אזוי ווי אין אַ צירק, וואו מע ווייזט קונצן.

בעשאס מע קלייבט דעם פּרעזידיום, שטעלט זיך פּלוצים פונם אָרט אויף מאליאוועטשיק, ער גיט א געשריי צו דער סצענע: „איך וויל א וואָרט פאר א פאָרשלאַג״. און אז מ׳גיט אים א וואָרט זאָגט ער, אז ער און נאָך אַרבעטער ווילן מ׳זאָל אין ערן-פּרעזידיום אויסקלייבן טראָצקין מיט נאָך א פּאָר וואָזשדן פון דער אָפּאָזיציע און לייגט פאָר זיין פאָרשלאַג אָפּצושטימען.

הייבט זיך אויף א טומל, א זשומעריי. ס׳צעברענט זיך א מאכלויקעס. פריי־מאַן וואקסט פּלוצים אויס, אונטער אים באלאן, בוכאַרטשיק — נאָך א פּאָר ארבעטער, דאַפקע בעזפּאַרטיינע, — עס שפּרינגען ארויס פאַרטייצעס פונם אוילעם: איינמאָל ניין! מיר זאָלן וויסן אונטערצורייסן די פארזאמלונג — איז ניין!

איך ווייס ניט, וואס רייסן זיי אזוי איין די וועלט, ס׳איז דאָך דאָ ניט קיין פאַרטיינע פאַרזאמלונג, זאָל זיין טראָצקי איז שוין עפשער ניט קיין טשלען פאַרטיע, אָבער א בירגער באַגלייך מיט אלע איז ער, פאַרוואָס־זשע טאָר מען אים ניט אויסקלייבן אין פרעזידיום באגלייך מיט א כאַימל קאַרטון, א מיטקע, צי אן אנדער שוואַרציאָר?

בעשאַס דעם גאַנצן טומל פּאָרעט זיך כאָווער ביטעל אַף דער סצענע. אים העלפט אונטער דאָס טעכטערל מיינס. זיי פעסטיקן ביידע צו מיט קנאָפּקעס צו דיקט עפּשער א צענדליק דיאַגראַמעס, מיט רעדעלעך און פירעקן, מיט ליניעס און אנדערע מאָלעכצן. פון ווען דער פּרעזידיום איז שוין אויסגעקליבן, זעט די סצענע אויס אזוי, ווי מ'וואָלט זי נאָר וואָס אויסגעשפּאַלירט.

נו, טראַכט איך מיר, מע דאַרף שוין דאָ האָבן אַ גאַנצן בוכהאַלטער פּאַר די ציפערן.

אָנגעהויבן האָט ער דאפקע גאַנץ פיין. „יעדער כאָזייסטוועניק, האָט ער געזאָגט, פונקט ווי יעדער סאָוועטסקע סלוזשאַשטשע איז פריער פּאַר אַלץ אַ פּרי־קאַזטשיק באַם אַרבעטער־קלאַס, — דער אַרבעטער האָט אים אוועקגעשטעלט, דאַרף ער זיך פּאַר אים אָפּרעכענען".

צו לאַנג, גוטער ברודער, האָט געדויערט ביז דו ביסט געקומען זיך אָפּרע־כענען.

אין האַנט האַלט ער א דין שטעקעלע, אַ לענגלעכס. צום אָנהויב פאַרשטיי איך ניט צוליב וואָס, נאָר נאָכדעם, אַז ער גייט איבער צו די אָבאָראָטן, וואָס דער טרעסט האָט און וואָס אונזער פאַבריק האָט געמאַכט, טייטלט ער מיטן שטעקעלע אַף די דיאַגראַמעס, אַף די ציפערן, אַף די מענטשלעך מיט כאָלע־וועס אונטער די הענט, — עס זעט אויס, ווי אַ פּראָפעסאָר איז געקומען לייע־נען אַ לעקציע. עס גייט נאָר אָפּ קינאָ.

מאַליאַווטשיק שיקט מיר אַלע מאָל אונטער עמעצן, איך זאָל זיך זען וואָס גיכער פאַרשרייבן צום וואָרט. ער האָט זיך שוין פאַרשריבן און נאָך האָבן זיך פאַרשריבן. נאָר איך דאַרף ניט קיין אונטערשטופּער. אז איך וועל דאַרפן נעמען א וואָרט, ווייס איך אַליין, וואו דער פּרעזידיום זיצט.

ביטעל האָט שוין, דאכט זיך, אָפּגערעדט זיין טערמין (מ'האָט אים געגעבן אַ שאָ), בעט ער נאָך און באַ אונז זשאַלעוועט מען דאפקע ניט, רעדט ער ווייטער. ס'איז באַ אים גאָלע גליקן. דער טרעסט וואַקסט, די אָבאָראָטן פליען אין הימל אריין, אונזער פאַבריק שטייט ניט אָפּ, — מער פון אַלץ, זאָגט ער, קוקט דער טרעסט די אַרבעטער זאָלן זיין צופרידן, ווארום דער טרעסט, זאָגט ער, איז ניט קיין קאַפּיטאַליסטישער, נאָר א סאָציאַליסטישער.

און נאָך אַ נייס דערציילט ער אונז, א נייס, וואָס די גאַנצע פאַבריק קאָכט שוין מיט דעם, אַז גאָר אין גיכן גייט די פאַבריק איבער אַף זיבן שאָ אַרבעט. נאָכדעם הייבט ער אָן איבערצוגיין אַף ליטשנע זאַכן. „ס'איז, זאָגט ער, אָבער באַ אונז דאָ אַכוץ די גוטע זייטן כעסרוינעס אויך. נישט אַלע אַרבעטער פאַר־שטייען, ווי ס'דאַרף צו זיין די מאַשיניזאַציע און די ראַציאָנאַליזאַציע, ס'זיינען דאָ אַרבעטער, אַפילו פאַרטייצעס, וואָס שטערן דורכצופירן די ליניע פונם טרעסט און פונם וועעסענכאַ".

און דאָ הויבט ער אָן אויסצורעכענען פאַקטן. ער דערמאָנט מיך אויך. מע טראָגט אים, ווייזט אויס, אין טרעסט אַריין אָפּ אַלע פּליאָטקעס. ס'איז דאָ געננוג לעקערס אַף דער פאַבריק און קיין דאָנאָסטשיקעס פעלט אויך ניט. איז וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד עס גייט שוין איבער אַף ליטשנע, פאַרשרייב איך זיך צום וואָרט.

איך וועל ניט זיין קיין דעמאגאג, איך וועל רעדן געלאסן, איך בין ניט דער קרומער מאַליאוטשיק, וואָס רעדט שטענדיק פון די מאטעריאַלן אַרויס און מ'מוז אים שטענדיק אַראָפּשלעפּן פון דער טריבונע. איך האָב גאָר לאַנג אָפּן וואָרט ניט געוואַרט. דער פּרעזידיום האָט אַ דירעקטיוו פון פריער געבן אַ וואָרט עלטערע אַרבעטער (פאַר עלטערע אַרבעטער הייסט דער ראַיקאָם האָבן דערעכערעץ).

אַז איך בין שוין געשטאַנען אַף דער סצענע, הער איך, ווי כאַוועס ביטעל פרעגט זיך נאָך אַף מיר. מיטן דינינקן בלייערל פאַרשרייבט ער בא זיך אין בלאָקנאָטל די פאַמיליעס פון די, וואָס טרעטן אַרויס.

איז אויב אַזוי, אויב שוין זיך קענען איינס ס'אַנדערע. איז רעד איך צו אים ליטשנע.

— כאַוועס פרעדסעדאַטעל, זאָג איך, איר האָט דאָ אָפּגעמאָלט זייער אַ שיין בילד, מיט דיאַגראַמעס און מיט אַנדערע געמאָלעכצן. מע זאָגט אפילע, אַז איר זייט אַליין פריער געווען אַן אַרבעטער, פאַרשטיי איך ניט איין זאַך: פאַרוואָס פאָרט איר אַרויס אין אַן אייגענעם שפּאַן, פאַרוואָס האָט איר ערשט מיט אַ כוידעש צוריק אויסגעגעבן דריי טויזנט קאַרבן אַף מעבל פאַר אייער קאַבינעט און פאַרן טרעסט און מיר האָבן אַף דער פאַבריק אַ קלאָזעט, וואָס אָט אָט פאַלט ער איין.

כ'האָב נאָך גערעדט, אים אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס איז מיר געלעגן אַפּן האַרצן און וואָס אַנדערע איז אַפּן האַרצן געלעגן, מ'האָט געקלאַפּט „בראַוואָ" און ווי דער שטייגער איז, געזאָגט כאַכמעס.

ער אַליין, ביטעל, איז נאָכדעם, ווי איך האָב געענדיקט, צו מיר צוגעגאַנגען געשמייכלט און מיר גוטברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע.

מ'האָט אים באַשיט מיט טאַינעס פון דער וועלט, יעדער האָט וואָס צו זאָגן, באַ יעדערן איז אָנגעווייטיקט דאָס האַרץ, אַפילע יאָסעלע קאַרדופּ, דאָס ליטוואַקל, האָט זיך אויך זיינע טאַינעס.

— ביטעל, זאָגט ער צו אים, און ווערט מיט אים פּלוצים אַף „דו", אַזוי, זאָגט ער, האָב איך צו דיר קיין טאַינעס ניט, אָבער אין די איזאָברעטטאַטלנע וואָפּראָסן ביסטו גאָר אַן אָפּגעסטאַנענער מענטש און דיין טרעסט לאָזט זיך אַף דעם קיין קאָפּיקע ניט קאָסטן". ער וויל, יאָסעלע קאַרדופּ, אַכוץ דעם, וואָס ער גייט יעדן טאָג אַוועק פריער מיט צוויי שאָ פון דער אַרבעט, (פאַר די

צוויי שאָ צאָלט מען אים, נאָכדעם זיצט ער אָפּ באַ זיין מאַשין ביז 12 באַ־נאַכט), ווײַל ער, אַז דער טרעסט זאָל אים געבן געלט אָפּצוגיסן דעם מאָדעל און אים לאָזן ווייטער.

דער כאוועד ביטעל פאַרשרייבט אַלץ באַ זיך אין נאָטעסל, גלייך, ווי אָט פּאָרט ער אַוועק און נעמט אַלץ אויספירן, און דער אוילעם איז א גווילעם און גלייבט אין דעם. נאָכדעם, אַז ער ענטפערט, טייטלט ער שוין ניט אָף די דיאגראמעס און אָף די אנדערע געמאָלעכצן, ער ענטפערט פּראָסט פּאַ ראַבאָ־טשעמו אָף אַלע טאַינעס, וואָס די אַרבעטער האָבן אים געשטעלט. ער שעמט זיך פאר קיינעם ניט און ווען ער דאַרף אָפּזידלען, זידלט ער גאַנץ פיין אָפּ. „נישקאָשע, זאָגט ער, איך בין אויך אַמאָל געווען אַ שוסטער, זעצט זיך אַנידער אַף מיין אָרט, וועלן מיר זען, ווי אַזוי איר וועט עס מאַכן אַלץ אין איין אָטעם”.

מיר האָט ער גאָר אינגאַנצן ניט געענטפערט. ס'איז אים, ווייזט אויס, ניט אָנ־געשטאַנען, נאָר פּריימאַן איז נאָך דעם אַרויסגעגאַן און ווייל נאָך מיר האָבן גערעדט אָפּאָזיציאָנערן, האָט ער מיך פאַרקניפּט אין איין קניפּל מיט זיי און אויב אַזוי מעג מען שוין אַף מיר אויסרעדן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

מיין קאָמסאמאָלקע גייט צו מיר ניט, עפּשער קומט זי אַמאָל, ווען איך בין אינדערהיים ניטאָ, צו דער מוטער. ס'געפעלט איר ניט דער טאַטע. נעכע גייט צו זיי, ווייזט אויס, יאָ, זי פרעגלט זיי איינגעמאַכץ און טראָגט זיי עס אוועק אין סלאָיעס. איך זאָג איר גאָרניט, זי איז א מוטער. ס'איז איר זאַך.

זי ווייסט אַלע נייסן, וואָס באַ גיטעלען טוט זיך, זי קלאַפּט מיר אָן אַ פולן קאָפּ מיט זיי, ס'וועדט איר גאָר ניט נימעס צו רעדן וועגן דעם.

מיין אַלטע וויל שטארק דערלעבן אַ נאַכעס אין דער טאָכטער. זי וויל אַן אייניקל, זי וויל שטאַרק אן אייניקל.

זי דערציילט מיר, אַז אין אָוונט זיינען זיי ביידע אינדערהיים, נאָך דעם ווי ער קומט פונם לערנען, לייענען זיי איניינעם, נאָכדעם לערנט ער ווייטער און זי גרייט צו וועטשערע, ער שאַנעוועט זי זייער און זי היט אים אָפּ.

— ס'איז, זאָגט מיר נעכע, בא אים סאָף יאָר, ער דאַרף שוין ענדיקן, לערנט ער גאַנצע נעכט.

באַלאַן גייט ארום מיטן הויפּט־אינזשענער איבער די צעכן, זיי שלעפּט זיך נאָך טזשאַן־זאַ־לין. זיי שמעקן עפּעס אויס. כעוורע זאָגן, אַז מע נעמט זיך נאָכאַמאָל צו ראַציאָנאַליזאַציע, אייניקע פּראָצעסן וועט מען אָפּשאַפן, אָן דעם קען מען ניט איבערגיין אַף 7 שאָ.

מאליאווטשיק האָט מאַטעריאַלן, אַז די גאַנצע מאַיסע איז אַ בלאָף. מע וועט דורכפירן די ראַציאָנאַליזאַציע, מע וועט נאָך מער אָנלאָדן דעם אַרבע־טער און דעם זיבן־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג וועט מען ניט געבן.

איז אַזוי: אַז ער זאָגט עס צווישן אונז מעטשיקעס, איז וויל מען גלויבט מען אים, וויל מען, גלויבט מען אים ניט, נאָר אז ס'הערט עס אַ טושאַן־זאָלין, צי אַ בוכארטשיק, צי עמעצער אנדערש פון דער אָ קאמפאניע, זיינען זיי אים גרייט דוירעס צו זיין.

מיטקע האָט אים נעכטן געזאָגט, אַז אויב ער וועט אים נאָכאַמאָל פּאַקן מיט די מאטעריאַלן פירן אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערישע אַרבעט צווישן די אַרבע-טער, צעפּלעט ער אים דעם קאָפּ.

אַף דעם שייגעץ קענט איר עס גלויבן.

יאָסעלע קארדופּ קומט די לעצטע טעג אַן אָוולדיקער צו דער ארבעט. ער קומט ניט קיין אָפּגעוואַשענער, א צעשויבערטער. דאָס קיילעכיקע פּענימל זעט אויס פאַרשלאָפן, עס גלאָנצט, ווי אַן אָפּגעריבענער סאַמאָוואַר. ער פאַרגעסט אָפטמאָל אָנצוטאָן אַ גאַנצע פּאָר הויזן און עס קוקן באַ אים פון אונטן ארויס שטיקער לייב.

עס ווייזט זיך אַרויס, דאָס יונגע ווייבל זיינס האָט מיט אים געשלאָגן קאַפּאָרעס.

ער איז אַזוי טאָג ווי נאַכט אַריינגעטאָן אין דער מאַשין, וואָס ער מאַכט (ער האַלט שוין, דאכט זיך, באַ באַקומען אַ פּאַטענט), ער איז אַזוי וויניק אינדערהיים, אַז זי האָט זיך בארעכנט און אָפּגעצויגן, זי איז אַוועק מיט אַ פּריקאַזטשיק פון סאַראבקאָאָפּ. וואָרום אין דער עמעסן, וואָס דאַרף זי אַזאַ טומטעם, אַזאַ טויגעניכטס, אז קיין רעכט לעבן האָט זי מיט אים ניט,—אזוינס, ווי ער, וואָלט גאָר ניט געדאַרפט כאַסענע האָבן. כעוורע דערציילן, ווי אַזוי ס'איז געשען: יאָסעלע איז געקומען שפּעט פון דער פאַבריק, (ער ארבעט יעדן טאָג נאָך דער ארבעט אין מעכאנישן צעך באַ זיין מאַשין), אַז ער איז אַריין צו זיך אין צימער, איז דאָרט געווען ליכטיק. ס'איז אים גאָרניט איינ־געפאַלן, ער האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אין בעטל (ער איז טויט מיד געווען פונם גאַנצן טאָג ארבעט), שוין געוואָלט איינשלאָפן, גיט ער פּלוצים אַ קוק,— די שאַפע איז אָפן — אינעווייניק איז ליידיק — דאָס ווייבל האָט צוגענומען דעם גארדעראָב אירן, אַראָפּגענומען די גארדינעס פונם פענצטער, דאָס טישטוך פונם טיש — ער וועט סיי ווי מאכן דערפון אַ טעל, — און אים האָט זי איבער־געלאָזט אַ בריוו — אַזוי און אַזוי — מירן בלייבן גוטע פריינט — איך האָב צו דיר גאָרניט.

די יאַטן האָבן ניט וואָס צו טאָן, כאָכמעט מען זיך, מע רעדט אים שידוכים, מע וויל אים כאסענע מאַכן.

— יאָסעלע, זאָג איך צו אים, האָסט זיך פיין אויסגעהאַנדלט.
— ניסקאָסע, זאָגט ער, דער פּאַטענט איז סוין בײַ מיר אין קעסעניע.
און קריכט מיר ווייזן דעם פּאַטענט.
גיי רעד מיט אים, אַז ער דאַרף גאָר קיין ווייב ניט. ער האָט כאַסענע געהאַט מיט דער מאַשין.

XIII

מע רעדט שוין וועגן נייעם קאָלדאָגאָוואָר.
ס׳האָט עמעצער געבראַכט אַ ידיע, אַז דער נייער דאָגאָוואָר מיטן טרעסט וועט מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די סטאַווקעס. מע קלייבט זיך צו פֿאַרקלענערן די ראַזריאַדן בײַ אַלע ארבעטער, און ווי באַלד מ׳וועט פֿאַרקלע־נערן די ראַזריאַדן, וועט עס שוין בעמיילע אָן די סכירעס.
אַז איך זאָג עמעצן אין רויטן ווינקל בײַ אונז, נעמט בוכאַרטשיק אַרויס אַ צייטונג און ווייזט אַלעמען שוואַרץ אויף ווייס:
אַ דירעקטיוו פֿון צעקאַ פּאַרטיע, אַז אַלצדינג — נאָר אויף קיין איין פּרוטע טאָר ניט פֿאַרקלענערט ווערן דער רעאַלער ארבעטס־לוין.
און מיך לערנט ער: „איידער, שאמאי, דו גייסט עפּעס זאָגן, זאָלסטו פֿריער גוט אויספֿאָרשן צי ס׳איז ריכטיק". אַ שיין פּאָנעם האָט עס: די אייער לער־נען די הינער, ווי אַזוי זיך צו לייגן.

בוכאַרטשיק האָט אונז היינט אין רויטן ווינקל געגעבן צו פֿאַרשטיין: אין די ראַזריאַדן, וואָס יעדער ארבעטער האָט איצטער, איז דאָ אַ גרויסער מיש־מאַש אויף פֿאַרשיידענע פֿאַבריקן.
איין און דיזעלבע קוואַליפֿיקאַציע ווערט אין פֿאַרשידענע פֿאַבריקן אַנדערש טאַריפֿיצירט און פֿאַרשידן באַצאָלט. ס׳איז אַ מישמאַש אין דער סעטקע. אַכוץ דעם, זאָגט ער, איז דאָ עפּשער 16 צי נאָך מער ראַזריאַדן. וועט איצטער די פֿאַבריק מיטן טרעסט בײַם נייעם קאָלדאָגאָוואָר די ראַזריאַדן פֿאַרקירצן און אויסגלייכן, דערפֿאַר וועט מען העכערן די יעדיניצע און ס׳קען זייער זיין, אַז אייניקע אַרבעטער וועט אויסקומען איבערצופֿירן אין אַ קלענערן ראַזריאַד, כאָטש ליידן וועט ער דערפֿון ניט.
„אויף אונזער פֿאַבריק, זאָגט ער, וועט ליידן אַ פּראָצענט 7-8, אָבער דערפֿאַר וועלן אַ פּראָצענט 30-40 אַביסל אויסשפּילן און די איבע־ריקע וועלן גאָרניט ניט דערלייגן. דעריקערשט, זאָגט ער, דאַרף מען ניט מאַכן קיין פּאַניקע, ס׳איז לעטויוועס דעם אַרבעטער און נאָר פֿאַר זיינעטוועגן".

מיר גלויבט זיך עפּעס ווייניק ס'זאָל אַזוי גלאַט אָפּגיין, עפּעס האָט ער אונז שוין צו פיל איינגערעדט, אַז ס'איז פאַרן אַרבעטערס ווענן, — מ'סטאַם איז שוין דאָ דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מע דערציילט אונז ניט.

היינט, ווען מיר גייען אַהיים, גייט צו צו מיר מאַליאַוואָטשיק. ער איז זייער צעקאָכט. די קליינע שוויצן באַ אים אַפן פּאָנים, ער זאָגט צו מיר: „וואָס פאַר אַ ראַזריאַד ביסטו, שאַמאַי?"

ענטפער איך: „דעם עלפטן ראַזריאַד".

— אויב אַזוי, זאָגט ער, וועסטו לויטן נייעם דאָגאָוואָר זיין דער זיבעטער.

— וואָס הייסט דער זיבעטער, זאָג איך, פאַרוואָס קומט מיר דער זיבעטער?

— וואָס, זאָגט ער, שטעלסטו פאַר אַ קאַשעס? מע פרעגט דען עמעצן? און אַז מ'וועט דיר שטעלן דעם דריטן, וואָס וועסטו זיי טאָן?

ער זאָגט, אַז ער ווייסט שוין, וואָס ווען מ'האָט געשטעלט, מ'האָט יעדן אַזוי אַראָפּגערוקט, אַז ס'וועט אים פינצטער ווערן אין די אויגן.

ער גייט אַזוי פון אַרבעטער צו אַרבעטער, דערציילט יעדערן וועגן זיין ראַזריאַד. ער האָט, זאָגט ער, מאַטעריאַלן און ווייסט וועגן דעם גלייך, ווי ס'וועט צונויפגעשטעלט.

מיר גייען אַלע אַרום מיט גרויס גרימעניש אין בויך.

ס'איז שוין איבערגעגאַן מער ווי אַ וואָך זינט יענעם שמועס מיט בוכאַר-טשיקן און מיר ווייסן דערווייל נאָך גאָרניט. דער פאַבקאָם שווייגט, די יאַטשייקע שווייגט (פריימאַן איז אין אורלויב, ער איז ערגעץ אַף אַ דאַטשע), מ'וואַרט, ווייזט אויס, פון ערגעץ דירעקטיוון און דערווייל גייען אַרום אַלערליי קלאַנגען, יעדערער קומט מיט זיין פּאַטשעט, מיט זיינע נייסן און שרעקט דעם אוילעם.

מאַליאַוואָטשיק זאָגט (ער שטייט איצט לעם מיטקען), אַז די ליניע איז איצטער אַזאַ — נעמען פונעם אַרבעטער. נישקאָשע, זאָגט ער, זיי ווייסן, אַז דער אַרבע-טער וועט שווייגן, ס'איז, זאָגט ער, אַ מעלקעבוריזשואַזנע אוקלאָן אינם קולאַקס זייט.

מאַליאַוואָטשיק האָט אַרום זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, נאָר ער איז דער קאָפּ. די איבעריקע זיינען אין אַנדערע צעכן, זיי האָבן אויך מאַטעריאַלן און אַז זיי רעדן מיט אַן אַרבעטער, קוקן זיי אין די מאַטעריאַלן און ברענגען אים פאַקטן און ציפערן און, אַז מ'וויל שטאַרק, זיינען זיי עפּשער טאַקע גאָרניט אַזוי אומגערעכט.

סאָפּקאָלסאָף האָט עס געפּלאַצט, דער בלאָטער האָט געריסן, געריסן און גע-פּלאַצט. איז איצטער אַף דער פאַבריקע אַ סומאַטאָכע, כאָטש ווייז זיך אַהין ניט.

אַז איך בין נעכטן פאַרטאָג אַרויס פון דערהיים, האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז ס'וועט זיך עפּעס טרעפן. איך האָב אַביסל פאַרשפּעטיקט און אין וואגאָן קימאַט קיינעם פון אונזער פאַבריק ניט געטראָפן. נאָר פאָרן טויער האָב איך דערזען שטיין גרופּקעס מענטשן. מער פון אַלץ איז מען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן, מ'האט זיך צונויפגעשטופּט בא די מעלדונגען, יעדערער האָט געזוכט זיין פאַמיליע און זיין ראַזריאַד.

איך האָב זיך דורכגעשלאָגן דורכן אוילעם צו דער וואַנט, אָפּגעזוכט מיין נאָמען, לעם דעם נאָמען שטייט שוין דער ראַזריאַד — איך גיב אַ קוק: דער ניינטער. אַזוי גייען אַסאַך צו און טרעטן אָפּ צוריק מיט אַ זידלעריי, מיט קאַס; ווער ס'איז אַראָפּ פונם דרייצנטן אַפן צענטן, ווער פונם צענטן אַפן זעקסטן. אַסאַך געטראָפענע דרייען זיך אַרום, קיינער גייט ניט אין די צעכן — ס'קאָכט, ס'זידט.

עמעצער לויפט אין פאַבקאָם, צום דירעקטאָר אין קאַבינעט. נאָר דאָרט איז נאָך גאָר פרי. ס'איז נאָך קיינער ניטאָ און ס'איז ניטאָ צו וועמען צו רעדן.

דערוויל פייפט שוין דער הודאָק, אַן אַנדערש מאָל טרעפט דער פייף שוין אַלעמען אינעווייניק, איצטער זיינען נאָך אַלע, אַכוץ די, וועמען ס'האָט ניט אָנגערירט, אין דרויסן און אין די קאָרידאָרן.

אָבער אַז ס'איז אַ הודאָק, גייט מען. מ'נעמט זיך צו דער ארבעט, נאָר אינעווייניק אין האַרצן ברענט אַ פייער.

מאַליאַוטשיק שיינט איצטער. „איר זעט, זאָגט ער צו אונז מעטשיקעס, דאָס וואָס איך האָב אייך געזאָגט, איז מעקויעם געוואָרן אף אלע 100 פּראָצענט".

איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען אַזאַ צופרידענעם. זיין בייז קלייענדיק פּאָנים שיינט איצט, ווי די זון אין טאַמעז, א שמייכעלע ליגט אים אויסגע-גאָסן אַפן פּאָנים, אזוי ווי ער וואָלט דאָ האָבן געווינען דאָס גרויסע געווינס.

— זיי האָבן, זאָגט ער, אַפילע קיינעם ניט געפרעגט, קיין טאַינעס ניט גע-מאַכט — אַרויסגעהאַנגען ס'צעטל. ווילסט ניט — גיי אַף דער בירזשע!

אַלע זיינען מיט אים מאַסקים. אלע זאָגן, אַז אַזוינס איז נאָך אף דער פאַב-ריק ניט געווען.

מאַליאַוטשיק לאָזט אלע מאָל איבער די ארבעט. ער כאַפּט זיך ערגעץ אַרויס, נאָכדעם קומט ער צוריק אַריין און ברענגט פרישע נייס:

— מ'איז געווען באַם דירעקטאָר זיך קלאָגן, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז סאָגלאַסויעט מיטן פאַריין.

— די פאַלצערס קלייבן זיך וואַרפן די ארבעט.

ער זאָגט, אז בעשאַסן מיטאָג וועט מען מאַכן א ספּעציעלע פאַרזאמלונג און ס'וועלן שוין זיין דירעקטיוון, וואָס צו טאָן.

מיטקע שטייט די גאַנצע צייט שווייגנדיק בא דער ארבעט. ער איז עפּעס איצט ניט מיט אלעמען, ער איז גרין און געל. ער זאָגט גאָרניט בעשאַס באַם טיש גייט דער שמועס, ער האָט אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער.

איך קען זיך ניט איינהאַלטן און זאָג אים: וואָס שווייגסטו? וואָס? מ׳האָט דיר פאַרזאָגט זאָלסט שווייגן — גענוג, ס׳איז שוין קיין קויעך ניטאָ.

גיט ער א קוק אף מיר און אַפן גאַנצן טיש, דער קאַעס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן: — ס׳איז מיר, זאָגט ער, א בושע פאר די רייד, וואָס איך הער דאָ פון ארבעטער און פון פאַרטייצעס, ס׳גלוסט זיך מיר, זאָגט ער, אף א׳יך אַ שפּיי טאָן און אַוועקגיין פון אייך.

מיר האָבן זיך ניט דערוואַרט אפן מיטאָג-פּייף. מיר האָבן א פּאָר מינוט פריער אַוועקגעלייגט די ארבעט, געמומען גיין אין אַנדערע צעכן הערן נייס. דערווייל פּייפט שוין צום מיטאָג, און דער פּייף רופט צונויף די ארבעטער פון די צעכן. מ׳זאַמלט זיך בא טזשאַן-זאַ-לינען אין אָפּטיילונג. מע וויל ניט אראָפּקומען אין עס-צימער. דאָס עסן קריכט איצט קיינעם ניט אין קאָפּ אַריין.

עפּשער דריי הונדערט מענטשן זיינען מיר דאָ (די איבעריקע האָבן איצטער אין דער מינוט, אינזינען די קישקע) ס׳איז אַזוי ענג, אז מ׳קען דעם אָטעם ניט כאַפּן.

פונם עס-צימער קומט אָן כאימל קארטון, צו דעם ראַש, וואָס שטייט אין צעך, קומט ער אָן, ער דערקייט נאָך די בולקע, ער האָט א פולן מויל און וויל זיך דערווייל ניט מישן, ער איז א מענטש פאר זיך.

— קארטון, שרייט צו אים עמעצער פונם אוילעם, קארטון, גיי אַרויס און זאָג דיין אָווטאָריטעטנע וואָרט.

— וואָס האָב איך צו זאָגן, ענטפערט ער, דער עמעס וועט אַליין אַרופ־שווימען, אזוי ווי בוימל אפן וואַסער.

אין שמועס מישט ער זיך ניט. ער שטייט מיט א בלאַט און קוקט געשמאַק אַריין. געפונען א צייט פאַר לייענען א בלאַט.

מיר גלוסט זיך צו אים צוגיין אַזוי ווי ער שטייט, בא אים אַרויסרייסן די צייטונג און אים באַצאָלן ער זאָל פאַרגעדענקען, ווי לאַנג ער וועט לעבן.

מ׳האָט אראָפּגעבראַכט בארטן. דעם פאָרזיצער פון פאַבקאָם. ער שטייט אף א טיש אין איז בלייך, ווי די וואַנט. ער וויל עפּעס אָנהויבן רעדן, איז אַזוי ראַשיק, אז ער שטעלט זיך ניט איין.

בארט זאָגט, אז דאָ איז עפּעס געשען א טאָעס, עפּעס דאַרף מען דאָ קלאָר מאַכן, די טאַינעס זיינען ריכטיקע, נאָר דערווייל דאַרף מען זיך צעגיין, איצט

איז ניט קיין צייט פאר קיין פאַרזאַמלונג, מע דאַרף אַלץ אָפּלייגן ביז נאָך דער ארבעט.

— וואָס פאר א ארבעט? שטייט שוין איבן מאַליאַווטשיק און רעדן רעדט ער אזוי, אז מ'הערט אים איבערן גאַנצן זאַל, — ווער וועט עס גיין אַרבעטן, אַז ער ווייסט ניט, וואָס וועט מיט אים זיין?

אָט אזוי שטייט ער און שרייט און פונם אוילעם האַלט מען אים דאַפּקע אונטער, איך דער ערשטער; איך קריך אויך אַרויף אפן באַנק און גיב אויף מיין געדאַנק: שיקן א דעלעגאַציע — צום דירעקטאָר.

מ'האָט מיך דאַפּקע געפאָלגט. מ'האָט אויסגעקליבן דריי מענטשן און זיי אַוועקגעשיקט צו באַלאַנען. איך בין אויך געווען צווישן די, וואָס זיינען געגאַן. אַפן וועג צום דירעקטאָר האָב איך דערזען בוכאַרטשיקן און מיטקען לויפן הענדום-פּענדום אין פּאַבקאָם. זיי זיינען געווען שטאַרק צעהיצט. זיי האָבן זיך ביידע א וואָרף געטאָן צום טעלעפאָן, אָבער ס'איז דאָ ניט געווען די טעלעפאָן-טרובקע (מ'האָט זי עמעצער אָפּגעשניטן). זיינען זיי געבליבן מיט אָפענע מיילער, צעררייצטע, און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. זיי האָבן עמעצן, ווייזט אויס, געדאַרפט ארויסרופן. נאָכדעם זיינען זיי ארויס אין הויף אַריין, מיטקע האָט אָפּגעזוכט דעם גרוזאָוויק (דער שאָפער איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון שטאָט), בוכאַרטשיק האָט זיך אַרויפגעזעצט, געהייסן דעם שאָפער אַ יאָג טאָן. מיטקע איז צוריק אריין אף דער פאַרזאַמלונג.

גאָר גיך האָט זיך די דעלעגאַציע אומגעקערט פון דירעקטאָר און געמאָלדן, אז זי איז דאָרט געווען, איז ווי נאָר דער דירעקטאָר האָט זיי דערזען גיין, איז ער ארויס דורך דער צווייטער טיר, זיך אויפגעזעצט אַפן ברישקעלע און איז אַוועקגעפאָרן.

דערווייל איז שוין אַוועק די שאָ, עס פייפט שוין דער הודאָק צו דער אַר־בעט, א טייל מענטשן געבן זיך א וואָרף אין די צעכן, שטעלט זיך מאַליאַוו־טשיק ווידער ארויף, א פּאָר כעווריע זיינע שטעלן זיך בא די טירן, און מאַ־ליאַווטשיק שרייט:

— קיינער זאָל זיך ניט רירן. ביז מ'וועט ניט אראָפּנעמען די נייע טאַריפי־קאַציע, גייט קיינער ניט צו דער ארבעט.

דער אוילעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען א גאַנץ גלייכער געדאַנק. וואָס דען? מירן זיך שטעלן ארבעטן, וועט זיין פאַרפאַלן.

טזשאַן און מיטקע נעמען אוועק א גרופּע פּאַרטייצעס אין א זייט, איך גיי אויך צו. טזשאַן טאַינעט, אז מ'דאַרף זיך גלייך שטעלן ארבעטן, די פּאַרטיי־צעס דאַרפן פירן נאָך זיך די איבעריקע. „זעט, זאָגט ער, ווי די אָפּאָזיציע אַרבעט, מאַליאַווטשיק גרייט שוין צו פון עטלעכע טעג. שעמט זיך, זאָגט ער, איר שטייט ווי די ליימענע גוילעמס".

ענטפערט אים אָפּ א צווייטער, ער רעדט איצטער פונם גאַנצן האַרצן. —
„די מאַסע, זאָגט ער, איז אויפגערעגט, מע דאַרף איינמאָל פאַר אלע מאָל אָנלערנען וועמען מע דאַרף, אז ס'זאָלן אַזוינע פּאַראַנדקעס אף דער פאַבריק ניט זיין; מע קען אַקעגן דער גאַנצער מאַסע ניט גיין".

און נאָך אסאך טאַינען דאָס זעלבע, דאַפקע גאַנץ אקטיווע כאווירים, ווי דער עמעס איז, אַקעגן דער מאַסע טאָר מען ניט גיין.

און בא די רעדעס און אין דעם טומל דרייען זיך ארום אַרבעטער און ווייסן נישט וואָס צו טאָן.

צו טשאַנען קומט אריין א גרופּקע אַרבעטער, — דאָס זיינען זיי געקומען, ספּעציאַלנע פון בעזפּאַרטיינע אקטיוו; — ס'איז געווג זיך נאַריש צו מאַכן, זאָגן זיי, מיט וועמען פראַוועט מען עס ברויגעז, מיט זיך אַליין. ס'איז א בושע פאַר אנדערע פאַבריקן.

— איר זעט, שרייט טשאַן אף א הויך קאָל, בעזפּאַרטיינע קומען און הייסן זיך שטעלן אַרבעטן, און די דעמאַגאָגן (ער ווייזט אָן אף מאַליאַוועטשקין מיט דער קאָמפּאַניע) שטייען און גוואַלדעווען.

דער הודאָק פּייפט אַלץ און וויל איבערשרייען דעם אוילעם, און מאַליאַוו־טשיק לאָזט זיך ניט איבערשרייען. ער רעדט אַלץ. ער רעדט פון די מאַטע־ריאַלן ארויס, דער שוויס רינט אים פונם פּאָנים, און ער זעט איצטער אויס, ווי אַן עמעסער וואָזשד.

נאָר פּלוצים אזוי ווי ער רעדט נאָך אַלץ אזוי, דער הודאָק פּייפט און רופט צו דער אַרבעט און מאַליאַוועטשיק רעדט זיך זיינס, פּלוצים רייסט זיך פונם אוילעם ארויס מיטקע און נאָך אים טאָנקאָליטיכע, און נאָך זיי נאָך א צוויי־דריי מענטשן, מע יאָגט זיך צום טיש, ווי מאַליאַוועטשיק רעדט. מיטקע שפּרינגט האַסטיק ארויף אַפן טיש, טוט א כאַפּ מאַליאַוועטשיקן באַם האַלז־און־נאַקן טוט אים א טרייסל און וואַרפט אים אראָפּ פון טיש, דערנאָך טוט ער א געשריי און ער שרייט שוין דאַפקע איבער דעם הודאָק, וואָס קען גאָרניט אנטשוויגן ווערן: „כאווירים! אַקעגן וועמען ג"ט איר שטרייקן, אַקעגן דער אַרבעטער־מעלוכע, אַקעגן זיך אליין — שעמט זיך!

און נאָך אים טאַנקאָליטיכע מיט איר קוויטשיקל: „די מינוט צו דער אַר־בעט, ס'איז א בושע, איר פאָלגט קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן".

צו זיי זיינען צוגעשטאַנען נאָך און נאָך, ס'האָט זיך פּלוצים באַוויזן מיין קאָמסאָמאָלקע, יאָסעלע קאַרדופּ, דער פּאַסקודניאַק קאַרטון איז אויך צוגעשטאַ־נען — אין דעם ראַש האָט טשאַן צעשיקט די קאָמפּאַניע אין די אָפּטיילונגען, זיי געהייסן לאָזן די מאַשינעס. פון די אָפּטיילונגען האָט פּלוצים א זשום געטאָן, די פאַבריק האט זיך צוריק א רודער געגעבן, דער הודאָק האָט איינ־געגומען שטומעניש. אַלץ צוריק ווי פריער, אַזוי ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן.

גרופקעסווייז האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך אריינוואַרפן אין די אָפּטיילונגען אַריין. ווארום, אז ס'גייט שוין די מאַשין, האָט דער ארבעטער קיין האַרץ ניט זי צו לאָזן גיין אזוי, אַף פוסט, מ'האָט ניט געקענט ביישטיין. ס'איז געווען צען מינוט נאָכן הודאָק, ווען מיר האָבן זיך געשטעלט ארבעטן.

ווען בוכאַרטשיק האָט אין א שאָ ארום זיך אומגעקערט מיטן סעקרעטאַר פון ראיקאָם, איז שוין אלץ שטיל געווען.

נאָכדעם איז געווען א פאַרזאמלונג. נאָר דאָ זיינען זיי שוין, גאַנץ פאַר־שטענדלעך, געווען די באַלעבאַטים. זיי האָבן גלאַטע צינגעלעך, מע טרעט אַרויס מיט רעדעס און מ'איז גערעכט. סע יאוועט זיך מיטאמאָל באלאָן. ער גיט א ספּראַוואָטשקע, אז די נייע טאַריפיקאַציע רירט אָן צוויי פּראָצענט אַר־בעטער, אי דאָס זייער ווייניק. וועט איר פרעגן פאַרוואָס? מע פאַרקלענערט טאַקע די ראַזריאַדן, נאָר מע העכערט די יעדיניצע.

דאָס האָט ער אפן אָרט א שפּאָגל נייע מאיסע צוגעטראַכט. ער האָט זיך דערשראָקן, וואָרום פארוואָס איז פריער ווען דער געהעכערטער יעדיניצע גאָרניט געזאָגט געוואָרן?

טזשאַן האָט גענומען א וואָרט און געזאָגט, אז אונזער פאַבריק האָט זיך אַזוי פאַרפלעקט פאַרן ארבעטער־קלאַס פון סעסעסער און פון דער גאַנצער וועלט, אז ער ווייסט שוין גאָרניט, מיט וואָס מע וועט זיך פון דעם פלעק קאָנען אויסקויפן.

מאַליאַוטשיקן האָט מען אינגאַנצן פאַרטיוקעט, מ'האָט אים אַפילע ניט אַרויפגעלאָזט אַף דער סצענע. מיך האָט מען ניט אַנדערש גערופן, ווי „זאַטשינ־שטשיק", גלייך ווי איך איינער האָב געשריען. מער פון אלע האָט געפייערט מיטקע. בוכאַרטשיק האָט אויך צוגעלייגט א קנייטל, און די קאָמסאָמאָלקע מיינע האָט אים גאַנץ געטריי מיטגעהאָלפן.

אַז מיר זיינען געגאַנגען אַהיים, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די דרוקער, האָבן זיי אונז געמאַכט דעם פיינעם באַרעכאַבע (מ'ווייסט שוין אפּאָנים אין גאַנצן ראיאָן פון דער מאיסע). זיי האָבן אונז געפרעגט, ווי אזוי איז עפּעס באַ אונז אראָפּ דער שטרייק אַקעגן דעם באַלעבאָס.

אַפן פאַבריק איז כווישעך. מע האַלט שוין מער ווי א וואָך אין איין זיצן, ביוראָען מיט קאָמיסיעס, אָפּענע און פאַרמאכטע, מער טאַקע פארמאכטע. פריימאַן איז עקסטרע אַראָפּגעקומען פונם אורלויב און האָט זיך גענומען פאַרן אייסעק. אינזער פאַבריק זעט איצטער אויס, ווי א גרויסע באַלאָוויירעניצע, וואָס שלאָגט זיך אַל־כעט. זי איז באַ אלעמען אַפן צונג, יעדער סמאַרקאַטש רעדט וועגן איר און מיסטאָם ווייסט מען שוין וועגן דעם אין צענטר אויך.

היינט האָט פריימאַן פון ערגעץ געבראַכט א דייטשע צייטונג. מיט גרויסע דיקע אויסיעס שטייט דאָרט: „שטרייקן אַף די רוסישע פאַבריקן".

אַ מאַקע זיי אין די ביינער — זיי האָבן שוין וועגן וואָס צו שרייבן, און אונזער פריימאַן מיט דער קאָמפּאַניע — וואָס צו רעדן. ס'איז א בושע זיך ערגעץ צו ווייזן. מיר ווייזט זיך אויס, אז אומעטום, וואוהין מיר גייען, טייטלט מען אַף אונז מיט די פינגער.

די ערשטע פאָרציע וועט כאַפּן באלאַן. ער האָט עס קאָשער פארדינט. אַזוי האָט מען טאַקע גערעדט אַף דער פאַרזאַמלונג: זאָל זיין, אז די נייע טאַריפיקאַציע שאַט קיינעם ניט, אָבער אַזאַ זאַך טוט מען ניט אַליין אָנם וויסן פון דער יאַטשייקע און פון ארבעטער.

ער האָט זיך דאפקע געגוג פארענטפּערט (ער איז שוין געוואָרן גרין און געל זייט יענער מאיסע), אָבער דאָ האָט אים שוין ניט געהאָלפן, ניט זיין גלאַט צינגל, ניט די ספּראַווקע, וואָס ער האָט אַלע פינף מינוט געגעבן.

און נאָך אַ זאַך איז דאָ, פאַרוואָס ער גייט אַוועק: ער קען די לעצטע צייט ניט אויסקומען מיט פריימאַנען און מיטן אַקטיוו. ער פירט זיך אויף, ווי אַ באַלעבאָס, טוט און פרעגט זיך ניט אָן. פון זינט מ'האָט אים פארבראַקע-וועט דעם פּלאַן וועגן דעם זיבן-שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג, בלאָזט ער זיך. מ'האָט שוין אָנגעגעבן, וואו מע דארף, פריימאַן איז ניט קיין שפּעטנע יונג, און דאָרט האָט מען אים געענטפערט, אז מ'וועט אים צונעמען.

ווען ס'וועט זיין, ווייסט מען נאָך ניט. נאָר דערווייל פאָרט ער אַף עטלעכע באַדאָשים אוועק אין אורלויב, ער פאָרט קיין דייטשלאַנד היילן דעם לישאַי אַף דער נאָז. אַף לאַנגע עטלעכע באַדאָשים פאָרט ער. וועט מען דערווייל עמעצן אַף זיין אָרט שיקן. אים וועט מען שוין נאָכדעם ערגעץ אהינטון.

איצט האָבן זיי זיך גענומען צו די איבעריקע זאַטשינשטשיקעס, ווי זיי רופן זיי אָן. צו מיר דעם ערשטן. איך ווייס ניט פאַרוואָס איז עס אזוי, אַז וויבאלד עפּעס טשעפּעט מען זיך באַלד צו שאמאיען. ס'זיינען געווען נאָך, וואָס האָבן געשריען, סע האָט ווי געטאָן, האָט מען געשריגן, איז יענע באַ-האַלטן זיך אין די ווינקעלעך, זעען איצטער אויס ווי די ניונקעלעך, און מיך האָט מען גערופן עפּשער אַף צען זיצונגען, מ'האָט זיך געזוכט אַף מיר, גע-נישטערט כאַטאָים פון דער וועלט און ווען ניט אַ צופאַל אַ מאַיסע ניט געשטויגן ניט געפלויגן, וואָס מ'האָט מיר צוגעטשעפּעט, וואָלטן זיי מיר טאַקע גאָרניט ניט געקענט טאָן.

טרעפט זיך אַ מאַיסע: בא אונז אַף דער פאבריק אַרבעט איינער אַ קלימ-טשוק, — אַ אוקראַינעץ. איז דאָך איצטער א מאָדע אַף אוקראַאינצעס, מע ציאַצ-קעט זיך מיט זיי, איז ער אַף דער פאבריק אַ גאַנצער יאַטאָבידאַם. ווי ערגעץ

אַ קאַמיסיע, ווי ערגעץ אַ קאָוועד. מ׳האָט אים שוין אַפּילו היינטיקס יאָר געוואָלט אויסקלייבן אין פּאַבקאָם. דאַרף זיך מיט אים טרעפן אַ געשיכטע — ער האָט אָנגעהויבן אַרויסטראָגן כאַלעוועס פון פאַבריק, געטראָגן, געטראָגן, ביז מ׳האָט אים געכאַפּט. איז, פאַרשטייט זיך, דער פאַבריק געווען אַ גרויסער ביזאָיען, וואָרום צווישן אונז זאָל עס בלייבן, ער האָט שוין אַפּילו אָנגעגעבן אין פּאַרטיע, נאָר מ׳האָט אים דערווייל ניט צוגענומען, איז ווען מיר גייען אהיים נאָך דער אַרבעט, ווייסט איר דאָך, ווי אַזוי בעספּארטיינע אַרבעטער זיינען. „זעסט, זאָגן זיי, דיין אקטיוו, אָטאָ די, וואָס מע ציאצקעט זיי מיט זיך, ער איז דאָך שוין שיר ניט געוואָרן קיין פּאַרטייעץ״.

זיי רעדן און רעדן און איך שווייג, איך האָב זיי ניט וואָס צו ענטפערן. אָבער אַז זיי הערן ניט אויף און ווידער דאָס אייגענע און פאָדערן איך זאָל זיי געבן אַן ענטפער, און דער ענטפער ליגט מיר אַפן צונג, איז סאָפּקאָלסאָף זאָג איך צו זיי, ווי דער עמעס איז: „א גאָי איז אַ גאַנעוו, זאָג איך, סע ליגט שוין אין זיין בלוט אַזוינס, מישט ניט אהער, איך בעט אייך, קיין פּאַרטייצעס״, איז דאָ בעשאַס מאַיסע, כאַימל קארטון. ער גייט אָן אַ זייט און הערט זיך צו. ער מישט זיך אַריין. נעמט מיך פּלוצים זידלען. מאַכן מיט דער בלאָטע גלייך. די גאַנצע קאָמפּאַניע פאַלט אַף מיר פּלוצים אָן, כ׳האָב זיך פון זיי קוים אָפּגעטשעפּעט.

איז עס אים נאָך ווייניק, טראָגט ער עס אָפּ אין יאטשייקע און לייגט נאָך צו אַ פּאָר ליגנס, אז איך האָב געזאָגט און געזאָגט, — ס׳האָט געהאַט אַ שיין פּאָנים אַפן ביוראָ, איך בין געזעסן און ס׳האָט מיר געפלאַמט דאָס פּאָנים.

איצטער האָט מען מיט מיר אַפן ביוראָ ניט געמאַכט קיין לאַנגע שמועסן. פריימאַן האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין מיד מיט מיר צו האָבן צו טאָן. מיטקע האָט מיך א פרעג געטאָן, וואָס האָט ער בא מיר אַזוינס אַוועקגעגאַנוועט, און בוכארטשיק האָט אַריינגעטראָגן א פאָרשלאַג מ׳זאָל מיך אויסשליסן פון פּאַרטיע.

אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג בין איך שוין ניט געקומען, וואָס וועל איך גיין זעען מיט די אייגענע אויגן, ווי מע וועט מיך אַרויסוואַרפן. אַ גוטער ברודער האָט מיר דערציילט, אַז בילערס איז געווען געגנוג, מ׳האָט ווידער צונויפגענומען דאָס גאַנצע פּעקל כאַטאָים, ווידער אמאָל זאַבאַסטאָוושטשיק, און שאָוויניסט, און אומבאַוואוסטזיניקער עלעמענט, און קוסטאַר — ווער ס׳האָט גאָט אין האַרצן האָט עפּעס צוגעלייגט, אין קיין סאָנים בין איך ניט זשעדנע און גאַלאָסירן איז שוין ניט געווען נאָך וואָס. קימאַט אַלע האָבן געהויבן די הענט.

היינט האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז די דיעלע גייט אין קאַקאַ און אויב איך וויל, קאָן איך זיך נאָך דאָרט אַ סטאַרע טאָן.

מיין נעכע הערט ניט אויף צו מאַנטאַטשען באַ מיר געלט פאַר די קינדערס וועגן. זי מוז זיי, זאָגט זי, אַלע מאָל עפּעס אונטערקויפן און נאָך איצטער ווען גיטעלע גייט אין לעטניע פּאַלטאָ און האָט ניט קיין וואַרעם וועש. פון איצטער אָן, זאָגט זי, וועט זיי גאָר זיין שווער: בוכאַרטשיקן שיקט מען לער־נען פאַר אַ אינזשענער, וועט ער דאַרפן לעבן פאַר אַזוינע דרייסיק קראַפּן אַ כוידעש, (ס'איז אַלץ קעדאַי, אַבי צו ווערן אַ אינזשענער), עס וועט זיי סטייען וואַסער אַף קאַשע.

גיטל קומט איצט אַ מאָל אַריין צו אונז, שטאַרק אָפּט ניט, ווארום זי איז שוין אַ קאַנדידאַט פּאַרטיע, מע האָט זי צוגענומען פּונקט אַף דער פאַרזאַמ־לונג, ווען מ'האָט מיך אויסגעשלאָסן, איז זי נאָך מער פאַרנומען ווי פריער, מיט די נאַגרוזקעס און מיט די זיצונגען; זי קען גאָר, זאָגט זי, צו זיך ניט קומען, זי האָט ניט קיין צייט צו לערנען.

„דערפאַר אָבער דערציילט זי דער מוטער, (איך זאָל הערן) גיט בוכאַר־טשיק איצטער אָפּ די לעצטע עקזאַמענעס, מע איז מיט אים זייער צופרידן, און נאָך גליקן, וואָס זיינען ניט ווערט קיין צעבראָכענעם דרייער.

— ער וועט, זאָג איך, אָפּלערנען דריי־פיר יאָר, דו וועסט גוט אויסגע־ריסן ווערן, און נאָך דעם וועט ער פאַרדרייען מיט דער נאָז, אַזוי ווי אונזער סטאַרשע אינזשענער, וואָס קען אַף קיין אַרבעטער ניט קוקן.

— ער וועט, זאָגט זי, טאַטע (זי האָט שוין מיט מיר לאַנג אַזוי ווייך ניט גערעדט; — ס'איז מיסטאַם אין בוכאַרטשיקס זכוס); ער וועט זיין אַ רויטער ספּעציאַליסט, אַ קאָמוניסט אַ אינזשענער. אַף דערויף שיקט אים די יאַטשייקע און אַף דערויף גייט ער אַליין.

זי זאָגט עס מיט גאַדלעס, און די אויגלעך בלישטשען דערביי באַ איר.

קיין נייעם דירעקטאָר האָט מען אונז נאָך ביז היינט ניט צוגעשיקט, איז דערווייל טזשאַן דער באַלעבאָס, אַ צייטווייליקער דירעקטאָר, פילן פילט ער זיך, ווי אַן עמעסער דירעקטאָר.

איצטער באַ זיין הערשאַפט (און נאָך דער מאַיסע מיטן קאָלדאַגאָ־וואָר) האָבן זיי זיך גענומען אַף גיך צוגרייטן דעם זיבנשאָעדיקן אַר־בעטס־טאָג. ס'גייט איצט מיט קוריערסקע. ס'איז זיי נאָך איבערגעבליבן אַ קליין שטיקל צייט (דער טרעסט האָט שוין אָנגעוויזן אַ טערמין), אַרבעט איצט די קאָנטאָר און די טעענבע און פריימאַן און מער פאַר אַלע טזשאַן, ער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז ער גייט גאָר, דאַכט זיך, קימאַט ניט אַהיים.

ער האָט געהייסן זיך אַריינטראָגן אין קאַבינעט אַ סאָפּקע און ער בלייבט אָפּט דאָרט נעכטיקן, זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט (דער סטאָראָזש

דערציילט עס אונז), שרייבט און רעכנט, און שפּאַנט אַרום איבערן צימער. אין דערהיים, זאָגט ער, איז איין צימער און אַ ייִנגעלע האָט ער, איז אַז ער קומט פון דער אַרבעט, לאָזט אים דאָס קינד גאָרניט טאָן, ער קריכט אים אַרויף אַף די הענט און עס וויל ער זאָל זיך דערמיט שפּילן.

אַז דאָס ווייבל זיינס קומט אַמאָל אין אָוונט צו אים מיטן קינד, נעמט ער זיי דאַפּקע גוט אויף. זי ראַמט אים צו דעם קאַבינעט, ער מאַכט טיי, נאָכדעם גייט ער זי באַלייטן אַהיים, דאָס קינד טראָגט ער, און אַז ער קערט זיך אום אַף דער פאַבריק צו זיך אין קאַבינעט, זיצט ער שוין דערפאַר שפּעטער אין דער נאַכט אַריין און ווערט אָפטמאָל אַנשלאָפן באַם טיש אַף אַ באַרג פּאַפּירן באַ אַ ברענענדיקן לאָמפּ.

מיט אַ וואָך צוריק האָט טושאַן איבערגעלאָזט די פאַבריק אַז איז אַוועק־געפאָרן אין צענטער גלייך אין צעקאַ און אין וו. ס. נ. כ. ער דאַרף דאָרט פּוילן געלט אַף נאָך מאַשינעס און אַף ראַציאָנאַליזאַציע, ווייל אָן דעם קען מען ניט אויסשטיקעווען די שאַ, וואָס מ'וועט ווייניקער דאַרפן אַרבעטן. ער איז ערשט היינט אינדערפרי געקומען, אַ הייזעריקער, ווי די וואַנט, מיט אָן אַרומגעבונדענעם האַלז. איצט זיצט שוין באַ אים דער קאָפּ ניט אַף דער סו־טולעוואַטער פּלייצע, נאָר גלייך אַפן ווייסן באַנדאַזש פון מאַרלע, וואָס מיט אים האָט ער אַרומגעבונדן דעם האַלז. ער רעדט זייער שטיל און ס'זעט אויס, ווי ער רעדט איצטער מיטן האַרץ, דער האַלז טויג באַ אים אַף קאַפּאָ־רעס, און דאָס אַלץ דאַרף זיך מיט אים פונקט טרעפן אין אַזאַ הייסער צייט, ווען ס'ברענט די אַרבעט.

ער האָט געבראַכט פונם צענטער אַלץ, וואָס די פאַבריק האָט געוואָלט: הונ־טער פּופּציק טויזנט פּוד מאַסטאָוויאַ, — וואָרום אָן דער צאָל רויוואַרג קאָן מען ניט איינפירן די דריטע וואַכטע, — אַ פיינע דאָטאַציע אַף מאַשינעס, מיט איין וואָרט אַלץ. וואָרעם מיט אונזער פאַבריק צאַצקעט מען זיך איצט, אונ־זער פאַבריק איז באַם טרעסט איצטער די ערשטע, וואָס גייט איבער אַף 7 שאָ און אַזוי ווי (אַזוי דערציילט טושאַן) דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער היסטאָריע, אַז לעדערניקעס זאָלן אַרבעטן נאָר 7 שאָ אַ טאָג, וויל דער טרעסט, אַז מ'זאָל אַלץ מאַכן מיט דער ברייטער האַנט — פּאָ סאָציאַליסטי־טשעסקאָמו.

ס'גייען איצטער יעדן טאָג זיצונגען פון דער יאַטשייקע, גיין גיי איך אַהין ניט, ווייס איך ניט, וואָס מ'רעדט דאָרט; דאָס טעכטערל מיינס איז דאָרטן אַ גאַנצע מאַכערן, אָבער פון איר וועסטו, גאָט באַהיט, קיין וואָרט ניט אַרויס־קריגן. זי האַלט דעם סאָד שטאַרקער פון פריימאַנען אַליין.

ס'איז שוין דערוויַיל דער ערשטער אָקטיאַבר. מ'האָט געמיינט, מ'עט שוין פונם ערשטן איבערגיין אַף 7 שאָ, זיינען נאָך ניט אַלע מאַשינען דאָ, לייגט מען עס אָפּ אַפן זיבעטן נאָיאַבר, צום יובילײַ פון דער אָקטיאַבר-רעוואָלוציע.

א גוטער ברודער האָט מיר געגעבן אַן אייצע איך זאָל אָנשרייבן א זאַיאַוולעניע אין קאַקאַ, זיך מוידע זיין, אַז איך האָב געטאָן א נארעשקייט און אַזוי ווי דאָרט האָט מען שטאַרק דערכערעץ פאַר אַן אַלטן אַרבעטער, וועט מען עפשער אַוואַזשען און מ'וועט מיך צוריק אריינעמען אין פאַרטיע.

וואָלט איך ניט געווען געוועץ, איז ניט. און אַז יאָ, איז מיר איצטער א בושע און א פאַרדראָס.

היינט נאָך דער ארבעט נעם איך שרייבן אַזאַ זאַיאַוולעניע, נישקאָשע, כ'וועל זיי דערציילן דעם גאַנצן עמעס, פון אַלעף ביז טאָף, עפשער וועלן זיי אַוואַזשאַיען אַף אַן אַרבעטער, וואָס שטייט שוין דרייסיק יאָר באַם וואַרשטאַט און וואָס האָט שוין ניט אַזוי פיל האָר אין קאָפּ, וויפל באַלעבאַטים ער האָט אַף זיך איבערגעהאַט.

עפּילאָג

אין איינעם אַן אָוונט איז גיטל אַראָפּגעשפּרונגען בא דער לעצטער טראַמוואַי-סטאַנציע אַפן באַרג און זיך געלאָזט צופוס צו דער פאַבריק. ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. דער וויַיטער שטאָט-טייל האָט געדרימלט. א קאַלט ווינטל האָט געבלאָזן פונם טייך. ס'איז דאָ אַפן באַרג קעלטער געווען, ווי אונטן. און גיטעלע האָט זיך געוויקלט אינם לייכטן פּאַלטאָ און גיך געשפּאַנט. זי האָט זיך איצט אַזוי גייענדיק צו דער פאַבריק דערמאַנט דאָס ערשטע מאָל, ווען זי איז אהער געקומען. שרעק איז איר דאַן די גאַנצע צייט דעם וועג פאַרלאָפן. איצטער גייט זי צו זיך אהיים, וואו אַלע קענען זי, וואו זי קען אַלעמען.

בא דער פאַבריק-בודקע האָבן זיך געזאַמלט מענטשן. דאָס איז געווען די דריטע וואַכטע, וואָס איז היינט אין גרעסטן טייל ס'ערשטע מאָל געקומען צו דער אַרבעט. פונקט 12 האט די צווייטע וואַכטע געדאַרפט ארויסגיין. פון היינט אָן גייט די פאַבריק א קיילעכיקן מעסלעס: ערשטע וואַכטע — 7 שאָ אַרבעט, איין שאָ מיטאָג; צווייטע וואכטע — 7 שאָ ארבעט, איין שאָ מיטאָג; דריטע וואַכטע — 7 שאָ אַרבעט, איין שאָ מיטאָג.

אַף דער בודקע זיינען צוליב דער היינטיקער פייערלעכקייט געהאנגען צוויי גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, א גרויסער לאָמפּ האָט ערגעץ אין דער הויך אַף דער פאַבריק-געביידע געשפּרייט ליכט אַפן ברייטן געפלאַסטערטן פּלאַץ, וואָס פאר דער פאַבריק.

דער אוילעם איז אלץ געוואַקסן. מ'האָט זיך ארומגעדרייט פאר דער פאַבריק. זיך געוויקלט אינם לייכטן אָנטון (ס'איז שוין טיפער הארבסט געשטאַנען) און געכאַפּט א ציטער. פּלוצים האָט א זעץ געטאָן דער הודאָק. די אַרבעטער האָבן זיך א שאָט געטון פונם פאַבריק־טויער. דער אוילעם מענטשן איז גרעסער געוואָרן. די דריטע וואַכטע האָט זיך ניט געאיילט אריינצוגיין אינעווייניק. אפן ברייטן געפלאַסטערטן פּלאַץ, וואָס פאר דער פאַבריק, איז איצט אין שפּעטער נאַכט אין ארומיקער שטילקייט אָפּגעהאַלטן געוואָרן א מיטינג.

כ' טזשאַן, דער דירעקטאָר, האָט געלייענט דעם פּריקאַז: פון היינט אָן איז די פאַבריק איבערגעגאַן אף 7 שאָ, אף דריי וואַכטעס, אָנהויב אַרבעט אזאַ און אזא שאָ. נאָכדעם איז אפן פעסל ארויפגעגאַנגען דער אַלטער יאַנטל. ער האָט איצטער באַם שיין פון הונדערטער עלעקטרישע ליכט אוסגעזען נאָך בלייכער, ווי שטענדיק, ער האָט צוגעהאַלטן די שפּיץ באָרד, וואָס דער ווינט האָט געטראָגן, און גערעדט געלאַסן אין אופגערעגטן אוילעם אריין: „ווען איך האָב מיט פינפאונדרייסיק יאָר צוריק אָנגעהויבן אַרבעטן שוסטעריי, האבן מיר געאַרבעט פערצן שאָ א טאָג, פון אַכט פרי ביז צען באַנאַכט. איצט אַרבעטן מיר שוין א העלפט דערפון. איך וויל נאָך דערלעבן מיר זאָלן אין א גוטן מיט אַרבעטן זעקס שאָ און נאָך ווייניקער און איך ווינש עס אלע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט״.

עמעצער פונם יונגוואַרג האָט פּלוצים געלאָזט א ראַקעטע, א בלענדנדע שיין האָט א זעץ געטאָן אין די אויגן, באַלייכטן דעם אַלטן יאַנטל. ער האָט זיך א וואַקל געטאָן, האָט אים עמעצער אונטערגעכאַפּט און געהאָלפן אַראָפּקריכן פונם פעסל.

די דריטע וואַכטע האָט זיך אויסגעשטעלט באזונדער. פונם אוילעם איז ארויס מיטקע. ער איז צוגעגאַן צו די ניי אָנגעקומענע כאַווירים, זיך אָפּגעשטעלט בא די ערשטע רייען און געזאָגט:

— גייט ארבעטן, עס פייפט שוין נאָכאַמאָל דער הודאָק. האָט אינזינען, אז איר דאַרפט באגלייך מיט אונז ווייטער בויען אונזער פאַבריק.

די מענגע מענטשן האָט זיך א רוק געטאָן צום אריינגאַנג. די פאַבריק-טויערן האָבן זיך פאַמעלעך געעפנט, אריינגענומען די זינגענדיקע מאַכנע מענטשן. דערנאָך זיך פאַמעלעך און שטרענג צוגעמאַכט. אין דער נאַכט שטילקייט אָטא דאָ אפן באַרג האָט זיך ווידער צעזשומעט די פאַבריק מיט צענדליקער מאַשינעס, מיט נייע קרעפטיקע טענער.


Щх. 4066

אייזנבאַן

...פון קאָרפּוסן פון רוישיקע און לאַנגע
מיר קומען מיט אַ ליכטיק-לויטער גלויבן —
אַ נייע ליד די טעג די לויטערסטע דערלאַנגען
א ליד אַ נייע איבער טעג דערהויבן...



אין קאָרפּוסן

I

'איז אָפּט, ס'איז אָפּט
אין שווערן טומל גרינג,
פרישער קויעך
רוישט אין אונז און וועקט.
ס'איז א כמורנער טאָג
אַהער געקומען,
און וויקלט זיך,
א האַרבסטיקער, אין שרעק.

אונטער רוישנדיקע ווענט
דער כמורנער אסיען-טאָג
דאָרט זען מוז איצט,
ווי ווילד אַזוי אַ וואָלקן-מאַכנע פליט.
און דאָ אין רויש
איך קאָן שוין מער ניט צוזען,
ווי אַ טאָג
פאר רויש פאר גרויזאמען דאָ קניט.

דינאמען-רויש און אויפגעריכטער ליכט איז
לאָקאָמאָטיוון, קאָרפּוסן און טעג
מיר שטעלן אויפעט דאָ,
מיר טויזנטער פאריכטן,
לאנד-היים, אונזער אייזנבאַן-פארמעג.

מיט הייסער קראַפט
מיין האַמער לאָד איך אָנעט
מיט גאנצער קראפט פון ברענענדיקן לייב.

מ. שטורמאַן *

און ער, אַזאַ געטרייער מיר פֿארבלייבט.
און א געטרייער
מיך ניט פֿאָלגן שוין ער קאָן ניט.

מיט א הילכן
פֿליט ער איבער קעפּ,
איבער קעפּ פֿון נאַקעטע וואַגאָנען.
און אויבן
ציטערט ער אַ וואלקנדיקער סטעפּ
און די זון
אַרויסלאָזן ער קאָן ניט.

האַמער מיינער,
רוישנדיקער, ווילדער
האַמער מיינער,
רוישנדיקער, מילדער,
נאָך יעדן הויב דיינעם
אין דער הויך
איך דערפֿיל אין זיך
אפּס׳ניי, אפּס׳ניי מיין קויעך,
צי דערפֿאַר עפּשער
דערפֿאר ביסטו מיר מילד דאָ
און כ׳ציטער קיינמאָל ניט
דאָס לייב מיינס דיר געטרויען.

אין גרויזאמען דינאמאָ-רויש
איז גרינג אונז,
לאָקאָמאָטיוון, קאָרפּוסן און טעג.
שווער איז וועגן שווערקייט זינגען
און איך אין שווערקייט
זוך מיין זינגענדיקן וועג.

II

Товарищу по станку
Андрюше Шереверенко.

װען איך שלאָף אין מײַן בעט א מידער,
די נאַכט ערגעץ
נאָך עמיצן זיך יאָגט,
אַף ערדן־װעלט דאָ נאָך אמאָל און װידער
קומט אָן פון מי, פון שװערער מי דער טאָג.

װידער לעם די צעכן דאָ װאַגאָנען —
נעמען אויף אונז, — אויסגערוטע פרײַנט.
און אַ טאָג דאָ
נאָך אמאָל קומט אנעט
און דעם רויש פון אונזער מי באַשײַנט.

אַ קרעפטיקער, װי אלע אַ געבענטשטער
לעבן־רויש — מײַן ערדישער,
מײַן שענסטע טרײסט.
אלע טאָג דורך פּילשויביקע פענצטער
צעיושעט א זון אונז מיט שװײס.

װאָס איז רוישנדיקע שרעק און גרויל אונז —
מיט שװערער מי
מיר פירן אַ געשלעג.
װאַגאָנען נאקעטע און הוילע
בענקען דאָ אין רוישנדיקן װעג.

די שװערע מי זיך אונטערגעבן קאָן ניט
און רעװעט װילד אזוי
און ציטערט דאָ מיט רויש.
ביז לויטערדיקע אָװנט־רו קומט אָנעט
צו אונז אין גארנדיקער הײם,
צו אונז אין הויז.

III

נאָך שווערער מי...

ביסט אָוונט, אַזאַ ציכטיקער
געקומען אַף דער ערד.
און מיט שווערן רויש,
מאשינען-רויש צעשיידט אונז
דיין אָנקומען,
דיין ליכטיקער דערפריידט אונז
דיין אָנקומען
מיט רו אַף אונזער ערד.

ס׳האָבן אַלע שוין די קאָרפּוסן פאַרלאָזט
און מע איז אַוועק נאָך רו
אין גאָרנס הויכע
ברידער מיינע, ברידער, וויפל קאָסט
וויפל קאָסט די רו אונז קויכעס.

ס׳האָבן אַלע שוין
מיט רויכן זיך צעשיידט.
און מ׳איז נאָך פרייד אוועק
צו קינדערלעך און ווייבער,
און בא מיר
איז דאָ די גרעסטע פרייד:
לידער
אַף דער ערד דאָ שרייבן.

אין ציכטיקייט
און לויטערקייט פון רו
בעט אין מיר
אין לייב מיינעם מיין בלוט:
אָוונט, אָוונט,
זאָלסט געדויערן וואָס מער
אין אונזער היים
אין אייביקער אַף ערד...

כ׳הער זיך איין
ווי ס׳בעט אין׳מיר מיין בלוט
אין ציכטיקייט און לויטערקייט פון רו.

ברענגסט אונז רו
געטרייע אף דער ערד
גאַסט אונזער,
פריינט אונזערער, מילדער.
יועו מיין קאָפּ
ווערט פון אומרו שווער
ביז בלוט,
ביז טיפן בלוט איך פיל דיך,
גאַסט אונזערער,
פריינט אונזערער, מילדער.

ביסט, אָוונט, אַזאַ ציכטיקער
געקומען אַף דער ערד,
און מיט שווערן רויש,
מאשינען-רויש צעשיידט אינז
דיין אָנקומען
דיין ליכטיקער דערפריידט אונז
דיין אָנקומען
מיט רו אף אונזער ערד.

אָ פ ר ו

ניט קיין יאָנטעוו, ניט קיין כאָגע,
קיין פאָנען הענגט מען ניט ארויס.
ווינטן שעפטשען, ווינטן זאָגן,
אַז מע פאָרט אין אָפרו־הויז . . .

עלף כאַדאָשים צו וואַרשטאַטן,
צווישן שטיין און צווישן גלאָז.
און דער צוועלפטער צו פעלדער,
און דער צוועלפטער צו גראָז.

קום אונז, 12-טער, אַנטקעגן
נעם אונז, 12־טער, אַרום.
דו פאַרקערעווע די רעגנס
און פאַרגיס מיט גאָלע זון.

און טאָמער פאַלן וועט אַ רעין,
זאָל ער וואַרעמען דעם סטעפ.
זאָלן פולער ווערן זאַנגען
און די מיידלשענע צעפ.

עלף כאַדאָשים די וואַרשטאַטן
צווישן רויך און צווישן שטויב.
און דער צוועלפטער איז אָפרו.
אורלויב, אורלויב, אורלויב.

אַפן הויכן באַרג,
אַפן גרינעם גראָז,
ליגט אַ שטילער דאָרף
פאַשעט שטילע שאָף,

באַבע לעווין

קאָרמעט ווייסע גענז,
פֿלעכט זיך ווייסע קרענץ
אַפֿן הויכן באַרג
אַפֿן גרינעם גראָז.

שטייט א ווייסע הויז
אַפֿן גרינעם באַרג,
ווי אַ ווייסער האָז,
ווי א ווייסע שאָף.
שטייט אן אָפּרו-הויז,
קוקט אין טאָל אראָפּ,
און אַ שילד אַף אים,
ווי אַ סטענגע, רויט,
אויסיעס גאָלדענע
שמייכלען גוט און ברייט,
און עס רעדט אַ וואַלד,
ווי אַ וואַסער פֿליסט:
— זייט געזונט, געגריסט!

קומען אַרבעטער,
קומען אָן פֿון טאָל
פֿון וואַרשטאַט, פֿאבריק,
פֿון אַנשטאַלט, זאַוואָד,
פֿון אַלע זייטן שטאָט
דער אָרטקאָם זיי שיקט
אַפֿן הויכן בארג
צו דער גרינער רו.

קומט מען אָנעט זאַלבע צעען,
קומט מען אָן אין דריי, אין צווייען,
קומט מען אָנעט זאַלבענאַנד.
וואויל אין וועג אין צען צו גיין,
נאָר ס'ווילט זיך זיין אַליין מיט וואַלד.
שמייכלט איינער צו דעם צווייטן,
איינס דעם צווייטן דאַרף ניט פֿרעגן,
ווײַל יעדער זיין אַליין מיט שטילקייט,
איין-אַליין אַף גרינעם וועג.

טרעט מען אָפּעט איינס פון צווייטן
ניט גערעדט, ניט אויפגערעדט זיך.
יעדער זוכט די העכסטע גראָזן,
יעדערער די שטילקייט זוכט.

און מע זוכט און מע געפינט זיך
גראָזן הויכע, ערטער שטילע,
שטראַלן הייסע, ווינטן קילע,
און דער קאָפּ זאָל זיין אין שאָטן,
און דאָס לייב — אין גאָלדע זון,
וואָלט געטאַנצט אַ הוילער טאַטע —
שעמט ער זיך פאַר הוילן זון.
נאָר דער וואַלד איז אַ געדיכטער
יעדער ווינקל שטיל און טיף איז,
יונגע בוימער — פערדלעך יונגע
טרייסלען מיט די גרינע גריוועס.
איז פאַר וועמען דאָ זיך שעמען?
גראָז באַשיידן איז און הויך.
צום הימל קערט זיך אויס אַ טאַטע
מיט דער באָרד פאַרדעקט דעם בויך.

אָט אַזוי־אָט ליגט מען נאַקעט
פאַרמאַכטע אויגן, אָפן מויל,
און די זון איר גאָלדנעם האָניק
לייגט אין סאָטעס פונעם הויל.
און דעם קאָפּ אין שויס פון שטילקייט
אַ שאָ און צוויי און דריי און אוף —
ווילט זיך זען דאָ א צווייטן
און עס בענקט זיך נאָך א רוף.
קומט מען אָן פון אלע זייטן,
פרעגט מען אויס, ווער וואו געווען,
נאָך דער שאָ פון רו און שטילקייט
בענקט זיך נאָך א שטים פון צען.
רעדט מען אויף זיך, אז צו מאָרגן
מ׳וועט אין וואַלד צוזאַמען גיין;
וואויל ז׳צעשמעטערן די שטילקייט,
אויב מע הערט זי ניט אין צווייען.

אַ פרישער פרימאָרגן
ניט קיין שטויב, ניט קיין וואָלקן,
די גראָז איז נאָך פייכט
און די זון איז נאָך ווייך,
קאָפּנעס היי, ווי פּאַפּאַכעס
פון ערד דער פארשוויצטער,
הויבן די שפּיצן, די געלע אין דר׳הויך.
מיידלעך קומען אין פעלד
לאַנגע גראבליעס מיט זיי.
שמעקן מיידלעך מיט מילך,
שמעקן מיידלעך מיט היי.
גראבליע נאָך גראבליע
זוכט טרוקענע גראָז
און לייגט זיי אין קאָפּנעס;
די פייכטע געלאָזט.
זאָל פייכטע נאָך זיך ליגן,
זאָל גרינע דערגיין,—

שמייכלען גוטמוטיק
די גראבלישע ציין.
גראבליעס אין גראָזן,
די אויגן אין דר׳הויך.
אַעראָפּלאַן רייסט דעם הימלשן בויך,
און וואָלקנס צעשניידט ער
און רייצט ער און רופט
און גראבעלקעס-אויגן ציט ער ארויף.
שאַרט מען די גראָזן
און זינגט מען אַ ליד:
— אוי, אין די וואָלקנס מיין ליבינקער פליט.
פליט ער ארויף און פליט ער אראָפּ,
און ברעכט אים א כמארע אַ פליגעלע אָפּ.
און פאַלט ער, מיין פליער, אוי ווי מיר און ווינד,
ווי ס׳פאַלט פון א וויגל א קלייניקער קינד.
פאַלט ער און פאַלט ער אף קאָפּנעס מיט היי,
און פאַלט ער אף מיינע איז טוט אים ניט ווי.

און צווישן היי און צווישן גראָזן,
ליגן ארבעטער פארברוינטע,
ליגן אַרבעטער האלב־נאַקעט —
הוילע פיס און הוילע הענט.
זינגט אַעראָפּלאן פון אויבן,
אונטן, ווי א בער פאַרליבטער,
אין דער בעריכע פארליבטער
וואָרטשעט גראָבט א שווערער טראקטאָר,
און ער קערעוועט די ערד אויס
מיטן רוקן, מיטן לענד.

קוקט מען איבער זיך מיט מיידלעך
קוקט מען איבער זיך מיט בוימער
און דער זון מען גיט זיך אָפּעט
פראַנק און פריי אינמיטן וועלט.
פון די ליפּן הייסע פארבן
באהאלטן מיידלעך אין די טיכלעך,
און די זון מיט צווייגן־ארבל
פּאָנים פלאמיקע פאַרשטעלט.
נאָר שטיקט די מיידלעך א געלעכטער,
זון די בוימער קלעטערט איבער,
זעצן מיידלעך זיך אין וואָגן,
ווייל דער פערד איז גרייט צום שפּאַן.
און די טיכעלעך פאריכט מען,
און די צעפּעלעך פארפלעכט מען,
יעדער מיידל זוכט א ליבן
און פאר יעדערער ז'פּאַראַן.
לאָזט מען שטרענג אראָפּ די ברעמען,
נאָר עס פינקלען אויגן ליבע,
כיטרע ווינקען זיי זיך איבער—
יעדער אויג אי רופט אי לאכט.
טראָגט א היץ פון שטאל און שטיבער
דער הימל ז'רויט, ווי יאָנטעוו־ציכלעך,
גיט און וואויל דער טאָג דער ליבער,
נאָר ליבער טויזנט מאָל ז'די נאַכט.
אַ קאַפּעלע קומט פון שטאָט אָן,

קומט א קאַפּעלע פּאַרווײַלן,
די, וואָס שטייען בײַ וואַרשטאַטן,
בײַ קאַפּעלעס פֿון מאַשין.
ברענגט מען פֿידלען, ברענגט מען פֿלייטעס
און עס קלאַפּן, רופֿן פּויקן,
און צום זינגען רייצן פֿייגלען,
און צום זשומען רייצן בינען.
שפּילט, קאַפּעלע, שפּילט זי אויסעט,
א מאַזורקע שפּילט זי אויסעט,
גייען אַרבעטער אין פּאָרן,
גייען אַרבעטער א טאַנץ.
און אליין פֿון זיך מע שמייכלט,
און אליין פֿון זיך אין וואונדער,
איינס פֿאַר צווייטן קאָפּ פֿאַרנייגט מען
איינס דעם צווייטן פֿלעכט אַ קראַנץ,
טאַנצן באַבעלעך, דאַכט, אויכעט,
ווינטן פֿרייען זיך, ווי קינדער,
גייען אַרבעטער זיך אומעט
פֿראַנק און פֿריי אינמיטן מיטוואָך.
און עס צוויטשערט און עס זשומעס:
— זייט געגריסט. זייט געגריסט!
אַ מאַזורקע עלעגאַנטע
קלאַפּן באָרוועסינקע פֿיס.

גייען שיקסעס, שמייכלען שיקסעס
מיט די אַקסלען טאַנצן צו.
גייט אַ סטאַדע, הערט אַ סטאַדע,
און צופֿרידן ציט:
— נו — או — או — או.
גייט אַ פּאַסטוך
יונגער פּאַסטוך,
שטעלט דער פּאַסטוך סטאַדע אָפּ.
מיט דער בייטש אַ פֿייף, ווי ס'פּאַסט זיך,
און דאָס היטעלע אַראָפּ,
און דאָס היטעלע אַ שליידער
אַפֿן גראָז און אַפֿן מאָך.

פויקן, איילן, לופט צעשניידן
און טרומייטערס לויפן נאָך.
ווייזט דער פּאַסטעכל אַ פּיאַטקע,
גיט אַ שפּרונג און גיט אַ טאָפּ:
— גיי אַרויס צו מיר, קאַסאַטקע,
גייט קאַסאַטקע, ווי אין שלאָף,
גייט קאַסאַטקע אויף שפּיץ פינגער,
גייט אַרום און אין אַ זייט,
ווי זי וואָלט אים ניט געזעען
ווי זי שעמט זיך גאָר פאַר לייט.
און מיט דלאָניעלעך פון בלעטער
ווינטן שפּילן זיך און פּליאַסקען,
און אַרום, ווער טאַנצט, ווער טאַנצט ניט —
אַלע קלאַפּן צו צום טאַקט.
טאַנצט דער פּאַסטעכל, ווי קענער,
און דאָס שיקסעלע אַנטקעגן,
— עך, מאַזורקעלע וועניאַווסקעס —
קלאַפּט דער רוסישער האָפּאַק...

טססס...
קלינגט, —
קלינגט אַ גלאָק:
— מי — י — טאָג
טאָג...

— ערשט געגעסן,
עסן ווידער,
אָט אַ האָרעוואַניע, ברידער...

ווערט גערודער פון געלעכטער,
וואַרפט מען זיך מיט ווערטלעך איבער,
ווי מיט שאָלעכצלעך פון ניס.
וואו און ווער איז דאָ אַ שלעכטער?
קאָן דען זיין, אַז יענער, ליבער,
טרעט זיין כאַווערטע זיין קליינע
אָט מיט די אָט גוטע פיס?..

עפשער איז זיין שטוב צו קליין אים,
און עס פעלט אים לופט צום אָטעם?
עפשער איז זיין גאַס זיין שמאָלער
צופיל קראָמען דאָ מיט ווײַן?
טרעט זשע אָפּעט פון אים, שאָטן,
זאָל די זון אים שטענדיק לייכטן,
ווער ס׳קאָן האַרציק אַזוי לאַכן
קאָן פון ווייטאָק שלעכט נאָר זיין.

קומען, קומען פונעם וואַל אָן
אָנגעזוניקטע און שלאַנקע
האַלדז אַנטבלויזטע, הענט אַנטבלויזטע,
האָריקע אַנטבלויזטע פיס...

זײַנען טישן שוין געגרייטע
טישן לאַנגע, טישן ברייטע
אַפּן בארג און אַפּן גראָז...
רעדן פון די שילדן אויסיעס
און פון טישן רעדן קווייטן
— זייט געגריסט און —
זייט געגריסט.
זאָלן דינען לאַנג די הענט אייך,
זאָלן דינען לאַנג די פיס...
קומט אַ באָביצע אַן אַלטע,
קומט אַ ראָזע פונם וואַלד אָן.
אין א טשיפּיקל אַ שוואַרצן
אַריינגעזעצט אַ רויטן קווייט.

הויך די זון
און פוסט די טעלער,
צום פּראָסטן פרישן מיטאָג סאָף.
גייען אַרבעטער פאַמעלעך.
צייט צום בעט שוין.
אָפּרו,
שלאָף.

פֿאַרנאַכט

הינטער גרינעם וואַלד.
ווי אַן עפּל רייף
האָט זיך זון פֿאַרקייקלט
אינם גרינעם גראָז.
ווערן גראָזן פֿייכט,
ווייל ס'איז שוין פֿאַרנאַכט
ווערן גראָזן פֿייכט.
און א פּאַסטעך פֿייפֿט,
טרייבט פֿון פֿעלד די פֿי,
אַף בעהיימעס העלדזער
קלינגען גלעקלעך צו.
אין דער לופֿטן, דאַכט,
הענגט די אַלטע מיל,
פֿון לעוואָנעס הייטער,
גיסט זיך שיין, ווי מילך.
און אזוי איז וואַרעם,
און אזא מין רו,
לעקטרי - לעמפּ, ווי טויען
פֿינקלען וואו ניט וואו.

ווילט זיך רעדן שטילער,
שטילער און געהיים —
מ'זעצט זיך אויס אין רעדלעך
אונטער אַלטן בוים.
געבויגן איינס צום צווייטן
רעדט מען שטילערהייט —
גאָרניט קיין פֿאַרבאָרגנס:
פּראָסטע, גוטע רייד.
רעדט מען פֿון פֿאַבריקן,
רעדט מען פֿון וואַרשטאַט,
יעדערער באַשווערט זיך:
— ס'איז געווען אין בלאַט
אָט אַזאַ פֿאבריק,
אָט אַזאַ מין סאָרט,

אויסלענדישע רויוואַרג,
אַזוי פיל האָט פאַרשפּאָרט.

און יעדערער באַרימט זיך,
ביז טאָג דערציילן גרייט,
פון צעכן און מאַשינעס,
פון זייער הויך און ברייט.
און בערדיקע און שווערע
אין הייזלעך נאָר געקליידט
דערמאָנען גוט און מאַדנע
אין שטילן קינדער־פרייד —
שרעקן איינס דעם צווייטן:
— אַז טאטע אָט ווי גרויס,
רופט דעם גרעסטן גיבער
אַף אַ פינגערל אַרויס.
און גוט אַזוי איז גלייבן,
אַז אָן דיין מאשין
בלייבט וועלט אן אלטע מאַמע
אָן ברויטגעבער — אן זין.
איז ווער וועט עס ניט געבן
אַ מאַמע ברויט צו זעט?
זיצן גרויסע קינדער
און מע רעדט, מע רעדט.

באַ יעדן סאָד איז דאָ א שטיבל
מיט אַ פאַרטעכל אַ גאַנעק,
אַפן גאַנעק וואַרט אַ ליבע
און אין פעלד פאָלין און האָניק.
לאָזן זיך אַראָפּ פון גאַנעק,
לאָזן זיך צוויי הוילע פיסלעך
פונקט לעוואָנע ווייסע זיילן,
אָנגעגאָסענע אין שיסלען.
פון אונטער טיכל לאכן אויגן
לאַכן גנייוווישע און ליבע,
ליפן שטרענג צונויפגעצויגן
(ציטערן פאַר שמייכל ליפן)

גייט מען זיך אַרומגענומען
אינם פעלד און אינם קאָרן,
ווי פון אַלע יאָרן פירט זיך,
ווי ס'וועט זיך פירן אַלע יאָרן.
און א מאַמע זוכט אַ טאָכטער,
ווי שטענדיק, קאָן זי ניט געפינען:
אין האלב־לעוואָנעס ווייסע וואָנצע
שמייכלט נאַכט פון אוקראַינע.

און אוועק איז אַ וואָך, און אַ צווייטע, אַ דריטע,
וואַרפט שוין אַ פויער אן אויג אַפן שליטן,
און גאָלדענע אויגן פון האַרבסטיקע טעג
די אַרבעטער פירן צוריק, און אין וועג.
זאָגן אַרבעטער: — צייט!
זאָגן צווייטע: — געוויס!
עס בענקען נאָך ארבעט די הענט און די פיס.
ניט לאַנג זיך געקליבן אַפן בארג צו די פעלדער
פון בארג און אַראָפּ
איז דאָך גיכער געוויס.
וואָס דארף מען מיט פעקלעך באַזונדער זיך טראָגן?
לייגט מען פעקלעך צוזאַמען אין וואָגן,
און קייקלען די וועגן פון וואָגן די ראָד.
און אָט איז דער טראַקט שוין
און אָט איז די שטאָט.
און אָט שוין פון ווייטן,
ווי היימישע טויבן
פליט אויף דער רויך
פון זאַוואָדישע טרויבן.

אין באהעפטונג

כ׳בין אוועק אף ערד,
אף ווימלענדיקע פאָנדן,
מיין פעלדער־ליד צעזינגען
הייס און הילכיק...

I

אפן אויפקום פון מיין ליד
הילכט מיר אָפּ דער מאָרגנשטערן קרעפטיק.
ליד, מיין ליד
מיט זון און ווינט,
מיט אייך, מיט אייך,
מיין ערשטע, קינדערשע באהעפטונג.

מוטיק בלוט
אין ליכטיקער פארפליכטונג,
שלאָגט מיט שוים
פון אויסגעפּרואווטע קרעפטן.
זיין א פויער, א באַטראַק,
א באַטראַק א דיכטער,
איז עפּעס דאָ אזוינס
פון ערדישער באהעפטונג.

II

ניט אין שיקערן געדויש פון שאַרפע האָפּן,
ניט אין פלינקייט פון א אינד אף ווילדע וועגן,
נאָר גלאַט אזוי
צעלאָזן זיך די בליקן אין באוועגונג,
גלאַט אַזוי
אף נישטערן, באוואונדערן און גלויבן,
אז אומעטום,
וואו אקערערד ז׳דורך ווי און בלוט דערהויבן
אז אומעטום.
וואו ס׳פּייערט מוט און האָפּערדיקער גלויבן,
איז אומעטום די רוים

ה. ווײערמאַן

פון פולע,
גארנדיקע
סטויגן.

III

ווען ס׳שיילט זיך אויס אין רוים
א טויאיקער פּאַרפּרי,
שענק איך זיך א גאָלדענעם
די ווינטן
אזויפיל שיין און מוט
און אויסגערוטע מי,
אזויפיל קאַלטער פלייץ
אַף אויפבּרויז פון מיין ליד.
וואוהין זאָל איך זיך דאָ
א גאָלדענער אהינטאָן?

שטיי איך שטיל,
ווי אן עפּל-בּוים פּאַרקלערט
און ווילדגראָז ווילדעוועט
מיט טוי אַף מיינע ליפּן.
איז פול און איבּערפול דאָס האַרץ
מיט לויטערן באגער:
הייסער, הייסער וואָרצלען
ווילדגראָז פון דער ערד,
און אין מאָן-בּייטן פלאמיקע
צעצוויטען.

אַף מיין לאָנקע
האָבּן שניי-גלעקלעך צעבּליט,
אַף מיין לאָנקע
שטייט ער אין דערוואַרטונג...
פייכטע ראָסע
וואשן זיינע טריט
און בּלאנקען שאַרף
פארשניטן אין דער טיף —

דעם בוריאַן פאַרוואַנדלען
אין א פוקן שוואַרצערד.

עך, אין מיינע קלאָרע,
פרילינגדיקע טעג
ציטערט, ציטערט
וואקסנדיקער גליווער
סע וויקלט זיך לענג אויס
א מאָרגנדיקער סטעפּ
און זון און ווינטן
מאַכן מיר א וועג —
כ׳פיר אַ גליאיקן
דעם טראַקטאָר פאַר דער גריווע...

IV

הייסער טאָג
אין הייסע זומעריקע רויכן,
שווימט אַרום
אין זון־פאַרפלייצטן שוואַרצערד,
פון טיפן פעטן גרונט
ביז בענקענדיקע הויכן
לייגט אַ שטילע רו זיך
אַף מיין האַרצן.

מוט און מי פון אַלץ,
וואָס ס׳בלוטיקט דאָ
געניס איך,
מיר שמייכלט מילד דער בעז
מיר שמייכלט מילד דער ווילדגראָז.
אוי, מיין ערד, מיין רויע ערד,
מיין ניט דערבויטער יישעוו!
פאַר מיינע אויגן רייפסטו,
ווי אַ זאפטיק-פולער מילגרוים.

כ׳פריי זיך איצט דערמיט,
וואָס כ׳האָב דער ערשטער דאָ

מיט אָקסן - קראַפט
די וועגן אויסגעשניטן,
וואָס כ׳האָב אַף ראַכוועסן
פון ווייץ און גערשטן,
אויסגעכאוועט מיינע
וויכערדיקע בלי־טעג.

וואָס כ׳האָב אין ווילדע טעג,
פון ווילדע ווייען
די פיין די לויטערע
מיט מאַמע־זאָרג געאַרעמט.
און אונטער טעפּיכער
פון ווייכע פוכקע שנייען
מיין פרייד און לייד
דאָ אויסגעוואַרעמט.

פרייד און לייד,
ווי וואקסנדיקע האריזאָנטן,
ווען ס׳שפריצט אַף זיי מיט טוי
אַ פייערדיקער מילכוועג...
כ׳בין אוועק אַף ערד,
אַף ווימלענדיקע פאָנדן,
מיין פעלדער־ליד
צעזינגען הייס און הילכיק.

נו, זינג, געמיט, מיט פולן ברען
פון אויפגעבּרויזטן האַרצן!
ביסט שוין איבער האלז
מיט טוי און זעטיקייט באַפרידיקט..
אָט דאָ, אַף ערד,
אין זון - פאַרפלייצטן שוואַרצערד,
וועט שמייכלען אונז
אַ זאַפטיקער דער פרילינג.

פריידאָרף — קאַלינינדאָרף
1927

א. דרוקער

אין סטעפּ

I

ער דניעפּער איז פול איבער אַלע ברעגן. כאַנקע שפּאַצירט איינע אַליין אַרום אַפן דעק פונם דאמפער, ציילט מיט אירע אויגן אַף דער גרויסער פאַר־פלייצעניש און בלייבט באַ זיך ווי אָפּהענטיק. — אַך סאַראַ קראַפט — גיט זי אַ טראַכט, און פאַר־קוקט זיך אַף די קרייזלעך רויך, וואָס שווימען אוועק אין דער הויך צו די בלויע וואָלקנס. זי הערט זיך צו צו דעם סאָפּען פון דער מאַשין, צו דער קלאַפּעריי פון די לאָפּעטעס, וואָס שניידן זיך דורך א וועג אין וואַסער. עס ווערט איר אומהיימלעך, און זי לאָזט זיך אראָפּ אין צווייטן קלאַס, וואו עס פלאַפּלט און פארברענגט א גאַנצע קאמפּאניע איבערוואַנדע־רער, בעסויכאָם אויך איר טאַטע.

יעדער איינער טוליעט זיך צו צו זיינע פּעק און פּעקלעך, צו שטעטלשן פארמעגן, וואָס האָט זיך געקליבן און איז איבערגעגאנגען בירושע פון דאָר צו דאָר, און יעדער איינער דערציילט און פירט אונטער סאַכאַקלען פון שטעטלשע יאָרן. איינער דערציילט, דרייען דערמאָנען זיך. ער דערציילט שוואָכים, ווי נאָך א ניפטער, וואָס ער האָט געלעבט א שיין לעבן, האָט איפגעטאָן פיל גוטס, און געהאַט א וויסטן סאָף.

כאנקע קאָן ניט און וויל ניט אריינפלעכטן אירע יונגע פריש צאַפּלדיקע זיכרוינעס אין בינטל אלטע שפּינוועבס פון זיכרוינעס עס ווערט איר נודנע, זי דרייט זיך עטלעכע מאָל הין און הער, און שפּרינגט ווידער אַרויף אַפן דעק פונם דאמפער. — הימל און וואַסער, וואסער און הימל, — זיי פאָרן. אַפן דעק זעט זי און דערפילט בעסער, וו דער דאמפער יאָגט זיך, ווי דער דאמ־פער איילט זיך, נאָר עס דוכט זיך איר פארט, אז זיי שטייען אַף איין אָרט. די קעלט נעמט זי דורך, און זי טרייסלט זיך אין איר זשאקעטל, ווי אַ פיש אין נעץ. זי פארגיכערט אירע טריט, כוקעט אין די הענט, שפּרינגט אונטער, און קלאַפּט א פוס צו א פוס, ווי באַם טאַנץ.

זי גיט זיך א וואַלגער אף א באַנק, בויגט אָן דעם קאָפּ צום דניעפּר און קוקט אין די האָרביקע קריס אָל־לויטערע כוואַליעס.

עס קנוילן זיך פאנאַנדער אין איר מויעך די אַלע לעגענדעס וועגן דניעפּר, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט. — וועגן שיידים און רוכעס, וועגן זינדיקע נע־שאָמעס, וואָס ווערן מעגולגל אין פיש. און וועגן די רוסאַלקעס, וואָס פּאַ־לאַשקע די גאָיע פלעגט קעסיידער דערציילן בא זיי אין שטוב מיט גאָטס פאָרכטיקייט און ציטער. עס שווימען אָפּ און שווימען צו זיכרוינעס, וואָס

פאַרציען זי אין טהאָם פון אומעט און ווייטעק. — אָט שטייען זיי פאר אירע אויגן די ווילדע באנדיטן, וואס האָבן אכזאריעסדיק צוגעגאזלט איר מוטער פון איר און זי דערטרונקען. זי דערשרעקט זיך פאַר דעם מורמלען פון די כוואליעס. דער דניעפּר זעט אויס בא איר אין די אויגן, ווי א מוירעדיקער גאַזלען, וואָס האַלט אין איין ברויזן מיט רעציכע און אַכזאריעס.

איר קינדהייט געדענקט זי פון פיר יאָר אָן, — ווען די מוטער האָט איר געבראַכט אַ קוקלע פון ערגעץ אַ גרויסער שטאָט. עס האָבן זיך איר, ווי אַף אייביק, פארקריצט יענע זומער־טעג, ווען זי האָט זיך געפּאָליאָסקעט אין דניעפר און מיט אירע כאַווערטעס זיך געשפּילט אַף די זאַמדיקע ברעגן.

— די מאַמע קרענקט, דער טאַטע איז פארנומען מיט אָקסן, מיט גאָים און יארידן, שטענדיק מיט גרויסע שטיוול, אין פארשטויבטן מאנטל און מיט בייטש אונטער דער האַנט, און שטענדיק מיט אַ צעטראָגענעם רויט צעהיצטן פּאָנים.

ער איז שטענדיק געווען פאַרהאַוועט, און האָט זיך מיט איר גאָרניט אָפּגעגעבן, און ווען די קראנקע מאַמע פלעגט אים נעמען יאדען: — ייסראָעל־הערש! גאַזלען! וואָס קוקסט זיך ניט ארום אף כאַנקען? ייסראָעל־הערש! וואָס וועט זיין דער טאַכלעס פון דעם? — פלעגט ער זיך א בייזער טאָן, און — באַלד זיך נעמען פארענטפערן:

— וואָס האָסטו צו מיר, איך בין אַ מענטש אַ פארנומענער, כ׳קאָן זיך מיט קיין קינדער ניט אָפּגעבן. זי האָט באַקומען אַ בינטל יאָרן אף וואַקסן, זאָל זי וואקסן! און אז עס וועט באשערט זיין, וועט זי אויסוואַקסן אַ פיינע מויד! — און דאָך איז דער מאַמעס יאדען זיך און קלאָגן ניט געגאנגען לעאיבעד. — יעדן שאַבעס בא ווארמעס פלעגט ער זי אַ קניפּ טאָן אין בעקל און א פרעג געבן: — נו, וואָס מאַכסטו? — ווי אזוי לערנסטו זיך? און אז זי האָט אָנגעהויבן שרייבן גוט ציפער, איז זי בא אים מיט צען קעפּ העכער אויסגעוואקסן. — נעם, כאַנעלע, פארשרייב א כעשבן. מיר איז שווער צו שרייבן. אַף שרייבן דאַרף מען האָבן אַ גרינגע האַנט.

זי געדענקט, ווי גאַנצע טעג איז זי ארומגעלאָפן איבער די גאַסן, געשטופּט, זיך געשלאָגן, זי האָט יענעם צעבלוטיקט, און יענער האָט זי צעבלוטיקט, די גאנצע גאַס האָט זי געקענט. — כאַנקע די ווילדע מויד — אַזוי האט מען זי אַלע גערופן.

און אָט אזוי האָט זיך אין איינעם אַ פרילינג פארענדיקט איר קינדהייט. און אצינד פארמאָגט זי שטייפע אַכצן יאָר און פאָרט מיטן פאָטער און מיטן דרייצניאָריקן ברודערל אף ערד, ערגעץ אף ווילדע ברייטע סטעפּעס. עס גיט אַ שרעק די אומהיימלעכקייט, וואָס וועט זיי דאָרט באַגעגענען, עס גיט אַ צופּ אַ בענקעניש נאָכן שטעטל, און באַלד איז גוי ווער די דאָרשט אירע, מיט וועלכער זי איז געבוירן און אויסגעוואקסן. — וואָס האָט זי וואָס מוירע צו

האָבן? וואָס קען זי איבערשרעקן? — נישקאָשע, זי וועט אין קאָלעקטיוו אַר־בעטן בעסער פון אַלע מיידלעך. זי איז קיינמאָל ניט געפעסטעט געווען, ניט געוואוינט צו א גרינג לעבן. דער טאטע אירער איז נאך אַ געזונטער ייד, ער קאָן נאך אַרבעטן בעסער, ווי אַלע יונגע, און דער קליינער בראטאָק וועט אויך ניט אָפּשטיין.

ווען דער דאַמפּער איז אָנגעקומען אין דער יידישער קאָלאָניע, איז שוין געווען נאָך האלבן טאָג. די זון איז שוין געשטאַנען אַף מיט פון הימל.

אַפן ברעג זיינען געשטאַנען רעדלעך אוילעם: ווייבער, קינדער און על־טערע. אַלע זיינען געווען נייגעריק אָנצוקוקן די שטאָטישע און שטעטלשע ברואים, וואס פאָרן זיך באַזעצן אַף ערד. דער דאַמפּער האָט זיך אָנגענומען מיט אלע קויכעס, און מיט אַ ווילדער רעוועריי און ברומעריי אויסגעפייפט אַ טו!.. טו!.. אַף טויב צו ווערן. די שפּאַרעניש איז געווען גרויס. נאָך צוויי הודקעס אַזוינע. פייפט דער דאַמפּער אַלעמען אָן, און ניטאָ אים, ער לאָזט זיך אין וועג.

כאַנקע, באהאַנגען מיט פעק און פעקלעך, האָט זיך אַרויסגערוקט די ערשטע. אַרום איר, איר ברודערל מישקע, וואס האָט געטראָגן עטלעכע איינגעבונדענע קישנס. און נאָך זיי האָט געסאָפּעט און געטאָפּעט מיט די שטיוואלעס ייסראָעל־הערש. עס האָט געדויערט אַ פּופצן מינוט און אלע איבערוואַנדערער זיינען מיט פעק און פעקלעך געשטאַנען אפן ברעג.

— וואס זאָגסטו אַף די פאַרשוינען, זיי פאָרן דאָס אַרבעטן ערד? כאַ! כאַ! — האָבן די קאָלאָניסטן מיט פאַרגרעבטע שטימעס פאַבראכט צווישן זיך און גע־כויזעקט.

— עך, טי, זאַנודאַ! מיט איין האַנט צען אַזעלכע פינדריקעס, — האָט זיך אַ יונגער שלאנקער באָכער מיט א דריי און מיט אַ סווישטש גענומען באַרימען.

— זיי האָבן דאָך מוירע אַפילע פאר א פערד, — איז זיך אַן אַלטער יידי־שער פויער פאַרגאַנגען אין געלעכטער, — ווייזט אויס, מע קאָן שוין ניט זיצן אין די שטעטלעך און מאכן שאַכער־מאַכער; ערד האָט זיך זיי פאַרוואָלט, כע! כע!.. אויב זיי האָבן ניט געוואוסט „פּאָטשאָם ליכאָ”, וועלן זיי זיך אַף דער ערד דערוויסן.

— גאָראָדסקיע באַרישניעס” ! „גאָראָדסקיע באַרישניעס” ! — האָט דאס קליינ־ווארג גענומען פילדערן און זיך ארומדרייען ארום די נייַ אָנגעקומענע. און אַז זיי זיינען מיד געווארן שרייען, האבן זיי אויסגעסאָלאָפּעט די אויגן און טאמע־וואַטע אומשולדיקע באקוקט און באטראַכט דאָס צוגעקומענע קליינוואַרג.

— אַזוי ווי די בעזשענצעס, ווי איז אונז, — האבן די ווייבער געשאָקלט מיט די קעפּ, געאָכקעט און געאויקעט און געווישט די טרערן פון די אויגן. דערהערנדיק פון די ווייבער דאס וואָרט בעזשענצעס, האָבן זיך אַלע ווי

שולדיק דערפילט, ווי לאַנג זיינען זיי אַליין געלאָפן פון די ערטער; אַהא! זיי ווילן עס האָבן צו געדענקן אַף קינדס קינדער. — שוין פאַרגעסן, האַ? האָט מען איינער דעם צווייטן גענומען דערמאָנען, און פאַר יעדן האָט זיך פאָר־געשטעלט די גרויזאַמע צייט, ווען מ׳האָט געריסן די שטרוי פון די דעכער און געהאָדעוועט די פי, געליטן הונגער, און געלאָפן, ווי די אויגן טראָגן. מע האָט אָנגעהויבן ארײַנשטעקן שאָלעמאַלייכעמס, פאַנאַנדערפרעגן פון וואַנען אַ ייִד? פונוואַנען פאָרט מען? וואָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז מע זאָל זיך אויס־וואָרצלען פון די שטעטלעך און זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין? און ווער האָט נאָך אַזוי ליב ריידן און זיך פאַנאַנדערפרעגן, און מיט דער גרעסטער נייגיריקייט זיך דערוויסן פון אַלץ, פון יעדער קלייניקייט, ווי די, וואָס גייען טאָן אַן אַרבעט, וואָס האָבן זי קיינמאָל ניט געטאָן.

די קאָלאָניסטן האָבן געוויזן זייער בקיאות און צווישן זיך מיסוואַקייאַך געווען, אָפּגעלייקנט איינער דעם צווייטן און יעדער איינער האָט געגעבן זיין ענטפער מיט זיין מיין וועגן די געשטעלטע פראַגעס.

די זון האָט זיך גענומען רוקן צו מאַירעוו, אַ שטיפערש פרילינג ווינטל האָט געהאַלטן אין איין ארומשוועבן און ברענגען מיט זיך שטיקער טונקלקייט.

די ווייבער זיינען געלאָפן און געבראַכט לאַבנס ברויט, גרויסע שטיקער קאָדע מיט קרוגן מילך. די איבערוואַנדערער האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט נעמען. מיר האָבן נאָך אייגנס. מיר זיינען ניט הונגעריק. האַלעווײַ אַף ווייטער, איר באַליידיקט אונז מיט דעם. — נעמט! נעמט! האָבן זיך די ווייבער געבעטן — וואָס פאַר אַ שטיק מאַכט איר! האָבן זיך גענומען אַריינ־מישן די מאַנסבלען, און אַף זייערע פּנימער האָבן זיך פאַרגאַנוועט שמייכ־לען. דער ווייבערשער איינפאַל האָט בײַ זיי שטאַרק אויסגענומען. געריהרט פון דער וואַרעמער באַציאונג, האָבן די איבערוואַנדערער פאַרגעסן די כויזיקערײַ, וואָס מ׳האָט פון זיי צום ערשטן געמאַכט, און געשמאַק גענומען עסן... — ייִדיש ברויט! האָט איינער מיט היספּאַילעס געקייט און מיט אַ אָנגעשטאָפּטן מויל, גלייך ווי אין אים האָבן זיך עטלעכע צינגער צונויפגעשלענגלט, — האָט געהאַלטן אין איין שרייען: ייִדיש ברויט! יאָ! יאָ! האָבן עטלעכע אונטער־געכאַפּט. דוכט זיך, דאָס ערשטע מאָל פאַר אונזער לעבן עסן מיר ייִדיש ברויט. — נישקאָשע, איינגיכן וועלן מיר דערלעבן עסן אונזער אייגענעם ברויט, האָט ייִסראָעל־הערש מיט אַ ברומענדיקער צופרידנקייט צוגעגעבן.

דער טאָג האָט זיך אויסגעלאָשן, און עס האָט אָנגעהויבן טונקלען, די עט־לעכע פורן, וואָס זיינען געקומען פאַרנעמען די מיטגלידער פון זייערע קאָלעק־טיוון, האָבן זיך אוועקגעקייקלט אין דער נאַכט אַריין. די איבעריקע האָבן גענומען דינגען פורן בײַ די קאָלאָניסטן, אַז מע זאָל זיי ברענגען צו זייער היים, צו די באַראַקעס.

צווישן די קאָלאָניסטן איז פאָרגעקומען אַ געשלעג, די מילדע מאַכנעס אָר־כים זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זשעדנע כאַיעס.

— באַנדיטן, לאָזט מיך פארדינען אַ גראָשן — וואס כאַפּסטו דעם ביסן פון מויל? — גאַנעף!

— אָט דער בייסטרוק כאַפּט קעסיידער אויס! — איז מען אַלע אָנגעפאַלן אַף א הויכן שלאַנקן באָכער מיט אַ קופער־גלאנצנדיקן פּאָנים און מיט בלי־שטשנדיקע אויגעלעך. יאַנקל דעמב האָט מען אים גערופן. יאַנקל דעמב האָט געפּאָכעט מיטביידע הענט און געהאַט אַ מעשונעדיקן אויסזען: — מיט איין האַנט האָט ער געשלעפּט פּאַסאַזשירן און לייטיש זיי געבעטן: — „פּאָזשאלוסטא" קריכט אין וואָגן. — „פּאָזשאלוסטא" — אָט באלד וועלן מיר פאָרן. און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער געדאַמט, געשלאָגן, און געשריגן: — ווערים, וואו קריכט איר? אָט וועל איך אייך צעטרעטן, „סאָבאַקעס", „פּאָשאָל וואָן".

די איבערוואַנדערער האָבן פאַר דער בלאסער לעוואָנע אָנגעקוקט דאָס געשלעג און זיך ניט געקענט אָפּכידעשן — אי, שלאָגן זיי זיך! אף אונז געזאָגט געוואָרן. — יאָ, יאָ, גוואורע איז אַ טייערע זאך — האָבן אַלע צוגעגעבן, און מע האָט ניט אויפגעהערט זיך וואונדערן און לאַכן.

— כע! כע!.. האָט דער ברייטבייכיקער יוסעף מיט א גאליק שמייכעלע געגומען אויסלאַכן, א שיינער טאַכלעס, יידן, ווי גאים — גאַזלאָנים! אָט וואָס מע הערט אף דער ערד!

— פאַראַן דאָ פון וואָס צו קווענקן! כעוורע פאַרהוקן און פארשווישטשען אים.

אין א צען מינוט ארום, זיינען ייסראָעל־הערש און מישקע געזעסן בא יאנקל דעמב אפן וואָגן, און כאַנקע האָט אלץ געמאָסטעט די פעק מיט די פעקלעך, עס זאָל זיין גראָמער און באַקוועמער צו פאָרן. כאַנקען האָט געשטיקט א גע-לעכטער, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, ס'אַראַ מינע קלעפּ אָט דער יאַנקל דעמב האָט אריינגעטיילט די קאָלאָניסטן, און ס'אַראַ מין מילדקייט און קינדערשע נאאיווקייט קוקט אט איצט אַרויס פון זיין פּאָנעם. גלייך ווי ער האָט געטאָן אַזא זאך, וואָס יעדערער טוט עס, און עס איז ניטאָ פון וואָס זיך צו וואונ־דערן. כאַנקען האט שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס זיי פאָרן מיט אָט דעם גוואר — מיט אזאַ כעוורעמאַן פאָרן, פארשפּאָרט מען שוין מוירע האָבן פאר עמעצן. זי האָט קיין געדולד ניט געהאַט, און אלע מינוט געגומען בא אים איבערפרעגן. — נו, מירן פאָרן? מירן שוין באַלד פאָרן?

— וואָס זשע, מיר וועלן דאָ נעכטיקן? נאָך א פּאַסאַזשירל, און היידא! —

— אוי, כאַווער, גיכער שוין, גיכער שוין, — האָט זיך כאַנקע געפעסטעט און אים ניט געלאָזט צורו. יאַנקל האָט אויפגעהויבן די אויגן, זי באַטראַכט, און דער רייעך פון איר לייב האָט אים א שמעק געגעבן, ווי א גוט ביסל מאשקע. די שטימונג האָט זיך באַ אים אויפגעהויבן, ווי אין א יאָנטעוו, יאנקל איז

פאַרפאָרן מיט די פאַסאַזשירן צו זיך אין הויף, אָנגעטאָפּטשעט א פולן וואָגן היי. פארשפרייט מיט א רעדנע א גאַנצע העסע-בעט, און גענומען אַלעמען אויסזעצן, ער האָט געמאַכט אזוי, אַז כאַנקע זאָל זיצן מיט אים אף דער קעלניע!

— נישקאָשע, א יונג מיידל! ס'מאכט ניט אויס ווי זי וועט זיצן, — האָט ער פאר אלעמען אויסגעשריען און כאַנקען האָט ער איינגערוימט א סאָד, אַז די קעלניע האָט ער געמאַכט ווייכער און באַקוועמער, ווי דעם אויבן אָן.

יאַנקל איז ארומגעלאָפן א צעטראָגענער איבערן הויף, אָנגעזאָגט עטלעכע ווערטער דעם טאַטן, וועלכער האָט זיך באַ דער שיין פון דער לעוואָנע געפּאָר־קעט בא א זיי־מאשין, א קלאַפּ געגעבן אין פענסטער אריין און גערופן דעם זיידן. — זיידע! דו ווילסט דאָך אנקוקן די באַראַקן, אָט פּאָר איך אהין, כאַפּ זיך אַריין אין א וואָגן, וועסטו פאָרן. אין דער זעלבער מינוט האָט ער געגעבן א פייף און א רוף: קודלא! קודלא! און עס איז ארויסגעלאָפן אַ גרויסער קודלאַטער הונט, ווי א לייב, אים א שפּרונג געטאָן מיט די לאַפּעס גלייך אין פּאָנעם אַריין, און זיך צעהאווקעט מיט צופרידנקייט. ווען יאַנקל האָט אויסגעקערעוועט די פערד אף ארויסצופאָרן פון הויף, איז אַרויס א גע־זונטער שטייפער זאָקן, וועמען מ'האָט באגעגנט מיט גרויס פארוואונדערונג: — קיינאַנאָרע ניט! — האָט ייסראָעל־הערש אַ זאָג געגעבן — ס'איז ניט אונזערע קליינשטעטלדיקע זקיינים, האַ?

— און אַז ס'איז טאַקע אַ געזונטער זיידע, איז א גוואר אַן אייניקל! — האָט א צווייטער שטיל א זאָג געגעבן, און א דריטער האָט אונטערגעכאַפּט מיט א מאָשל — ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דאָס עפּעלע קאַטשעט זיך ניט אָפּ ווייט פונם בוימעלע.

— נו, גוט צו זיצן? ניט האַרט? ניט ענג? זאָגט, שעמט זיך ניט! — האָט יאַנקל א פרעג געטאָן און א טרייב געגעבן די פערד מיט אַ זינגענדיקן „נאָ"!

און די פערדלעך האָבן גענומען לויפן, שפּרינגען און בריקען די אייגענע שאָטנס, דאָס פאָרן איז געווען אזוי אנגענעם, אז יעדער איינער האָט אראָפּ־געוואָרפן פון זיך די פּעק דאַיגעס און עקבערדיקע געדאַנקען וועגן דעם קינפּ־טיקן פויערשן לעבן. מע פאַרגינט זיך פארברענגען, ווערטלען און כאָכמענען זיך, גלייך ווי זיי פאָרן אַף א כאַסענע. דער אלטער באַקוקט אַלע פאַסאַזשירן מיט גוטע האַכנאָעדיקע בליקן, עפּעס ציט מען דאָך אמאָל פון אזוינע פּאַ־סאַזשירן די כאַיונע? ער הערט זיך צו צו די געשפּרעכן און פרעגט אלעמאָל איבער: — זייט מויכל, וואָס האָט איר געזאָגט? קאָמערד? וואָס איז עס אזוינס קאָמערד? נו, און ווער איז עס דזשאָינט? געזערד? עפּעס טשודנע נעמען! כ'האָב עס קיינמאָל ניט געהערט. עס דערקלערט אים יעדערער אַף א באַזונ־דער אויפן און יעדער איינער פירט אונטער אַן אנדער כעשבן, וויפל קרע־דיטן זיי וועלן באַקומען.

דער אַלטער הערט אויס און שאָקלט מיטן קאָפּ — אַט א מאזל! אט א מאזל! אַט א צייט, א גילדענע צייט! עך, קינדערלעך, קינדערלעך! ווייסט איר דאָך גאָר פון קיין בייז ניט! די היגע מעלוכע העלפט אייך אַזוי געטריי, און אַפילע פון אמעריקע קומט מען אייך צוהילף. איר האָט ניט וואָס צו זינדיקן, קינדערלעך! איר האָט גאָרניט וואָס צו זינדיקן! ניט אַזאַ גוירל איז באַשערט געווען אונזערע זיידעס און טאַטעס, ווען זיי זיינען אריבער אַף ערד. אָט הערט זיך איין קינדערלעך, וועל איך אייך דערציילן, וועט איר כאטש ווייסן און זיך ניט קלאָגן אף היינטיקער צייט. יאַנקל האַלט איין די פערד און די פערד הויבן אָן גיין פּאַמעלעך, דרימלענדיק. מ'קערט זיך אויס צום אלטן, און מיט דער גרעסטער נייגיריקייט הערט מען אים אויס, מע שלינגט יעדעס וואָרט זיינס. אפילע מישקען האָט מען ניט געלאָזט איינשלאָפן, און אים גע־צוואונגען אויסהערן דעם אלטן.

דער אַלטער גראָבט אויף זיכרוינעס, וואָס זיידעס האָבן איבערגעגעבן טאַ־טעס און טאַטעס האָבן איבערגעגעבן קינדער. דער אָפּגעשוואַכטער זיקאָרן זיינער גיט זיך אָפּט א ריס און פאַרטשעפּעט זיך. ער נעמט זיך קאראפקען, און ביז ער כאַפּט אָן דעם פּאָדים, פּיפּקעט ער שטאַרקער זיין ציגאר מאכאָרקע, און ברומט אונטער: קינדערלעך, קינדערלעך, גאָר אַנדערע צייטן געווען, גאָר אַנדערע צייטן... דאָס איז געווען אַן ערעך צוריק מיט עטלעכע הונדערט און צוואַנציק יאָר — שנאס... שנאס... האָט איינער פון די פּאַסאַזשירן געוואָלט באַווייזן זיין לאָמדעס, און וואָס מער ער האָט גערעכנט, האָט ער זיך אלץ מער פאַרפּלאָנטעט. ער האט קלוימערשט זיך פאַרהוסט, מע זאָל כאס־ווע־כאָ־לילע אים ניט כוישעד זיין, אַז ער קאָן ניט אויפרעכענען. דער הוסט דושעט אים און לאָזט אים קיין וואָרט ניט זאָגן. און אט אזוי מיט קלאָמפערשטן הוסט, האָט ער איינגעשלונגען דעם שנאָס, און ס'איז געוואָרן אויס שנאס. דאָס האט באַדאַרפט זיין אַן ערעך אַנהויבס 19־טן יאָרהונדערט, — האָט כאַנקע זיך גע־געבן אַ רויטל פאר בלאסער לעוואָנע און באַוויזן, וואָס זי קען. יאַנקל האָט דערפילט, אַז כאַנקע רעדט מיט דעם לאָשן פון ניט קיין פּראָסטע צינגער, ער האָט אויסגעטאראשטשעט די אויגן און געקוקט אַף כאַנקען מיט דער אמעראַ־צעשער ניכנעדיקייט פאַר געלערנטע, וואָס ווייסן פון אַלץ.

— אַ נאַפּקעמינע וואָסער יאָר, מערער מיט צען יאָר, ווינציקער מיט צען יאָר! ס'איז דאָך ניט קיין פערד, וואָס א יאָר שפּילט בא אים א גרויסע ראָלע, צי לעהאַוודל אַ „באַרישניע" — האָט דער אלטער זיך אַריינגעמישט און פאָרגע־זעצט דערציילן.

— געווען א צייט, ווען צענדליקער טויזנטער יידן האָבן געהאַט שעפע, פּאַרנאָסע אין די דערפער, זיך געלעבט א רואיק לעבן. קליגערע דרייקעפּ, האָבן זיך אריינגעדרייט צום פּאָרעץ, און געוואָרן ארענדארן. און ווען דער

אויבערשטער האָט געבענטשט מיט אַ געזונט ווייב, און מיט עטלעכע געזונטע טעכטער, האָט ער געעפנט אַ שענקל, גויאים האָבן געזשליאָקעט בראָנפן, און די שענקער האָבן געבונדן קניפּלעך. איז איין איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען געגומען טרייבן, יאָגן און ארויסשיקן זיי אַף כערסאָנער, קאַטערינאָסלאַווער ערדן. געשיקט האָט מען זיי אַף קאַהאַלשע גראָשנס, פון וועלכע די טשינאָוו־ניקעס האָבן נאָך אָפּגעלעקט אַביינדל. אָט ווי מ'האָט זיי באַוואָרנט.

— נו, און דער קאָמערד? — האָט זיך איינער אַ כאַפּ געטאָן. וואו איז געווען דער קאָמערד?

— אָט דאָס זאָג איך דאָך — האָט דער אַלטער זיפצנדיק געענטפערט, — ס'איז געווען אַנדערע צייטן. ביטערע פינסטערע צייטן. אייך העלפט די מע־לוכע, מיט אייך אינטערעסירן זיך אַלע, און זיי האָט קיינער ניט געהאָלפן און מיט זיי האָט זיך קיינער ניט אינטערעסירט.

די פּאַסאַזשירן טוליען זיך צונויף און מע שלינגט יעדעס וואָרט, ווי כיידער, יינגלעך אַמאָל אין די ביינהאַשמאָשעסן, ווען גיירעש שפּאַניע, אַסאָראָ־האַרוגע־מאַלכוס, און כטופים.

און דער אַלטער הערט גאָרניט אויף צו דערציילן: — אַך, קינדערלעך, דאָס דאַמאָלסדיקע לעבן פון זיי אַ שפּילעכל געמאַכט. אַ מין מיאַטש, וואָס מע וואַרפט אים אַהין און אַהער. מען איז געלאָפן פון גיירושים און הונגער, און באַזעצן זיך אַף ערד איז געווען אומגעהויער שווער, און ניט גענוג, וואָס אין יענער שאָפלדיקער צייט האָבן אונזערע זיידעס און טאַטעס געכאַפּט שמיץ האָבן זיי נאָך די רוט געקושט.

— ניקאָלאַיקע דער ערשטער, די ערד זאָל אים דאָרט ארויסוואַרפן, האָט בא יידן געהייסן אַ מעלעך כעסעד, אַ קייסער, וואָס האָט געטאָן טויוועס — כאַ! כאַ!.. טויוועס געטאָן!.. רעקרוטן, קאַנטאָניסטן, האָט גענומען גאָר אָן אַ צאָל שטייערן, האָט ארויסגעצויגן ביזן לעצטן גראָשן.

דער אַלטער האָט פאַרצויגן אין זיך די אַלע אָנגעהערטע און איבערגעדער־ציילטע זיכרוינעס.

די פּאַסאַזשירן פאַרטראַכטן זיך און שווייגנדיק שטיל נעמען זיי ניט אַראָפּ די דערעכערעץ־בליקן פונם אַלטן.

יאַנקל דערפילט די דערעכערעץ־בליקן, און נעמט זיך באַרימען פאַר כאַנקען:

— נו, ווי געפעלט ער אייך, מיין זיידע, מיט זיינע מאַיסעס? עהע!.. דאָס איז נאָך גאָרנישט, ער קאָן דערציילן מאַיסעס דריי טעג און דריי נעכט דורכאַנאַנד, איין מאַיסע שענער פון דער צווייטער. ער האָט אַ געזונטע קאָפּ מיט אַ שאַרפן צונג. פאַרגעסט ניט, אַז בא אונז אין דאָרף האָבן אַלע פאַר אים דערעכערעץ, און אַלע קומען צו אים פרעגן אייצעס. היינט כוץ דעם, איז

ער א מוזיקאַנט, ער שפּילט אויס אַף אַ פידל די סאַמע שענסטע ניגונים. ער קאָן אַזוי שפּילן, אַז עס זאָל געבן אַ צופּ באַם האַרצן, ווי אַ שניט מיט אַ מעסער, און די אויגן זאָלן, ווי די ברונעם־באַדיעס, גיסן און רינען מיט טרערן.

היינט זיינע לידער, דאָס איז אַן אויסנעם. שטענדיק זינגט ער פאַר זיך און פאַר אַלעמען. אַבי עס קומט אים אָן די מינוט. דער זיידע מיינער זאָגט, אַז צו זינגען — באַדאַרף מען האָבן די מינוט, ס'איז ניט קיין פערד איינשפּאַנען, אַז ווען מע וויל, שפּאַנט מען אים איין. און וואָס ער האָט לידער, פון דער וועלט, פון אַלע סאָרטן; איז אים אומעטיק, זינגט ער אַזוינע לידער, אַז מע קאָן אויסגיין פאַר זיינע אויגן. איז אים פריילעך, זינגט ער אַזוינע, אַז מע קען מעשוגע ווערן פאַר פרייד. די ברייטע סטעפּעס ווערן ענג אַף צו טאַנצן און שפּרינגען. אָט אַזאַ בעריע איז מיין זיידע, — האָט זיך יאַנקל מיסיאַכעס גע־ווען מיט זיין שטאַם, אין וועלכן עס איז אים באַשערט זיין איינגעוואָרצלט.

כאַנקע האָט אויסגעהערט די שוואָכים, און זיך גענומען דערמאָנען אָן אירע זיידעס, און דאָס ערשטע מאָל איז איר ארויף אַפן זינען, אַז זיי זיינען געווען גאָרנישטן, כוץ פאַרנאָסע, איז זיי גארניט אָנגעגאַנגען. זי האָט זיך פאַררויטלט און אָנגעוואוירן די האָזע אַף אפצונעמען בא יאַנקלען די ייכעס־בכוירע, אָבער באַלד האָט איר אָנגעקלאַפּט אַ גאַיווע־געדאַנק, און מיט אַ גרינג זיכער שמייכעלע, האָט זי אים געגעבן אַ פרעג: — און איר וואָס קאָנט? איר קאָנט אויך, וואָס דער זיידע קאָן?

יאַנקלען האָט אַ שלאָג געגעבן די בושע אין פּאָנים, און שטיל האַכנאָעדיק האָט ער אַ זאָג געגעבן: — צי דען קאָנען אַלע זיין גאַלאָכים! מ'האָט מיך ניט געלערנט — בין איך אַ פּראָסטער, אַ בלינדער, וואָס טאַפּט אין דער פינסטער־ניש און ווייסט פון גאָרניט.

יאַנקלס טמימעס האָט אַ ריר געגעבן כאַנקען פאַרן האַרצן. זי האָט באַלד פאַרווישט דעם געשפּרעך, און מיט איר מילדער שט־ים, האָט זי אים גענומען בעטן: — כאַוועך יאַנקל! כאַוועך יאַנקל! גיט אַ בעט דעם זיידן אייערן, און זאָל ער עפּעס אַ זינג טאָן; איר האָט דאָך אים אַזוי פאַרלויבט. — גיט אים אַ בעט, איך בעט אייך!

די דרימלענדיקע פּאַסאַזשירן האָבן מיט פרייד אויפגעכאַפּט כאַנקעס פאָר־שלאָג, און מען איז באַלד צוגעשטאַנען צום אַלטן, ער זאָל באַווייזן וואָס ער קאָן.

— נו, לאָזט זיך ניט בעטן! — טוט אַ טויווע, גיט אהער אַ ניגן!.. וואָס רעדט איר, וואָס קויעך, ווען קויעך, גיט אַ זונג, אַז ס'זאָל נעמען! — האָט מען אים גאָרניט געלאָזט זיך אויסטאַינען און זיך אָפּבעטן.

— דער אַלטער האָט זיך געקווענקלט, זיך איינגעשפּאַרט, ניט געוואָלט, ביז ער האָט געמוזט מאַסקים זיין.

ער האָט געגעבן עטלעכע הוסטלעך, ווי א קלונג מיט אַ גלעקל, אַז באַלד הויבט ער אָן.

עס איז געוואָרן שטיל, אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן און מע האָט גענומען אויסהערן דעם אַלטן. ווי אַ וויג־לידל האָבן זיך די ערשטע טענער געהוידעט און געוויגט, באלד האָט זיך ווי אַ שיינע מאַיסעלע דער ניגן צערעדט און פלוצים איז די ליד מעגולגל געוואָרן אין אַ מונטערן פריילעכן מארש:

האָט איר געהערט דאָס לאַנד כערסאָן
ניט ווייט פון פעטער יישמאָעל?
פון פויגלמילך איז דאָרט פאַראַן
פאַר יידן — ערעץ יעסראָעל.

אַ פייג, אַ ציג, אַ שאָף — אַ דרייער
אַ הון, אַ אינדיק — האַלב אומזיסט;
אלצדינג בעזיל זאָל, קיין זאַך ניט טייער,
און טוואָרעס דאָרט, ווי מיסט.

דאָס לאַנד איז גוט און וואויל — אַ וואונדער,
אויב לעבן ווילט איר, ברידער, פיין,
פארנעמט די קלומקעס, ווייב און קינדער
און לאָמיר אוילע רעגעל זיין.

— זייער פיין! האָבן אַלע אויסגעשריען און זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פונם אַלטנס זיסן קאָל, און פון דער שיינער ליד.

— איי, גוט! — איי, גוט! נו, שטילער, שטילער, שאט, אָט אָט וועט ער אונז באַלד נאָך עפּעס זאָגן, — האָבן אַלע מיט היספּאַילעס געמונטערט דעם אַלטן. יאַנקלען האָט ארומגעכאַפּט א ציטער, עס איז אים געוואָרן הייס און קאַלט, ווי אין א מין קאדאָכעס. ער האָט זיך געפילט, ווי איינער, וואָס דער גליק איז דריי שפּאַן פון אים, און אויב ער כאַפּט אים באַלד ניט אָן, פאַר־שפּעטיקט ער אַף אייביק.

אָט דאָס שטעטלשע פריילעכע מיידל האָט אים פאַרכאַפּט. ער מוז איר עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט מוירע, אַז ער וועט ניט קאָנען מיט זיין פראָסטן מויל אַרויסריידן דאָס אַלץ, וואָס ער וויל, און פלוצים האָט ווי עמעצער פון אים ארויסגערעדט, אויפגעדעקט פאַרשטיקטע ווערטער: — כאַנקע, מירן זיך זעען? האַ, כאנקע?

II

ייסראָעל־הערש האָט די ערשטע טעג גאָרניט געקאָנט טאָן, ווי א מין שלאָפקייט וואָס מע באדארף אויסשטיין, איז באַ אים געווען דער ארומשלייען זיך, אַלץ באקוקן און באטראַכטן. דעם ערשטן וויזיט האָט ער געשענקט די פערד מיט די בעהיימעס פון זיין אייגענעם קאָלעקטיוו — „דער רויטער פויער", און דערנאָכדעם פון די אַלע איבעריקע קאָלעקטיוון. ווער ווייסט נאָך ווי ער, און ווער פארשטייט נאָך ווי ער אין א בעהיימע? פון סאמע קינדהייט ביזן גרויען 60־יאָריקן עלטער האָט ער געהאַט צו טאָן מיט פיך. דער גאנצער קאנט האָט געוואוסט, אַז ייסראָעל־הערש איז א בעריע אַ „וואַלאָוויניק". אַלע קאַצאַווים האָבן פאַר אים געהאַט דעם גרעסטן דרעך ערעץ און שטענדיק זיך גערעכנט מיט זיינע מעווינעס, האָט ער אַ שאָץ געגעבן א סקאָטינקע, אזויפיל און אַזויפיל פוד האָט זי, איז עס געווען הייליק. האָט מען עס פארשפּאָרט וועגן.

— גוטע, גוטע בעהיימעלעך, מע באדארף נאָר זיין גוטע באַלעבאַטים, און אכטונג געבן אף זיי. איר פארשטייט? מיט קיין בעהיימע פראַוועט מען ניט קיין קונצן. אַז מע גיט אַ גוטן צעבער, וועט זי אייך געבן מילך, — האָט ער פאַר אַלעמען דיזעלבע ווערטער איבערגעכאַזערט.

כאנקע האָט זיך פון די ערשטע טעג אָן געלאָזט דערפילן אין קאָלעקטיוו — זי האָט געוואַשן, גערייניקט, פאריכט, און אַלץ געבראַכט אין אָרדענונג און צוביסלעך זיך אַזוי אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט.

די כעוורע פון קאָלעקטיוו „רויטער פויער" האָבן כאנקען טאָג איין טאָג אויס מער גערימט און מער געליובט פאר איר ארבעט — מאָטקע! זי מעלקט גיכער פון דיר און מיט מער מאזל־בראָכע; באַ דיר פלעגן זיין האַלבע שעפעלעך און בא איר איז פול, ווי אן אויג.

— ער האָט קיין קויעך ניט געהאַט צו ציען.

— ער פלעג אליין אויסזושליאָקען דער מאמזער.

— דאָס האָט מען געמאַכט לעצאָנעס און זיך גערייצט מיט מאָטקען, וואָס האָט ביז כאַנעס אָנקומען געמאָלקן די בעהיימעס, און איז באקרוינט געוואָרן מיטן טיטול — דער מעלקער.

— וואָס האָט איר צו אים? — האָבן די עלטערע ניט געקענט פארליידן דאס לעצאָנעס, — ס'איז ניט קיין מאנסבלשע אַרבעט. זינט די וועלט שטייט האָבן מאַנסבלען נאָך ניט געמאָלקן קיין בעהיימעס.

— הייסט עס, אַז די וועלט איז אָפּגעשטאַנען טויזנטער יאָרן ביז... ביז דער יידישער איבערוואנדערונג, און האָט זיך דערוואַרט, אַז מאַנסבלען זאָלן אָנהויבן מעלקן בעהיימעס?

— אָווא, זיך שיין דערוואַרט! — פּלעגן זיך כעוורע פאַרגיין פון געלעכטער, און זיך נעמען צו אַ צווייטן כעווערמאַן, וואָס האָט געשיילט קאַרטאָפל און באַקומען דעם טיטול — סענדערל די יידענע.

— נו, סענדערל, אויס יידענע און ווידער מאַנסבל.

— סענדערל, וואָס איז גלייכער, וואָס איז בעסער, א מאַנסבל צי אַ נעקייווע, זאָג, סענדערל?

— און דו, כאַנקע, דו ביסט בײַ אונז אַ בּאָס-יעכידקע, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ טייבעלע.

— מיר וועלן דיך ליב האָבן, מיר וועלן דיך פּאָלגן, פּליען אין וואַסער און אין פייער פאַר דיר, נאָר זע זשע, זאָלסט ניט זיין קיין שלאַנג, קיין שטיף-מאַמע, קיין בייזע קישעפמאַכערן — האָט זיך יעדערער צוגעגעבן זיינס, און יעדער איינער האָט זיך אַף א באַזונדער אויפן געכאָכמעט און אויסגעדריקט זיין ליבע צו כאַנקען. איסאַק דאָס אינטעליגענטל-סטודענטל, ווי מע האָט אים גערופן אין קאָלעקטיוו, — איז געווען מער ווי אַלע צופרידן פון כאַנקעס אָנקומען.

די הענט מיטן קאָפּ צוזאַמען מיט דער פּלייצע זיינען בײַ אים פון פרייד געגאַנגען אַ טענצל און זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָבן געפינקלט און געצאַפּלט אין ברילן-געפענגענישן. ער האָט זי די ערשטע טעג אַרומגעפירט וויַיזן די סטעפּעס, די אויסגעטיילטע שטאָכים ערד, די באַראַקן מיט די קאָלעקטיוון; מישקע איז שטענדיק געשפּרונגען פאָרויס, ווי אַ יונגער לאָשעק, האָט זיך געקאַטשעט אַף דער ערד, זיך געקויקלט איבערן קאָפּ, געזונגען, געפייפט, געטאַנצט, געפּאַטשט זיך אין די ליטקעס און געהאַלטן אין איין הירזשען — אוי וויי, טאַטעלעך, מאַמעלעך-מאַמעלעך, טאַטעלעך; סאַראַ גרויסער סטעפּ? מע קאָן דאָ אַ קאַימעלאָן שטיבער אויפבויען!

— כאַנקע, גיב אַ קוק, באַראַקעס, — האָט ער געשריגן אין איין אָטעם — אוי וויי: באַראַקעס ווי קורינעס. ציגיינערשע ראָמען, אָט דאָ וועלן מיר וואוינען? כאַ! כאַ! אין באַראַקעס וועלן מיר וואוינען, אַך, סאַרא גוטקייט ס'וועט זיין.

— אָט אַ יאַט, אָט אַ מאַזיק, ער וועט דאָ איבערקערן דעם סטעפּ. איר וועט שוין זען ס'אַרא וואוילער יונג דאָס איז, — האָט כאַנקע מיט מוטערשן נאַכעס אים ניט אויפגעהערט רימען.

איסאַק האָט שטענדיק אין אַזוינע מינוטן געטראַכט וועגן זיין שווער לעבן, וועגן יענעמס שטאַרקייט, און וועגן זיין שוואַכקייט, און פּלוצים פלעג ער זיך דערזעען פאַר כאַנקען פאַנאַנדערגעשפּילעט אַף אלע קנעפּ פון זיין האַרצן. ער פּלעג זיך פאַרויטלען, ווי איינער, וואָס דערזעט זיך פּלוצים אַ נאַקעטער צווישן מענטשן.

III

כאַנקע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר פרימארגן־שלאָף. זי פלעג איינדרימלען נאָכן מעלקן די בעהיימעס.

אַפן טיש זיינען געווען צעוואָרפן גרעסערע און קלענערע צעטעלעך, ווי אַ מין זייכער, אַז ערשט ניט לאַנג זיינען אין באַראַק געווען כעוורע און מיטן טאָג זיינען זיי ערגעץ פארשוואונדן. זי נעמט זיך ציען, גענעצט אויס אירע גענעצן, רייבט אויס אירע אויגן, און אַף איר פּאָנעם הויבט אָן אויפגיין די וואכקייט און באַשטראַלט זי; זי גייט צו צום טיש און כאַפּט אָן זשמעניעס מיט קוויטעלעך, ווי געדיכטן געראָטענעם שטשאַוועל, און נעמט זיי אף דער גיך לייענען, זי ווייסט, ווער עס האָט געשריבן אַנאָנים, און פארשטייט, וועלכע האָבן זיך געבעטן מיט די נעמען: אָט גיט זי אַ לאַך; און פּלוצים גיט זי זיך אַ רויטל; זי כאַפּט און צעפליקט אַלע קוויטעלעך די איבערגעלייענטע און די ניט איבערגעלייענטע.

— לייצים, האָבן ניט וואָס טאָן, — גיט זי אַ ריר צו זיך און האָט כאַראָטע, וואָס זי האָט זיך פאַרנומען מיט אַזאַ נאַרישקייט: אין מיצקע דריינען לייענען נאַרישע קוויטעלעך, וואָס כעוורע פּלאַפּלען אָן. מער קיין אַרבעט האָט זי ניט! או־וואַ, שוין אַזוי שפּעט, און די כעוורע האָבן נאָך גאָר אין מויל ניט געהאַט. זי האָט אַף גיך אָנגעהאַקט עטלעכע שטיקלעך האָלץ, צעלייגט זיי, ווי אַ שייטערל, און זיי געטומען אונטערצינדן, דאָס פייערל האָט זיך גענומען פאנאנדערקנאקן מיט זיינע רויטע צינגלעך און פינקלען מיט זיין גאָלד־גלאנץ אין אַשיק בראָנזעוון קאָליר.

כאַנקע האָט אַריינגעגאָסן אין קעסל צוויי פולע טעפּ מילך און אַוועקגעשטעלט בריען און אַף דער גיך גענומען שיילן קאַרטאָפליעס; זי האָט גיך געשיילט און געווען פארהאוועט; די געדאַנקען האָבן זיך ווי פארשעמט, זיך געשטעלט אָן אַ זייט און איר ניט געוואָלט דרייען קיין קאָפּ. און ווען בולבעלעך האָבן זיך גענומען בולבען מיט אַ מעשונעדיקן קאטש־קאטש... אַף מאַכן יאַדאַכאַס, זיך צונויפגיסן אין איין גרויסער בולבע אַף אויסלויפן, האָט כאַנקע אַרויסגעלאָזט דעם מעסער מיט אַ ניט דערשיילטער קאַרטאָפל און זיך געלאָזט לויפן מיט אַ הילכיקן געשריי צו מישקען, וועלכער האָט ניט ווייט פון די באַראקעס געפּאַשעט די בעהיימעס — אָהאָ! אָהאָ! מישקע!.. קום אַהער גיכער! — אָהאָ! אָהאָ! האָט מישקעס ייִנגלשע שטים, ווי אַ ווידערקאָל, אָפּגעענטפערט אַף כאַנקעס רוף. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געקומען צו לויפן מיט אַ פאַרסאַפּעטן אָטעם, און מיט אַ קנאַקנדיקער בייטש.

— וואָס איז, כאַנקע, האַ? כאַנקע, וואָס איז? וואָס האָסטו מיך גערופן, — האָט ער נישט אויפגעהערט אַרויסוואַרפן פון זיך אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— נעם מישקע און טראָג באַלד אָפּ די אָפּגעבריטע מילך אין פעלד אריין, זיי אַרבעטן שוין עטלעכע שאָ און קיינער פון זיי האָט נאָך אין מויל ניט געהאַט. גיי גיכער, מישקע, און איך וועל דערוויייל אָפּקאָכן אַ יויך. — כאַנקע האָט אים בעטנדיק אַרומגענומען מיט געטריישאפט און גענומען קושן אים.

— ווייסטו וואָס, כאַנקע? — האָט ער אונטערגעטאַנצט פון פרייד, — ווייסטו וואָס, דער געלער קאשטאן איז דאָ, וועל איך זיך ארויפכאַפּן רייטנדיק, עס וועט געדויערן אַ סעקונדע, און איך בין דאָרטן.

— אַ גוט פורים אף דיר, וואָס נאָך וועסטו זאָגן? ווילסט ברענגען ליידיקע עמער אָן מילך. גיי, גיי, מאך ניט קיין קונצן! מישקע בלאָזט זיך אָן, ווי אַ אינדיק און קוויטשעט אויס מיט אַ בארויגעז.

— אויב דו לאָזט מיך ניט פאָרן אַפּן קאשטאן, טאָ זיי מויכל און טראָג מיט דיינע פיסיילעס!

— כאַנקע צעבייזערט זיך, ווערט אויפגערעגט און נעמט שרייען: — מישקע, דו זאָלסט וויסן, וואו דו געפינסט זיך!

מישקע בלייבט שטיין עטלעכע מינוט, ווי פארטראכט, און שיסט אויס אַ געלעכ־טער, מיט וועלכן ער מאכט צו נישט כאַנקעס רויגעז. ער מאַכט גאָר קיין שטיק ניט, ס'איז ניט מער ווי אַן אָנשטעל — אַ קאַטאָוועס שטיקל.

ער הערט אויס כאַנקעס שליכעס און באַפעלן, ווי אַ פארזינדיקטער זעל־נער, וואָס איז גרייט צו פליען אין וואַסער און אין פייער, אַבי יויצע זיין פאַרן קאָמאַנדיר און פארווישן זיינע אַלטע זינד. ער כאַפּט די צוויי עמער מילך, וואָס ציען און בויגן אים אַראָפּ, ווי אַ וואָגשאָל, און לאָזט זיך אין פעלד אריין. ער קערט זיך אום און שרייט אויס מיט זיין הילכיקער יינגלשער שטים:

— כאַנקע, אַהאַ!.. כאַנקע, די יויך וועסטו אַליין ברענגען, האַ, כאַנקע?

דער ברייטער סטעפּ כאַפּט אויף די הילכיקע געשרייען, שרייט זיי נאָך און ווי אַ פּיצל קינד, וואָס קרימט איבער, האַלט ער אין איין קויקלען און איבער־קויקלען מישקעס אויסגעשרייען. מישקען געפעלט עס זייער שטאַרק און פון גרויס סימכע פאַרגיכערט ער זיין שפּאַן און פאַרהילכט זיין אייגן קאָל.

— כאַנקע, די יויך וועסט אַליין ברענגען, האַ, כאַנקע?

— עסן! — דאַיאָש שאַמאָווקו! — האָט די יינגערע כעוורע זיך צעשריגן און זיך גענומען פעסטען פאַר כאנקען און מאכן שטיק, ווי הונגעריקע קינ־דער, ווען זיי באַפאלן זייער מוטער.

— יאָ, שוין צייט עפּעס נעמען אין מויל אַריין — האָבן די עלטערע צוגע־געבן מיט אַ פאַרשמאכט ציטערדיק קאָל, ווי נאָך אַ טאָנעס.

אין אַ מינוט אַרום איז מען שוין אַלע געזעסן אויסגעזעצט אף דער ערד און געשמאַק געזופּט די יויך.

— רעב ייסראָעל־הערש, ווי געפעלט אייך די יויך? זאָגט מעווינעס; איר זייט דאָך באַ אונז אַ מייוון.

— וואָס איז שאַיעך זאָגן, — האָט ייסראָעל הערש געכלינעט אין דער גרוי־סער שיסל יויך און געלאָזט טאַנצן זיינע ווערטער איבער די אויפגעבלאָזענע בולבעלעך, — אויב איר וועט באַ אַן אַנדער קאָלעקטיוו קריגן מער באטאמטע יויך, גיב איך דעם קאָפּ מיינעם שניידן; מיין כאַנקע, אַז זי קאָכט אָפּ, מעג דאָס עסן דער מאַלכעס.

— „מאַליענקאַיאַ פּאָפּראַוואָטשקאַ" — כאַפּן אונטער די כעוורע — ניט דער מאַלכעס, נאר דער „סאָוונאַרקאָם".

— געזעכט! דער סאָוונאַרקאָם" — גיט זיך אונטער ייסראָעל־הערש, אַבי מע זאָל אים לאָזן צורו.

די כעוורע דערפילן דאָס האַרץ און נאָך יעדן זופּ יויך ווערן זיי לעבעדי־קער. מע לעצעוועט איבער זיך און איבער יענעם און איבער גאָר דער וועלט; איבערהויפּט האָבן ליב כעוורע זיך כאָכמענען און דערגיין די יאָרן איסאַק אינטעליגענטל - סטודענטל.

— נו, איסאַק, לעבעדיקער! וואָס קייסטו, ווי אַ וואָראָבייטשיק, טראַכט ניט, פּלי ניט אין הימל אַריין, דו ביסט אָף ערד, אָף כערסאָנער ערד.

— נעם זיך אָן מיט קויעך און באַווייז גוואורע באַם שוואַרצבּרוך, דו ביסט דאָך אַ בעריע, אַ מאַזיק. — צעקאַטשעט מען זיך מיט אַ שפּאָגל נייעם געלעכטער.

און אַזוי ציט מען זיך אויס איבערן סטעפּ, און אָף דעם גרויסן סטעפּ־געלעגער זעט יעדער איינער אויס באַ זיך קלענער פון אַ דרויבעלע, קלענער פון אַ פּינטעלע. מע פאַרויכערט פּאַפּיראָסלעך, מאַכאָרקע און מע טראַכט זיך אין דער וועלט אַריין.

— באַסטאַ! — גיט פּלוצים אַ געשריי ייסראָעל הערש מיט זיין געמבע, — שוין אנדערהאַלבן שאָ, אַז מע רוט.

צו דער אַרבעט — גיט אַ הילך אָפּ אַן ענטפער אָף ייסראָעל־הערשס רוף. מע כאַפּט זיך אַלע אויף און איינער נעמט אַריבעריאָגן דעם צווייטן. דער יאָגט זיך נאָך די פערד, אַ צווייטער שפּאַנט, און אַ דריטער כאַפּט זיך אַרויף אָף דעם בוקערס בענקעלע, און מיט גאדלעס גיט ער אַ טרייב די פערד און וואַרפט אַלע מאָל זיינע צופרידענע בליקן אָף די שאַרפע לעמעשן, וואָס קערן איבער, ניצעוועט איבער די ערד. מע ווערט אַלע פאַרטאָן מיט די צוגעפּאַס־וועטע איבערגעקערטע שטיקער סטעפּ, און די פרייד פון ערשער מי רייסט זיך באַ יעדן אַרויס מיט רויש און מיט געשריי:

— שוואַרצבּרוך, נאַ דיר גאָר שוואַרצבּרוך, וואָס איז דער סייכל פון דעם, פארשטיי איך ניט.

— וואָס דארפסטו סייכל, שמייכל, אַבי ברויט וועט וואַקסן, קאָפּמענטש דו!

— אהא — כאַפּט מען אונטער דעם געשפרעך באַגעגענענדיק זיך רייטנדיק און שפּאַנענדיק נאָך די אַקערס — שוואַרצברוך איז עפּעס ראַיעלער, איידעלער און ריינער, איידער האָבן צוטאָן מיט באַמיסטיקונג ווי די פּויערים פון אונזע-רע קאַנטן.

— אַוואַדע! אַוואַדע!

— אָבער ווי די לעמעשן ארבעטן דאָס!

— אַלץ הייסט אַרבעטן, שאַרף ווי די כאַלאָפּימלען, זיי שניידן זיך איין אין דער ערד, איז זיי ניט אָפּצורייסן.

און שטיקער סטעפּ ווערן צעפּאַסעוועט און צעאַקערט אין דער לענג און אין דער ברייט.

IV

דאָס סקריפּען פון די וועגענער האָט זיך דעם טאָג פריער, ווי אַלע טעג, פאַרענדיקט. פאַרשטויבטע און פאַרשוויצטע, האָבן זיך אַלע געטוקט אין דנעפּר, און מיט אָפּגעפרישטע פּענימער איז מען געלאָפן אהיים יאַנטעוודיק זיך פאַרפוצן.

די זון האָט זיך גערוקט צו מאַירעוו און איט באַשטראַלט מיט רויטע פלאַ־מען; אַ גרינג ווינטעלע איז זיך ארומגעפלויגן און צעשויבערט די גרינע צעוואַקסענע בוימער און אויסגעפּייפט אַ גוט יאָנטעוו. יאַנקל איז זיך געלעגן אויסגעצויגן אַף אַ קופּע שטרוי מיט זיינע שטיוואַלעס און מיט זיין לייוונ־טענעם קאָסטיום, ווי אַ מענטש פון גאָר א באַזונדער פאָלק, וואָס אומעטיקט און לייגנווייליקט אין טעג פון פאַר איט אומבאַקאַנטע יאָנטוויוים. דער זיידע און דער טאַטע, זיינער האָבן אים געזידלט, וואָס ערעוו אַזאַ יאָנטעוו, ווי שוואועס, ליגט ער אפן שטרוי, ווי א שיקערער. די מאַמע האָט אים אַלע מינוט גערופן און געבעטן — יאַנקל, יאַנקל, וואָס פאַר אַ פּאָנעם האָט עס? גיי, טו זיך אָן.

יאַנקל האָט זיי קיינעם ניט געענטפערט, ער האָט איינגענורעט זיין פּאָנים אין שטרוי און האָט וועגן עפּעס טיף געטראַכט.

ייסראָעל־הערש האָט אים געבראַכט אַ גרוס פון כאַנקען. כאַנקע איז באַ־רויגעז, אַלעמאַי שרייבט ער איר גאָרניט, און אַלעמאַי כאַפּט ער זיך קיינמאָל ניט אראָפּ. ס׳קען זיין, אַז דאָס טראַכט דער אַלטער אַליין אויס. כאַנקע האָט דאָס גאָרניט געזאָגט, אָבער דער גרוס האָט אים צעטומלט, אינעווייניק באַ אים איז געוואָרן א מישמאַש פון געדאַנקען, פרייד און ציטער.

— וואָס באַדאַרף ער האָבן דאָבטשען, וואָס שאַדכנט זיך צו אים אַ שטיק צייט, ער איז מויכל די צוויי בעהיימעס מיט דער יאָריקער טעליטשקע, דעם

פערד מיטן שפּאַן און די האַלבע דעסיאַטין ווייגגאָרטן, וואָס פּיישע, דאָבטשעס פּאָטער, זאָגט אים צו; מע וויל אים אָפּקויפן און מער גאָרניט. וואָס, א פּערד איז ער? ניין, ער וועט זיך ניט לאָזן פאַרקויפן, ווער קאָן האָבן איבער אים אַ דייע? ווער קאָן אים איינצוימען און קערעווען, ווי יענעם וועט זיך ווילן? אַ נעכטיקער טאָג! יאַנקל איז ניט קיין קליין קינד, מיט יאַנקלען קאָמאַנדע־ווען מען ניט. זאָל דער טאַטע זיינער זיך פּרואוון נאָכאַמאָל אריינמישן, וועט ער אַ שפּיי טאָן און גאָר אַוועק פון אים; ניזשקאָשע, ער וועט זיין שטעטל אומעטום באַ שטיין.

זיין געדאַנק האָט זיך באַפרייט פון אַלץ, וואָס האָט אים געשטערט טראַכטן וועגן כאַנקען, און וואַכנדיקערהייט האָט זיך אַ כאָלעם געצויגן פאַר זיינע אויגן: ער איז אין די נייע יידישע קאָלאָניעס, זיין קויעך און גוואורע, זיין געניטקייט אין דער אַרבעט באַוואונדערן אַלע, אַלע פרעגן באַ אים, אַלע לערנען זיך באַ אים.

דער קאָלעקטיוו „רויטער פּויער" ווערט א מוסטער - קאָלעקטיוו. פּערדלעך, בעהיימעלעך קומען צו און קומען צו, און דאָס לעבן ווערט גרינגער און בעסער, אַלץ בעסער. און כאַנקע די סאַמע שענסטע און בעסטע פון אַלע מיידלעך האָט אים ליב. זי האַלזט אים און קושט אים, ווי א קליין קינד; ער מיט כאַנקען, כאַנקע מיט אים, ביידע האָרעווען זיי, ביידע שעפן זיי פרייד און נאָכעס — אָט וועט זיין א לעבן, שוין איין מאָל א לעבן, דער וואכנדיקער פּאָנים האָט באשטראַלט יאַנקלס פּאָנים מיט פרייד און א מאָדנער באַגייסטע־רונג. ווי א ווילדער איז ער אראָפּגעשפּרונגען פון שטרוי און גענומען אַרומ־לויפן הין צוריק איבערן הויף. עס איז אים געוואָרן ענג, ענג דער הויף, ענג די קאָלאָניע, אַ מאָדנע אַקשאָנעסדיקע אומגעדולדיקייט האָט אין אים אויפגע־בושעוועט און ווי אַ כוואַליע אים געהויבן און געטראָגן.

עס איז שוין געווען נאָך דער יאָנטעוודיקער „וועטשערע"; די לעוואָנע מיט די שטערן האָבן זילבער קלאָר געלויכטן, געוואונקען, געררייצט און געצויגן אַף דער גאַס. עס האָבן זיך געלאָזט הערן געלעכטערס; מע האָט געקנאַקט קער־לעך, א שיקער האָט פאַרצויגן א זעמערל און אלע שפּאַצירנדיקע האָבן עס אונטערגעכאַפּט און א ווילדער געזאַנג האָט זיך צעקייקלט איבער דער קאָלאָניע און פון ערגעץ האָט א פידל געסקריפּעט אַ ריקודל, — טאַ! טאַ!.. האָבן הענט צוגעפּאַטשט — הא! — הא!.. האָבן קוילעס געשריגן צום טאַקט, און פיס האָבן געהילכט מיט טענץ. יאַנקלען האָט געצויגן צו דער פריילעכער כעוורע, עס האָט זיך אים געוואָלט א הוליע טאָן, נאר דער געדאַנק, אַז דאָבטשע וועט אים זוכן איבער דער גאַנצער קאָלאָניע און וועט אים ניט געפינען, האָט אים ווי מיט שטריק איינגעקרעמפּעוועט. ער איז ווידער צוגעפאַלן צו דער קופּע שטרוי. יאַנקל איז זיך געלעגן און נאָך אַמאָל איבערגעכאַזערט כאַנקעס גרוס,

וואָס ייסראָעל־הערש האָט אים געבראַכט — אַלעמאַי כאַפּט ער זיך קיינמאָל ניט אַראָפּ, און אַלעמאַי שרייבט ער קיינמאָל גאָרניט. און אַזוי ליגנדיק, האָט ער אין קאָפּ גענומען אויסשטעלן אַ בריוו.

ווי אַזוי זשע גיסט מען אים אָבער אויס אַפן פּאַפּיר? ער האָט דאָך שוין אַזוי לאַנג ניט געשריבן, אַזוי לאַנג ניט געהאַלטן אַ פּען אין האַנט; איז ער אַף טשיקאַוועס אַריינגעשפּרונגען אין שטוב, אויסגעזוכט אַ בלייער מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און גענומען זיך אַליין עקזאַמענירן. אַ פּאַכע מיטן הענטל, ווי מיט אַ בייטש־שטעקל, אַ קוועטש מיט דער פּען, און גענומען אויספירן יידישע און רוסישע אויסיעס, — פּאַר וועלכע ער האָט זיך אַליין עפּעס ווי דערשראָקן — לאַנגע, גראָבע, סטוליעוואַטע, ווי זשוקלעך, ווי בינען, ווי שלענגעלעך. — ניין, מיט אַזוינע אויסיעס שרייבט מען ניט קיין בריוו; אָבער אַ בריוו אָנשרייבן מוז ער דאָך, וואָס פּאַר אַ פּאָנעם וועט דאָס האָבן, אַז ייסראָעל־הערש וועט כאַנקען קיין בריוועלע ניט ברענגען פון אים. נאָר גיי טו, מאַך, אַז די הענט נעמען גאָרניט, ער האָט זיך פאַרטראַכט, און פּלוצים האָט באַ אים אופגעבליצט אַ געדאַנק; אופוועקן דעם קלענערן בראַטאָק.

אין אַ מינוט אַרום, איז יאַנקל געשטאַנען אַף די קני און אין זיינע גע־זונטע לאַפּעס האָט ער אַריינגענומען דעם ברודערס קאָפּ און מיט אַ גוטער מילדער שטים אים געוועקט — שטיי אויף, הערשקע! — שטיי אויף, הערשקע! ווילסט פאַרדינען צען קאָפּיקעס? הערשקע איז אַריינגעקראָכן מיט די הענט אין קאָפּ און גענומען זיך קראַצן, זיך געריבן די אויגן און אונטער דער נאָז געמורמלט.

— באַווייז די צען קאָפּיקעס, — באַווייז די צען קאָפּיקעס.

— וואָס, גלויבסט מיר ניט, הא, הערשעלע? — האָט ער אים דאָס ערשטע מאָל פאַרצויגן דעם נאָמען, און דאס ערשטע מאָל אַזוי צערטלעך געגלעט. — גיכער, גיכער, הערשעלע, אָט איצט איז קיינער ניטאָ אין שטוב, וועל איך דיר דיקטעווען, און דו וועסט מיר אָנשרייבן אַ בריוול.

הערשקען איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס ער, יאַנקל, קומט היינט אָן צו אים, און וואָס פאַר אָנשרייבן אַ בריוועלע וועט ער פאַרדינען גאַנצע צען קאָפּיקעס, ער האָט זיך אַף גיך אַ כאַפּ געגעבן, זיך געוואַשן מיט קאַלט וואַסער און גענומען זיך צום בריוו.

הערשל האָט פון סימכע ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. אָט האט ער זיך צונויפגעדרייט אין זיין לייוונטענער העמד און אָט האָט ער זיך גענומען פאַטשן אין די נאַקעטע ליטקעס, צום סאָף איז ער גאָר אַוועק אַ טענצל...

יאַנקל האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, און איידער ער איז געגאַנגען אין שטאַל זיך איינפאָרען מיט די פערד, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דעם נעכטיקן בריוו. די מעלאַנכאָלישקייט איז באַ אים אויסגערונען, און עס

איז בא אים געבליבן א יאָנטעווודיקע שטימונג. דער בלויער זאַפטיקער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעצוואָגן אין טוי, די פייגעלעך האָבן ניט אויפגעהערט צו טרי־לערן זייער פרימאָרגנדיקע שירע.

יאַנקל האָט דערפילט א יאָנטעווודיקייט אין גאַנצן ארום; פייפנדיק א פריי־לעכן ניגן, איז זיך יאַנקל אריין אין שטאַל. ארויסגעפירט די פערד אפן הויף, זיי אויסגעריייניקט, פאַרפלאָכטן די ווײדלען. און מיט א נאַכעסדיקן — עך, קאָסקי מאָי דאָראָגיע! זיי אריינגעטריבן צוריק אין שטאַל, און זיך אוועק פאַרפוצן.

דער טאַטע איז געזעסן בא דער פעטער ציקאָריע מיט זיין צעקעמט בערדל און געשמאַק געקייט די צימרענדיקע שמעקנדיקע קיכלעך. דער זיידע האָט זיך געשאָקלט און געמורמלט א האַרציקן ניגן, און פון צופרידנקייט האָט ער יעדע מינוט א קנאַק געגעבן מיט די פינגער. די מאַמע איז געווען פאַרפלאַמט און פאַרשוויצט און שטאַרק צעטראָגן. פון מינוט צו מינוט האט זי זיך אי־בערגעוואָרפן מיט ווערטער:

— אך, געסט, געסט וועלן דאָס היינט בא אונז זיין!

— נו, יאַנקל, וואָס שטייסטו! נעם א קיכל, גיס זיך אָן ציקאָריע און טרינק.

— כאַנינע, ווי רעכנסטו, מיכל דעם פישער דאַרף מען רופן צו דער סודע? — שטערט זי די רו פון איר מאַן אף א מינוט און נעמט אף דער גיך אויסגיסן א בלינטשיק.

— איז וואָס, יאַנקל, — שיט זי צו מעל אין גרויסן טאָפ און פאַרמישט מיטן גרויסן קאָכלעפל, — וועט בא אונז זיין פיישע מיט דער גאַנצער סעמייסטווע, האַ?

— נו, נו, זייער גוט! נאָר הער זשע, מאַמע, — ענטפערט ער איר אָפּ ווי אַפּצולאָכעס, — היינט איז דאָ בא אונז אין קאָלאָניע יענער ייד, דער איבער־וואַנדערער, וואָס כ'האָב אים אנומעלטן אָפּגעפירט צו די באַראַקן, מע דאַרף אים אויך רופן צו דער סודע.

— יע, יע, — האָט דער זיידע אונטערגעהאַלטן. — א לייטישער ייד, זאָלסט אים לעמאַנאַשעם רופן.

— פאַרוואָס ניט? בא אונז איז פון שטענדיק אָן א שטוב פון האַכנאָסעס אָרכים, — האָט די מאַמע גאָרניט אויפגעהערט צוריידן.

— הייסט עס, וועלן מיר האָבן היינט צו דער מילכיקער סודע אן אוירעך פון די יידישע איבערוואַנדערער, זייער אָנגענעם! — האָט כאַנינע געגעבן זיין האַסקאָמע און באַלעבאַטיש ראַכוועסדיק זיך צעשמייכלט.

ארום איינס אזייגער זיינען די טישן שוין געשטאַנען געדעקט מיט קלאָר ווייסע טישטוכער; דער ווײַן אין די פלעשער האָט געפינעט און זיך געבעטן אין די קויסעס, די געשמאַקע רייכעס זיינען זיך צעגאַנגען אין אַלע אייוורים

און געגעבן צו וויסן, אַז עס איז פאַראַן גוטער פאַרבייסן; אין שטוב זיינען אַלע געווען צעטראָגן מיט צונעמען געסט; מ'האָט יעדן איינגעמאָסטעט אזוי, אז ס'זאָל זיין שפּאָרעוודיקער מיט אן אָרט, און ביזן אָנקומען פון אַלע געסט האָט מען זיך געפּיפּקעט און פארפירט געשפרעכן.

— זאָג איך אייך אַלעמען, אז דער בוהאַי פון אונזער טשערעדע טויג אין דער ערד, מע האָט אים שוין לאַנג געדאַרפט פאַרבייטן, — האָט פּיישע, דאָבטשעס פאָטער, א געל אָנגעשטאָפּט יידל מיט האָריקע הענט, איינגעטאַינעט.

— מ'האָט שוין געמעגט באגלייך מיטן בוהאַי אויך פאַרבייטן דעם פּאַס־טעך, — כאַפּט אונטער א צווייטער, און עס ווערט א פאַרטיפטער שמועס וועגן פאַסטעכער: דער דערמאנט זיך אָן פאַסטעכער פון זיינע צייטן, א צווייטער דערציילט וועגן פאַסטעכער אַזש פון עלטער זיידנס צייטן. און אַלע קומען צום באשלוס, אז א פאַסטעך מוז זיין א געטרייער, אז ניט טויג ער אין דער ערד. מע שאַצט און מע רעדט וועגן דעם נייעם אָגער, וואָס איינער א קאָ־לאָניסט האָט די טעג געקויפט. מע רעדט וועגן די אויסזיכטן פון האַיאָריקער גערעטעניש, און מע אמפערט זיך וועגן גערעטענישן, וואָס זיינען געווען און וואָס וועלן ערשט זיין.

יאַנקל איז געווען שטאַרק פאַרפאַליעט, זיין טשוביק און דער קוטעס אף דעם ווייס־אויסגעפּרעסטן העמדל האָט זיך געהאַלטן אין איין באָמבלען, דער אימפּעט פון זיין צופרידנקייט מיט יעדערן באזונדער, האָט אים געיאָגט פון איינעם צום צווייטן, יעדן האָט ער גוטברודעריש א פּאַטש געגעבן אין פּלייצע, און מיט יעדן האָט ער א רייד געגעבן אף דער גיך.

אפן טיש האָבן זיך באוויזן גוטע פּוטער־געבעקסן. א מאָדנע שטילקייט האָט באַהערשט אַלעמען. יעדער איינער האָט גענומען אויסדריקן זיין פרייד, נאָר אף א באזונדער אופן. ווער עס האָט זיך געגלעט און געצופּט זיין בערדל, ווער עס האָט אונטערגעפּאַטשט מיט די הענט, און וועמען עס האָט זיך גאָר פאַרוואָלט ארויסלאָזן א שטילן גרינגן זיפץ.

דער ווייַן האָט גענומען בולקען פון די פלעשער אין די גלעזער אריין, און דער רייעך פון שיקרעס האָט זיך געלאָזט דערפילן. דאָבטשע האט פאַרקאַ־טשעט די אַרבל פון איר ווייס קלייד און האָט גענומען העלפן דער אַלטער טראָגן, דערלאַנגען און יעדן פאַנאַנדערטיילן. איר רויט פּאָנעם איז נאָך רוי־טער געוואָרן. טראָפּעלעך שוויס האָבן, ווי טוי, זיך באוויזן איבער איר פּאָ־נעם, זי האָט געסאָפּעט און געלאָפן הין און צוריק.

יאַנקל האָט שוין מיט אַלעמען געטרונקען לעכאַים, די אויגן האָבן זיך בא אים צעפינקלט און אף די ליפּן האט געשוועבט א ניגנדל.

דאָבטשעס ארומלויפן און דאָבטשעס מאַנסבילשער קוויטש האָבן יאַנקלען אויפגערעגט, און פון קאָס האָט ער אין זיך גענומען גיסן א קויסע נאָך א קויסע.

מע איז שוין געווען אלע בעגילופנדיק, בא יעדן איינעם האט זיך געפּענטעט די צונג און מע האָט גערעדט פון ניט געשטויגן ניט געפלויגן. דער ווייַן האָט פון מינוט צו מינוט אלץ שטאַרקער צעוויגט און צעהוידעט בא יעדן דעם קאָפּ און ס'האָט זיך זיי גענומען דוכטן, אז די גאַנצע וועלט איז אוועק אין קאַראַהאָד, אז די גאַנצע וועלט איז היינט א בעסערע, א שענערע, א פריילעכערע. און פון שטאַרק געהויבענער שטימונג האָט מען געשאָטן מיט בראָכעס און מיט ווינטשעוואַניעס, מע האָט זיך געהאַלדזט און געקושט; אייניקע זיינען זיך פון סימכע פארגאַנגען אין א ווילדן יעלאָלעדיקן געוויין.

דאָבטשע האָט ארויפגעוואַלגערט אירע גראָבע קלעצלדיקע הענט אף יאַנקלס פלייצעס און זיך גענומען פאר אים פעסטען.

— יאַנקל, מער זאָלסטו ניט טרינקען, מער לאָז איך דיך ניט, דו הערסט, צי ניין? דו האָסט נעכטן אין אָוונט זיך אויך, מינאסטאם, אָנגעשיקערט! וואו ביסטו דאָס געווען א גאנצן אָוונט, האַ?

— א דאַיגע דיר, וואו איך בין געווען, — האָט ער א שליידער געגעבן אירע הענט פון זיך און אף דער גיך האט ער דערגאָסן זיין קויסע, דעם זיידנס און ייסראָעל־הערשס, און ביז וואָס עפּעס, האָט ער פאַרפירט א געשפּרעך מיט ייסראָעל־הערשן וועגן כאַנקען.

— איז וואָס זשע מאַכט עפּעס אייער כאַנקע? ווי אזוי אַרבעט זי? ווי האָט זי זיך צוגעוואוינט?

— מיין כאַנקע... מיין כאַנקע... האָט ייסראָעל־הערש שיקערלעך אונטער דער נאָז זיך צערעדט, — מיין כאַנקע איז א וואויל מיידל. ווען אַלע מיידלעך וואָלטן געווען אזוינע ווי זי, וואָלט מען דאָרט דעם סטעפּ פאַרברענט.

— האַ!.. האַ!.. — האָט זיך יאַנקל צעקייקלט מיט א הילכיקן געלעכטער, — א בראַוו מיידל כאַנקע, איך זאָל אזוי לעבן, א בראַוו מיידל.

דאָבטשע האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי אן אינדיטשקע און פארגליווערט געבליבן שטיין אף איר אָרט. זי איז געשטאַנען און האָט געהערט אלץ, וואָס יאַנקל האָט גערעדט. עס האָט זיך איר געוואָלט צוגיין צו יאַנקלען און אים זאָגן:

— הערסטו, מער אזוינע רייד זאָל איך פון דיר ניט הערן!

נאָר די פיס האָבן זיך איר פאַרפּענטעט, טרערן האָבן זי אָנגעהויבן שטיקן, און זי איז געבליבן שטיין פארגליווערט. יאַנקל האָט אָנגעגאָסן נאָך א קויסע און ווידער געטרונקען לעכאַים.

— פאַר די יידישע איבערוואַנדערער טרינק איך, איך טרינק פאר זיי און ווינטשעווע זיי, — ס'זאָל זיין גוט און גוט...

און אַזוי האַלטנדיק אַרומגענומען ייסראָעל־הערשן, האָט ער אַרויסגענומען דעם בריוו, וואָס ער האט אָנגעשריבן צו כאַנקען, אויסגעגלייכט אים אין די הענט, און האָט אים אונטערן טיש דערלאַנגט ייסראָעל־הערשן.

*

— דאָס איז כאַנקען, כאַנקען אַ בריוו.

— איר הערט, ייסראָעל-הערש? באַהאַלט אים אף אַ גוטן אָרט, ער זאָל ניט צעקנייטשט ווערן.

ייסראָעל-הערש האָט גענומען דעם בריוו, און לאַנג געזוכט פאַר אים אַ פּאַסיקן אָרט. זיין שיקערשע קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, און עס האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז ער וועט באַליידיקן דעם גוטן יאַנקלען, אויב ער וועט דעם בריוו אַריינשפּאַרן גלאַט אין אַ קעשעניע, ער האָט זיך באַטאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס, און קוים דערלאַנגט צו דער בוזעם-קעשעניע.

אָט דאָ וועט טאַקע זיין גוט,— האָט יאַנקל באַשטעטיקט, און מיט זיין גראָבער שטים האָט ער אונטערגעכאַפּט דעם ניגן, וואס האט פאַנאַנדערגעטראָגן די שטוב.

מען איז שוין געווען אַלע הייזעריק, יעדערער האָט זיך געהויבן מיט די הענט און מיט די פיס און געריסן זיך צום טאַנץ.

— לעכאַים! איך טרינק דערפאַר, אַז פּיישע מיט כאַנינען זאָלן ווערן מע־כוטאָנים, און יאַנקל מיט דאָבטשען כאָסן-קאַלע! האָט איינער אַ שיקער אונ-טערגעמורמלט.

— כאַ! כאַ!..—הוראַ! הוראַ!.. ער איז גערעכט—האָבן אַלע מאַסקים געווען און גענומען אַריינגיסן נאָך צו קויסעס.

די טישן מיט די בענק האָט מען אַרויסגעטראָגן און אין שטוב איז געוואָרן געררוים צום טאַנצן; דער אַלטער איז מיט אַ היסלאַיוועסדיקן פריילעך-ניגן אַוועק אין ערשטן טאַנץ. אַלע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט — לעבעדיקער, פריילעכער האָט דער אלטער געשריגן אין וויכעריש זיך געהויבן און מיט די פיס קוים די ערד אָנגערירט. דער טאַנץ האָט אַלעמען פאַרקי-שעפט און אומבאַמערקט האָט מען זיך אַלע פאַר די הענט געהאַלטן, געשריען, געפייפט און געהויבן די פיס.

די גאַנצע קאָלאָניע איז געווען פאַרהילכט מיט געזאַנג, מיט פידל-שפּילעריי און פויק-קלאַפּעריי.

— פאַרקלייבט זיך און קומט צו מיר,— האָט פּיישע ניט אויפגעהערט צו שרייען.

— ס'ווייזט אויס, שוין שפּעטלעך, קומט צו מיר, האָט אַ צווייטער גענומען איבערשרייען.

דער אוילעם איז אָנגעקוואלן געוואָרן מיט אַ פרישקייט.

די גאנצע קאָלאָניע איז באַגאָסן געוואָרן מיט א כוואַליע פון געזאַנג און פרייד.

V

מיט יאָרן צוריק, בעאייס דער צאַריש-פריצישער מאַכט, האָבן פאַרקנעכ־טעטע פויערים אף כערסאָנער סטעפּעס טיפע ברונעמער געגראָבן צוליב די

טויזנטער שאָף און די הונדערטער קאשארעס אָקסן פון פאַן טרובעצקאָי. אַצינד זיינען ארום יעדן ברונעם מאַכנעס איבערוואנדערער, מאַכנעס קליינ־שטעטלדיקע יידן, וואָס האבן ניט געוואוסט און ניט געהערט פון פאַן טרו־בעצקאָי מיט זיינע טיפע ברונעמער. שוין עטלעכע כאדאשים, ווי זיי זיינען אַפּן סטעפּ און שעפּן וואַסער פון די ברונעמער, נאָר זיי קענען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּכידעשן, יעדערער בויגט זיין קאָפּ אין ברונעם, גיט א הוקע, און הערט זיך איין, ווי דער אָפּהילך, וואָס רייסט זיך אין דער הויך, פּלאַצט און קייקלט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער, צום גרונט.

די לעצטע מעסלעסן איז פול און פול אַרום די ברונעמס, ניט איין פערדל האָט שוין געדרייט די ראָד, און ניט איין איבערוואנדערער האט זיך נאָכגע־דרייט, און אונטערגעשמיסן דעם פערדל, ער זאָל מאכן זשוואווערע טריט, ניט איין טויזנט באדיעס וואַסער האָבן זיך שוין אויסגעכליופּעט אין אייזערנעם באַק, איינע אראָפּ אַ צווייטע אַרויף. און איידער דער באַק דערלעבט ווערן פול, איז ער שוין אויסגעליידיקט. מיט אָנגעפילטע פּעסער פליט מען צו די טיפע אויסגעגראָבענע גריבער, וואו מע פאראשטשינעט ליים און מע קנעט אויס לאפּאטש אף הייזער בויען.

א פּילפּריידיקע שטימונג הויבט זיך בא יעדן.

דער ראַש און געפּילדער פאַרגרעסערט זיך, יעדער איז פאַרהאוועט און פאַרשמייט. דער פאָרט אַהער און דער פאָרט אַהין. מע שיט מיט כאָכמעס:

— היי „וואדקאט“! זשיווי, סע ברענט! — „וואָדאָוואָז“, „שמאראָוואָז“! — מאַך לעבעדיקער די האקאָפּע, מע דאַרף מעכאבעד זיין א צווייטן מיט האַ־קאָפעס.

— ער פאָפּט! ער פאָפּט! שרייט אויס א יונגער יאַט אַזעספּאָנעמדיק און פאַרשייט — מע דאַרף נעמען א בייטש און אים אונטערטרייבן באַגלייך מיטן פערד. זאַפטיקע געלעכטערס צעקייקלען זיך העכער און העכער און קייקלען זיך אַריין אין די ברונעמס, אין די ברינעמס, וואָס האבן זיך יארנלאַנג אָנגע־הערט און איינגעזאפּט מיט שאָפּישער מעקעריי און אקסישער מוהעריי, מיט גאליקע קלאָלעס און כראָמעס פון די פאַרקנעכטעטע פאַסטעכער — די פאַסטע־כער פון גראַף טרובעצקאָי.

איסאַק האט פאר די עטלעכע טעג געהאַט גענוג אויסצושטיין, די סאַמע שווערסטע פאַס האָט מען אים ארייגעטיילט, און קאָלערליי אַפּצולאכעסן האָבן אים כעוורע אָפּגעטאָן, — דער פלעגט אים אַרויסשטויסן פון ריי, אַ צווייטער פלעגט אַרויסכאַפּן דעם צאפּן און פלעגט לאָזן אויסרינען בא אים א האַלבע פאַס.

איסאַק האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן און טאָפּטשען מיט זיינע שוואַרץ פאַרסמאָלעוועטע פיס אין דער בלאָטע, וואָס לעם ברונעם. די צעפליקטע

מאַלבושים האָבן זיך געהויבן, געוואָרפן, געפלאַטערט ווי באַ אַ פויגל, וואָס אַנט-לויפט פון סוינע, מיט פאַרהויבענע פעדערן און פאַרהויבענעם פוך ביז נאַקעטן לייב. זיין סטודענטיש צעריבן היטל האָט געריטן איבערן קאָפּ און יעדע מינוט אים צוגעגעבן אַן אנדער אויסזען. ער איז געווען שטאַרק פארשמייעט, אַ שוים האָט געשלאָגן פון זיינע ליפּן.

— שלימאַזל, וואָס גיסטו דאָס וואַסער אין די קעשענעס, אין פאַס אַריין גיס!

— לוי יוצלאך! לוי יוצלאַך! דו וועסט דאָך באַלד צעווייקט ווערן און פאַר-שווימען אין שוואַרצן יאם אריין, — כאַפּט אונטער די גאַנצע כעוורע און קייכט פון געלעכטער. איסאַק בורטשעט אונטער און טוט זיך זיינס, שעפּט פון באַק, באַפּליוכעט זיך און גיסט אין פאַס אַריין.

כאַנקע פלעגט ניט קאנען צוזעען דאָס געשפּעט, וואָס איבער איסאַקן און פלעגט זיך אָף אַלעמען צעקוויטשען מיט א הילכיק געשריי:

— איר מעגט זיך שעמען אין אייער ווייטן האַלז, אָנשטאָט צו העלפן אַ כאַווער, שטערט איר גאָר, אָנשטאָט זיך איינשטעלן, כויזעקט איר אַליין פון אים.

— וואָס האָט איר צו אים, ער וועט זיך צוגעוואוינען, וועט ער ארבעטן באַגלייך מיט אייך, נישקאָשע, איר זייט נאָך אויך פון די קליינע בעריעס.

כעוורע פלעגט אויסטריפן פון זיך די לעצטע געלעכטערלעך, און טיף אין זיך האָט זיך יעדערער פאַרויטלט, און זיך באַלד גענומען צו דער ארבעט.

נאָך כאַנקעס איינשטעלן זיך, פלעגט איסאַק ערשט אָנהויבן דערפילן זיין באַליידיקונג. די פריידיקע געפילן פון האָבן א פריינט, וואָס שטעלט זיך איין און קומט צו הילף, זיינען באַזיגט געוואָרן פון ניכנעדיקע געפילן, וואָס וואַרפן אריין אין געפאלנקייט.

— כאַנקע שטעלט זיך פאר אים איין, ווי פאר א דאכלאָז קינד, וואָס איז געבוירן אָף העפקער, ער איז א גאָרנישט מיט א נישט.

דער ברייטבייכיקער יויסעף, וואָס פלעגט שעפּן וואַסער פון זעלבן ברונעם פאַרן קאָלעקטיוו „פּרילינג”, פלעג זיך פּאָשעט מעכאַיע זיין, ווען מע פלעגט זידלען איסאַקן.

— זנאַטשיט טאַקיע טאָ דעלישקי, פּאַני איסאַק — פלעגט יויסעף נעמען שטאַמ-לען אַף רוסיש. און באַלד טאַקע אריבער אף יידיש, — אזוי, פּאַני איסאַק אַזוי, — פון קיין כאַזוערשן ווידל קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן. זיי פאַרשטייען, וואס הייסט אַן אינטעלעגענטנער מענטש? אַלע יעוואָנים האָבן באַ זיי איין פּאָנים — כע! כע!.. קאָלעקטיוו לעבן מיט אַזוינע אָ, קאָמונעס מיט זיי מאַכן, כע! כע!.. מיט קיינעם וואָלט מען עס ניט געקאָנט מאכן, ביפראַט נאָך מיט אזוינע מענטשלעך. איר האָט באדארפט זעען, ווי נעכטן האָט מען זיך

בא אונז אין קאָלעקטיוו געהארגעט, געמיימעסט. יעדן דוכט זיך אויס, אַז ער איז דער אַרבעטער, אז ער טוט און דער צווייטער שפּילט זיך. — וואס איך האָב פון זיי, זאָל זיי דאָס נאר גיין אַנטקעגן. איך באדארף זיין שטאַרקער פון אייזן, אז איך טראָג דאס אריבער — אָט צו וואס כ'האָב זיך דערלעבט! — האָט ער גאָר אַן אַנדער מאיסע און פון גאָר א נייעם אָנהויבס גענומען דערציילן. דערציילן מיט באגייסטערונג וועגן די אַמאָליקע, שוין לאַנג פארשוואונדענע גליקלעכע סאָכרישע יאָרן.

יויסעפס מאיסעס גייען איסאַקן ווייניק אָן. ער קילט זיך נאָר דאָס הארץ מיט זיינע זידלווערטער, וואס ער שיט אויס אַף דער כעוורע לייצים. איסאַק שטייט זיך רואיק און דרייט פון זיך זיינע צעריסענע הויזן מיטן העמדל, ווי אַ נאַסע שמאַטע, שמייכלט אונטער און שאָקלט צו מיטן קאָפּ — אַזוי, אַזוי, איר זייט טאַקע גערעכט.

VI

אין טיפער בלאסקייט האָט די לעוואָנע געהאלטן אין איין אויסרינען, די שטערנדלעך האבן זיך געטוקט ווי ליכטלעך, וואס צאַנקן מיט זייערע לעצטע פלעמעלעך. אינטערן קריי פון הענער איז אָפּגעשוואומען די נאַכט, מיט איר פריענדיקער לופט און עס איז אָנגעשוואומען אַ פריש־לופטיקער דער בויער קאַיאָר.

אַרום אַלע באַראַקן האָבן געפלאַקערט פייערלעך און געשפּריצט פון זיך מיט גאָלדענער שיין. מע איז שוין געווען אַלע וואַך, און אַלע זיינען שוין געווען פאַרנומען און פאַרטאָן אין אַן אַרבעט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן ריי־טערס און געפירט מיט זיך פערד פון דער פאַשע. אַ טייל האָבן געשפּאַנט די וועגענער, אַ טייל האָבן מיט אַלע קויכעס אָפּגעשרויפט די דראבינעס, ביכדיי באַקוועמער בעסער אויסצולייגן און איינקרעמפּעווען די לאַנגע ברעטער. ייס־ראָעל־הערש איז ארומגעלאָפן און איינגעטאַינעט מיט יעדערן, אַז נאָר אזאמין און אזאמין געהילץ זאָל מען נעמען, ווייל אַזא געהילץ האָט ער אויסגעע־קליבן פאַר זיין קאָלעקטיוו און פאר נאָך פינף קאָלעקטיוון. ער האָט צע־טיילט יעדערן די אָרדערס, וואס דער אַגראָנאָם האט אים ארויסגעגעבן. און ווידער אַמאָל אָנגעזאָגט, געענטפערט און גענומען זיי אויסריכטן אין וועג אריין. אליין האָט ער זיך ארויפגעכאַפּט אַף אַ פערד און איז רייטנדיק אוועק־געפאָרן אַנטקעגן די פורן געהילץ, וואס די געדונגענע קאָלאָניסטן האָבן צום טאָג באדארפט ברענגען.

כאַנקע האָט דעם פרימאָרגן גיכער ווי אלע פרימאָרגנס געטאָן איר אַרבעט. איר בויגעוודיקער רירעוודיקער קערפער איז, ווי קוועקזילבער, אונטערגע־

שפּרונגען. די בעקלעך אירע האָבן זיך פאַרויטלט, ווי זי וואָלט ערשט אַ געבעק ברויט אַריינגעזעצט אין אַ פלאַמיקן אויוון. זי האָט זיך געוויצלט און געכאָכמעט, און קיינעם ניט געלאָזט צורו. אַלע האָבן געמוזט מיט איר לאַכן

— עסט, עסט, מיינע קינדערלעך, וואַקסט, זייט מיר געזונט און האָט האַנאָע פון דער וועלט.

האָט זי דערלאַנגט גאָר אַ געשמאַקן אָנבייסן און גענומען יעדערן אַריינקוקן אין שיסל אַריין.

— אַז אָך און וויי דער מאַמען, וואָס פון דעם קינד איז געוואָרן, — האָט זי גענומען טרייסלען און רייסן פאַר די פולע באַקן בערקען, דעם סאַמע געזונטסטן פון קאָלעקטיוו. די כעוורע הויבן זיך אָן וואַרגן מיט געלעכטער.

— אָט אַ גוואַר! ער פרעסט אויף די שול מיטן בעסמעדרעש, און ס'איז אים אַלץ קאַרג, — כאַפּט זי אָן אַ צווייטן ווענען די מאַלאַריע האָט אויסגעבלייכט, וואַרפט אים אין היץ און אין קעלט און אים צעבויטעט אַלע איווורים, אַז ער קאָן גאָרניט נעמען אין מויל אַריין.

די שטיקנדע געלעכטערס נעמען פּלאַצן און פאַרשטאַרקן זיך. כאַנקע הערט גאָרניט אויף זיך וויצלען. זי וויצלט זיך איבער דעם און איבער יענעם קאָלעקטיוו, און איבערהויפּט וועגן „רויטן פויער". איין איסאַקן לאָזט זי דורך. זי דערלויבט זיך ניט אַ וויצל טאָן זיך מיט אים. כאָטש זי ווייסט און פילט, אַז ער איז גרייט הערן פון איר אַלץ. זי דערפילט זיך געפּענטעט, ווען זי שטייט נאָענט צו אים. וואָס ער זאָל מיט איר ניט רעדן, און וואָס ער זאָל איר ניט דערציילן, איז דאָס פאַר איר פרעמד, קילט איר דאָס האַרץ. ער איז שטאַרק צעבראָכן, פאַרמאָרעשכוירעט, זי פילט אים מיט. אָבער זי קאָן אים ניט העלפן. וואָס איז זי שולדיק, אַז אין איר קאָכט און ברויזט דאָס האַרץ. אַז זי מוז לאַכן, קוועלן, טאַנצן, שפּרינגען און ליב האָבן געזונטע, שטאַרקע, אַזוי ווי זי. זי קאָן אים גאָרניט העלפן — ניין, ניט מיט אים וויצלט מען זיך. מע טאָר ניט. זי וועט זיך עס ניט דערלויבן.

איר פאָרזיכטיקייט צו איסאַקן קניפּט אים אָפּ פון דער גאַנצער כעוורע. יעדער איינער נעמט אַף אים קוקן באַרויגעזלעך און פאַריבלדיק.

יעדער איינער פאַרשטיקט אין זיך אַ כויזעק־געלעכטערל און וואַרפט אַ ווינק אַף איסאַקן, וואָס בלאָזט זיך און קנייטשט זיך מיט זיין מאַרעשכוירע און אומעט.

די כעוורע, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן נאָכן געהילך האָבן געפעלט באַם טיש און עס האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז אַ מין יאָנטעוו־טאָג, ווען יעדער איינער איז ווי אַ פרייער פויגל און טוט וואָס ער וויל. כעוורע האָבן זיך געוויצלט, זיך פאַרעדט, און שפּעטלעך אַרויס צו דער אַרבעט.

כאַנקע איז געבליבן שטיין איינע אַליין אין באַראַק. איר פּאָנעם האָט זיך פאַרקנייטשט. איסאַקס אומעטיקע אויגן האָבן זי ווי מיט אַ שפּיז דורכגעשטאָכן

דורך און דורך. און פלוצים האָט זי זיך געגעבן א ריס און אַ לאָף געטאָן. זי האָט זיך באפרייט און אף דער גיך געגומען ציקלייבן און גרייטן עסן פאַרן טאַטן, פאַר יאַנקלען און פאַר די איבעריקע קאָלאָניסטן, וואס באַדאַרפן באַלד אָנקומען מיטן געהילץ.

— באַלד וועט יאַנקל קומען,— האָט זי אַ זאָג געטאָן. זי איז געזעסן ארום פייערל און געדאַנקען האָבן זיך בא איר אין מויעך געררודערט ווי קליינע פיצלדיקע פישעלעך בא זאַמדיקע ברעגן. די כעוורע וועלן שוין האָבן פון וואס צו רעדן און איבער וואָס זיך וויצלען,— האָט זי זיך פאַרויטלט און אויסגעשאָסן מיט אַ ווילדן געלעכטער.

— אַ יאַם מיט פרייד ברויזט אין אָט דעם געזונטן באָכער.— ער איז גוט און וואויל — אזוי האָט איר דער טאַטע דערציילט, און אָט אַזוי האָט ער אים פארליבט.

טראכטנדיק אזוי וועגן אים, האָט זי ארויסגענומען דעם בריוו זיינעם און עטלעכע מאָל איבערגעלייענט. זי האָט זיך געררויטלט און געלאַכט, געלאכט און געררויטלט זיך און מיט אַ הילכיקן קוויטש האט זי זיך צעשריגן און געהאַלטן אין איין רופן מישקען.

— מישקאָ! מישקע קום אַהער אַף אַ מינוט! גיכער, גיכער קום אַהער!

מישקע איז געזעסן פון דער צווייטער זייט באַראַק און שטאַרק זיך פארפּאָרעט באַם קוריאַטניק. ער האָט אַלטע קעסטעלעך פאַנאַנדערגענומען, ארויסגעריסן מיט אַן אָפּצווענגע ביז איין צוועכל און זיי געגלייכט, אַראָפּגעקלאַפּט די אייזערנע רייפן פון צעשאָטענע פעסלעך, און פון די קלעפּקעס אַ דעכל געדעקט און ווענט צונויפגעשטעלט. ער איז געווען שטאַרק פארפּאַליעט, די אויגן האָבן בא אים געפינקלט און מיט דער גאַיווע פון אַ באַלמעלאָכע אַ בעריע, וואָס נאָר ער קאָן טאָן דאס שטיקל אַרבעט און ניט קיין צווייטער, האָט ער געהאַלטן אין איין מעסטן די לענג און די ברייט פונם קוריאַטניק.

כאַנקע איז צוגעלאָפן צו אים און אים אָנגעהויבן שלעפּן פאַרן אַרבל, ער זאָל צוגיין צו איר אַף עטלעכע מינוט. מישקעס באַגייסטערונג האָט געהאַלטן אין עכטן פלאַקער. ער האָט זיך בעשום אויפן ניט געקענט אָפּרייסן זיך פון דער ארבעט, ווי אַ קינסטלער אין די מינוטן פון שאַפן.

— אַף וואס באַדאַרפסטו מיך, זאָג שוין זאָג!— האָט ער בייז געמורמלט אונטערן נאָז.

כאַנקע האָט געמאכט אַ קלוימערשט באַרויגעז פאָנעם און אים אָפּגעמורמלט אַ ענטפער.

— אַ טייער יינגעלע ביסטו געוואָרן, ניטאָ וואָס צו רעדן,— נו געדענק! געדענק, ווערסט שוין כאַראָטע האָבן.

— וואס ווילסטו פון מיר, דו זעסט דאָך אַליין, אז איך אַרבעט. — האָט ער זיך גענומען פארענטפערן, און זיין פּאָנעם האָט זיך געבעטן ראכמים: שטער מיר ניט און לאָז מיך רואיק אַרבעטן.

— דו ווייסט, מישקע, — האָט זי זיך געמאַכט ווי זי דערציילט אַן אַגעוו־אורכעדיקע זאַך, וואָס אינטערעסירט איר זייער ווייניק און וואָס ניט צוליב דעם איז זי געקומען אַהער צו אים. — דו ווייסט, באלד וועט קומען צו אונז פון די אַלטע קאָלאָניעס יאנקל, יאַנקל דעמב.

מישקע האָט אַ הויב אויף געטאָן די קאָפּ, פארגלאָצט די אויגלעך, און ניט ארויסלאָזנדיק דעם האַמער פון האַנט, זיך פאַרטראַכט. אָף גיך אַ בלעטער געטאָן באַ זיך אין זיקאָרן, און זיך באלד דערמאַנט — אַהאַ! אָט יענער הויכער, וואָס האָט אונטערגעטורקעט און זיך געדאַמט מיט די קאָלאָניסטן?

— כאַ! כא!.. דאָס איז אָט דער אָ? טאַקע אָט דער אָ, מיט וועמען מיר זיינען געפאָרן?

— יאָ, יאָ. אָט דער אָ — האָט כאַנקע מיט אַ גרינג געלעכטערל געענט־פערט, און מיט אַ שמייכעלע אף די ליפּן האט זי ניט אויפגעהערט צו פלאפלען אַלץ וואָס עס איז איר נאָר אין מויל אַריין.

— מישקא, זאָג דעם עמעס, בא אונז אין קאָלאָניע איז פאַראַן אזאַ געזונ־טער? — פאַראַן אזא גוואַר?

— איסאַק! איסאַק איז געזונטער פון אים, ער קאָן מיט איין האַנט צען אַזוינע ווי ער אַוועקלייגן — כאַ! כאַ!.. — האָט מישקע אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער — אַ פיינער בעריע אָט דער איסאַק. א שטיק בלייענער פויגל — אָט איך, אז איך וועל זיך ארייננקויקלען אין יאַנקלס יאָרן, וועל איך זיין הונדערט מאָל געזונטער פון אים, נישט אזוי, האַ, כאַנקע?

מישקע האט זיך א כאַפּ געגעבן, זיך גענומען קווענקלען — זיך פארערדט, מער קיין צייט ניטאָ. און כאַפּנדיק גענומען מעסטן, אָפּרייסן איבערשטעקן און צוקלאַפּן מיטן האַמער.

— טיו! טיו! טיו!.. קוק אים אָן ווי ער אַרבעט! א מאַיסטער אַ גאַנ־צער — האט כאַנקע נאך עטלעכע מינוט ליינגווייליקן זיך מיט ביטל אויסגע־שריגן און זיך געלאזט לויפן צום פייערל.

די זון האָט זיך אויפגעקנוילט מיט איר גאַנצער גרויס און מיט איר קאיא־רישן רויט - פלאַמיקן אויסזען זיך געקויקלט און אַראָפּגעקויקלט צום סטעפּישן מאירעוו. אַ טונקעלע בלויקייט האָט ארומגעשוועבט אין דער לופטן און גע־פליסט פון זיך פלעקן.

פארנאַכט.

אַרום די באַראַקן האָט זיך געטראָגן א זאפטיקער סמאָליע-רייעך, וואָס האָט יעדן אריינגעטריפט אין די לונגען. עס האָט זיך טיף געאָטעמט. קוקנדיק אַף די סמאלאָווע און דעמבענע קלעצער, אַף די אויסגעוואַרצלטע בוימער, וואָס זיי-נען פארוואָרפן אַף פרעמדקאנטיקע און אָנוואלדיקע מעקומעס. ווער ניט ווער דערמאָנט זיך אין די געדיכטע שיינע וועלדער, אין די גרויסע גרינע סעדער, און די פליסיקע טייכן פון זיינע קאַנטן. עס ווערט אומעטיק און איינזאַם אַף דעם הוילן פוסטן סטעפּ. עס פארבענקט זיך ערגעץ וויט. אָבער לאַנג טראַכטן און בענקען איז קיין צייט ניטאָ — מע בויט: דער טעכניק, א שוואַרצער פּוילנקער יונגערמאַנטשיק, איינגעהילט אין א ווייסן מאַנטל, מיט פּאַפּירן און פארשיידענע מאָסן אין די הענט, לויפט אַרום פון קאָלעקטיוו צו קאָלעקטיוו שרייט און פילדערט און ווייזט אָן וואוהין די געהילצן טראָגן.

— די סאָסנע-קלעצער טראָגט אַהין, צו די ניט טיפע אויסגעגראָבענע גריבער, וואו ס'איז אָנגעמערקט בויען קארקאסאווע הייזער. די ברעטער מיט די דעמבענע קלעצלעך, טראָגט צו די טיפערע גריבער, וואו עס איז אָנגעמערקט בויען גלינאָביטקעס און לאמפאטשאַווע הייזער.

דער פארנאכטיש איינגעדרימלטער סטעפּ ווערט פארהילכט מיט פּיל-דערייען, געשרייען און מיט האָפּקנדיקע טריט. יעדער איינער שטרענגט אָן זיין לעצט ביסל קויכעס און טוט אַף דער גיך אָפּ די אַרבעט ווי בא אַ מין עוואַקואַציע, בעשאַס דער סוינע איז אַרום די טויערן. דרייען, בויגן זיך אונטער א גרויסער קלאָץ, סאָפּען שווער און געבן זיך אונטער איינער דעם צווייטן כיישעק.

און נאָך זיי האָפּקען זיך א מענטשן פּיר.

— אַהער, אָן אַזייט — ווי אַזוי טראָגסטו? — לינקס! — ניט לינקס, נאָר עט-וואָס רעכטס — זשיווייע! — לעבעדיקער! . .

— אָט אזוי — אָט אזוי — הוטי! . . — הוטי! . . — גיסן זיך צונויף קוילעס. אנטקעגן גייט אַ כעוורע מיט צעוואָרפענע הענט, פארשטויבטע און פארפלעק-טע מיט שטיקלעך רויטער קאָרע, וואָס קלעפּן זיך איין אין די האָר און אַפן האַלז. יעדער איינער איז גאדלעסדיק געשטימט מיט די שטיקער קויכעס, וואָס ער איז נאָך גרייט אוועקגעבן. א מינוט אין אַ מינוט און די געלויפערייען מיט די געשרייען פאַרשטאַרקן זיך. די וואָס האָבן ערשט געסאָפּעט, אָטעמען אָפּ, און די וואָס האָבן ערשט געוואָרפן מיט די הענט און פריי געאָטעמט, סאָפּען שוין ווידער אונטער שווערער מאַסע.

בא דעם קאָלעקטיוו „רויטער פויער” איז די אַרבעט פארוואַנדלט געוואָרן ווי אין אַ מין אַלטער פריילעכער רעליגיעזער צערעמאָניע. די כעוורע האָבן זיך אַלע געפילט ניכנעדיק פון יאנקלס גוואורע, וואס ער האָט ארויסבאוויזן באַם טראָג די קלעצער. נאר איינצייטיק האָט מען זיך געזעטיקט מיט אַ

מעשונענדיקער ווילדער פרייד. יאנקל האָט געשלעפּט אַף זיינע פּלייצעס שווערע מאַסע און געהאַלטן אין איין שרייען מיט זיין גראַבער שטים:

— לייגט כעוורע! לייגט כעוורע! אַבי קלעצער, פּלייצעס זיינען דאָ. נאָך אַ דעמבל, נאָך אַ ברעט, וואָס זשאַלעוועט איר?..

און אַז יאַנקל איז זיך געגאַנגען מיט זיין שווערער מאַסע, האָבן שוין כעוורע אַליין גאַרניט גענומען אין די הענט און אַף ציקאַוועס איז מען מיט בראַוואָ־ און אורא־ אויסגעשרייען נאָכגעגאַנגען און נאָכגעשפּרונגען יאַנקלען. יאַנקל האָט זיך פריידיק געשפּאַנט און יעדער מינוט אַ כאַפּ געטאָן אַ קוק, צי באַוואונדערט עס כאַנקען און צי כאַנקע ווערט ניספּאָעל.

די כעוורע האָבן זיך גלייך פון אָנהויבס מיט יאַנקלען שטאַרק צונויפגעלעבט און פון די ערשטע מינוטן באַקומען אַ מין דערעך־ערעץ פאַר זיין גוואורע און פאַר זיין באַהאָוונטקייט אין דער ערד־אַרבעט. מיט אומרואיק פינקלענדיקע אויגן און מיט קלאַפּנדיקע הערצער, ווי טאַלמידים בא עקזאַמענעס, האָבן זיי געשלעפּט מאַסע איבער די קויכעס, מען איז געפאַלן, אויפגעשטאַנען און ווידער זיך געבויגן מיט די שווערע קלעצער.

עס האָט זיך געכאַלעשט ווייזן אַ בעריעשאַפט, און נאָך מער האָט זיך געכאַלעשט אַ גוט וואָרט. — יאַנקלס אַ סימכע. יאַנקל האָט זיך געהאַלטן באַ די זייטן פון געלעכטער און איראָניש גוטמוטיק געשריגן:

— מאַלאָדצי, רעביאַטאַ! אַזוי אַזוי! אַבי קלעצער, פּלייצעס וועלן זיין...

ייסראָעל־הערש איז זיך געזעסן און געקוקט אַף אַלעמען און אַף אַלץ. מיט אַ מאָדנער ראַכוועסדיקייט האָט ער זיך צעלייגט אַף אַ קלאָץ און דערציילט די עטלעכע עלטערע איבערוואַנדערער וועגן די קרעדיטן פון „דזשאָינט" און „קאָמערד", און וועגן דעם פרעמדן באָכער, וואָס איז היינט געקומען צו זיי פון דער קאָלאָניע.

איסאַק איז געזעסן באַגלייך מיט די עלטערע, וועלכע מע האָט פאַרבראַקעוועט און ניט צוגעלאָזט צו דער אימפּעטיקער אַרבעט. ער האָט זיך גענודעט הערנדיק ייסראָעל־הערשס מאַיסעס. ער האָט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון יאַנקלען און כאַנקען —

— זע, ווי זי לויפט. זע, ווי זי שפּרינגט: ס'אַראַ מין בליאַסק סע שפּריצט און בליצט פון אירע אויגן. ער איז איר אַפּאָנעם געפעלן, זיין גוואורע האָט זי פאַרכאַפּט, — האָט אַ געדאַנק ווי עמעצנס אַ קאָל געהילכט, גערעדט, זיך גערייצט, און פאַרוויגט אין מער טיפערן אומעט.

אַרום צען אַזייגער אינאָוונט זיינען שוין אַלע געווען אַף די געלעגערס. יעדער איינער האָט זיך דערפילט אויסגעליידיקט פון קויכעס און מען האָט זיך געצויגן, געטאַפּט זיך פאַר די פּלייצעס און געזוכט אָפּגעריסענע שטיקער הויט און רויטע צעדראַפּעטע פּאַסיקלעך, און בא פאַרדרייטער שיין פון צוועלפער

לעמפּל האָט מען זיך אַזוי געגומען זינקען און פאַרזינקען ווערן אין טיפן שלאָף, וואָס קומט נאָך שווער־טאָגיקער מי.

איסאַק האָט זיך געדרייט פון זייט אַף זייט, מיטן פּאָנעם אַרויף, מיטן פּאָ־נעם אַראָפּ, ווי איינער, וואָס צאַפּלט צווישן כוואַליעס און זוכט רעטונג. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער, אַרויסגעדרייט דעם לאָמפּ, און אַז די שיין האָט זיך אים אַריינגעשניטן אין די אויגן און באַלויכטן די קופּקעס גופים, וואָס כראָפּען און זעטיקן זיך מיט געשמאַקן שלאָף, איז אים געוואָרן נאָך אומעטיקער. ער האָט באַלד געגעבן אַ שפּרונג צוריק און גאָר פאַרלאָשן דעם לאָמפּ, און באַ דער שיין פון לעוואָנע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך דעם קליינעם באַראַק־פענסטערל, האט ער אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטערן קאָפּ און געטראַכט — יאָרן לאַנג האָט ער זיך געלערנט, נאָענטע און באַקאַנטע האָבן שטענדיק איינס און דאָסזעלבע געפרעגט: — וויאַזוי לערנט איר זיך? — ווען ענדיקט איר? — ער האָט זיי געענטפערט, זיך געגאַרט, און געבליבן אַן אָפּגענאַרטער.

קיין היים האָט ער ניט. ערגעץ וואַלגערט זיך אין דער וועלט אַן אַלטע קראַנקע מאַמע. נאָר ער האָט שוין לאַנג פון איר ניט געהערט. ער ווייס ניט וואו איר געביין איז אַהינגעקומען. און ער איז נאָך גאָר יונג. ער איז אַלט אינגאַנצן 28 יאָר. יאָרן ציען זיך און וועלן זיך נאָך ציען. איז ווי אַזוי זשע לעבט מען? און אַף וואָסערע וועגן שפּאַנט מען ווייטער? און אָט איז ער באַגלייך מיט אַלע אָנוועגיקע אַרויף אַפן ערדישן וועג. ער האָט אַכזאָריעסדיק אין זיך דערשטיקט און טיף אין זיך פאַרבאָרגן זיין געבילדעטקייט. אָבער דעם לאָשן, דעם פּראָסטן לאָשן, האָט ער ניט באַקומען. ער פילט זיך פרעמד, און פאַר אַזעלכן האַלטן אים אַלע — מען דערווייטערט זיך פון אים און טאָג־איין טאָג־אויס קניפּלט מען אים אויס פון קניפּ.

— פּיזישע קראַפט, גוואורע, נעמט דאָ די אויבערמאַכט. די יאָרן פון מאַ־טערניש, עלנט און נויט האָבן פון אים אויסגעצאַפּט און אויסגעזויגן די יונגע זאַפטיקע קרעפטן. און אַצינד כאַפּט ער קלעפּ פון פאָרנט און פון הינטן, פון יענע אָפּגעשטאַנען און מיט די קאָן ער ניט גיין. און קיין אויסוועג איז ניטאָ. קיין אומקער איז ניט מעגלעך, ער מוז דאָ בלייבן.

אָט געפעלט אים כאַנקע. מיט איר וואָלט אים גרינגער געווען בויען דאָס פּויעריש לעבן זיינס, כאָטש זי איז אַזוי פּראָסט און אַזוי פּרימיטיוו, ער וואָלט זי אָבער דערהויבן — טראַכט ער צו זיך, — עס וואָלט נאָך אים אַף דעם געגנוג קויעך געסטייעט. קוקט זי אַף אים ווי אַף אַ נעבעך און אַנטלויפט פון אים. יאַנקל, דער פּראָסטער דאָרפישער באָכער, מיט זיינע גוואורעס, האָט פאַרכאַפּט כאַנקען, האָט זי באַגייסטערט — וואָס, ער האָט ניט געזען? ער האָט ניט באַמערקט דעם פינקלדיקן בליאַסק אין אירע אויגן? ווי בייסנדיקע פליגן זיינען די געדאַנקען אים באַפאַלן, געזשומעט און געהודעט און אויפגערודערט אַלע

איוורים. ער כאַפּט זיך אַראָפּ פון בעט, בלייבט שטיין אין דער פינסטערניש, צינדט ווידער אָן דעם לאָמפּ, נישטערט ערגעץ אויס אַ ציגאַר-מאַכאָרקע, פּאַ-רויכערט און לויפט ארויס אף דער גאַס אָפּעטעמען מיט פרישער לופט. די אַלע בייזע בייסנדיקע געדאַנקען לאָזן אים ניט אָפּ, יאָגן זיך נאָך אים ווי די הינטלעך און בילן אין זיין מויעך. דאָס קילבלעכע סטעפּיש ווינטל בלאָזט אַף איסאַקן, קיילט אים, באַפרישט אים און מונטערט אים אָפּ.

פּלוצים האָט איסאַק דערהערט אַ געשפּרעך און אַ פריילעך לאַכן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן און זיך אַוועקגעזעצט.

— מאַלע וואָס עס קאָן זיך אויסדוכטן? — אָבער ניין, מע רעדט פּאָרט. יאָ, מע רעדט — האָט ער זיך מיט אַ ציטער אין האַרצן ווידער אַ הויב געגעבן. ער האָט אָנגעשטעלט די אויערן און מיט אַ מאָדנער נייגעריקייט זיך איינגעהערט — ווער זאָל עס זיין? ווער קאָן דאָס זיין? וועמען זאָל דאָס אַריין אין קאָפּ פאַרבאַרגענען אין מיטן האַלבער נאַכט? די נייגעריקייט האָט איסאַקן צוגעגעבן געוואַגטקייט, און טריט בײַ טריט זיך געלאָזט נאָכגיין נאָך דעם אָפּהילך פון די קולעס — אַ באַקאַנטע פרויען-שטים. יאָ, ס'איז כאַנקעס קוויטש, ס'איז כאַנקעס געלעכטערל. מיט וועמען זשע רעדט זי? מיט וועמען זשע פאַרבאַרגט זי אין מיטן האַלבער נאַכט? דער אָפּהילך האָט אים דערפירט ביז דער קופּע שטרוי, וואָס געהערט דעם קאָלעקטיוו „פרילינג”. איסאַק האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַף די קני, און פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם, זיך פאַרגאַנווועט, און זיך איבערצייגט: ער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. כאַנקע האָט זיך געטוליעט צו יאַנקלען, און יאַנקל האָט זי געוויגט און געהוידעט ווי מען וויגט אַ פּיצל קינד. יאַנקל האָט מיט אַזאַ גרינגקייט געהאַלטן כאַנקעס קאָפּ אין זיינע הענט, געטוליעט זי פעסטער צו זיך און שטאַמלט האַלבע ווערטער: — ס'וועט זיין גוט. בעהיימעלעך, פערדעלעך, אויפעלעך, איך אַ באַלעבאָס, דו אַ באַלעבאָסטע...

און דאָס איבעריקע דערזאָגט ער מיט בייענדיקע קושן. כאַנקע צאַפּלט מיט די הענט און בייסט זיך איין מיט אירע ציין אין יאַנקלען און פאַרשטיקט מורמלט ארויס: יאָ, יאַנקעלע, יאָ, אַזוי וועט עס זיין.

איסאַק האָט דערפילט טיפער זיין ווייטעק. דער ווייטעק האָט זיך גענומען רייסן ווי אַ כאַיע פון שטייג. איסאַק האָט צונויפגעשטשירעט די ציין. און דער ווייטעק איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע איוורים. ער האָט זיך אַף גיך אַ כאַפּ געגעבן און אומבאַמערקט זיך געיאָגט צום באַראַק.

VII

ווען יאַנקלס שידעך מיט דאָבטשען האָבן זיך אין קאָלאָניע אַרומגעטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען.

— ער וועט זי יאָ נעמען, ער וועט זי ניט נעמען — האָט מען זיך געאַמפּערט, און יעדערן האָט זיך געוואָלט דערוויזן זיינס.

— די צוויי בעהיימעס מיט דער יאָריקער טעליטשקע, דער פערד מיטן שפּאַן, און דער האַלבער דעסיאַטין וויינגאָרטן וועלן אים אַ נעם טאָן, אַ צי טאָן, ווי אַ מאַגנעטל. עפּעס אַ קלייניקייט, באַקומען אַ גרייטע ווירטשאַפט און ווערן אַ באַלעבאָס. אַ באַלעבאָס מיט אַלע זיבן טאַקן — האָט שטענדיק דאָסזעלביקע און אייגענע געטאַינעט דאָבטשעס פעטער לייבטשע, דער געוועזענער סטאַראָסטע, וואָס אַדאַיעם האָט ער זיך ניט אָפּגעוואוינט פון טראָגן אַ בלעכל אַף דער לאַץ. אַ וואָסער בלעכל ס׳זאָל ניט זיין, נאָר טראָגן האָט ער עס געמוזט.

— וואָס מיינט איר, ס׳איז היינט אַ סטאַרע־רעזשימנע צייט און יאַנקל איז אַן אַמאָליקער סטאַראָרעזשימנער באָכער? אַ נעכטיקער טאָג! — פלעגן זיך גלאַט אייניקע פויערים האַלטן פאַר כאָסנס צאַד און רעדן שטענדיק לייבטשען אין דער גאַל אַריין.

— נאַדן איז זייער אַ גוטע זאַך, אָבער צו דעם באַדאַרף מען אַ שיין מיידל אויך, — אַ מאַמזער אָט דער כיטרינקער פיישע דער פּעמפּאַקדיקער באַלעגופל. ער ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן. ער ווייסט, אַז אַזאַ מין ערד־אַרבעטער ווי יאַנקל איז ניט צו קריגן, — איז אין דער ערד מיט די ביינער נאָך אַ פערד, נאָך אַ בעהיימע. וואָס, יאַנקל איז ניט ווערט? — לאַכן כעווריע און גוטמוטיק פּאַטשט מען זיך אין די כאָלעוועס און מע פּאָרט אַריין מיט אַ גוט־ברודערשן קלאַפּ אין עמיצנס אַ פּלייצע. מע קלייבט נאַכעס פון אייגענער שאַפונג און מע צעטראָגט די כאָכמעס איבער דער גאַנצער קאָלאָניע.

דאָבטשע האָט די גאַס ניט געקאָנט דורכגיין, מע זאָל אַף איר ניט טייטלען מיט די פינגער און ניט אויסכיכיקען מיט אַ שטעכווערטל, מיט אַ כאָכמעלע.

זי איז געזעסן אין שטוב, געדאַרט און געקוואַרט, און איר פּאָנעם האָט זיך אויסגעבלאַסט ווי נאָך אַ לאַנגער שווערער קרענק — יאַנקל האָט זי פיינט, ער קאָן זי ניט אַריבערטראָגן. זי ווייס עס, זי פילט עס. זיין האַלטן זיך מיט איר שוואוועס באַ דער סודע איז געווען דער ערשטער פּאַטש אין פּאָנעם, דער ערשטער אָנזאָג, אַז ער קאָן זי ניט אָנקוקן. די לעצטע כאַדאָשים באַליידיקט ער זי און דערנידעריקט זי אַזוי, אַז מע קען עס שוין מער ניט אַריבערטראָגן. ער גייט ניט צו זיי, און ווען זי קומט צו אים, דרייט ער זיך אויס און ווערט ניט. און שוין ניט איינמאָל, גייענדיק מיט אַ גאַנצער קאַמפּאַניע, פאַרצאַפּט ער איר בלוט.

אין אָט די שווערע מינוטן פלעגט זי אַריינפאַלן מיט קאָפּ אין קישן און זיך באַגיסן מיט טרערן, אָדער גאר אוועק אומבאמערקט אפן באשטאן, זיך

נעמען ארבעטן און זיך פֿארגעסן. אבער דער מיטל איז צו שוואך געווען אף בארואיקן זי. פֿארגעסן האט זי ניט געקאנט. דער גראב־אייזן פֿלעגט בא איר ארויספֿאלן פֿון די הענט, און אָנמעכטיק פֿלעגט זי זיך אַ וואַלגער טאן אף דער ערד ביז מע פֿלעגט זי נעמען זוכן און אריינרופֿן אין שטוב:

— קוק זי אָן קוק זי אָן, ווי זי איז פֿאַרדאַיגעט. נאַרישע ציג, שפּיי זיך אויס אַף אים און אף אַלעמען. דו וועסט קריגן א שענערן כאָסן ווי אָט דער— פֿלעגט די מאַמע אירע, פֿיישעכע די גראָבגיידערדיקע, ווי מ׳האָט זי גערופֿן אין קאָלאָניע, עפּענען איר מאַינע־לאָשן און זי נעמען מוסערן און טרייסטן.

פֿיישע האָט זיך זיינס געטאַינעט — באדאי דער שידעך זאָל מיך קאָסטן כ׳ווייס ניט וואָס, נאָר דער שידעך וועט זיין א שידעך.

און נאָך שניט־צייט האָט ער געפּוילט באַ כאַנינען אָפּשטעלן אַן אָוונט אף זיך דורכשמועסן מיט יאַנקלען, — וויסן ווי האלט מען מיט אים אין דער וועלט.

דער אָוונט איז געווען איינער פֿון יענע הארבסטיק־זויבערע אָוונטן, מיט אַ קילבלעך שטיל ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן און געפּאָכעט ווי א ווייער. די קאָ־לאָניע איז פֿול געווען מיט הילכיקער ריידעריי. יעדערער האָט זיך רואיק פֿאַרבראַכט נאָך דער שווערער זומער־אַרבעט.

אין ש וב איז געווען פֿארפּוצט. דער טיש געדעקט מיט א וויסן־טישטעך, דער זודיקער סאמאָוואַר האָט אויפֿגעהויבן די שטימונג און צוגעגעבן כיישעק אַף צו פֿאַרברענגען.

יאַנקלס זיידע, כאנינע און פֿיישע, האָבן ארומגערעדט די האַיאָריקע גערע־טעניש, זיך מעשאער געווען וויפֿל האָט יעדערער פֿון קאָלאָניע אַראָפּגענומען ברויט, וויפֿל וועט ער קאָנען פֿארקויפֿן, און וויפֿל וועט ער לאָזן פֿאר זיך. יאַנקלס מאמע איז געווען שטאַרק צעטראָגן: אַלע ווילע געבעטן דעם גאַסט טרינקען טיי און פֿארזוכן אירע קיכלעך. יאַנקל האָט ניט געקאָנט איינזיצן אף איין אָרט. ער איז ארומגעלאָפֿן הין און הער און זיך געפֿילט ווי אַ כיידער־ייִנגל, וואָס האָט אף זיך א זינד, און אָט־אָט וועט מען זי דערציילן און ער וועט באַקומען זיין פּסאַק. היינט איז געקומען די צייט זאָגן — ניין! ניין, כ׳וויל ניט דאָבטשען! באדאי דער „ניין" זאָל אים קאָסטן טייער, זאָל מען אים טרייבן פֿון שטוב — ער איז גרייט אַוועקגיין, ער איז גרייט אנטלויפֿן, ער איז אַף אַלץ גרייט. זיין אומגעדולד האָט זיך פֿאַרשטאַרקט ווי באַ א ליבהאָבער אַן ארטיסט, וואָס איז שוין פֿארגרימירט און כאַלעשט וואָס גיכער ארויס אַף דער בינע. — זאָל מען שוין באַ אים פֿרעגן וועט ער אויסשרייען זיין — ניין!

און פּלוצים האָט זיך ווי פֿון אים די גאַנצע געוואגטקייט אָפּגעטאָן. עס האָט זיך צערעדט אין אים דער פֿויער — א פֿערד מיט אַ שפּאַן, צוויי בעהיימעס מיט א טעליטשקע, אַ האלבער דעסיאטין וויינגאָרטן און ווער ווייסט וויפֿל

זאַכן ער וועט נאָך באַקומען? אַ פאַרטיקער באַלעבאָס! עפּעס אַ קלייניקייט — אַ ווירטשאַפט. וויפל דאַרף דאָס האָרעווען אַ פויער ביז ער שלאָגט זיך ארויף אָף אזא מאדרייגע. און ער פּראַוועט קונצן, ער וויל נאָך ניט... וואָס איז ער — אַ גרויס־שטאָטיקער באָכער, וואָס פּראַוועט ליבע־שטיק?

אַ פויער באַדאַרף זיך אָפּגעבן מיט לייב און לעבן דער ווירטשאַפט, אַז ניט איז ער קיין פויער ניט. אַ פויער דאַרף ניט קוקן אָף אַ שיין פּעניםל, ער דאַרף נעמען אַ געזונטע פרוי, זי זאָל קאָנען באַגלייך מיט אים ארבעטן. דאַבטשע איז אַ געזונטע, דאַבטשע איז אַ גוטע ארבעטערן. אַי, ער האָט זי ניט ליב, — איז גאָרניט. ער וועט זיך צו איר צוגעוואוינען, ווייל ניט נאָר ער אַליין האט אזוי כאַסענע — אַלע פויערים נעמען זיך ווילד־פרעמדע און דערנאָכדעם געוואוינט מען זיך צו. ער האָט זיך שוין געהאַט אזוי איבערגעלייגט, אַז ווען מען גיט אים פּלוצים אַ פרעג: — יאַנקל, דו ביסט מאַסקים כאַסענע האָבן מיט דאַבטשען? וואָלט ער געענטפערט — יאָ, איך בין מאַסקים...

און באַלד איז אים כאַנקע אָפן זינען ארויף. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אָט שטייט זי ארום אים, גלעט אים, האַלזט אים און האַלט זיך אין איין בעטן: „— יאַנקל, יאַנקל, גיי אין ערגעץ ניט אַוועק, בלייב אָט דאָ מיט מיר"... יאַנקל האָט גענומען ציטערן, אַ מין טיפער ווייטעק האָט אין אים גענומען קלעמען, גלייך ווי ער איז באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעך קעגן כאַנקען און ווידער האָט זיך אין אים דערוועקט די געוואַגטקייט, אַ געוואַגטקייט אויסצושרייען פאַר אַלעמען: „— ניין, כ'האָב זי ניט ליב, אָט די דאַבטשען, כ'וועל זי ניט נעמען".

— נו, יאַנקל, זעץ זיך אַוועק — האָט כאַנינע איבערגעריסן יאַנקלס געוואַנקען, און באַגלייך מיט יאַנקלען האָבן זיך אַלע באַרואיקט, עס איז געוואָרן שטיל.

דאָס וויגטל האָט זיך אַריינגעריסן דורכן פענסטער און ווי פאַרהאַנגלעך פאַנאַנדערגעלאָזן די ווייס־שוואַרץ־געלינקע בערדלעך. מיט דער גרעסטער נייגעריקייט האָבן אַלע גענומען אויסהערן, — וואָס וועט דאָ כאַנינע זאָגן, און וואָס וועט יאַנקל ענטפערן.

— איז אזוי, מיין זון, — האָט כאַנינע אָנגעהויבן מיט גוטע ריידעלעך — דו ביסט שוין אַדאַנק גאָט ניט קיין קליין ייִנגעלע. שוין צייט אַוועקגיין פון דעם טאַטן, און אַ טראַכט טאָן וועגן אַ טאַכלעס, ווערן אַליין אַ שטיקל באַלעבאָס; און דער טאַכלעס איז — כאַסענע האָבן, ווייל אַ פויער אָן אַ באַלעבאָסטע טויג אין דער ערד... אָן אַ באַלעבאָסטע וועט ער קיינמאָל ניט אויפשטעלן קיין באַלעבאַטישקייט. און אָט, מיין זון, איז דיר אָנגעכאַסמעט געוואָרן זיך צונויפקומען מיט דיין זיווג — כאַסענע האָבן פאַר פיישעס טאָכטער. פיישע נעמט דיך צו זיך, און ווערסט מאָרגנדיקן טאָג אַ באַלעבאָס פון אַ ווירטשאַפט, אַ מאַן פון אַ ווייב, און אַ טאַטע פון קינדער און אויך אַ זיידע פון אייניקלעך, —

האָט זיך כאַנינע צעשמייכלט, נאַכעסדיק צערעפּעט די פּיס און זיך אויסצע־צויגן אַף דער שטיל, — געגעצנדיק מיט א ברייט־צעעפנט מויל האָט ער אונ־טערגעמרוקעט — נו היינט, יאַנקל, ווילן מיר וויסן וואָס ווערסטו אַף דערויף זאָגן.

יאַנקלס מוטער איז געשטאַנען מיט צונויפגעלייגטע הענט און פון אירע אויגן האָט געשפריצט פרייד און טיפע ליבע. זי האָט זיך גענומען דערמאָנען אָן יאַנקלען פון דעם ערשטן טאָג אָן ביז היינט, און איר האַרץ איז שיר ניט צעשפּרונגען געוואָרן פון נאַכעס: „מיר פּאַר זיין קאָפּ" — האָבן אירע ליפּן שטיל געשעפּטשעט, און אַף די באַקן האָבן זיך געקוויקלט טראָפּעלעך טרערן. דער זיידע האָט געצופּט דאָס בערדל, אונטערגעבאַמקעט אַ ניגנדל און געטראַכט וועגן די אוראייניקלעך, וואָס דער אויבערשטער וועט אים מעזאַקע זיין... באַ פּיישען האָט האַסטיקער גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. ווי באַ א באַשולדיקטן ווען מע דאַרף אויסהערן זיין אורטייל.

באַ יאַנקלען האָבן די בלוטן געקאָכט און געזרוישט, און געדאַנקען זיינען געפלויגן הין און הער. אַלע אייוורים האָבן ווי הארבסט-בלעטלעך גע־פלאַטערט.

ניט מאַסקים זיין? — הייסט, א־בערשניידן אַלע פעדימלעך, וואָס בינדן אים צונויף מיט דער היים... מאַסקים זיין, — קאָן ער ניט, כאַנקעס געשטאַלט לאָזט אים ניט רוען.

און נאָך לאַנגדויערנדיקע מינוטן ראַנגלעניש האָט געוואַגטקייט גוויוער געווען. יאַנקל האָט זיך אויפגעשטעלט און רואיק, קאַלטבלוטיק אַ זאָג גע־געבן:

— דאָבטשע אַליין ווייסט, אַז כ'האָב זי ניט ליב... זי ווייסט, אַז צווישן מיר און איר קאָן גאָרניט ניט זיין... כ'האָב וועגן דעם ניט איינמאָל גע־זאָגט, און דאָסזעלבע כאַזער איך איבער פּאַר אייך, — כ'האב דאָבטשען ניט ליב, און כ'וועל פּאַר איר ניט כאַסענע האָבן. עס וועט אייך גאָרניט העלפן — האָט ער אויסגעשרייען מיט אַלע קויכעס, — אַן אויפגערעגטער האָט ער זיך געגעבן אַ ווארף אַף דער שטול.

— וואָס? — וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט זיך כאַנינע אויפגעהויבן פון בענקל און גענומען שרייען. פון קאַס האָבן באַ אים די אויגן מיט פייער זיך אָנגע־צונדן, די אקסלען האָבן זיך געהויבן, און זיינע גרויסע ברייטע הענט האָבן זיך אין פויסטן צונויפגענומען.

— איך האָב געזאָגט, אַז כ'האב ניט ליב דאָבטשען און וועל פאַר איר ניט כאַסענע האָבן, — האָט זיך יאַנקל אַוועקגעשטעלט און זיך צעפאָכעט מיט די הענט.

— שייגעץ, וואָן פון מיין שטוב! — האָט כאַנינע געטאָן אַ זעץ אָן טיש, אַז דאָס גלעזל פונם לאָמפּ האָט זיך צעקלונגען.

— ווי איז מיר, ווי איז מיר — וואָס איז דאס פּאַר אַ רייד? וואָס איז דאס פאר אַ געשרייען? — האט יאַנקלס מוטער מיט טרערן אין די אויגן זיך באַ אים גענומען בעטן, — אַז זאָל זיין שטיל, מען זאָל ניט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער.

דער זיידע האט אַף גיך פארמאַכט די פענצטער, פארהאַנגען מיט די פאָר-הענגלעך, און זיך אוועקגעשטעלט אין דער מיט, אַף ניט דערלאָזן קיין גע-שלעג. מיט אַלע קויכעס האָט ער געשריגן:

— כאַנינע, מ׳טאָר אַזוי ניט. אַ מענטש איז ניט קיין פערד, מיט וועלכן מ׳האַנדלט. אויב יאַנקל האָט ניט ליב דאָבטשען, טאָר מען אים ניט צווינגען כאָסענע האָבן פאַר איר, ווייל קיין גוטער סאָף וועט פון דעם ניט אַרויס.

כאנינע איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט אַ בליק פון אַ שולדיקן מענטשן געקוקט אַף פּיישען, וואָס האָט זיך קיין וואָרט ניט געקענט געפונען. אָט שפּאַנט ער, אָט שטייט ער, אָט זיצט ער, און הערט גאָרניט אויף בייסן דעם גראָבן פינגער. אַ מאָדנע שטילקייט האָט גענומען הערשן אין שטוב, פּונקט ווי באַ אַלעמען האט מיט אַמאָל אָפּגענומען דאָס לאָשן. פּיישע האט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ כאָלעם און זיך איבערגעשראָקן פאַר דעם, וואס איז אָקאָרשט פאָר-געקומען. די כאַרפּע מיטן ווייטאָק זיינען געוועזן אַזוי גרויס, אַז ער האט מוירע געהאַט א טראַכט טאָן, אַרויפנעמען אפן זינען, ער האט אַ מוירעדיקן זעץ געגעבן מיט דער טיר און אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

— אויס שידעך, — האָט כאַנינע געגעבן אַ זיפץ, ווי איינער וואָס שטייט באַ אַ גויסעס, און גיט מיט אַמאָל אַ מאַך מיט דער האַנט — געשטאָרבן!..

— פאַרצאַפּט אַ מענטשן בלוט, — האָט ער אַ צווייטן זיפץ געגעבן, און ווידער איז געוואָרן שטיל...

און פּלוצים האָט זיך כאַנינע צעשריען ניט מיט זיין קאָל:

— אַזאַ שידעך פארשפּילט! און צוליב וועמען? און צוליב וואָס? צוליב א שטיקל שליוכע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן באַ די איבערוואַנדערער... דו מיינסט, כ׳ווייס ניט וואָס פאַר אַ קאָמעדיע דאָ שפּילט זיך? — האָט ער גענו-מען קלאַפּן אָן טיש און טופען מיט די פיס. — באַנדיט! דו מיינסט, אַז כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס האָט באַטייט דיין אָפּטער אַרומפאָרן צו די איבער-וואַנדערער?

יאַנקל האָט זיך צעוואָרפן מיט די הענט און מיט די פיס, די אויגן האָבן זיך באַ אים ווי איבערגעקערט און פון מויל האָט געזעצט אַ שוים. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— ווער אנשטומט! אַניט, מיימעס איך דיך אַפן אָרט... רעדסט אויס נאָך א וואָרט, מאַך איך פון דיר אַ הערעג.

— דו וועסט מיך שלאָגן? — האָט זיך כאַנינע היסטעריש צעלאַכט — דו וועסט מיך שלאָגן?..

— יאָ, יאָ! — האָט זיך יאַנקל אַף אים אַ וואָרף געגעבן, ווי אַ כאַיע, און אין אַ מינוט אַרום זיינען זיי ביידע געלעגן אַף דער ערד, געדריגעט מיט די פיס, געריסן זיך פאַר די פּענימער, אַז דער אַלטער האָט זיי בעשום אויפן ניט געקענט פאַנאַנדערנעמען.

— יאַנקל, וואָס טוסטו עס? — האָט דער זיידע אים ניט אויפגעהערט צו בעטן, און די מאַמע האָט ניט אויפגעהערט צו ברעכן מיט די הענט און וויינען.

עס האָט גאָרניט געהאָלפן, יאַנקל האָט פאַר זיך קיינעם ניט געזען און גאָרניט געהערט. ווי אַ שטיין האָט ער זיך אָנגעוואַלגערט אַפן טאַטנס גוף, און אים געשטיקט, געריסן פאַר די האָר, און געשריען — האַ!.. — גוט?.. דו וועסט שרייען נאָך אַמאָל — שליוכע, האַ? יאַנקל האָט געזעטיקט זיין קאַעס און אַרויסגעלאָזט דעם טאַטן פון די הענט — אַ אָנמעכטיקן, אַ קוים־לעבעדיקן, און צעשויבערהייט איז ער אַרויסגעלאָפן אַף דער גאַס.

ס'איז שוין געווען האַלבע נאַכט. די לעוואָנע מיט די שטערנדלעך האָבן ווי פלי־אמעלעך זיך געטונקלט אין די שטיקער פאַרוואָלקנטע הימלען. דאָס קיל־בלעכע ווינטל איז אַרומגעפלויגן און פון ערגעץ־וואו געבראַכט אַ שעפּטשערי פון אַ פאַרשפּעטיקט פּאָרל. יאַנקל האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אַף אַ קלאָץ, שווער געאָטעמט און געווישט מיטן אַרבל דעם שווייס און די טראָפּנס בלוט, וואָס האָבן געטריפט פון פּאָנעם און נאָז...

יאַנקל האָט זיך דערפילט אויסגעלייזדיקט פון קויכעס. כאַראָטע האָט אים ניט געלאָזט רוען.

אַ טאַטן שלאָגן מעג מען? וואָס האָט ער דאָס געטאָן? ווי אַזוי וועט ער זיך ווייזן פאַר אים? ווי אַזוי וועט ער אים קוקן גלייך אין די אויגן? עס האָט זיך אים געוואָלט אַריינלויפן אין שטוב זיך צעקושן מיטן טאַטן, מיט דער מאַ־מען און מיטן זיידן, אַריינלויפן אין שטאַל און זיך אַרומנעמען מיט די פערד־לעך, אַרויפכאַפּן דעם הונט צו זיך אַף די פּלייצעס, און פון פרייד אַרומלויפן — טאַנצן שפּרינגען, לאַכן קוועלן... און... גיסן מיט טרערן. אָבער ניין. אהיים גיין וועט ער נישט. ער האָט אָנגעהויבן איינדרימלען. איינדרימלנדיק אזוי אַף דער קלאָץ, האָט ער דערפילט כאַנקעס האַנט איבער זיין פּאָנעם. זי האָט אים געגלעט, איינגערעדט, איינגענומען, און ווי מען נעמט איין אַ פּיצל קינד — „באַרואיק זיך, — באַרואיק זיך! איך, דיין כאַנקע, בין מיט דיר"...

יאַנקל האָט אַ וואָרף געגעבן דעם קאָפּ, אַן איבערגעשראָקענער. דאָס האַרץ האָט בא אים געקלאַפּט, און מיט די אויגן האָט ער געגומען וואַרפן אין אַלע זייטן, גלייך ווי ער האָט געוואָלט דערזען מיט וואָסער וועג איז כאַנקע אַוועק.

VIII

ערגעץ־וואו איבער די סטעפּעס האָט זיך נאָך געלאָזט הערן דאָס עלנטע פאַרשפּעטיקטע הודען פון שנייד־מאַשינען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דערפליקן די לעצטע פעלדער־קודלעס. די רעלסישע וועגן זיינען צוגעפרעס־טער און טיפער געוואָרן. פון די פּולגאַרביקע האַרבעס, וואָס האָבן זיך מיט סקריפּ און קרעכץ געהוידעט און געוואָרפן, האָבן זאַנגען זיך געשאָטן גלייך ווי זיך געוואָלט מאַכן גרינגער פון דער שווערער מאַסע. אַלע איבערוואַנדערער זיינען געווען שטאַרק פאַרשמייעט מיט דרעשען און ווייען די טוואָועס, די טראַקטאָרס האָבן געררעוועט מיט מעשונע־ווילדן רעווערײַ.

אַ שטופּ פון זיך, — און די דרעש־מאַשינעס הויבן זיך אָן טרייסלען. פּויע־רים רינגלען זיי אַרום פון אַלע זייטן — ווער מיט הראַבליעס, ווער מיט קויש־לעך; די שיטן אַריין, אַנדערע שאַרן אַרויס. ווי אין אַ וויכער־טאַנץ נעמען זיך האָגלען ווייצן, פּאַלט פּאָלאָווע און צעקנייטשטע שטרוי, ווי אויסגע־קוועטשטע ווײַנטרויבן. פריילעכער גייט אַוועק די אַרבעט ווען אַ צוויי־דריי קאָלעקטיוון פאַרוועטן זיך, — ווער וועט וועמען אַריבעריאָגן, ווער וועט גיכער אויסדרעשן, מע קוקט דאַן ניט אויף די קויכעס, אויף דעם שווייס, וואָס גיסט און רינט. מ׳בליקט איינער אויפן צווייטן, און יעדן דוכט זיך, אַז ער איז גע־בליבן הינטערשטעליק . . .

דער קאָלעקטיוו „רויטער פּויער“, אונטער יאַנקלס אָנפירונג, האָט געזיגט אין געוועט שוין ניט מיט איין קאָלעקטיוו. יעדערן האָט ער אַריבערגעיאָגט.

דער געוועט מיטן קאָלעקטיוו „פרילינג“ האָט געבראַכט צו אַ אומגעהייערער גרויסער קריג. יויסעף מיט נאָך אייניקע פון זיינע מענטשן האָבן זיך גענומען בייזערן, שעלטן און שרייען — גאַזלאָנים, גענוג, אַז איר זיינט מעשוגע, ווילט איר נאָך יענעם מאַכן מעשוגע?

— קוק זיי אָן, קוק זיי אָן! — האָבן די איבעריקע פון קאָלעקטיוו זיך צע־שטעלט און אָפּגעענטפערט מיט זידלערייען — פּויליאַקעס! לאַכקעבוטניקעס! איר אַרבעט אַליין ניט, און לאָזט יענעם ניט. מיר וועלן אייך אַרויסטרייבן פונדאַנען, אַז קיין זייכער וועט פון אייך ניט בלייבן.

אונטערגעכאַפּט הילכיקע קוילעס: — ער איז גערעכט, ער איז גערעכט. מיר קאָנען נאָך אין קיין קאָלעקטיוו ניט לעבן, — נאָר קאָלעקטיוו! נאָר קאָלעקטיוו וועלן מיר קאָנען דאָ זיין, אַרבעטן און אַ קיעם האָבן. איר פאַרשטייט? — האָבן קוילעס זיך גענומען דורכרייסן און זיך פאַרפלעכטן אין דעם הילכיקן געשריי.

— קיינער זאָגט ניט, אז קאָלעקטיוו איז שלעכט, נאָר אף דער ערשטער צייט איז דאָס אומעגלעך. זאָל מען לאָזן יעדן אויפשטעלן זיין ווירטשאַפט, און דערנאָכדעם וועלן מיר זיך ערשט קאָנען צוזאַמענלעבן אין קאָלעקטיוו, — האָבן אייניקע ארויסגעזאָגט פשאָרעמאַכערשע געדאַנקען. און אלע צוזאַמען האָבן געשריגן, געפילדערט, זיך געקריגט, אַרויסגעגעבן און געטייטלט מיט די פינגער אף די אלע, וואָס שטערן, וואָס בונטעווען און לאָזן ניט ארבעטן. איסאַק האָט דערפילט, אז אָט־אָט וועט עמעצער אויך אף אים אָנטייטלען מיטן פינגער, דערציילן און אַנטפלעקן פאר יעדן איינעם: — ס'ארא מין גאָרנישט ער איז...

ער האָט זיך פאַרויטלט און באַצייטנס זיך אָפּגעטראָגן.

יאַנקל איז זיך מיט כאַנקען געשטאַנען אָן א זייט און קאַלטבלוטיק האָט ער זיך אויסגעהערט אַלעמענס רייד און אלעמענס געשרייען.

— אָט יאָלדן! מ'האָט הענט און מ'קען ניט אָריינפאָרן איינער דעם צווייטן אין די פּיסקעס, אַז די יויך זאָל רינען? — כאַ! כאַ!.. וואָס פאר א טאַם האָט דאָס זיך אָנרעדן מיט די מיילער און ניט טאָן עפּעס מיט די הענט...

יאַנקל וואַרפט אַרויף זיין האַנט אף כאַנקען, און מיט א מאָדנער מילדקייט און מיט א געמאַכטער טאַם: וואַטעקייט נעמט ער בא איר פרעגן און איבער־פרעגן — דערציילט מיר, כאַנקע, וועגן דעם קאָלעקטיוו, וואָס קומט דאָ פאָר? לאָמיך אויך וויסן, וואָס געגערעדן זיי דאָ אלע. האַ, כאַנקע?

— כ'וועל דיר דערציילן, כ'וועל דיר דערציילן. אָבער דו זאָג מיר נאָר — כיינדלט זי זיך מיט די אויגן — וואָס וואָלט געווען, ווען מ'צעשלאָגט זיך אָט אָ דאָ? — ווער מען וואָלסטו געקומען צו הילף?

— וואָס הייסט, וועמען? — צעפּאָכעט ער זיך מיט די הענט און באַווייזט, אַז זי גרייזט ניט, ווען זי האַלט אים פאר א גוואַר — וואָס הייסט וועמען? — צעפינקלט זיך די אויגן און זיין פּאָנעם ווערט באַשטראַלט מיט פרייד — וועמען דו וואָלסט געהייסן, אף וועמען דו וואָלסט נאָר אָנגעוויזן, — פאַרשטייסט? דו וואָלסט געשטאַנען און געטייטלט מיט דיינע פינגער — אָט דעם — ניט ריר אָן, אָט דעם — זעץ! — אָט דעם — מאַזיק! און איך וואָלט אין איין מינוט אלע דיינע באַפעלן אויסגעפילט, כ'וואָלט געדאַמט און געזעצט אף רעכטס און אף לינקס, אז א רויך וואָלט געגאַנגען.

די זון, וואָס האָט זיך גענומען קויקלען צו מאַירעוו און די גרויסע סטויגן ווייץ, האָבן יעדן דערמאָנט, אז ביז נאַכט איז די צייט שוין קורץ, און ארבעט איז נאָך פאַראַן זייער אסאך.

מ'האָט איבערגעהאַקט אינמיטן דער קריג און איבער אלע זייטן האָבן זיך גענומען יאָגן הייפלעך מענטשן. די טראַקטאָרס האָבן זיך מיט א אימפּעט צע־יאָגט. טאַ! טאַ!.. — האָבן זיי גענומען אף די סאַמע העכסטע אָקטאַוועס און

פאַרהילכט דעם סטעפּ, ס׳האָט געהאָגלט מיט ווייץ, — מ׳האָט פאַרשפּעטיקט, — מוז מען דעריאָגן.

אויפגערעגטע פון קריג און דערצאָרנטע פון עטלעכע מאָל פאַרשפּילן דעם געוועט, האָבן די מיטגלידער פון „פרילינג״ פאָרגעזעצט די ארבעט. געהאָ-רעוועט איבער די מענטשלעכע קויכעס, — אָט איז שוין נאָך די סטויגן, אָט-אָט בלייבט הינטערשטעליק „רויטער פויער״ און זיי שפּילן אויס דעם געוועט...

דער קאָלעקטיוו „רויטער פויער״ אונטער דער אָנפירונג פון יאַנקלען האָט זיך געהאַט זיין טאַקטיק און געשפּילט זיך מיט די איבעריקע ווי א קאַץ מיט א מויז.

— ניט געלאָפן, רואיק! כאַפּט זיך ניט. זאָלן זיי לויפן. זיי וועלן זיך איינ-מידן, — האָט יאנקל געקאָמאנדעוועט, געשריגן, באַפוילן, און אליין האָט ער ניט כאַפּנדיק זיך אָפּגעטאָן פאר אנדערע צען.

און פּלוצים, ווען „פרילינג״ האַלט באַם סאמע ברען פון ארבעט, גיט יאַנקל א הילך — אָפּרוען!

די כעוורע בלייבן געפּלעפט, — וואָס הייסט זיך אָפּרוען, ווען בא יענע ברענט די ארבעט? — אף געוויס וועט מען שוין היינט פאַרשפּילן, נאָר קיינער וואַגט ניט זיך קעגנשטעלן — וועט מען פאַרשפּילן, וועט די גאַנצע אַכראַיעס פאַלן אף זיין קאָפּ... יאַנקל וואַרפט פון זיך אראָפּ זיין לייוונטן העמדל און רייניקט פון זיך אָפּ דעם שטויב. כעוורע רינגלען אים ארום, מע טאַפּט זיינע געזונטע מוסקלען, מע באטראכט זיין געזונט לייב, און מע לאָזט אים ניט אָפּ, — ער זאָל זיי נאָר זאָגן, וואָס איז דאָס פאר א בלויע צייכנס אף זיין לייב.

יאַנקל טראַכט זיי אויס א מאיסע ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. ער דער-ציילט זיי אף גיך, — אָ, כעוורע, ווען איר זענט אף מיין אָרט, וואָלט איר שוין קיין לעבעדיקע ניט ארויס, איר מעגט דאָס אויסהערן, — אָט דאָ צוריק מיט עטלעכע טעג, האָבן מיך מיינע פערדעלעך אַוועקגעטראָגן אַראָפּאַבאַרג. איך בין ווי א שייטל האָלץ אַרויסגעפלויגן פון וואָגן, און דער וואָגן מיט דער גאַנצער מאַסע שטיינער און אייזנס גלייך אף מיר. די טערעביִנטשעס האָבן מיר אַזוי צעקלאַפּט דיביינער, אז כ׳בין קוים אַ לעבעדיקער אויפגעשטאַנען — פאַרשטייט איר מיך, האַ, כעוורע.

די כעוורע טאַקען צו מיטן צונג און כידעשן זיך, וואָס ער איז נאָר אָפּגע-קומען מיט די בלויע צייכנס, יאַנקלען פאַרקלעמט שטאַרק דאָס האַרץ, די מאַמע מיטן אַלטן גוטן זיידן שטייען פאר זיינע אויגן, און דעם טאַטנס קרעכצן קלינגט אין זיינע אויערן: — „יאַנקל, וואָס האָסטו דאָס געטאָן מיט מיר, האַ?״ ער גיט זיך א כאַפּ:

— כאַנקע! — רעב ייסראָעל־הערש! כעוורע! צו דער ארבעט! לעבעדי־קער! זעט, וויפל „פרילינג“ האָט שוין אויסגעדראָשן! גיכער, איינס, צוויי, דריי! צו דער ארבעט!

מיט פאַרקאַשערטע הענט און מיט פיבער־גלאַנץ אין די אויגן, האָט זיך יאַנקל מיטן גאַנצן גוף און מיט אלע קויכעס אַ וואָרף געטאָן צו דער ארבעט.

אנגעלאדן האָט זיך יאנקל מיט שווערע גארבן, אַז פון דערווייטנס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ניט קיין מענטש גייט, נאָר א סטויג גייט אליין צו דער דרעש־מאשין... אַף יאנקלען קוקנדיק נעמען זיך די איבעריקע צו דער אַרבעט.

ווען עס האָט שוין געטונקלט און די מידע ארבעטער פון „פרילינג“ האָבן געשלעפט צו דער מאַשין די לעצטע גארבן האָט שוין דער „רויטער פויער“ לאַנג געהאַט אויסגעשפּילט דאָס געוועט.

IX

וואָכן זיינען ווי גרינגע וואלקנדלעך געפלויגן און דער כמורנער האַרבסט איז נאָענטער צוגעקומען. די הימלען האָבן פון טאָג צו טאָג אין גרעסערע כמאַרע־הויטן זיך איינגעהילט און געטריפט און געגאָסן פון זיך מיט דריבנע קאלט רעגנדל. דער הוילער סטעפּ האָט געזשליאָקעט דעם רעגן און אויסגע־ווייקט און אויסגעקנאָטן די האַרטע שטיקער ערד זיינע אין אַ קלעפיקן גע־מיש. דעם ווינט איז באפאַלן אַן אומעט, ער האָט ניט געהאַט קיין איין בוימל אַף צו בויגן עס, רייסן, פליקן די בלעטער און מאַכן זיי געל און ברוין. אַ צערייצטער און א בייזער האָט אים געמאַכט די ראַכוועס, די פוסט־קייט און די פרייקייט פון סטעפּ. ערגעץ אף שליאַכן האָט ער געכאַפּט זשמע־ניעס שטרוי פון סטויגן און זיי פאַנאַנדערגעבלאָזן אין אַ וויכער־טאַנץ, אָדער גאר אכזאָריעסדיק גענומען אויסרייסן שטיקער ליים, ווי שטיקער לייב, פון די אָנדאכיקע פוסטגופיקע ליימיקע הייזלעך, וואס האָבן זיך צעוואָרפן איבערן סטעפּ ווי בינשטאָקן, און פון ווייטן אויסגעזעען ווי מאַצייוועס, ערגעץ אַף אַ בייסוילעם.

אַ נעפלדיקער פרימאָרגן.

דער קאָלעקטיוו כאפט זיך אויף פון שלאָף. מע רייבט די אויגן. יעדער איינער מורקעט אויס אונטערן נאָז די נעמען פון די כעוורע, וואָס דאַרפן היינט אכטונג געבן אַף די פערד — זיי זיינען שוין אַוועק? — פרעגט מען זיך איבער און אז מ'פאַקט איינעם נאָך ליגן, באפאַלט מען אים ווי די בינען. מ'שלעפּט אים פאר די פיס און פאַר די הענט און מע יאָגט אים אַף דער גיך אַרויס. זיי טוען עס אַזוי שנעל, גלייך ווי זיי האָבן מוירע, אַז זיי וועלן עס

ניט טאָן מיט יענעם, וועט מען עס באַלד טאָן מיט זיי... אין די פרייע מינוטן פון פאַרנעפּלטן פרימאָרגן, באפריינדן זיך כעוורע, זיינען צופרידן, וואָס עס קומט אויס ווינטערן אין די עטלעכע אויסגעבויטע הייזער צו עטלעכע קאָלעקטיוון צוזאמען.

ייסראָעל-הערשס בעטל שטייט אין דער מיט פון דער ריי, וואו עס שלאָפן די עלטערע איבערוואַנדערער, אַזוי אַז פון ביידע זייטן הערט מען וואָרט און וואָרט וואס ער רעדט, ייסראָעל-הערש פּיפּקעט זיך זיין ציגאַר-מאַכאָרקע און שטיקט זיך מיט אַ טרוקן הוסטל און הערט גאָרניט אויף צו פּלאַנעווען פּלענער — וואס און ווי אַזוי מען וועט באדארפן טאָן ביכדיי פאַרפעסטיקן די ווירטשאַפטן, וויפל מי און האָרעוואַניע עס וועט נאָך אַלץ באַדאַרפן קאָסטן.

— כע! כע! קומט מען אים אָפּ מיט איראָנישע געלעכטערלעך, — אומזיסט אייער טירכע, אומזיסט אייער האָרעוואַניע, איר וועט זיך בארימען, אַז ביז איבעראיאָר וועט דאָ עמעצער בלייבן.

— אַנאַלטער ייד, וואס פארשטייט אַ געשעפט, נאָר מאַכט זיך נאריש, — כאַפּט זיך אונטער אַ צווייטער.

— איז וועלן אַראָפּ צוואַנציק פּראָצענט, נו זאָל זיין דרייסיק, — ווערט ייסראָעל-הערש אויפגערעגט און נעמט שרייען – איז בעשיים עלעקיי מיט אַ קול שטרוי, — קיינער וועט זיך נאָך אייך ניט זעצן וויינען, ווייל בעשאַס מיר רעדן, האָבן מיר אינזינען די 70 פּראָצענט וואס בלייבן, און ניט די דרייסיק וואָס וועלן אָפּפאַלן.

— איז וואָס זשע סטראשעט איר די גענז? — פאָרט אייך געזונטערהייט... און אַזוי ווערן פאַרוואנדלט שטילע געשפּרעכן און הייסע וויקוכים.

דעם ערשטן, וואס נעמט לאַנגווייליקן פון דעם געשפּרעך איז מישקע. ער כאַפּט זיך אַראָפּ אין איין העמד פון געלעגער און מיט א געפּילדער לאָזט ער זיך אַוועק צו דער יוגנט און נעמט באווייזן זיינע יינגלשע קונדייסעריי — באַ דעם כאַפּט ער אַראָפּ דעם צודעק, א צווייטן גיט ער אַ קיצל אין פּיס, אַ שנאָל אין נאָז און רודערט אַזוי אויף אַלע כעוורע. מ'שרייט און מ'לאַכט און באַ יעדן איינעם וואַכט אויף דער קונדייסישער ווילן. בערקע פון „רויטן פּויער" נעמט ווינקען מיט די אויגן און מאכן מיט די הענט. און אין אַ מינוט אַרום זיינען אַלע כעוורע ארום אים. מ'רעדלט זיך און מ'וואַלגערט זיך איינער אַף דעם צווייטן. בערקע וויל עפּעס אָנהויבן דערציילן און שיסט אויס מיט אַ ווילדן געלעכטער, ער מאכט אַזוינע האוואיעס, אז איינהאלטן זיך איז אומעגלעך. — וואס איז מיט דיר, הא, בערקע — וואס לאַכסטו? פּלאַצן אויס אלע כעוורע מיט א מוירעדיקן געלעכטער קוקנדיק אַף בערקען, בערקע בארואיקט זיך און מיט א זינדיק פּלעמעלע אין די אויגן רוימט ער אריין א סאָד וועגן אַ כאָלעם, וואס עס האָט זיך אים די נאַכט געכאָלעמט. מ'גיט איבער באלד איינער דעם

צווייטן און באַ כעוורע צעפּינקלען זיך די אויגן, מע לאַכט, מע קוועלט און מע צעטאַנצט זיך ווי צעווילדעוועטע.

— אָמעלקאַ מיט די פּלודערן! — אָמעלקאַ מיט די פּלודערן טררר!.. ברררר!..

— האַניוסען געוואָלט פאַר אַ קאַלע, האַ? — נעמט מען זיך רייצן מיט איסאַקן, ווען מען מע האָט ווי אַלע כעוורע געקרוינט מיט אַ ניט יידישן נאָמען פאַר די עכט פויערשע בגאָדים (איין יאַנקלען האָט מען דעם נאָמען זיינעם ניט פאַרביטן, נאָר צוגעלייגט אַ „רעב״ — אים גערופן — רעב יאַנקעוו!..) איסאַק פאַרבייסט די ליפּן, נעמט זיך קרומען און אַנטלויפט פון די כעוורע צו די עלטערע, וואו ער פילט זיך זיכער, אז מען וועט צו אים ניט קריכן. נאָר כעוורע זיינען אין סאַמע ברען, זיי זיינען ווי פאַנאַנדערגעצוימטע פערדלעך, און איינהאַלטן זיי איז שווער.

— טערעשקאַ! — איוואַן איוואַנאָוויטש! — אָסטאַפּ! — רופט מען זיך איבער באַ די נעמען און מע זעצט פאַר זיך רייצן מיט איסאַקן. — הייסט עס, האָסט געוואָלט האַניוסען, איז געקומען רעב יאַנקעוו און האָט זי צוגענומען... אַז אָך און וויי דער צו, וואָס דו האָסט זיך דערלעבט. דו וועסט שוין אַזוי ביז די גרויע האָר פאַרזיצן אַ באָכער און קיינער וועט דיך ניט נעמען — הילכט בערקע ווי אַ פּירזאָגער, און אַלע האַלטן אים אונטער, מען פּאַטאַקעוועט אים צו מיט די הענט, מיט די פיס און מיט אַלע איייוורים. מע הערט ניט אויף דונערן און אויסשרייען — רעב יאַנקעוו! אָמעלקע מיט די פּלודערן, האַניוסע האַניוסונו...

מע כאַפּט זיך אויף, מע טוט זיך אָן אף דער גיך. מע בייסט איבער און מע לויפט אַוועק צום אַגראָנאָם, באַקומען אַרבעט און כאַפּן א פאַרדינסט.

וואָלקנס אין וואָלקנס האָבן זיך פאַרשנירלט און באַפּאַרבט די הימלען מיט אַ טונקל־אַשיקן קאָליר. ווי פון פולע אייטערס האָט געטריפט פון זיי מיט דריבנעם רעגנדל. נאָך די הימלען נאָך האָט מען בעשום אויפן ניט געקענט טרעפן די צייט — עס האָט זיך אויסגעדוכט, פון פאַרטאָג אָן האט זיך אנגעהויבן א מאָרעשכוירעדיקער פאַרווייַנטער פאַרנאַכט.

יאַנקל, כאַנקע און ייסראַעל־הערש זיינען געגאַנגען אפן ברייטן סטעפּ און געפירט א געמיטלעכן שמועס.

כאַנקע האט זיך גערויטלט, יעדע מינוט אריינגעקוקט אין יאַנקלס אויגן און זיך צוגעהערט צום טאַטנס רייד. ייסראַעל־הערש האָט ניט געכאַפּט אויסגערעדט יעדעס וואָרט:

— הערסט, יאַנקל, איך זאָג דיר אָן כניפעס און אָן קונצן, אז דו ביסט מיר געפעלן שטאַרק. דו ביסט מיר געפעלן פאַר דיין ערלעכקייט און פּראַסטקייט.

אט אזוינע ווי דו האב איך פון שטענדיק אַן ליב געהאט. נאר ווייס, אז דו נעמסט ניט קיין בראקאוונע מיידל... מיין כאנקע איז א מיידל אַף אלע יידישע טעכטער געזאָגט געווארן. מער ניט, עס טוט ווי׳ שטארק דאס הארץ, וואס די מאמע אירע לעבט ניט, וואס דער מאמען אירער איז ניט באשערט געווען קליבן נאכעס פון איר, — האָט ער א זאָג געגעבן מיט א טיפן זיפץ.

שטיל, מער ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט און ניט שטערנדיק איינער דעם צווייטן, פארטיפט אין די אייגענע געדאנקען, האט מען געצויגן די פיס פון דער קלעפיקער בלאָטע און געשפּאַנט ווייטער מיטן סטעפּ.

ייסראָעל-הערש האָט פּלוצים א כאפּ געגעבן יאנקלען און כאנקען פאר די הענט און מיט א ציטערדיקער שטים געגומען מורמלען: — נו, איז וואָס, קינדערלעך, גיט איר זיך היינט אַ וואָרט, האַ? — יאַנקל מיט כאַנקען זיינען געבליבן שטיין, זיך געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן און זיך געשראקן פארן אנקומענדיקן גליק, פאר דעם דערגרייכטן.

SCALA

ד. האָפשטיין

פון ציקל „דערמאנונג"

I

באַקענטע, גוט באקענטע, ליבע בילדער
פון גרויסן היימלאַנד מיינעם
אף בלוי פון הימל, בוימער־שפּיצן מילדע,
אפן הימל פון אוקראינע.

א שטילע שאָ פון רו אין גרינעם ווינקל
ניט ווייט פון שטאָט פון קיעוו
איז וואָס, אויב ס'האָט אמאָל א קליינינק ייִנגל
געלערנט פּאָסעק איעוו.

איז וואָס, איז וואָס, אז ס'האָט אַמאָל א דיכטער
געפונען ווייטע גראַמען,
אוןביידע נעמען, ווייט צעשיידטע אין געשיכטע
אוועקגעשטעלט צוזאַמען.

א צייט! א צענדלינק יאָר אין טאָג אין איינעם
אין איין מעסלעס אין פרייעם.
ניטאָ קיין צייט דאָס אלטע צו באוויינען —
באוויז דערזען דאָס נייע!..

סוויאַטאָשין, 27.

II

א. פיאַטיגאָרסקע געשענקט

שיט א שניי,
שיט און שיט,
ס'איז שווער, אוי, ווי שווער,
אין ווערטער פאַרנאַרן,
אין ווערטער פאַרפירן,
דעם גאנצן געלויף פון א שטאָט,
דעם ציטער פון טויזנטער הערצער,
רויע און ווילדע, און צארטע, און שטילע
אָט הייס און אָט שאַרף,
ווי א שטאָלענער שניט.
אָט קאַלט, ווי דער שניי,
שיט א שניי, שיט און שיט.

פון העלע וויטרינען,
קוקן ביכער ארויס
און די וועלט, ווי ז'איז רוי, ווי ז'איז ווילד, ווי ז'איז גרויס,
ווערט מיר מילד, ווי א מוטערשער שויס,
שיט א שניי, שיט און שיט,
ערגעץ דאָרט גאָר ניט ווייט
דאָרטן וואַקסט נאָך און בליט
ערגעץ דאָרט אף איטאַליעס ראַנד...
ערגעץ דאָרט האָט אַמאָל נאָך א שייטער געברענט
און דער ווינט האָט געטראָגן דעם רייעך פון ביטערן בראַנד,
און פון מענטשלעכן ציטריקן לייב.
א, ס'איז גוט, וואָס אויב יאָ, ס'איז געווען,
איז אַמאָל דאָס געווען.

אַך, ווי גוט, וואָס ניט אַלץ דאָ פאַרבלייבט!
פון דעם פינסטערן דאָר
א פּאָר ציטריקע נעמען פאַרהיט,

שׂיט א שניי, שׂיט און שׂיט.
שׂיט א שניי
ס'איז געבליבן א וואָרט: גאַלילײ...
און מײן זון גלויבט מיר גרינג אפן וואָרט,
אז מיר טראָגן זיך שנעל מיט דער ערד
ארום זיך, ארום זון,
און ארום, און ארום, און ארום,
און באַוועגונגען ניין,
ער שרייבט מיר פון קיעוו
(געזונט זאָל ער זיין)
מיט שײנע, מיט קינדערשע גענג,
און באשטימט אי די ערדישע ברייט, אי די לײנג,
וואו זיין קינדערשע פוס איצטער טריט.
שׂיט א שניי, שׂיט און שׂיט...

בערלין, 24.

קינדער

וונט שטילער.
אַף די קלייטן הענגען שלעסער,
שאטנס אף די גאַסן ווערן גרעסער.
הונגעריקע, בלייכע און פארשמירטע
זיצן קינדער און דערציילן אַ געשיכטע:

— איך בין פון פּראָסקוראָוו, זאָגט דער ערשטער,
און מיין טאַטע איז געווען אַ בערשטער,
נאָכדעם איז אַוועק אין דאָרף מיין טאַטע
איז מיט קאָרן פול געווען די כאַטע.
אַלע זונטיק קאָרזשיקלעך געגעסן,
קיינמאָל אין דער כאַטע ניט געזעסן,
האָבן טעג געגאָסן זיך ווי האָניק,
ווי די זון בּאַטאָג אף אונזער גאַניק.
נאָכדעם הויבּט זיך אָן אַ הונגער,
פעלדער ליגן דאָרשטיקע און דאַרע
נאָר דער הימל שיקט ניט זיינע כמאַרעס,
נאָר דער הימל קאָן ניט מאַכן גרינגער.
אין אַ טאָג אַ פּראָסטיקן, אַ קאַלטן
טאַטע־מאַמע כ'האָב אַליין באַהאַלטן.

אַפן הימל בּליצן ווייסע שטערן
זיצן קינדער דאָרשטיקע און הערן.
ליגט אַ נאַכט אַ הויכע און אַ ברייטע
לעצטע קרעמער שליסן שוין די קלייטן.
קאַלט און האַרט און פינצטער ווי די וואַנט —
האָט אַ צווייטער זיך דערמאנט:

איציק פעפער

— ווען פעטליורע איז אריין צוגאַסט
האָט זיך באַלד צערוישט די גאַנצע גאַס,
גאַנצע טעג ניט אויפגעהערט צו שיסן
האָט מען קישנס, האָט מען בעבעכעס געריסן,
ווען מיט בולעוועס האָבן געיאָגט די יונגען
האָבן טאפליעס אין די געסעלעך געקלונגען.
גאַנצע טעג איז מען געגאַן מיט פּיקעס
און געזוכט אין קעלערס באָלשעוויקעס.
ווען דער טאָג דער ווייסער איז פאַרשוואונדן
זיינען זיי צו אונז געקומען,
טאַטע־מאַמע צוגענומען
און מיט שטריק מיט גראָבע זיי געבונדן.
ווען איך בין אַרויס פון שטוב מיט גוואַלדן
און געשרייען
זיינען זיי געהאַנגען שוין אינצווייען.
כ׳האָב געוויינט, געוואָרפן זיך, געשריגן,
נאָר דער טאַטע איז געהאַנגען און געשוויגן.

אויף די שליאַכן רעדער רוישן העכער,
ווינטן מידע כראַפּען אויף די דעכער,
רויכערן זיך שטערן און זיי שווייגן,
די לעוואָנע גיסט זיך פון די צווייגן.
שטערן ווערן קויטיק און צערינען
קאַלט איז דאָ און ווייט איז ביז באַגינען.
מיט יונגן רירעוודיקן ציטער
זאָגט דער דריטער:

— ס׳איז געווען אַ שטיבל האָט מען עס פאַרברענט
און מיין טאַטן האָב איך ניט געקענט.
כ׳האָב געהאַט אַ מאַמע — האָט מען זי געטויט,
האָב איך ניט קיין הויזן, האָב איך ניט קיין ברויט
כ׳האָב געהאַט אַ מאַמע — האָט מען זי געטויט.
וויפל מענטשן זע איך — זיינען אַלע פרעמד,
כ׳וואָלט געגאַן פאַרדינען, האָב איך ניט קיין העמד
טירן וויפל — זעט נאָר, פענצטערלעך מיט שיין,
כ׳וואָלט געגאַן אַ הינצו — לאָזט מען ניט אַריין.

די אַכסאַניעס שטייען אויסגעפּוצט און פּוסט,
כ׳וואָלט געגאַן אַ הינצו — לאָזט מען ניט אומזיסט,

מ׳האָט אַמאָל געפּאַקט מיך אין אַ קאַלטער נאַכט
אין אַ הויכן מויער האָט מען מיך פאַרשפּאַרט,
מ׳האָט געהייסן לערנען און געגעבן ברויט
איז געווען מיר סקוטשנע, סקוטשנע ביז צום טויט.
שלאָפט מיין דאַרער לערער — שלאָפן אַלע שלעק
דורכן פענצטער — היידאַ! היידאַ און אַוועק.

הודעט אַף די שטאַנגען שלעפעריק דער דראט,
לעשן זיך די שטערן, כאַפּט זיך אויף די שטאָט,
גייען לעצטע שומרים שלאָפן שוין אַוועק
און די מאַיסע ציט זיך, ציט זיך אָן אַנ׳עק.

אַף די גאַסן פרישע ווינטלעך ציען
אַף די גאַסן הויבט שוין אָן שאַריען.
אַף די גאַסן
אַף די וועגן
זעט מען מענטשן — העמערלעך און זעגן
פונעם הימל אַפן בלויען דרויסן
קויקלט זיך אַ זון אַ גרויסע.
לעצטע שטערן זיינען שוין אנטלאָפן
זיצן קינדער הונגעריק, פאַרשלאָפן.
קוקן קינדער אַף די מענטשן מיט די זעגן
און מע ווייסט ניט מאָרגן אָדער שפּעטער
וועט מען אויך אַוועק אַף יענע וועגן, —
וועט מען שוין ניט נעכטיקן אין דרויסן
וועט מען שלאָפן ווי די מענטשן אין אַ צימער
און אַ גאנצן יאָר וועט זיין נאָר זומער.
קויקלט זיך אַ זון אַ גרויסע
קויקלט זיך פון אַלע עקן
אַלץ וועט זי, די זון, באַדעקן!



I

עסעלעך לענגלעכע
שלענגלדיק - גרוילעכע
ציען זיך העט - וויים
ביז שטעטעלעס סאָף

נאַכט קוקט דורך צוג - שויב,
אַ ווייסע געפרוירענע
קוים וואָס זי רוקט זיך
דעם צוג נאָך פאַרזאָרגט.

אָט מישן אויס זיך
געסעלעך שלענגעלעך,
שטאָטישער אומרו
דאָס אויג גיט אַ שנייד.

איך וויל באגריסן די שטאט
ווי אן אייגענע;
שטאט! האסט צו מיינע
געבראכט מיך פונסניי.

אָט זיינען אייניקע
לאַנג ניט געזעענע.
אך, וויפל יעדער
וואקסט אויס אט - א דא.

יעדער פארמאגט אין זיך
שטראלעכלעך מייעסווייס,
ברענענדע, העלישע,
לויטערע שאָ.

ס. טוטשינסקע

אך, ווי ס׳איז גוט איצט
אין פריידן דערמאנען זיך
וועגן שווערוואָגיקע
קלומקעלעך וויי,

אין וועלכע מע פלעגט אונדז
אף יאָרנלאַנג איינשפאַנען
און וועלכע זיינען
אף אייביק פארוויט.

קויטיקע טעג
און פארלאשענע אוונטן
האבן געגוג אף אונדז
אלע געטריפט.

אייניקע, הערציקע,
לייבלעכע, נאָענטע,
זייט מיט א ווארעמען
לידל געגריסט!

II

ס י אָ מ ע ן.

שטילע, קרומע באָדגאַס מיינע,
ווען איך לעב נאָך צריק מיט הונדערט-טויזנט יאָרן,
וואו וואלט איך געקאנט ארייגגיין
זיך בארימען, אז איך בין בא דיר געבארן!

ס׳וואלטן כאיעס דען פארשטאנען?
דעמאלט וואלט איך דאך געלעבט נאר צווישן כאַיעס, —
וויפל זיינען מיר מעקאנע,
וויפל זיינען נאך א באַלן שיטן פייער...

אָבער טאנצנדיק א שווייגנס
וועלן יענע סאף קאל סאף שוין מוזן פלאצן,
באָדגאס מיינע, ניט געדאַיגעט
שוין מע קאן, מע קאן שוין דיך מיט גרויסקייט שאצן!

III

ווער ווייסט, ווער ווייסט, ווי ווײַט
איך וועל פונדאנען קומען,
נאָר וואו איך בין געווען, וועל איך ניט זיין,
מע האָט אף מיר געשיט
מיט גאנצע מעסטלעך אומעט,
נאר כ׳האָב אים נאָך געלאָזט אף יענער זייט . . .

איך האָב געוואָלט פאַרנעמען,
וואס די זון וועט שענקען,
האב איך לאנג געווארט און זיך דערווארט,
זאל זיין צווישן קלענסטע
בין איך גאר א קליינינקע,
איך וועל נאך קאנען אפהיטן די וואַך.

דעם קינד, דעם 16 יאָריק פאַרשטאַרבענעם
קאָמיוגיסט און רויטאַרמייער אַרל אָליעווסקי.



* * *

[א]ין ווייטן וואַלד א ווייטע זון גייט אויס,
און מאָרגן וועט א צווייטע זייט זיך מיען און געבאָרן...
מיר זיינען קליינינקע געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רוך, וואו זיינען זיי די יאָרן...

... ז'מיין ברודערל אוועק — לעבט ער שוין ניט מער,
א פולער באַראַבאַן, א קעסעלע א מעשענע...
און איצטער ליגט זיין קאַלטער רעוואָלווער —
דער טויט אליין א שווערער אין מיין קעשענע.

אַ יאָר... אַ יאָר... אוועק און ניט געבליבן,
געדענקען ניט דעם וועג און קומען ניט צו מיר...
מיך האָט אויפגעוועקט א קליינינקן פון וויגל
אן אויפגעפלאַצטע באָמבע בא מיין טיר.

און איצט איז שטיל און רואיק שלאָפן קינדער
און אַזאַ שטילער אָוונט וויגט זיך איבער זיי...
און טאַטעס בויגן קעפּ פאַרשאָטענע מיט ווינטער,
געזונטע קעפּ פאַרווייעטע מיט שניי.

און כ'גיי אן עלטערער פאר אייך איצטער ארויס,
מיר זיינען קיינער ניט ווי קינדערלעך געבאָרן.
מיר זיינען קליינינקע געוואָרן גרויס,
און ווייסט דער רוך, וואו זיינען זיי די יאָרן!

אף העלע-באַליכטיקטע פעלדער, סטערניע, און סטויגן, און גאַרבן,
און כ'פיל שוין דעם אייזיקן אָטעם פון ליכטיקע וויספּעס מיט שניי...
ס'פרעגן דען שניטער די זאַנגען, צי ווילן זיי צייטיקע שטאַרבן,
פיס זיינען גאַנצע — טאָ לאָז זיך, מיין כאַווער, און גיי!

ב. אָלעווסקי

אזוי וואונדערבאַר ציכטיק און שטיל — אזוי וואַרעם און
ציטעריק שטום,
הערט זיך דער אָטעם פון נאַכט פון שטילע פאַרלאָזענע ראָוון...
קלייב איך דעם גאָלדענעם שטויב בא דעם ליכטיקן אויפגיין פון זון,
פאר שטיקער פאַרבליבענעם אָוונט.

כ׳ווייס ניט צי איך וועל נאָך קומען — צי איך וועל, ווי אַלע,
דערטראָגן,
נאָר ס׳איז מיר ביז גליק און ביז אומגליק היינט ווייטיקדיק גוט...
כ׳האָב ליב היינט ביז אומזין דאָס טאָגן,
און אלץ וואָס עס וואַשט זיך אין בלוט...

* * *

א וועווריק אין דער הויך איז ווייס און ציכטיק ריין,
אין פיסלעך פעדערשטעע ער קנאַקט מיט פרייד די ניס...
און איך — ווי איינזאַם, ווי כ׳זאָל ניט זיין אַליין,
טויזנט פרעמדע הענט היינט פענטען מיינע פיס.

און ס׳איז אזויפיל רו, אזויפיל גליק פאַראַן,
נאָר ערגעץ כ׳הער אין דעמב אלץ שקראַבעט זיך א וואָרעם.
און ס׳קלאַפּט דער פיקהאָלץ לאַנג אין אַלטן שיינעם שטאַם.
און זוכט אים לאנג אין גראווער גראָב פון קאָרע.

און איצט אליין, פון יונגן וואַלד פאַרשטעלט,
איך ליג און זע, און ס׳ווילט זיך לאַנג נאָך הערן...
כ׳וויל אויך ארומנעמען מיין שיינעם דעמב, מיין וועלט,
און פיקן לאַנג און אויסראטן די ווערים.



מ. אַראָנסקי

דאָ און דאָרט

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ זאַווערוכע. מ'איז אַרויסגעפאָרן, איז געוואָרן שטיל און איצט האָט גענומען ווייען, מ'האָט שוין דעם שליאַך ניט אַרויסגעזען, נאָר די סטויפּעס די טעלעגראַפישע זיינען געשטאַנען אָנגעכמורעטע און ס'האָט זייערע פיס פאַרווייעט. די געליבסטע, די איינציקע טרייסט, די סאַמע געשעצטע זיינען געוואָרן די פאַרפרוירענע סטויפּעס.

— לייבעלע, האַלט זיך באַ די סטויפּעס, האָב ראַכמאָנעס!

— לייבעלע, וואו זיינען דיינע אויגן, אַרויסקריכן זאָלן זיי דיר! דו פאָר מיט די סטויפּעס!

— אַף די סטויפּעס, אַז דו וועסט זיך פאַרלאָזן, איז ווי אַף אַן אייגענער מאַמע!

— יידן, דולט מיר ניט דעם ספּאָדעק! איך ווייס אליין, וואָס איך טו! ברענען זאָלט איר מיט אייערע מיסכאָרים! האַנדל-וואַנדל! פאָרעכצן און מאַכעכצן! מע קען ניט זיצן באַם ווייבס בוזעם אין אַזאַ ווינטער! קריכט מען צום פאָ-יעזד! ברענען זאָל ער, איידער איך האָב אים דערקענט! אָנטי-צעבאָנטי! ווייך איז מיר!

ווען ס'זאָל ניט ווייען, ווען ס'זאָל דעם האַלז און פּלייצע ניט פאַרשיטן, וואָלט עמיצער איצט מיסטאָם געענטפערט שמ-כלענדיק:

— ווען ניט דער פאָיעזד, לייבעלע, וואָלט דיין שוועסטער געבליבן אַן אַלטע מויד!

נאָר גיי, אַז ס'האָט שוין פאַרשאָטן פון פאָרנט און פון הינטן, פון דער זייט און פון אויבן.

אַ באַרג שניי פירט איצט לייבעלע באַלעגאָלע ניט קיין פאַרשוינען — די פאַרשוינען האָבן זיך צונויפגעקאָרטשעט, באַגראָבן זיך אין די גרויסע פאַר-שנייטע בורקעס, „פאַרביטן זיך" מיט די פיס, צוגעטוליעט זיך איינער צום צווייטן און קיינער גיט איצט ניט קיין געשריי:

— פעטער, וואָס האָט איר זיך אָנגעלייגט אַף מיר? איך בין אייך מעכויעוו צו טראָגן?.. אַ פאָדריאַד גענומען?

מ'האָט קיינער קיין פּיפּס ניט געטאָן, און מע טראַכט איצט ניט וועגן „דער מאָגילע".

„די מאָגילע" דאָס איז אַ בערגל. פון אונטער אָ-דעם בערגל קריכן אַמאָל אַרויס גויאַלעס און „נעמען אַרויס די נעשאָמע"... די טייסטערס נעמען זיי אויך אַרויס, און אַ פּעקל סכוירע אויך, — ציטערן אַלע טאָג לייבעלעס פאַרשוינען, ווען זיי פאָרן לעבן „דער מאָגילע", און אַז זיי פאָרן איבער בעשאָלעם,

צעשפּילײען זײ אַ קנעפּל, — סע גלוסט זיך ארויסאָטעמען אזויפיל אײנגעהאַל־טענעם אָטעם.

הײנט טראַכט מען ניט וועגן „דער מאָגילע״. וואָס פאַר „אַ שוואַרציאָר״ וועט עס אַהער ברענגען אין אַזאַ זאַווערוכע? האָט עס געבראַכט: די פערד האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, אָנגעהויבן כראַפּען, געקראָכן אין אַ זײט אריין, נאָר דער טיפער שנײ לאָזט ניט בלײבן די יידן טויט אונטער די בורקעס. לײבעלע באַלעגאָלע שפּרינגט אַראָפּ און קריכט אריין איבער די שטיוול אין שנײ. יאָסל דער רויטער, אַ „כוידעש־פאַרשוין״ לײבעלעס רוקט מיט די פאַרפרוירענע הענט דעם טײסטער אין שנײ אַריין — נאָכדעם וועט ער אים שוין יעפינען. די אי־בעריקע פאַרשוינען, זײ זיצן ניט איין, זײ „קאַלופּען״ מיט די פאַרראָסטעטע אויגן:

— ווע? ווע?

און באַ „דער מאָגילע״, באַם סטויפּ, שטײט „אַ נעפעש״. ניין, ער גײט דײקע. ער קריכט, ער וויאַזנעט אין שנײ און פאלט אַריין אין שליטן אַריין:

— יידן, האָט ראַכמאָנעס, פירט מיך אונטער!

מײנע וויסטע כאַלוימעס צו דײן קאָפּ און צו דײן טאַטנס קאָפּ, ווער איז דאָס אָנשיקעניש?.. דער ווינט ווײעט, די זאַווערוכע דרײט, וואָיעט. לײבעלע באַלעגאָלע שפּײט אויס, ווערט דאָס שפּײעכץ פאַרפרוירן אַף זײן בערדל, זידלט ער דעם דרויסן, די פאַרשוינען, דעם פאָיעזד:

— וויאָ — העי!

אַ שמײס מיט דער בײטש.

— לײבעלע פאַרך! וואו קריכסטו? וואַרט אויס! לאָמיך דעם טײסטער גע־פינען!

יאָסל דער רויטער קריכט אין שנײ אריין, וויאַזנעט, טאַפּט דעם שנײ, שאַרט און לײבעלע שעלט:

— וואָס זוכט איר דאָרט דעם נעכטיקן טאָג! די פערד פאַרווייעט עס! מירן דאָ בלײבן אין שנײ!..

— יידן! יידן! מײן טײסטער! זעכציק טשערוואָנצעס! יידן!

דער ווינט טראָגט אינײנעם מיט די „גרײפּעלעך״, מיט די שנײעלעך יאָסלס קאָל און צעפּיצלט עס, צערײסט עס, מ׳הערט ניט זײן קאָל אַדאָ אין שליטן, הויבט יאָסל אָן צו שרײען:

— געוואַלד! יידן, געוואַלד! יידן, ראַטעוועט! מײן גאַנץ פאַרמעגן! מײן זונס פאַרמעגן! יידן, געוואַלד!

דער שנײ פאַרשיט און פאַרדעקט.

— מײן מײדלס נאַדן! יידן, גוואַלד! ראַטעוועט! אַ סרײפע! אָ, יידן, א סרײפע!

יאָסל ליגט אין שניי, גראַבלט מיט די פינגער די שיטערע קאַשע און וואָ־יעט, וואָיעט, אָבער די זאַווערוכע איז שטאַרקער.

— יידן! גאַזלאָנים! א ייד ווערט דערהאַרגעט! און איר זיצט!

לייבעלע גיט א פּאָכע מיט דער בייטש:

— אַ, זיצן זאָלט איר שוין קאַלאָם! קריכט אַראָפּ! פאַרשוינען פאַרסמאַר־קעטע האָט מיר גאָט צוגעשיקט! יאָסל, וואָס גיט איר, אַז איך געפין?

— וואָס דו ווילסט!

— אַ פּופּציקער!..

— זוך!

— ניין! גיט די האַנט, טקיעס-קאַף! גיכער! ווען ס'איז באַנאַכט נעם איך קיין הונדערטער ניט! אָ!

דער שניי שיט, די זאַווערוכע דרייט, און יאָסל מיט לייבעלען גראָבן דעם שניי מיט די פינגער. מאָלט זיך אויס, אז מ'האָט דעם טייסטער געטונען. די פאַרשוינען האָבן געטאַינעט:

— ס'איז יאָסלס טרייפענער מאזל!

לייבעלע האָט געטאַינעט:

— ווען ניט איך, זעסטו זיך מיטן טייסטער אף יענער וועלט!

יאָסל האָט געטאַינעט:

— אַז מען זוכט, געפינט מען!

און נאָר איין פאַרשוין האָט געשוויגן — אָ־דער, וואָס ליגט אין שליטן א פארסטינעטער. ערשט, אַז מ'האָט זיך שוין ווידער געשלעפּט איבער די „באַ־יורעס" און די פערד זיינען געקראָכן אַף די סטויפּעס, האָט מען זיך דער־מאָנט:

— און ווער איז דער פאַרשוין, וואָס האָט זיך אין שליטן אריינגעוואָרפן?

יאָסל דער רויטער בויגט זיך אָן און גיט אַ קוק דערזעט ער אַ באַקענטע נאָז, און שפּרינגט אונטער:

— יידן, האַלט מיך! ס'איז זאַוועלע!

— זאַוועלע?

— זאַוועלע!

אַ סימכע געווען באַ דער סטאַנציע, באַם יידישן „קאָמיסיאָנער" אין ווארע־מען שטיבעלע.

מ'האָט פאַרשפּעטיקט צום בייטאָגיקן צוג:

— דאַרף מען נעמען אביסל יאַש!

מ'האָט געפינען יאָסלס טייסטער:

— דאַרף מען נעמען אביסל מאַשקע!

— מ'האָט געפונען זאַוולען:

— דאַרף מען נעמען אביסל בראָנפן!

א וואָך אז זאַוועלע איז נעלעם געוואָרן, האָט זיך די שטאָט געוויגט:

— ס'טייטש, ווי קומט עס צו זאַוועלען?

„מיילע ווילסט אַוועקפאָרן, פאָר! ס'איז דיר שלעכט, זוך בעסערס! אָבער, ווי לאָזט מען עס איבער אַ ווייב מיט קינדער און מע סטייעט ניט? אַ? דאָס ווייב לויפט ארום, ווי א מעשוגענע, פון שטוב צו שטוב, פון סוטקע צו סוטקע:

— „האָט איר ניט געזען מיין זאַוועלען? ניין? ווער איך זיך דאָס לעבן נעמען!"

זי וויל זיך ערשט נעמען דאָס לעבן און זאַוול האָט שוין טאַקע איינמאָל געפּרואווט. פאַר פיר יאָרן איז עס געווען, ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ קאַפּצן, ער האָט שוין דעמאָלט ארויסגעקוקט אַפן יאַריד, און דער יאַריד האָט אים געבראַכט „אסאך און א ביסל — צאָרעס אַ פולע שיסל". אדאָס איז זיין ווערטל געווען. ביכלאל איז זאַוול א ווערטלזאָגער געווען, און אַ זינגער געווען, און אַ אַקטיאָר געווען, א יונגערמאן קיינאַנאָרע, ער האָט שוין צוויי קינדערלעך געהאַט, נעמט ער און גייט אין דראמקרייז ארײן שפּילן. די שטוב איז הויל, די קינדער ווילן עסן און ער לויפט ארום איבער דער בינע און „מאַכט זיך נאַריש", אַ אלטן ראָוו שטעלט ער פאָר. פוילט זיך ניט דאָס ווייב און הויבט זיך אויף, לויפט ארײן אין „סעלבוד" ארײן, פליט ארויף אַף דער בינע, כאַפּט אָן די געמאַכטע באָרד, בלייבט זי באַ איר אין די הענט, און דאָס ווייבל מאַכט אַ גוואַלד, אַזאַ גוואַלד וועלן די אקטיאָרן אַף דער בימע ניט מאַכן. איין וואָרט, זי האָט אים אוועקגעפירט, דער סעלבוד האָט געפּל עסקעט, מ'האָט געסווישטשעט, מ'האָט געפייפט און גערעוועט, און מ'האָט געלאַכט. א ווערטעלע „געלאַכט", מ'האָט דעם סעלבוד צענומען לאכנדיק.

דאָרט באַ זיי אין שטוב, באַ זאַוועלען אין דער קאַפּצאָנישער שטוב, האָט זאַוועלעס ווייב, קרוינע, גענומען די צוויי קינדערלעך און זיי אַרויפגעזעצט אַף זאַוועלען:

— נאַט! זאָל ער אייך שפּילן קיאַטער!

זי האָט זאַוועלען אָפּגעשפּילט אַן אַפּדערנאַכט, ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט ארײן, געליגן צוויי מעסלעס. פאַר די צוויי מעסלעס האָט ער אָנגעשאָבן עטלעכע קעסטעלעך שוועבעלעך, אָנגעשאָבן די סירקע. דאָס ווייב רייסט זיך באַם קאָפּ:

— ווער שלעפּט עס די סירנעקלעך? וואו זיינען אומגעקומען די סירנעקלעך?

ס'זאָל איר קומען אַפן געדאַנק, אַז מע דארף זוכן באַ זאַוולען אונטער דער קישן? אַ? און ער האָט אָנגעקליבן די סירקע-קעפּלעך, אויסגעמישט מיט וואסער און אויסגעטרונקען:

— אָי, יידן, ראַטעוועט! אָי, יידן, איך קום אום! אָי, יידן!

ער שרייט, ער רייסט זיך, און דאָס ווייב איז ארויס אין מארק אריין:

— ער שטאַרבט! ראַטעוועט אַן אַלמאָנע מיט דריטהאַלבן קינדער!

דאָס שטעטל לויפט זיך צונויף און זי יאָמערט, מיט אַ קלאָג־געזאַנג, ווי נאָך אַ מעס:

— אַזאַ טייערער זאַוול, ווי איז צו מיר! אַזאַ שיינער זאוול, אַזאָכן ווי איז מיר!.. אָי! צוויי אַפּן אויוון און איינס אין בויך! אַזאָכן ווי איז מיר! אַן אַלמאָנע אַ וויסטע! ווי איז צו מיר!

מ׳האָט דעמאָלט זאַוולען אָפּגעראַטעוועט, מ׳האָט געמאַכט עטלעכע קערבלעך, ער האָט גענומען האַנדלען מיט אייער, אויפגעקויפט אייער פאַרן „קאַאָפּטאַך" אַ פּאָר מאָל צעבראָכן גאַנצע קוישן, האָט מען אים גערופן „זאַוועלע פּרע־זשעניצע".

איצט זיצן אין שטוב באַ דער סטאַנציע יידן און יאַדען אים:

— פּי עזשעניצע! זאַוועלע קאַפּצן! ווי נעמט מען עס א ווייב און מע לאָזט זי אַפּן וואַסער?..

— זאַוועלע! מיר באַצאָלן סכאר־אַגאָלע און פאָר אהיים!

— מ׳האָט אָבער געזאָגט, אַז מ׳האָט דיך געזען אין קאַלניק! גיי ווייס, אַז דו ביסט אַף די דערפער — מיר וואָלטן דיך געבראַכט אַ היים אַ געפּענטעטן!

— זאַוועלע, פאָר אהיים! אַניט ביסטו אַ באַסיאַק!

מער פון אַלע פּינעט יאָסל דער רויטער, ער איז קרוינעס אַ פּעטער, און ער איז לאַרעג און לאַבעד.

— וואָס הייסט עס? וואָס באטייט עס? זאַוועלע, איך וועל דיר פּאָשעט צעפּאַטשן די פּיסקעס!

מיט זאַוועלען ווארפט, ווי אין אַ קאַדאָכעס. ניט, ווייל ער האָט מוירע, ער האָט שוין פאַרגעסן, וואָס מוירע באַטייט. ס׳איז אים פּאָשעט קאַלט. לייבעלע באַלע־גאָלע זאָגט:

— סע גייט אַרויס די קעלט פון דיר, נעם אביסל בראָנפן!

ניין, זאַוול וויל קיין בראנפן ניט, ער פילט, אַז ער האָט זיך פאַרקילט, ער טראָגט אַ קורץ פּידזשאַקעלע און געלעכערטע שטיוול — אַזאַ זאַווערוכע, זאָל עס מיט אים ניט וואַרפן, וואָס?

יאָסל דער רויטער, ער לאָזט זאַוועלען ניט אָפּ:

— פאָר אהיים, פאָר אַהיים!

ער וואָלט אים עפּשער טאַקע ניט אָפּגעלאָזט, נאָר לייבעלע באַלעגאָלע האָט יאָסלען ניט געלאָזט צו רו:

— באצאָלט פאַרן טייסטער!

— האָב איך זיך דיר געגעבן אַ ביסל בראָנפן!

— איך האַלט אייך אין דער ערד מיטן בראָנפן! רויטער פֿאַרעך! איר באַ־צאַלט פֿאַרן טייסטער! איך דאַרף א שוועסטער כאסענע מאַכן!
— דריי ניט די... (רעדער)!
— איך וועל דיך באַלד געבן אַ דריי, וועסטו בלוטן באַ מיר!
— לייבעלע, נעם איין שטומעניש!
— יאָסל פֿאַרעך, איך וועל דיך אין פּאָיעזד אַריינלאָזן אַף שאָנעראַבע!
— לאָמיר זיך פֿאַרלאָזן אַף יידן!
— איך האַלט אייך אין דער ערד! איך בין אַליין א ייד! און איך האָב באַזיך נעעמאָנעס, מער ווי איר באַ מיר! באַצאָל סכאַר־טייסטער!
— איכן קומען, וועלן מיר זיך צעכעשבענען!
— איר מעגט ניט קומען, מיין דאַיגע! זאָלן אייערע קינדער בלייבן יעסוי־מים און איר באַצאָלט!
איין וואָרט, מ׳האָט זיך אויסגעדינגען, מ׳האָט אים קאַם געפּאַטערט לייבע־לען, און אַז ער האָט צעשפּיליעט די הויזן און טיף טיף אריינגערוקט דאָס געלט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר יאָסלען:
— נאָך איין וואָרט! זאוועלען זאָלט איר ניט טשעפּען, ס׳איז אויך מיין פֿאַרשוין, איך וועל ניט לאָזן... הערסט, ניט טשעפּען!..
זאַוועלע איז אריין אין אַ אַנדער וואַגאָן, ניט מיט יאָסלען, געליגן אַף דער איבערשטער פּאָליצע, געטרייסלט זיך אין פֿיבער, געדרימלט...

געקומען אין שטאָט אריין איז זאַוול אַ צעבראָכענער, אַ האַלב־טויטער — ס׳האָט אין אים געברענט אַ העליש פֿייער — ער האָט געפֿיבערט. האָט ער דאָס מאָגערע קלומעקל אַרונטערגעלייגט אונטער דעם קאָפּ און באַם וואָקזאַל געבליבן ליגן, ווידער געדרימלט, אָנגעהויבןריידן פון היץ, די פרעמדע, קאַלטע שניי־איקע גאַס האָט זיך אַף אים ביז שפּעט אפדערנאַכט ניט אומגעקוקט, ערשט אַפדערנאַכט האָט אַ מיליציאָנער באַלויכטן מיט אַ לאמטערנדל זיין קויטיק, פֿלאמענדיק פּאָנעם, געפֿרעגט באַרויגעז:
— ווער ביסטו?
זאַוול האָט פאַרגאָסענע, פֿאַרנעפּלטע אויגן אויפגעעפנט:
— לייוויק... דער... ווייסער!..
— צו וועמען דאַרפסטו?..
— צו זאַוול... פרעזשעניצע!..
— וועמען קענסטו?..
— אַ בערעזע... פרירט... אַף קאַלניקער וועג...
שטייט אַ בינטל מענטשן אַרום אים:
— ער האָט באַצאָלט דעם צענטראָספּירט קולטפּאָנד... דער יאַט!

— אַ פּערטל עמער האט ער מיסטאם אריינגעגאסן!..
— װעסט דען ניט, ער איז הונגעריק, זאגסטו — שיקער!..
— אז מ׳איז הונגעריק רעדט מען פון קעלט, ניט פון היץ!
— יא, יא! איר האט אף אים ראכמאנעס, ער איז טאקע טויט שיקער!
— זאג איך — טויט־הונגעריק!
— טראגט איר א כאמוט, ניט קיין קאלנער!
— און איר זענט אליין אן אייזל!
— װעל איך דיר געבן אין די ציין אריין!..
— און איך דיר אין אויער אריין!..
— בירגער מיליציאָנער... מע באליידיקט מיך!..
— שאַט, מע דארף אים אפּפירן אין שפּיטאל!
— רופט די גיכע הילף!
— די גיכע הילף! א! מע קען גיך שטארבן, און זי װעט ניט קומען!
— צום יארצייט װעט זי קומען!
— זי װעט גאר אינגאנצן ניט קומען, פארנומען...
— נעמט א פאַעטאָן...
— זיי װעלן פון דער בירזשע ניט אפּפאָרן...
— דער שטאטראט האט באפוילן, אז א מיליציאנער רופט, מוז מען פאָרן...
— אָט האָסטו דיר אן אדװאקאט האט זיך אפּגעזוכט...
— אמאי ביסטו א איזװאָזטשיק און װייסט גארניט...
— אמאי האסטו א נאז, װי בא א „ליאכע״...
— ביסט אליין א כאזער...
— דו ביסט א פּעמפּעק...
— דו — אַ באַטלען...
— װי האלט פון דיר דיין װייב אויס?..
— מע האָט זאַװולען אף א דװאוקאָלקע אװעקגעפירט אין שפּיטאל אריין...
דער „באגאזש״ איז געלעגן צונויפגעדרייט און געדרימלט...
ארויסגעגאן איז זאװול פון שפּיטאל אין זעקס װאכן ארום אן אויסגעמאגער־טער, אן אויסגעדארטער, א באװאקסענער. אװעקגעגאן איבער די הייזער:
— גיט א שטיקל ארבעט!
— ניטא!
— אָי, װיי איז מיר!
— נאט אייך א נעדאָװע!
— גאָט מיך היט, װאס רעדט איר?
און אנטלאפן, אװעק צום ט״יך — דארט איז איצט טויט, ס׳איז װינטער, נאך א „טאלטשאק״ איז דא, יידענעס פארש׳אלצװעטע פארקויפן הייסע לאטקעס,

פויערים פארכאלעמטע קוקן אין הימל אריין. מע קען קריגן א פארדינסטל, א געשעפטעלע!

— אַ מיסכערל!

— א שווינדל!

לאזט זיך שוין זאוועלע איבערן טאלטשאק, ער וועט עס פאקן דאס פארדינסטל, מיילע דער הימל איז ניט בא דער ערד, אז מע וויל קייען קוקט מען אף קיין כאכמעס ניט, יאגט ער, ווי א פארסאמטע מויז, שטופט זיך, רוקט זיך, טוטשעט זיך, נאר סע פידלט ניט. מע שטעקט ניט. מע גלויבט ניט. ווילסטו האנדלען, באוויז זיך מיט צורעס מאטבייע. אי! — שטייט זאוול און קראצט זיך:

— פע! בא אזא מאזל, שטייען די אקסן אונטערן בארג!

ניין, ער האט איבערגעפלאנטעט דאס ווערטל? מיילע, ער איז היינט דייקע פריילעך, ער איז געוואוינט צו גרעסערן הונגער: היינט איז דער ערשטער טאג נאכן שפיטאל, א מעסלעס ניט געגעסן — ס'איז קאבאק. ווער קוקט זיך אום. און פלוצלינג:

— אָי, בין איך א יאָלד! וואס טראכט איך?

— מע דארף פארקויפן דעם פאס, א גוטער, א לעדערנער! און קויפן אַ שטיקל זייף!

ס'איז אפגעטאן.

זאוועלע שטעלט זיך אנידער אנטקעגן דער שערעריי. אין א הילצערן בודקעלע, מיט אָפענע פענסטער די שערעריי. א פויערל גייט צו:

— אָפּגאָלן זיך וויפל?

— אַ גילן!

— און א צענער?

— גיי, גיי זוך דיר פאר א צענער!

לויפט זאַוועלע אונטער און ראמט אריין דעם פויערל א סאָד:

— קום, איך גאל פאר א צענער!

וואס איז שאיעך? ס'איז קלאר. זאוועלע איז ניט איינגעשטאנען, געלאפן, געכאפט קוינים, אונטערגעטאנצט, ווי זיין שטייגער איז, און די נאכט שוין געגעכטיקט אין א ווארעמען איינפאָרהויז, געקויפט א קארטל אנגעשריבן דעם ווייב:

— וויין ניט, איך וועל זיך מיט דיר זעען! מיר איז באשערט צו ווערן א שערער!

זאוועלען איז דייקע ניט באשערט צו זיין א שערער. ער גייט איינמאל איבער דער גאס. ער גיט א קוק:

— לייווי דער ווייסער!

— לייוואוניו, איך זוך דיך שוין וויפל וואָכן, דיין אדרעס ניט געוואוסט!
— זאַוועלע! א פּאָנעם האסטו...
— א שענערן באגראבט מען...
— וואס איז?
— ניטאָ קיין מאזל...
— וואָס דאַרפסטו מאזל... וואו ארבעטסטו?
— אפן טאַלטשאָק!
— אַ טענדלער!
— אַ שערער! א גאסן-שערער! א צענער א פּאָר!
— קיין בעסערס האָסטו ניט?
— איך האב טאג און נאכט געכאָלעמט, אז איך וועל דיך זען, ווע̇סטו מיך שוין ערגעץ פּריטולען?
— קום אריבער צו מיר וואוינען, וועלן מיר זען!

זאַוול, אז ער איז פריילעך, איז א מעכאַיע צו קוקן, עפּעס וואַקסט ער גאר אויס. עפּעס טאנצט ער אונטער און ער גייט אף די שפּיץ פינגער. איין כע־סאָרן האט ער — אַ מיסע געוואוינהייט: ער ווישט די נאָז מיטן אַרבל. לייווי האָט עס דערזען, האָט ער אים געזאָגט:

— הער נאָר, גוטער ברודער! האָסט קיין טיכעלע ניט?
— ווי האָט אַ הונט א שטוב און א „בעזראבאָטנע" א טיכעלע?
— נא, ליי ביי מיר!

אַ, זאוול האָט עס אַריינגערוקט אין צעריסענעם פּידזשאקל אריין דאָס ווייסע טיכעלע:

— לייוויק, ביסט דייקע א בלעכער, און דו האָסט א טיכעלע! אַי, וואויל איז דעם גאָגיד, און ווי איז דעם קאַפּצן!
— אָט האָסטו אַ נייע אַמעריקע! אַ נאָגיד בין איך!
— אַז דו האָסט אזא רייבער, ביסטו אן אוישער! ווען איך האָב כאָטש...

שאַ נאר! וואָס טוט בא דיר אַף דער וואנט אדי מאַכעשייפע?
— ווער?
— וואָס מאַכסטו זיך געפּייגערט. לייוויק דער ווייסער? אַ? איך מיין אָ־די שווערן מיינע! אָ! עסטערקע... זיין זאל זי שוין ווייסטו וואו... לייווי, פע! מעגסט זיך שעמען! נעמסט און הענגסט אויף עסטערקען איינינעם מיט לענינען, פע!

לייווי האָט די בלוילעך־ווייסע אויגן צעיאָגט, ווי מעשוגענע האָבן זיך די שווארצאפּלען אונטער די ווייסע ברעמען צעלאָזט, אָט־אָט וועלן זיי זיך באַ־האַלטן ערגעץ — ס'איז לייווין ניט צום האַרצן דער געשפּרעך, ער וויל איצט ניט רעדן וועגן עסטערקען, און ער וועט קיינמאָל עפּשער ניט רעדן וועגן איר

מיט זאַוולען. זי איז זאוולס א שוועגערן און זיינע א געוועזענע געליבטע, א געוועזענע! מע... מע! ווי מע וויל, קען מען טייטשן. אַז מע וויל, איז זי זיין איצטיקע געליבטע — ער האָט זי ליב עסטערקען, און אין פרייע שאָען, אַז ער איז איינער אַליין, טראַכט ער וועגן עסטערקען, טרוימט ער, און אַמאָל קייעט ער די ליפּן. ווער סע בייסט די ליפּן פאַר פאַרדרוס, ע קייעט זיי. און א פאַרדרוס איז אַ ווייטיקדיקער, ביזן מאַרכביין דערלאַנגט ער אָ־דער בייסיקער פארדרוס... נו, און דער ביזאָיען? ער דערזעט עמיצן פון זיין שטעטל, שעמט ער זיך קוקן אין פּאָנעם אריין.

איין וואָרט: ער האָט בא עסטערקען פאַרשפּילט אַ ליבע.

ער איז פון עסטערקען אוועק מיט גאָרניט.

ער איז געבליבן מיט א נאָז און אָן עסטערקען.

עסטערקען האָט לייווי ליב געקריגן פאַר אירע גאָלדענע האָר אין פאַר די ברוינע הענט אירע. און נאָך האָט ער ליב געהאַט איר געַנגל — זי גייט אין מיטן מאַרק און ס'הוידען זיך אזוי שפּילעוודיק אירע קליבעס: זיי קערן אויך זיין ברוינע די קליבעס אירע — אַ ברוין לייב און גאָלדענע האָר. אַ יעסוימע נעבעך, עסטערקע מיט די גאָלדענע האָר. וואָס איז שאיעך א יעסוימע? עפּעס איז זי א קינד? קיינאיינאָרע ניט! צוואנציק ז'האקאָם איז זי אַלט. נאָר וואָדען? ווער זאָל זי כאַסענע מאַכן? קרוינע די שוועסטער? פון זאַוועלעס פאַר־דינסטן זאָל מען זי כאַסענע מאַכן? נו, און די שטוב! די שטוב? ווער דאַרף אַזאַ האָרבאַטע שטוב? און וואָס וועסטו דאָרט טיילן אין שטוב? אַז בעסא־כאַקל איז דאָרט דאָ אַן אַלקער און אַ קיכל, די גרויס, ווי אַ הונט זיצנדיק. און אַז מע וועט פאַרקויפן די שטוב, ווי וועט זיך זאוול אהינטאָן? אַ? איז שוין עסטערקע פון נאַדן באַהיט, זי וועט אים שוין קיינמאָל ניט האָבן. און אָן נאַדן ווער וועט זי נעמען?

— ווער? לייוויק!

ער האָט טאַקע אַזוי געזאָגט:

— וואָס דאַרפסטו נאַדן?

נאָר מע דאַרף דערציילן אַלס פון אָנהויב. לייווי איז געווען מיטגליד פון יישעוו־ראַט. אין סעלבוד איז געווען אַ פאַרזאמלונג, נאָך דער פאַרזאמלונג האָט געזאָלט זיין א ספּעקטאַקל, איז מען זיך אָנגעלאָפן—קינד און קייט, לאָזט מען ניט אַריין. נאָר פויערישע יוגנט, זיי מעגן. מיטגלידער פון פאריין, זיי מעגן, קוסטאַרן, זיי מעגן אויך, נאָר:

— ... עסטערקע, האָסט ניט קיין וואלרעכט! ביסט ניט קיין „טרודאָוואָי־עלעמענט", זיץ אין דערהיים!

— וואָס בין איך שולדיק, אַז מיין טאַטע איז געווען א קרעמער!

— און וואָס זיינען מיר שולדיק?

— אַ כאָכמע! לאָז אַריין!

— מ׳האָט געהייסן: ניין, וועט זיין — ניין!

— אַ דאַנק דיר אין היטל פאר דער גוטער בסורע!

— נו, פאַרנעם זיך פון דאַנעט!

— אָבער די אוכאזשאָרקע דיינע האָסטו אריינגעלאָזט—זי האנדלט מיט זייף!

— קאָנסט רעדן צום באַלעק!

— פע! פע! אַ קאָמיוגיסט! אַ גאַנצער קנאַקער! און ער קויפט אונטער די אוכאַזשאָרקע מיט א בילעט אין סעלבוד! אַף צוקערקעס האָט ער קיין געלט ניט!..

ווען זי איז געגאַן צוריק פון סעלבוד האָט זי זיך באַגעגנט פלוצלינג מיט לייוויקס בליק. א לויפנדער, א דירעוודיקער לייוויס ווייסער בליק. עסטערקע האָט זיך פאַרשעמט, פאַרויטלט. איבערן בריק האָט זיך געהוידעט איר שלאַנקער קערפער. לייוויק האָט זיך אויסגעדרייט און איז איר נאָכגעגאַן. זי האָט לייווין ניט באַמערקט, געגאַן און עפעס געטראכט. איצט איז זי ניט געווען אזוי כוצפעדיק און אזעספּאָנעמדיק, ווי באַם סעלבוד... טרויעריק איצט דער ברוינער שטערן און די גאָלדענע האָר הענגען אומעטיק איבער די דינע ברעמען... צו יאָסלען, צום רויטן פעטער יאָסל, גייט איצט עסטערקע. ס׳אַרט זי ניט, וואָס זי מוז וואוינען באַ יאָסלען... מיילע, צוגעוואוינט. סע קימערט זי ווייניק, וואָס זי דאַרף די פאָדלאָגע וואשן און די קינדער צוואָגן... מיילע, צוגעוואוינט. ס׳אַרט זי און סע קימערט זי, וואס יאָסל וויל זי פארקנאסן פאר זיין אייגענעם זון, פאר אוויאָם דעם טאמעוואטע.

האָט ער, דער פעטער יאָסל, גענומען איינרעדן איר, אז מע דארף גאר ניט קיין נאַדן, מע דארף גאָר ניט קיין געלט, מע דאַרף נאר זיין א לייט. „אַ באַלעבאַטיש מיידל איז דער בעסטער נאדן" — טאינעט יאָסל. א כקירעניק דער רויטער יאסל. האט ער וויפל וואכן אף עסטערקען אפילע זיך ניט אומגעקוקט, און איצט זיצט ער מיט איר און כקירעט אָפּטמאָל. ער זאָגט גאָרניט, נאר עסטערקע איז ניט אזא נאַר, זי זאל זיך ניט אנשטויסן, וואָס ער מיינט. און אַוורעמל דער טאַמעוואַטע (אין שטעטל רופט מען אים „דער שטאָט־יאָלד") האָט גאר אנגעהויבן גיין מיט איר שפּאצירן אין וועלדל אריין. שטענדיק איז ער געווען אַ „דאָמאָסיד", נאָר מיטן טאטן, נאר מיט בעקאוועדיקע יידן געפירט שמועסן און איצט, ער גייט שוין גאָר אין וועלדל... מיט איר האָט ער געשמועסט וועגן אייגענעם וואס מיט די בעקאוועדיקע — וועגן מיסכער:

— אַ גוטער יאריד אין טערליצע געווען! פאר שניט זעט מען אזוינע יארידים ניט.

— וויאזאנקע גייט איצט! מע פאַרצוקערט ווי א רעשט!

— נו, און „מארקיזעץ"... דאָס איז א יידישע סכוירע! א וואגאָן, ווען מע ברענגט, סטייעט ניט.

אורעמל דער טאמעוואטע גרויסט זיך מיט זיינע יעדיעס אין מיסכער. ער גרויסט זיך נאָך מיט דעם, וואס ער איז א שניטקרעמער און דער טאטע איז א לעדערוואַרגער... און וואָס גייט עס אָן עסטערקען, אז ער איז בײַקי אין מיסכער? איז זי זיך מעכאַיע, וואס איצט, ווען זי גייט פון סעלבוד — איז ער אפן יאַריד און וועט ניט קומען נעכטיקן. גייט זי שוין אביסל א דערפרייטע צו דער טיר, און וויל זיך שוין נעמען פאַר דער קליאמקע, גיט מען זי א רוף:

— וואַרט, עסטערקע!

— לייווי?..

מ'איז דעם פאַרנאַכט אָפּגעזעסן אינצווייען אף א קלאָץ...

... לייווי זיצט אפן דאך און פראוועט דעם בלעך, ער קלאפט און ערגעץ קלאפט א ווידערקאָל נאָך... די זון באקט... דער שווייס רינט. אנטקעגנ־איבער אף אן אנדער שטוב שמירט פראָאים מאליער א דאך, איז מען זיך ביידע מעכאיע, וואס מ'איז ניט עלנט איבער די שטויביקע, הייסע דעכער:

— לייווי, סע סמאלעט!

— א... א סרייפע!

— לייווי, סע פרעגלט!

— אַי... א ליילעך דאַרף איך, א האנטעך איז ווייניק!..

— לייווי... די זון וויל ניט פארגיין!..

— זי וויל ניט!

— דער טאג איז גרעסער פונם גאָלעס!..

— אַי..

— לייווי, האסט געהערט? די ארבעטשול וויל מען איבערדעקן!

— גוט...

— און שמירן וועלן מיר זי אויך!..

— מירן נעמען, מירן זיך ניט אפזאָגן!..

— מע וויל די אַרבעט אָוועקגעבן די קוסטארן!..

— און וואו איז דער פאריין?

— איך פרעג דיך?.. דו ביסט אופאָלנאָמאָטשענע.

— פאַרלאז זיך אף מיר!.. כ'ין ניט פאַרשלאָפן, איך...

פראָאים קוקט זיך אום, לייווי איז שוין אף דער ערד, ער לויפט מיט א קעסעלע:

— לייווי, וואָס איז?..

— דער בלעך ברינט אין די פּאָדעשוועס, ניט אויסצוהאלטן, גיי איך נאָך וואסער.

געגאַן איז לייווי נאָך וואַסער דערפאַר, ווייל ער האָט דערזען, אַז עסטערקע איז באַ דער קרעניצע.

זי האָט אים געזאָגט, אָנגעבויגן איבער דער קרעניצע:

— פאַר נעכטיקן שפּאַציר האָב איך געכאַפּט א פּסאַק...

— ווען זשע זע איך דיך?..

— בא דעם „קאָזאַקס״ כאַטע אַף דער לעוואַדע... וועל איך נע־מען מילך...

— האָסט געזאָגט, ביסט ניט פאַרקויפט, דו ביסט אַליין פאַר זיך ב...

— דער שטאָט-יאָלד גייט מיר פאַרנאַכט נאָך טריט באַ טריט...

האָבן זיך עסטערקע און לייווי געמוזט באגעגענען אלע טאָג באַם „קאזאַק״ אַף דער לעוואַדע, וואו מע פאַרקויפט מילך. לייווי האָט אַפילע געפרעגט:

— וואָס הייסט עס? מע קאָן מיינען, אז מיר לעבן פאַר כמעלניצקיס צייטן? עפּעס מוזן מיר זיך פאַרבאהאַלטן פאַר אַ וועלט?

האָט עסטערקע כיינעוודיק געענטפערט:

— וועט מען זיך דערוויסן באַם פעטער יאָסל אין שטוב, בין איך פאַרפאַלן פוןביידע וועלטן!.. דער לעקיש, אַוורעמל, וועט מיך פון יענער זייט שוועל ניט אַרויסלאָזן...

— פאַר אָט דעם טאַמעוואַטע שווינדלער האָסטו מוירע?

— איך עס זיין ברויט... זייער ברויט!

— אומזיסט? שפּיי זיך אויס אף זיי, גיי אוועק פון זיי!

— וואוהין דען וועל איך גיין!

— באַזעץ זיך באַ קרוינען!

— זי שטאַרבט אַליין זעקס מאָל אין טאָג פאַר הונגער!

— איכן דיר געבן צושטייער!

— וואָס איז עפּעס?

— און נאָכדעם... נאָכדעם וועלן מיר...

— אָן נאַדן וועסטו מיך נעמען?..

— וואָס דאַרף... דאַרפסטו נאַדן?

אַז לייווי ווערט אין קאַאַס, ווערן די ווייסע ברעמען געל, און די לויפנדע אויגן ווערן צעבויטעט, ס'איז אַ פאַכעד אף אים א קוק צו טאָן. אַז ער האָט דערהערט דאָס וואָרט נאַדן, איז ער אויך ווילד געוואָרן, געפּינעט, געשאָקלט מיטן ווייסן קאָפּ, א שרעק.

— נאַדן גאָר! מע פאַרקויפט זיך גאָר! מע האַנדלט! נאַ דיר אַזאַ מאָדע! דו האָסט הענט? דו ביסט געזונט, וועסט קאָנען פאַרדינען... דער בעסטער נאַדן! דער בעסטער!.. א מיידל!.. פון נאָך דער רעוואָלוציע א מיידל... און רעדט פון נאַדן...

עסטערקע האָט זיך דעם אָפּדערנאַכט געדויעט, באַרויגעז געווען. נאָר אף מאָרגן איז מען שוין שאָלעם געוואָרן.

און איינמאָל — א גליק, א סימכע, עסטערקע האָט געטאַנצט פאַר פרייד — לייווי וועט היינט קומען צום פעטער יאָסל אַף לאַטקעס.

— אינמיטן זומער לאַטקעס?

אַז מע דאַרף, איז קיין טערעץ ניט. יאָסל דער רויטער האָט טאָקע געדאַרפט זיך אונטערכאַנפּענען לייווין. וואָס איז אַזוינס?

— דער אַרטעל!..

דעם געדאַנק וועגן דעם אַרטעל האָט אויפגעהויבן לייווי. ער האָט צונויפגערופן די גאַרבערס און האָט זיי געזאָגט:

— ביז וואַנעט וועט איר זיך מוטשען מיט א געגאַנוועט פּעלעכל? וואָס דאַרפט איר האָרעווען „קאָנטראַבאַנדע"? טרייף? אז איר קאָנט מאַכן אַן אַרטעל, באַקומען סכוירע פון „באַנק" און אָפּגעבן די אויסגעאַרבעטע סכוירע אויך אַהין?

ס'איז געפעלן. ס'האָט זיך אַף מאָרגן גערעדלט:

— אַ זאַך!

האָבן זיך די לעדער־סאָכרים גערויגעזט:

— מע וועט די סכוירע אָפּגעבן דעם „באַנק", און וואו זיינען מיר?

— מע וועט מער צעגאַנוועט, ווי פאַרדינען!

— וואָס פאַר א דייע האָט א בלעכער איבער גאַרבערס?

— ער איז א „טשלען", א אויסגעקליבענער אין באַנק?

— אזוי? ווער האָט אים געקליבן?

— קיינער ניט! דער קאָמסאָמאָל האָט געזאָגט: מיר דאַרפן אונזערע אויך אין „פּראַוולעניע", האָבן מיר געטאָן די טויווע... נאַט, אַבי שווייגט!..

— יאָסל! וואָס זאָגסטו? אַ? מיר האָבן עפּעס געגעבן צו לייזן די גאַרבערס ניט איין גראָשן? וואו איז יושער? וואָס?

קוקט מען יאָסל כקידעניק אין מויל אַריין. יאָסל רוקט אַרויף דאָס היטל:

— אַן אַרטעל, זאָג איך, איז א ווארילע זאַך! א קלוגע זאַך! א סייכל גאָדל. טפו אף דיר, און אַף דיינע און מיינע סאָנעמס קעפּ! יאָסל באַלכקירע! אָט האָסטו דיר דעם לאַמדן!.. ער מוז נאָר... מיטן גראָבן פינגער, א באַלכקירענעק א ווערימדיקער!.. גיי, מאַך מיט אים יאַדאַכעס! מיט א יידן איז נאָר גוט קוגל עסן, אי דאָס ניט פון איין טעלער!

רעדלט זיך ווייטער: די גאַרבערס, די רימערס, די שוסטערס, אלע האָט זיי לייווי אָנגעזאָגט דעם סוד:

— אַרטעל!

א טאָג און צוויי, מע זעט שוין גאָרניט יאָסלען, ווער קוקט זיך אַרום? און די לעדערוואַרגערס שווייגן שוין גאָר!.. נאָר ווער קוקט זיך צו: זיי שווייגן, צי ניין?

און אַז יאָסל איז שוין דעמאָלט צוריק געקומען פון דער סטאַנציע, האָבן ווי שטענדיק געקלונגען די באַלעגאָלישע גלעקער, מ'איז שוין צו זיי געוואוינט און מע קוקט זיך ניט צו, נאָר היינט שפּרינגען אָבער אונטער עטלעכע לע־דער־הענדלער צום באַלעגאָלע:

— יאָסל, נו? מאַ כאַדאָשעס?

— יידן, וואָס האָט איר קיין צייט ניט? אַנטלויפט פון מיר! איר וועט קאַ־ליע מאַכן דעם גאַנצן אייסעק?

שפּרינגען זיי אָפּ...

און אָט האָט יאָסל פאַרבעטן לייווין אף לאַטקעס אינ:יטן זומער.

לייווי האָט זיך צוערשט פאַרטראַכט:

— וואָס וועט מען זאָגן אין קאָמסאָמאָל? איך גיי צו א נאָג׳יד אין שטוב אַריין?

— און ווער גייט ניט צו קיין „באַלעבאָס" אין שטוב אַריין? אין שטעטל קען מען דען אנדערש?

— אָבער...

— „אָבער" אַהין, „אָבער" אַהער... עסטערקע וואוינט בא יאָסלען...

עסטערקען האָט לייווי אין צימער ניט געטראָפן, ערגעץ אף דער קיך ווייזט אויס. יאָסלען האָט ער געטראָפן. יאָסל איז גאַסטפריינטלעך:

— זיץ, לייווי!..

יאָסלס ווייב איז אַמאָל געווען א שוואַרצכיינעוודיקע, היינט איז זי גלאַט א שוואַ־צע, א לאַנגע, מיט א פאַטשיילע אף די ניטצעקעמטע האָר, זי מישט זיך אויך:

— קיינאַנאָרע ניט, לייווי! ביסט אויסגעוואַקסן, ווי לאַנג האָב איך דיך אף די הענט געטראָגן?

— איר מיך?

לייווי איז טאַקע בעעמעס פאַרוואונדערט. ניין, ער גלויבט גלאַט, אַז ס'איז אַ ליגן. זיין טאַטע איז געווען א בלעכער, זיין מאַמע פון באָנדערס און יאָסל איז געווען בא זיך גרויס:

— יאָסל פּאָלאָנסקע, א לעדערוואַרגער!

יאָסעלעכע, זי איז גאָר א מעיוכעסעס:

— פון די קאָטליאַרס, פון די אָכרימעווער שטאַמט זי!

און די דירע אירע איז גאָר מיט אַ געשניצטן גאַנעק, אַריינלאָזן אַמאָליקע יאָרן האָט זי, זאָגט מען, אַריינגעלאָזט פּראָסטן אוילעם נאָר אף דער הינטער־טיר — ווי זשע קומט זי האַלטן לייוויניון אַף די הענט?

אַ ליגן! זי זאָגט אַ ליגן!

נאָר וואָס גייט עס אים אָן, ער וואָלט אַ באַלן געווען זען עסטערקען. מע זעט זי אָבער ניט. זי קומט נ׳ט. קומט אָבער אַוורעמל.

— אָ, טאָוואַרישטש לייווי!..

ער קאַלופּעט מיט די אויגן דער טאַמעוואַטע אַוורעמל. ער האָט מוירע פאַרן טאַטן אַוורעמל דער סוטולעוואַטע. באַם טיש זיצט ער, גיסט מען יעדן אָן טיי און אים ניט, ער קען אויסוואַרטן. אז דער טאַטע איז ניטאָ, איז ער א גוריסער גאַדלעניוק, און איצט אַ פּיפּס הערט מען פון אים ניט.

יאָסל האָט אויסגעטאָן דעם פּידזשאַק, פאַרקאַטשעט די קויטיקלעכע אַרבל (אין קלייען די האָריקע הענט זיינע) און איז מעכאַבעד:

— אַ גלעזל טיי איז אַ סגולע צו הייסע רעטשענע לאַטקעס, סע שווענקט אויס דעם בויך!..

„מ'האָט געדוכנט", ווי יאָסל האָט געזאָגט שפּעטער, היפּשע עטלעכע שאָ. נאָר, אז ס'איז געקומען צום ביסל בראָנפן, האָט לייווי אָפּגערוקט דאָס קורצע קעלישעקל:

— איך טרינק ניט!

— ווי קען עס זיין?

— ווי סע קען זיין? יעדער פרעגט די אייגענע פראַגע. אפילע כעוורע בעל־כערס. איין מעלאָכע, איין פאַרנאָסע. קלויבט מען זיך צונויף: אָן אַסיפע, אַ סימכע.

— לעכאַיעם, לייווי!

רעד צום דאַשעק. ער טרינקט ניט. קיין נאָזיר איז ער ניט, קיין „פאַרעוו־דיקער" אויך ניט, נאָר ער טרינקט ניט.

— איין קעלישעקל! א פינגערוט, צוליב א בראָכע! יענעם ניט נויגייע קאָוועד זיין, נעם!

— ניין!

— מיר זיינען עלטער פון דיר! מיר האָבן אזוינע אייניקלעך, ווי דו!

— ניין!

יוגנט מאַכט ער אַמאָל „א קויסע".

— שטיי ניט אָפּ פון קאַמפּאַניע! גיב אַ זיפּ!

— ניין!

— גרויסט זיך, ווילסט ווייזן, דו ביסט אן אויסגעהאלטענער קאַנדידאַט פון פאַרטיי?

— איך וויל גאָרניט ווייזן!

— ס'ט פון דיר אָפּפאלן א שטיק? מאַך ניט קאַליע די „לי־אַמע"!

— ניין!

מ'איז שטענדיק דערפאַר אף אים באַרויגעז, און ער, — ער טרינקט ניט. איצט האָט עס יאָסלס פלענער צעשטערט, דער קלייענדיקער שטערן יאָסלס האָט געפּריעט. נאָר ער האָט סאָף קאָל סאָף מעשאַלייעך געווען אַלע פון

צימער, זיך צוגערוקט צו לייווין, איינגעאָטעמט אַ הייסן אָטעם אין לייוויס ווייסן אויער.

— וויפל פאַרדינסטו אַ כּוידעש?

לייווי האָט דערפילט, ס'איז עפּעס דאָ ניט גלאַט, מע דאַרף אַוועקגיין. נאָר ווי קען מען זיין אַ גראָבער יונג און אָנשפּייען יענעם אין פּאָנעם אַריין באַ יענעם אין שטוב נאָך? אַ? נו, און עפּשער וועט פּאָרט עסטערקע אַריינגיין? ענטפערט לייווי, ניט קוקנדיק אַף יאָסלען:

— ווי אַ כּוידעש?

— פונדעסטוועגן, וויפל טראָגט עס דיר אַרום און אַרום?

— איך ווייס? מיסטאָם צ״ן, צוועלף קערבלעך אַ וואָך!

— און מוטשען, מוטשעט מען זיך גוט?

— וואָדען, מע לעקט האָניק?

— וואָס זשע פּעלט עס דיר? קענסט ניט לעבן ווי גאָט אין אָדעס? באַ דיין קלוגשאַפט, באַ דיין געניטקייט! און דאָס פאַרנאָסע־ביכל אין קעשעניע?

— וואָס? וואָס מיינט איר?

— איך מיין, אַז וואָס זאָלסטו זיין אַ בידנע בלעכער, קאָנסט זיין אַ „פּרעד־סעדאַטעל אַרטעלי״?

— וועלכער אַרטעל, וואָס רעדט איר? עפּעס רעדט איר פאַרשטעלט!

לייווי האָט די לויפנדע אויגן, ווי זיין שטייגער איז, צעוויגט. ניט איינגע־זעסן, ס'האָט געסקריפּעט דאָס בענקל און יאָסל האָט געסאַפּעט, אוועקגעלייגט אַ גרויסע רעדע, אַ כקירעלע און אַ כאָכמעלע. אָפּגעגאַן מיט שווייס:

— .. ניין, כ'וויל שוין קיין סויכער ניט זיין! אז מיר האָבן יאָ דערלעבט ראַטנמאַכט, מע קען פאַרדינען געלט ביעגיעס קאָפּעכאָ, פון די אייגענע הענט עסן ברויט און טרינקען טיי! אַז מע דאַרף שוין ניט באַרען און נאַרן, און שווינדלען, און דרייען... מע קען קאָשער פאַרדינען אַף שאַבעס... איז פאַרוואָס ניט...

— לייוויס ווייסלעכע אויגעלעך לויפן:

— וואָס מיינט ער?

יאָסל, ער טוט זיינס, ער שיט און פאַרלויפט לייווין דעם וועג, ער גייט צו זיינעם:

— ...מיר ווילן מאַכן אַ האַרבארישן אַרטעל... און דו זיי „פּרעדסעדאַ־טעל״. אַ הונדערטער אַ כּוידעש!..

יאָגן שוין ניט ארום די אייגעלעך לייוויס, און שטיין קאָנען זיי אויך ניט, הענגען די ליכטיקע שוואַרצאַפּלען און הוידען זיך... יאָסל דערפילט: ניט קיין גוטע בסורע אין די ווייסע אויגן...

— רעב יאָסל...

— נו!

— איר וועט קיין אַרטעל ניט מאַכן...

קוקט יאָסל אין לייוויקס ווייסע אויגן, און דערזעט פּלוצלינג; ער האָט פאַרשפּילט, רייבט ער די הענט און זאָגט מיט אַ צאַלאָכעס־קאָל:

— מיר האָבן שוין געמאַכט!.. כע, כע!

ער האָט טאַקע פאַרשפּילט דער רויטער יאָסל... לייווי וועט באַ אים פאַר־זיצער ניט זיין, גיסט ער זיך אָן מיט גוסט דער רויטער יאָסל, ער נעמט אַרויס דעם טייסטער:

— אדאָ! אַדאָ! אדאָ ליגט דאָס פּאַפּירל! פון „אָקרוג”! דאָרט אין שטאָט דאַרף מען אייך אַף קאַפּאָרעס! מיט קיין יונגאַטשעס האַנדלט מען ניט! מיט אונז! מיט אונז! פון אונז קען מען עפּעס האָבן!.. און פון אייך וואָס וועט מען האָבן... רעדעס... „דאַ זדראַוועסטוואויעט” וועט מען האָבן... רויטע פאַנען... גאַליפע... מאַמזיירים גאַנצע פאַלקן... אָבער „פּריביל”... פון אונז... און מיר האָבן אַן אַרטעל... איר וועט זיך קראַצן און טראַכטן... יאָ צי ניין... מע דאַרף צי מע דאַרף ניט... און מיר האָבן שוין אַן אַרטעל... לעכאַיעם, זאָל זיין אין אַ גוטער מאַזלדיקער שאָ!..

— רעב יאָסל! מיר האָבן זיך נאָך מיט די אונטערשטע שורעס ניט באַ־וויזן... מירן נאָך זען... איך וויל אַרויסגיין דורך דער קיך... דורך דער הינטער טיר, אין יענער סוטקע...

— נו, גיי! דאַרפסט אַ שוימער?.. לייווי, געב אַ טראַכט... איך האַלט וואָרט...

— האַלט!... האַלט!..

אין קיך האָט לייווי געבעטן אַ שוועבעלע, עסטערקע האָט זיך פאַרשעמט, פאַר־דעקט דעם פּאָנעם מיטן קיך־פאַרטעך, קיין שוועבעלע אָפּצעלאָכעס ניט געגעבן.

לייווי איז געווען מעוואוּלבל, אַרויסגעפלויגן אַן אָפּגעפּאַרעטער פון קיך אין סוטקע אַריין, אַוועקגעלאָפן אַף דער גאַרבערישער גאַס.

פון דער גאַנעק־טיר איז אַרויסגעפלויגן אַ צעקאָכטער יאָסל, אַוועקגעלאָפן אין מאַרק־גאַס, צו די לעדערוואַרגער.

ביידע האָבן אין די לאַטקעס פאַרגעסן...

ביידע זיינען די נאַכט ניט געשלאָפן... לייווי האָט די גאַרבערס איצט ניט געקענט זאַמלען און דער קאָמיוג־אַקטיוו אויך ניט — באַנאַכט! יאָסל אָבער האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געסוידעט מיט די לעדערוואַרגערס און מיט רואוועלע פּאָטשטאַר — אַ גאַרבערל, אַ זשוואַווע, קאַרנאָסע יונגערמאַנטשיק, ער גייט אַרום אין דרויסן אין זשילעט מיט די ווייסע ארבל...

יאָסל האָט ווידער ניט געסטייעט. אַוועקגעפאָרן. לייבעלע באַלעגאָלע האָט אים אוועקגעפירט צו דער סטאַנציע... לייווי און פראָאים זיינען אַוועקגעגאַן

אַפֿן דאָרף דעקן און שמירן דעם דאַך פֿון דער אַרבעטס־שול, ווייסן זיי ניט, וואָס אַף דער גאַרבער־גאַס טוט זיך. אַף דער גאַרבער־גאַס איז לעבעדיק, פֿריילעך. אַף דער גאַרבער־גאַס רעדלט מען זיך, מע טאַנעט און מע קריגט זיך, מע כקירעט און מע היצט זיך.

— ראוועלע פּאָטשטאַר האָט „געעפּנט״ אַן אַרטעל?

— וואָס עפּעס ראוועלע? ווער האָט עס אים געהייסן? ווער האָט אים געבעטן?

— ווער דאַרף אים בעטן? ער האָט זיך אַליין געבעטן!

— ביטן האָט ער? די ריטשקע איז באַ דער האַרבאַרנע! איצט האָבן די לעדערוואַרגערס אַריינגעלייגט די פּויטעקע! וועט זיין כריין צו די פּיש!

— וואָס דאַרף ער די לעדערוואַרגערס? ער האָט אַליין עפּשער דריי טויזנטער אַף פּראָצענט!

— אַליין וועט ער זיך קיין אַרטעל ניט זיין! ניט ווייניקער, ווי זיבן איז אַן אַרטעל!

— קען מען שוין קיין זיבן גאַרבערס ניט געפֿינען? מע דאַרף שוין יאָסל דעם רויטן קרוינען פֿאַר אַ גאַרבער?

— און פּערעץ דוכאָוונע איז שוין אויך אַ גאַרבער!

— אַ מאָשל, ער וועט פֿירן די כעשבוינעס! אַ בוכהאַלטער!

— ס'זאָל אים שוין האַלטן באַם בויך! אַז ער האָט זיך אַריינגעמישט, וועט שוין זיין רעכט!

גייען אַרויס פֿון אַ סוטקע ראוועלע פּאָטשטאַר און פּערעץ דוכאָוונע. ס'ווערט שטיל, מע קוקט אַף זיי פֿון אונטער ברעמען, מע באַטראַכט זיי. וויפֿל יאָר ראוועלע איז שוין גאַרבער. שוין אַוואַדע אַ יאָר צען, שטענדיק גייט ער אין די קויטיקע ווייסע אַרבל איבערן גאַס, און איצט באַטראַכט מען אים, ווי אַ פֿרעמדאַראָפּגעפֿאָרענעם. איז שטיל, נאָר אַז ער גייט דורך פֿרידל רימער, קען זיך פֿרידל ניט איינהאַלטן:

— שטיי נאָר, ראוועלע!

— נו!

זיי רוקן זיך איינער אַפֿן צווייטן און גיסן זיך אָן. ראוועלע רוקט אונטער אַ פּלייצע אין פֿרידלס פּאָנעם:

— ביסט שוין אויך אַ גאַרבער!

— איך בין פֿאַר דיר גאַרבער!

— און איצט ביסטו אַ רימער! קרענק באַ דער ראָמאַשטשינע!

— מיט סאָכרים האָסטו געמאַכט יאַדאַכאַס! אונזער בראַנזשע גאַרבערס האָסטו פּאַרקויפֿט פּערעצן דעם ראַבינער?

— פֿרידל גאָי! ווער ביסטו, וואָס דו זאָגסט מיר אַ דייע!

— איך בין אַ קוסטאַר, גלייך מיט דיר!
— וואָס זשע ווילסטו?
— וואַרף אַרויס די סאָכרים און נעם אונז אַריין!
— האָלאָדראַנצעס! האָסט צוויי טויזנטער אַף אַריינצולייגן?
— און מיט צוויי הונדערטער וועסטו זיך וואָרגן?
— וואַרג זיך דו מיט דיין ווייבס נאַדן! זי האָט זיך קאָם צעבראָכן, אים געגעבן אַ ריישער! שלימאַזל...
— רואוועלע! דיין אַרטעל וועט פייגערן, איידער ער וועט נאָך געבוירן ווערן!
— אַזוי זאָגסטו?
— יאָ! . מעגסט עס פארשרייבן!

און אַז יאָסל דער רויטער האָט פאַרטאָג געבראַכט דעם ערשטן טראַנספּאָרט פעל, איז קיינער בא דער הארבאַרניע ניט געווען, נאָר פרידל. פרידל האָט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט. דאָס ווייב איז שוין אין די היפּשע כאַדאָשים, און ער האָט נאָך ניט קיין פּאַרנאָסע. רימערריי גייט נאָך ניט, צו גארבערריי לאָזט מען אים ניט צו. איז בעפּיירעש שלעכט, האָט ער די הארבארניע. און אַז יאָסל איז אָנגעקומען מיט די פעל, איז ער צוגעגאַן און ארופגעלייגט די האַנט.

— אונזער „וואָלאַסט", אונזערע פעל!
— ביסט שיקער!
— פארקערעווע די פעל צום ראַט! ס'איז טרייפע פעל!
— איך האָב זיי געגאַנוועט?
— האָסט זיי אויסגעמאַנטאַטשעט?
— הער, פרידל, קום וועלן מיר שמועסן!
— וואָס שמועסן, ווער שמועסן? די פעל פיר אין ראַט אַריין!
— הער, מירן עקן, מירן דיר אָפּגעבן דיינס!
— אַ „טשלען ארטעל" וויל איך זיין...
— נו, גוט! קום שמועסן...

זיי זיינען ביידע אוועקגעגאַן אין די גאַסן און געשמועסט. יאָסל האָט אים געפירט און ער איז נאָכגעגאַן, יאָסל האָט געכקירעט און געדאַרשעט, פרידל האָט אקשאָנעסדיק געשריגן:

— איך וויל זיין אַ „טשלען אַרטעל"!..

מ'האָט זיך ניט דערעדט... פרידל איז געקומען צולויפן, זיינען שוין די פעל אף די פירן ניט געליגן, אונטערן שלאָס זיינען די פעל געלעגן, דער שליסל איז געלעגן באַ רואוועלע פאָטשטאַר אין זשילעט-קעשעניע.

איז פרידל אומגעלאָפן צו לייווין, אַראָפּגעריסן פון בעט:

— איר ליגט, ווי קייסעריאַים, און דאָרט ראַבעוועט מען אונז!

לייוויק האָט אויסגעהערט די גאנצע געשיכטע און איז אראָפּ א אָפּגעפּא־רעטער פון בעט:

— מ'האָט אונז אָפּגענארט!

פרידל איז געשטאנען איבער אים, ווען ער האָט זיך אַנטקעגן דער זומער־דיקער ערשט אופגעגאַנגענער זון געוואשן:

— איך האָב מוירע ס'איז פארפאלן!

— גיי וועק אויף די יאטן! רוף צונויף אַ זיצונג פון ראט, און א זיצונג פון „באנק"!..

— ביידע איניינעם?

— ביידע שוין! ווער ס'וועט זיך פריער צונויפזאַמלען, וועט פריער האָבן די זיצונג!

ס'האָט זיך פריער צונויפגעזאַמלט די פארוואלטונג פון ליי־און שפּאָר־קאַסע. זיי זיינען געקומען פאַרסאָפּעטע, צעשויבערטע, מיט פעדערלעך אין די ניטצעקעמטע האָר:

— וואָס איז? וואָס האָט זיך געטראָפן?

— זיצט!

— כ'האָב נאָך קיין טיי ניט געטרונקען!

— זי וועט ניט אַנטלויפן די טיי!

— דאָס ווייב וועט ניט וויסן, וואו איך בין אהינגעקומען!

— ס'וועט איר ניט שאַטן!

— דאָס גאנצע שטעטל איז אויפגערודערט! מע מיינט אן אומגליק עפּעס!

— ס'וועט זיי ניט שאַטן!

מ'האָט אָנגעהויבן. לייוויקס אייגעלעך זיינען אַרומגעלאָפן, אף פערעץ דו־כאָוונעס געל־געגאָלט פּאָנעם זיינען זיי אַלע רעגע געשטאנען. פאר די אַלע האָט לייוויק קיין מוירע ניט, פאר אים „מיטגלידער פון ליי־און שפאר־קאַסע־פאַרוואַלטונג", ער וועט זיי צעבייסן. נאָר פערעץ אבראַמאָוויטש, דער געשוואוירענער בוכהאַלטער אין שטעטל, ער קען אַרויסוואַרפן אַ "שטיקל" זאָל מען ניט וויסן, ווי מע האַלט...

שווייגט ער דערווייל דער בוכהאַלטער, און לייוויק האָט קיין צייט ניט:

— איך פאָדער!.. אז, מיר פאָדערן!.. אז די פאַרוואלטונג זאָל ארויס־טראָגן א רעזאָלוציע...

— אַ רעזאָלוציע!..

— א באַשטימונג וועגן דעם. אז מיר, די היגע ליי־און שפאר־קאַסע...

— ליי־און שפּאָר־קאַסע!..

— אַנערקענט ניט...

— וואָס הייסט עס?..
— פּריזנאַיעט ניט...
— פּריזנאַיעט ניט...
— שמועל קושניר, וואָס כאַזערט איר מיר איבער?.. איך קען אַליין ניט...
— ער קרומט אומיסטן נאָך.
— ס׳איז אַ נאַטור אַזאַ בּאַ אים — נאָכבּאַמבּלען...
— כאַוויירים! איך רעד דאָך, רייסט ניט איבער!.. די היגע ״יי״-און שפּאָר-קאַסע וועט ניט געבן דער נייער גאַרבערישער אַרטעל קיין פעל, קיין עקסטראַקט און וועט ניט צונעמען די סכוירע...
— די סכוירע!..
— ווייל מיר מיינען, אַז ס׳איז אַ בּינטל ספּעקוליאַנטן, ניט קיין אַרטעל...
— אַרטעל...
— אַדאָס דאַרף מען אָנעמען, און דער פאָר״יצער פון פאַרוואַלטונג דאַרף עס אויספילן!..
— אויספילן...
איז שטיל, און ס׳וואָלט נאָך שטילער געווען, נאָר דער אָבער, וואָס זיין ווייב „וועט ניט וויסן, וואו ער איז אהינגעקומען״, ער סקריפּעט מיטן צעפּאָרענעם בענקל, צערייצט עס פערעץ אבראַמאָוויטשן, ער איז אַ „נערוונע״, פערעץ אַבראַמאָוויטש, אַ ברעם דריגעט זיך בּאַ אים, אַז ער בּייזערט זיך. בּרעמען האָט ער שיטערע — געציילטע הערעלעך, און אונטער די שיטערע בּרעמען סטי־נען אויגן, אָן אַ קאָליר זיינע אויגן, ווייזט זיך שטענדיק אויס, זיי זיינען פאַר־מאַכט. לייוויק גיט אַ קלאַפּ מיט דער בּרייטער בּלעכערישער האַנט איבער אַ קאָנטאָרסקע בּוך:
— נו, איר נעמט אָן?.. איך מיין, אַז אַנדערש קאָן מען ניט...
פערעץ אַבראַמאָוויטש קנייטשט געשווינד מיט די שמאָלע פּלייצעס:
— פאַרטאָג אַפן ניכטערן הארצן קען מען זיך ניט יישעוון... מע דאַרף בּאַ־טראַכטן...
— ס׳ע ווארט אַ זיצונג פון ראַט... און... אַנטשולדיקט, כאַווער, איר זיינט ניט קיין מיטגליד פון פאַרוואַלטונג...
— איך בּין אַ „טשלען סאָיוזאַ״, גלייך ווי איר...
— איר האָט ניט דאָס וואָרט...
— איר זיינט ניט פּרעדסיעדאטל...
— מירן אייך בּעטן פאַרלאָזן די זיצונג...
שטייען אויף אַלע פון די בּענקלעך:
— וואָס האָט מען אונז פאַרטאָג אַראָפּגעריסן פון די בּעטן? מיר זאָלן זען, ווי איר וועגלט זיך?

— טאַקע, וואָס זיצן מיר דאָ? מע דאַרף לייוויקס רעזאָלוציע אָננעמען און „בּאָרעך שעפּאָטראַני״... אַראָפּ פון מארק!..

— וואָדען, פאַרשרייב: מיר זיינען מאַסקים... ווער ווייסט דען ניט, אַז יאָסל דער רויטער איז א ספּעקוליאַנט...

לייוויק רוקט שטיל אָפּ דעם פאַרשלאָפענעם פאָרזיצער און גיט, אַ קלאַפּ אין טיש:

— ווער איז פאַר מיין פאָרשלאַג?..

באַ פּערעץ אַבּראַמאָוויטשן דריגעט זיך אַן אַקסל, אַ עלנבויגן, און די „נערוו־נע״ ברעמען טאַנצן:

— אַז איך האָב אַ פּאַפּירל פון „בּאַנק״ פון אייערן, זיי האַלטן אונטער אונזער „כּאָדאַטאַיסטווע״...

— ס'איז אַ ליגן... ווייזט...

— ס'איז אין אָקרוג... נאָר איך זאָג אַ ליגן?..

פּערעץ אַבּראַמאָוויטש האָט זיין טאַנצנדיק פּאָנעם אויסגעקערעוועט צום פאָר־זיצער!

— איך האָב אַזאַ פּאַפּירל, צי ניין?

— יאָ!

לייוויק איז צוגעלאָפן צום פאָרזיצער:

— ווער האָט עס אונטערגעשריבן?

דער פאָרזיצער „מעמלט״ עפּעס, קוקט ניט אין פּאָנעם אריין, דעם סעקרע־טאַר האָט זיך פּלוצלינג פאַרגלוסט אין דרויסן אַרויס...

לייוויק גיט ווידער אַ קלאַפּ איבּערן קאָנטאָרסקע בוך:

— ווער איז דערפאַר, אז מע זאָל אָפּשאַפן דאָס פּאַפּירל און אָננעמען מיין רעזאָלוציע?..

— רעזאָלוציע!..

שמועל קושניר, וואָס האָט א טעווע איבערכאַזערן יעדעס וואָרט, הויבט אויך די האַנט פאַר לייוויקס פאָרשלאַג... דעם סעקרעטאַר, אַז ער איז אריינגע־גאַן האָט לייוויק אוועקגעזעצט באַם טיש:

— שרייב!..

אַ איילעניש, אַ כאַפּעניש, לייוויק שטייט ניט, רוט ניט. ער שפּאַנט פון וואַנט צו וואַנט, ער וואַרט, אַז דער סעקרעטאַר זאָל גיכער שרייבן... די גאַרבערס מיט פרידלען דרייען זיך אום, די קאַנצעליאַריע טומלט...

נאָר פּערעץ אַבּראַמאָוויטש זיצט שטום באַ דעם אָפענעם פענסטער און „קאַ־לופּעט״ מיט די אויגן, ער בּוירעט עפּעס אין מויעך...

די זיצונג פון ראַט האָט לייוויק ניט געטראָפן:

— שווער צונויפנעמען, ווער ס'איז געווען איז זיך צעגאַן...

— שרייב א באַשטימונג:

פאַרכאַסמענען פּאַטשטאַרס הארבארניע, גיב עס איבער די „וויקאָנאַוו־צעס"...

— מיר אַליין וועלן באשטימען?..

— דו גיי צו די „וויקאָנאַווצעס" און איך וועל גיין נאָך די כסימעס...

לויפט לייוויק איבער די געסלעך מיטן פּאַפּיר און זאַמלט כסימעס בא די מיטגלידער פון ראַט... קיין לאַנגע שיעס מאַכט ער ניט:

— ווילט איר ניט אונטערשרייבן! אַ גוטן טאָג...

פּראַאים האָט אים געפּאַקט אינמיטן גאַס:

— דער דאך אין „שקאָלע" איז אָפן, קום צו דער אַרבעט...

— ניין!.. איך פאָר צו דער סטאַנציע...

— צו דער סטאַנציע?..

ער דערזעט שמועלן:

— שמועל, איר ווילט עפּעס פון מיר?..

— איך וויל אויך זיין אין אַרטעל...

— נו?

— נעם מיך אריין!..

— ס'איז ניט מיין אַרטעל... ס'איז אייערער... טוט עפּעס...

— עפּעס!..

— וואָס ס'איז ניט איז טוט? העלפט!..

— העלפט!..

— זעט, אַז סע זאָל זיין פאַרכאַסמעט לייוויקס האַרבאַרניע!..

— די האַרבאַרניע!..

— נודעט ניט... איך דאַרף צו דער סטאַנציע... פאָרן!..

— פאָרן!.. פאָר, פאָר! זיי וועלן אַ מאַקע אַרבעטן אין האַרבאַרניע!..

שמועל האָט מיטן זומער אָנגעטאָן דעם פעלץ געגומען אַ שטעקן און אַוועק־געגאַן צו רוואוועלע פּאַטשטאַרס האַרבאַרניע...

ס'איז דאָרט געווען פריילעך, מ'האָט געוואָלט פאַרכאַסמענען, האָט רוואוועלע ניט געלאָזט:

— ווער זיינט איר?

— דער יישעוו־ראַט!

— האָט איר אַ דייע אין באַד! די מיליציע קען פאַרכאַסמענען...

— ברענגט עמיצער מיליציע...

— דער נאַטשאַלניק איז אַוועקגעפאָרן, וועלן זיי ניט גיין...

— יאָסל האב איך געזען, האט אין מאַרק גערעדט מיטן מיליציאָנער, האט ער אים שוין אָפּגעקאַשערט...

— מיר זיינען „וויקאַנאַוווצעס"... מיר מוזן פאַרכאסמענען... לייוויק האָט געהייסן...

— הער אים, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי, אַ נייער באַל־דייע... לייוויק...

און פּלוצלינג דערהערט מען אַ געשריי:

— אָי, גאַנאָווים, אָי, מאמזערים! אָי, יידן אַהער!..

באַם טויער פון האַרבאַרניע האָט מען זיך געקריגט און דערווייל האט מען פון פענסטער אַרויסגעשלעפּט די פעל. און ווער?

— אַוורעמל!..

— אָ־דער יאָלד?

— דער שטאָט־יאָלד!

— און ווער האָט אים געפּאַקט?

— שמועל קושניר!

— אָט אַן אלטער!..

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א געשלעג...

ס'האָט זיך געקאכט א גאנצן טאָג, און אף מאָרגן אויך... באַ רוואוועלעס האַרבאַרניע זיינען די נאַכט און דעם טאָג געזעסן צוויי שאָמרים: שמועל און פרידל...

באנאַכט איז געקומען פון קרייז לייוויק, ער האָט פרידלען אָפּגעגעבן אַ באַשטעטיקטן סטאַטוט פון א נייעם אַרטעל מיט אַן אָרדער אַף פעל...

— און יאָסלס אַרטעל?..

— מע זאָגט, אַז מע וועט זי פאַרמאַכן!..

— פאַרוואָס שוין ניט?..

— ער האט דאָרט פעט באַשמירט...

אַז ס'איז טאָג געוואָרן איז ער אַוועקגעלאָפן צו דער שול דעקן דעם דאַך...

אַפדערנאַכט האבן פרידל און שמועל געגרייט אַ האַרבאַרניע פאַר דעם „אָרעמען אַרטעל" וועגן. און דער „רייכער אַרטעל" (אזוי האָט מען זיי טאַקע אַ נאָמען געגעבן אין שטעטל) האָט געפּראַוועט קרעפּלעך. פון יאָסל דעם רויטנס אָפענע פענסטער האָבן געגרילצט אין אויער די שיקערע „לעכאַיעמס". יאָסל האט געעקקירעט:

— אַ מענטש דארף קאָנען שמעקן... אָי, אז מע גיט אַ שמעק און מע דערפילט דעם רייעך... אָי, דאַרף מען זיך... אונטער... אונטער־גאַרטלען... און ניט זשאַלעווען קיין פיס... ניט זשאַלעווען קיין מויעך... לעכאַיעם, גאַרבערס.. גאָט זאל העלפן, מיר זאָלן טרינקען און די סאָנעם זאָלן...

און פּלוצלינג האט יאָסל א קוק געטאָן אפן זון אף זיינעם. ער איז איצט געזעסן, ווי אַ סטאַטעקל, קיין קרעפּלעך האט מען אים ניט געגעבן. לעכאַיעם

האט מען צו אים ניט געטרונקען, ער איז געזעסן אין אַ זייט און געקאַטשעט קיילעכלעך פון ברויט... האט יאָסל אַ קנאַק געטאָן זיך אַליין אין שטערן:

— אַי, אַ מאַכשאָווע!.. עסטערקע! וואו איז עסטערקע?

— אין קיך!.. אַ רוף טאָן זי?..

— איכן זי אַליין א רוף טאָן!..

יאָסל איז אוועק אין קיך:

— עסטערקע! פאַרפוץ זיך און קום צום טיש...

— כ'וויל ניט...

— עסטעריקע! איך הייס!..

אַז זי איז געקומען, האט מען שוין גענומען די וויפלטע קויסע, מ'האט ניט באַמערקט, אז די ברוינלעכע הויט אירע איז ליכטיקער, ווי שטענדיק, און די רויטע האָר הענגען טרויעריקער ווי שטענדיק איבער די טויטע אויגן...

— עסטערקע, זעץ זיך צו לעבן אַוורעמלען!.. אַוורעמל נעם נאָר אַ קעלי־שעקל, מאַך אַ בראָכע...

יאָסלס פענסטער האָבן געגוג נייגעריקע אויגן אַרומגעקלעפּט, איז איבערן שטעטל, איבערן שפּאַציר זיך צעלאָפן די יעדיע:

— בא יאָסל דעם רויטן אין שטוב איז א „וואָרט"... מע פארקנאַסט עס־טערקען פאַר אַוורעמלען!..

— א ליגן!..

— גיי גיב אַ קוק, מ'האָט אפילע נאָך זאַוולען מיט קרוינען געשיקט...

לייווי האָט דערהערט וועגן דעם, האָבן אים אנגסטן באַשלאָגן. מיט כעוורע קאָמיוגיסטן איז ער געזעסן אַנטקעגן דער מיל און געהערט ווי מע זינגט לידער (ער אליין איז א קנאַפּער זינגער). ער האָט נאָך דער יעדיע ניט געקענט איינ־זיצן און שפּעטער אומגעגאַן צו יאָסלס פענסטער.

געזעסן איז עסטערקע לעבן אוורעמלען אַ בלאַסלעכע, אַ דערשלאָגענע, מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט, ווי די געסט שוויצן איבער די טעלער און גלע־זער. לייווי האָט אַף איר געקוקט, און נאָך אויגן האָבן אף איר געקוקט — שכיינים קענען פון די פענסטער ניט אָפּרייסן זיך:

— זעסט עסטערקע? אַ ראַכמאָנעס אַף איר, אַ יעסוימע!

— וואָדען? ווען זי זאָל קיין יעסוימע ניט זיין, וואָלט זי דעם יאָלד ניט גענומען!..

— אַ ברייררע האָט זי? זי וואָלט דאָך געשטאָרבן א דינסט באַ יאָסלען!

— זי וועט עס האָבן א לעבן!.. באַם טאַם... באַ אוורעמלען!..

— ער איז אַ גוטער סויכער, זאָגט מען!..

— נו, קען ער אָפּנאַרן אַ גאָיע...

— זי האָט ער שוין אָפּגענאַרט...

— איך פאַרגין אים ניט, אַ דעם אייזל...
— אָי, עסטערקע! עסטערקע! אַ ראַכמאָנעס אף איר!..
— אָי, דאָס מיידלשע פינסטער מאַזל...
האָט לייווי אַ שפיי געטאָן:
— וואָס האָט איר אַף איר אזוי ראַכמאָנעס... מ׳האָט זי געגייט?
— דו ווייסט, אז מ׳האָט זי ניט געגייט...
— אַ קליינער ראַכמאָנעס אף איר... אַ פרינצעסע... זי האָט ניט געקענט אָפזאָגן...
— אַ כאָכעם... זיי דו א מיידל אין די יאָרן...
— קאָטעוועו דאַרף מען אַזוינע מוידן... וואָס האָבן מוירע פאַרן טאַטן...
— אַ פעטער איז ערגער פון א טאַטן...
— באַ א פרעמדן טיש איז ערגער, ווי באַ אַן אייגענער קאָרעטע...
מער האָט לייוויק די ווייבערשע פילאָסאָפיע ניט געקענט הערן, ער האָט זיך אַריינגערוקט אין פענסטער אַריין:
— זאַוול!..
אַ צעפּאַרעטער איז זאַוול אַרויסגעגאַן צו לייוויקן.
— זאַוול! איך הייס דיר אוועקגיין פונם קנאַסמאָל!
זאַוול האָט אף אים אויסגעגלאַנצט זיינע באַנקעוואַטע אויגן און אָפּגעווישט די נאָז מיטן ארבל. ווּעמען פאָלגט זאַוול ניט? זאָל ער לייוויקן ניט פאָלגן?
גייט די סימכע, לייוויק האָט זיך אַנידערגעזעצט אַף עמיצנס אַ גאַנעקל אַנטקעגן יאָסלס שטוב און וואַרט. וואָס וואַרט ער? ער ווייסט אליין ניט. ער איז באַרויגעז, און ער איז אין קאַאַס. אַף זיך, אַף עסטערקען, נאָר ער זיצט, ער וואַרט. דערוואַרט האָט ער זיך, אַז מ׳האָט געבראַכט קלעזמער, זיי זאָלן די געסט אָפּפירן אהיים. אָפּגעפירט האָט מען פערעץ אַבראַמאָוויטשן און די לעדערוואַרגערס, זיי איז געגאַן באַגלייטן יאָסל און די מעכוטאָנים, נאָר אַוורעמל מיט עסטערקען זיינען געבליבן אין שטוב. מע וואָלט עפשער לייוויקן ניט באמערקט, נאָר זאַוול האָט א ניס געטאָן, האָט זיי יאָסל באַמערקט און זיך דערפרייט:
— אַ, קאָמסאָמאָליאַ! שלאָפסט נאָך ניט... אַף יענעמס כאַסענעס טאַנצסטו... קלעזמער!.. שפילט א וויוואַט... קאַפּצנס - צאַד... קלעזמער!.. שפילט אַ וויוואַט!.. שפילט א וויוואַט!.. דעם אָפּגעשמיסענעם לייוויקן... אַ שיינער מעכוטאָנישער באָרעכאַבאָ!..
מ׳האָט לייוויקן ארומגערינגלט:
— קום!.. קום!.. מעכוטאָנים דאַרף מען באַגלייטן!..
יאָסל איז געקראָכן, גענומען אונטער די פאַכוועס:

— קום!.. קום!.. קום!.. באַ מיר פירט מען „פונם וואָרט" מיט קלעז־מערס. און פון דער כאַסענע... אַי וועט זיין א כאַסענע... אַי, אַ כאַ־סענע!..

מ׳האָט אים געשלעפּט, זאַוול האָט געשלעפּט צוריק. לייווי איז עפּעס געווען מעטושטעש, ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, מ׳האָט אים געשטופּט פּאָרויס און געשלעפּט צוריק. יאָסל האָט א שיקערן וואונק געטאָן: די געסט און די מעכוטאָנים האָבן זאַוולען אַוועקגעשליידערט.

— קאַפּצן, וואוהין קריכסטו?

און לייוויקן האָט מען אונטער די פּאַכוועס אוועקגעשלעפּט. ער האָט זיך געריסן, ער האָט געזידלט:

— סוואָלאָטשעס, לאָזט אָפּ!

מ׳האָט געטאַסקעט... קלעזמער האָבן געשפּילט... יאָסל האָט אים אָנגעטאָן אַ קראַנץ ציבעלעס און צוגעזונגען:

— קאָכאָ יעאָסע לאָאיש...

ווידער איז זאַוול צוגעלאָפן:

— וואָס טוט איר?

זאַוול, דער דערשלאָגענער, אומבעראַכמאָנעסדיקער קאַפּצן זאַוול איז אַריינ־געפּאָרן יאָסלען אין פּיסק אַריין, לייוויק האָט זיך אַרויסגעריסן און אַרויף אַף א דאַך. מ׳האָט זיך דערשראָקן:

— וואָס טוט ער אַפן דאַך?

ער האָט געריסן אַ קוימען און די שטיינער געפּיקט און געשמיסן אין שיקערן אוילעם:

— אַנטלויפט! אַנטלויפט; איר וועט אין טורמע פוילן!..

... אַף מאָרגן איז יאָסל געזעסן אין מיליציע אַרעסטירט, מע האָט אים אַוועקגעפירט אין קרייז-טורמע...

— פאַר אַן אָנפאַל קעגן פאָרשטייער פון מאַכט...

... און אין איינער אַ זומער־נאַכט איז עסטערקע געקומען צו לייוויקן, זיך אַנידערגעזעצט מיט אים אַף אַ פרעמדן פויערשן טון, אים אַרומגענומען און דעם גאָלדענעם קאָפּ אירן אַרופגעלייגט אַף זיין ברוסט, האָט ער זי שטיל אַ קוש געטאָן. נאָכדעם שטאַרקער, נאָך שטאַרקער, און אַז ער האָט זיך שוין צעפּאַליעט, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים.

— וואָס איז?

— זאָג מיר עפּעס צו...

— וואָס?..

— גיב ס׳וואָרט, אַז וועסט אויספילן!..

— נו, וואָס!..

— זאָג צו... גיב דאָס וואָרט!..

— נו?

— איך וויל, דו זאָלסט באַם „סליעדאָוואַטיעל״ דעם פעטער יאָסלען ניט באַגראָבן...

— נו? ווי קען עס זיין?..

— קאָנסט מאַכן גרינגער... פון דיר געווענדט...

זיינע אייגעלעך זיינען געלאָפן איבער איר ברוינלעך פּאָנעם...

— אַז דו, עסטערקע, וועסט אַוועקוואַרפן דעם טאַם...

זי האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ער האָט אָנגעשריגן...

— נאָר שפּיל ניט קיין אומגליקלעכע פּרינצעסע... מאַך ניט קיין ראכמאָנעס־פּאָנעם...

זי האָט אופגעהויבן די אויגן, צוגעצויגן זיינע ליפּן צו אירע:

— גיב דאָס וואָרט... דו וועסט דעם פעטער יאָסל אַ טויווע טאָן... ער וועט אַרויס פון טורמע!..

זיינע ליפּן אַף אַ מילימעטער פון אירע האָבן געציטערט, זי האָט זיי געהאַלטן ניט צוגעלאָזט נאָענטער, האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— זאָג איך צו...

ער האָט זיין צוזאָג אויסגעפּילט, צונישט געמאַכט דעם איניען...

יאָסל איז אַ פּאָר טעג געווען שאַ, שטיל, ווי אַ טייבעלע. דער אַרטעל זייערער, איז צעפאַלן, די שניטקראָם אַוורעמלס האָט מען פאַרמאַכט, איז שלעכט, נאָר יאָסל איז ניט קיין פאַרשלאָפענער, ער וועט האָבן פּאַרנאָסע... עסטערקע. זי וועט טאַקע כאַסענע האָבן פאַר אַוורעמלען... לייוויק האָט זי דייקע איין מאָל געפּאַקט:

— עסטערקע! וואָס דאַרפסטו אים?

שווייגט זי.

— האָסט ניט וואָס צו ענטפערן?

— וואָס זאָל איך ענטפערן? אַלע מיינע יאָרן האָב איך מוירע פאַרן שוואַרצן טאָג, ווען דער הונגער וועט קומען...

— מיט מיר וועסטו דען אויך שטאַרבן פאַר הונגער? אַ? מיט מיינע הענט? ס'איז דאָ נאָך אַזאַ בלעכער, ווי איך...

— א באַלמעלאכע... וואָס איז פאַר אַ גליק... זיין אַ בלעכערס א ווייב...

— אַ! האַ — האַ!.. גיי!.. גיי!..

זי איז אַוועקגעגאַן, און ער איז אויך אַוועקגעגאַן.

זיי האָבן זיך ניט געזען ביז ערעוו דער כופּע. אַ טאָג פאַר דער כופּע איז זי צו אים געקומען. פאַרנאַכט האָט זי זיך ארויסגעגאַנוועט, טאַקע פּאָשעט אַרויסגעגאַנוועט, ווייל ווי קען עס אַ באַלעבאַטיש מיידל ערעוו דער כופּע סטאַם אַזוי שפּאַצירן באַם וואַלד?

*

אַוועקגעזעצט האָבן זיי זיך ביידע אין שאָטן פון גרויסע דעמבעס, געשוויגן. זי האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן, ער האָט אַ גלעט געטאָן די טונקל־גאָלדענע האָר אירע:

— עסטערקע!

זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— עסטערקע! שפּיי זיך אויס אָף זיי, אָף די מעכוטאָנים אָף דיינע!.. איך וועל דיר העלפן ווערן אַן אַרבעטערן... אַ נייטערן... צי עפּעס אַנדערש! אַ?.. מירן וואוינען אין שטאָט... מירן אַרבעטן...

זי האָט דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אָף זיין ברוסט און ס'האָבן אָנגעהויבן ציטערן די אַקסלען אירע.

— וואָס כליפּעסטו?

זי האָט זיך נאָך מער צעלאָזט, געשלאָגן זיך מיטן קאָפּ אין זיין קערפּער, געוויינט.

— אָי! אָי! אָי!

לייוויק האָט א טעווע, ער קען ניט ליידן, אז מע וויינט, ער ווערט אַפילע אין קאַאַס.

— עסטערקע! וואָס איז עס פאר א שטיק? ווי אַ יידענע!

זי כליפּעט.

— וואָס איז? זאָג!

— אָי, אַ מאַזל פון א וויסטער יעסוימע... איך האָב זיך אים פיינט, דעם כאָסן מיינעם!

— נו, שיט זשע אים אַרויס!

ווידער כליפּעט זי, שטילער, ווי פריער, ער טשעפּעט זי שוין ניט. ליגט זי מיטן פּאָנעם אין זיינע קני און שווייגט, און אַז זי הויבט אוף די טרוקנגעוואָרענע, שיינענדיקע אויגן אירע, זאָגט זי מיט א פרייד:

— דו וועסט מיך ניט פאַרגעסן?

און איידער ער האָט דערוויזן צו ענטפערן האָט זי אים אַרומגעכאַפּט, גענומען קושן האַלזן, דריקן. אין ליידנשאַפטליכע קלעמען פון אירע וואַרעמע הענט שיר ניט דערדישעט... ער איז אויך ווילד געוואָרן:

— מיינע? מיינע?

אין טשאַדיקן, שיקערן נעפּל האָבן זיי ביידע פאַרלאָרן דעם זיקאָרן...

... און דאָך איז זי געגאַן צו דער כופּע... באַ דער שול איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען, דער פעטער יאָסל האָט גענומען אונטערפירעכטס, און זאָול האָט ניט געוואָלט, ער איז אין צעריסענעם וואָכעדיקן פּידזשאַק געשטאַנען און געקוקט און מיט אים לייוויק דער ווייסער...

די וואָך איז לייוויק אָפּגעפאָרן פון שטעטל...

איצט זיצט ער באַ זיך אין צימער און טרינקט מיט זאַווּלען טיי, זאַוועלע האָט זיך צעוואַרעמט, ער קוקט מיט פּעטע אייגעלעך אף דעם פּרימוס...

— אַ טייער לעבן!.. דאָ אין שטאָט...

— אַז ס'איז דאָ וואָס צו עסן...

— ע, עסן! מיך ווּעסטו מיט אָרעם עסן ניט פאַרוואונדערן...

קוקט אף אים לייוויק און ער ווייסט ניט, צי זאָל ער פרעגן, צי ניט פרעגן. עסטער האָט שוין א קינד, ווי זעט עס אויס דאָס קינד? זאַוועלע קען איר נאָמען ניט פאַרליידן, פאַרוואָס? וואָס איז ביכלאַל מיט איר?.. אַ שעמעוודיקער לייוויק, ער האָט זיך טאַקע ניט דערוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט...

זאַוול האָט זיך אויסגעלערנט שטעלן דעם פּרימוס, און אַלע פאַרנאַכט, ווען לייוויק דאַרף קומען פון דער אַרבעט, וואַרט די זודיקע טיי אף אים. קומט לייוויק און איז מיד, ליגט ער אַפן סאָפקעלע און זאַוול טאַנצט אַרום, קוקט נאָך לייוויק אַלץ אַרויס, אַז זאַוול זאָל דערציילן וועגן עסטערקען. וועגן אַלץ דערציילט זאַוול, נאָר ניט וועגן עסטערקען. זאַוול האָט דאָך עסטערקען ניט ליב.

איז לייוויק געקומען איינמאָל שטאַרק אויפגעבראַכט.

— וואָס האָט זיך געטראָפן, לייוויק?

— ברענען זאָלן זיי מיט דער לאַנסקע אינאיינעם.

לאַנסקע איז די סעקרעטאַרשע פון אַרבעטקאָם...

די פאַמיליע אירע איז געווען באַקלאַנסקע. נאָר דער אַלטער באַקלאַנסקע דער זיידע אירער, ער איז געווען א גרויסער נאָגיד. די גראָבע טויזנטער זיינע (מע זאָגט גאָר, אַז מיליאָנען) האָט ער געהאַלטן אין באַנק און פונם פּראָצענט אויסגעהאָדעוועט צוויי זין — איינעם א: אידיאָט און איינעם אַ קלוגן, און אַ טוץ אייניקלעך... געשטאָרבן איז באַקלאַנסקע דער מיליאָנער אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָליוציע. ער וואָלט אַלציינס געשטאָרבן, ווייל ער איז שוין געווען אַריבער זיבציק און האָט געהאַט א „גרודנאָי זשאַבע", נאָר אַז ער האָט דער־הערט, מ'האָט די מיליאָנען אין באַנק צוגענומען האָט ער דעם זון דעם אידיאָט אָנגעכאַפּט פאַר די לאַצן:

— אידיאָט! האָסט געהערט, ס'איז אַזאַ איבערקערעניש... וואָס האָסטו געשוויגן!

דער צוגעדולטער זון האָט איצט אויך געשוויגן, דער אַלטער באַקלאַנסקע איז די נאַכט טאַקע פאַר פּאַרדוס געשטאָרבן, דער קלוגער זון האָט פאַר־כאַפּט דאָס צירונג און דאָס זילבער און אָפּגעפאָרן קיין קאָוועל, און דער צוגעדולטער איז געבליבן מוטשען זיך, געבליבן איז דאָס מעבל, האָט מען עס אויך צוגענומען, ער איז טאַקע מאַמעש געשטאָרבן פאַר הונגער אין די יאָרן פון בירגער־קריג; יידן באַלראַכמאָנעסן האָבן אים דעמאָלט געבראַכט פּלעצע־לעך פון קלייען, האָט ער געגעסן, שכיינים און קרויווים האָבן געזשאַלקעוועט:

— וואָס פון אַן אוישער קען ווערן!

איז ער נאָך ביז איצט צעדולט און זיצט בא דער טאָכטער אַף קעסט, ער זאָגט טילים, ווייל אלע זיינע יאָרן האָט ער קיין טילים ניט געזאָגט, אַן אַפּיקירעס געווען דער טאַטע זיינער, דער אַלטער באַקלאַנסקע. אַז ער זאָגט אָפּ ביז דעם און דעם קאַפּיטל גייט ער אָפּקייטלען די טיר, ווייל ער האָט מוירע פאר דער טאָכטער, די טאָכטער איז איצט סעקרעטאַר אין דריטן ארבעטקאָם און איר פאַמיליע איז — לאַנסקע.

ווייל וואו מ׳האָט נאָר דערהערט דעם נאָמען באַקלאַנסקע האָט מען פאַרוואָרפן מיט הענט און פיס:

— ניטאָ קיין ארבעט! ניטאָ!

און זי וואָלט עפשער טאַקע קיינמאָל קיין ארבעט ניט געקריגן, ווען ניט אַווראָם פוכילע, דער איצטיקער פאָרזיצער פון אַרבעטקאָם — אַווראָם באָראָוואָי. „פוכילע" איז געווען זיין צונעמעניש דאָרט צווישן די מילערס אין דער שטאָט פון וואנעט ער שטאמט. די שטאָט איז געווען אַ האנדלס־שטאָט, אַ אויעזדנע שטאָט, און איצט איז זי געפאלן, דאס בעסטע און דאס פעאיקסטע האט זיך אַהער ארויסגעפעקלט, אַהער אין די גרויסע שטעט. דארט אין יענער שטאָט איז אַווראָם פוכילע געווען פאָרזיצער פון אַרבעטקאָם דריי יאָר, איז ער געקומען אַהער און אויך געקראָגן אזאַ שטעלע. געבראכט האט ער מיט זיך אַ ווייב מיט פיר קליינינקע קינדערלעך, דאָס עלצטע אַ יאָר צען, האט אים די איצטיקע סעקרעטאַרשע זיינע דעמאָלט געפרעגט:

— אזא שיינער יונגערמאן, ווי איר, וואָס דאַרפט איר פיר קינדער? איר וועט זיך די ליכטיקע שיין ניט אַרויסזען איבער זיי!

שוין דעמאלט איז זי אים „אריין מיט בײדע פיס אין האַרצן" און ער איז געווען זייער צופרידן, אלע זיינע קרויווים און באקענטע דערציילט:

— איר ווייסט, וואו איך האָב געקראָגן א דירע? אַ? בא באַקלאַנסקען וואוין איך! באַם עמעסן באקלאַנסקען...

האָט ער ליב געקראָגן אריינגיין צו ליאַלין אין צימער אריין דער צוגעדולטער טאטע האט זיך גערוקט אין ווינקל אריין, אונטער דעם גרויסן פיקוס געזעסן אַף דער צעריסענער שטול. ער האט מוירע און די טאָכטער האט געשמייכלט צו אַווראָמען:

— זיצט!

אַזא פלייצע, ווי בא אווראָמען, אזאַ קיילעכיקע אַרשינאָווע ברוסט האט זי בא איר טאטן ניט געזען

— זיצט!

זעצט זי זיך אנטקעגן אים אין דער מאמעס (די מאמע איז שוין געשטאָרבן) שאל און שמייכלט:

— איך וואלט אייך אוואַדע „אוגאָשטשאַיעט" מיט עפּעס, נאָר איך האב ניט מיט וואָס!.. איך קען אייך אָן „עטיוד" אָפּשפּילן...

— שפּילט, שפּילט! איך האב ליב פּיאַנע!

שפּילט זי. זי פאַרגלאנצט די אויגן און זי פאַרייסט דעם האַלז, די דעקאָלטע איז בא איר אַ טיף־אויסגעשניטענע, זעט באַראָוואָי, אַז זי האט אַ שיינע צאַרטע ברוסט, האט ער האַנאָע, און קומט צום ווייב:

— אַי האב איך האַנאָע געהאט פון איר שפּילן, מע דאַרף אין טעאַטער ניט גיין!.. האסט זיך נאָך ניט געקענט אָנטאָן ביז איצט? זע א הוילעך, זע א יידענע, פאַרשמירט, פאַרוואַדזגעט, די האָר קריכן נאָך... מע איז אין אַ גרויסער שטאָט מעג מען זיין אַ קלענערע יאַכנע!..

— זע נאָר, ווי ער האָט זיך צעטאַכמערעט אביסל... אַ מאַינע-לאָשן אַוועקגעלייגט, פּרואוו צו באַקן ברויט, אויפראמען אין די כאדאָרים, גיין אַפן „קריטי" מאַרק, און נאָך צודערצו פיר מאַזיקים אַפן האַלז...

— אַי, אַי, אַי!

באָראוואי לויפט ארויס און גייט אין קלוב. ער איז קולטקאָמיסיע אין קלוב, גייט ער קוקן, ווי דער דראַמקרייז רעפּעטירט. הערט ער און קוקט, נודעט אים גאנץ נישקאָשע, נאָר ער וויל ניט ארויסגיין פון דאנעט, ער וועט נאר ארויסגיין, וועלן אים באפאלן יוגנט...

— באראָוואי! וואס וועט זיין מיט דער „בראָני"? דו ביסט פאָרזיצער פון „ראַבאָטשקאם", צי ניין?

א פאָרזיצער פון אַרבעטקאָם איז ער געווען דייקע א גוטער. ער האָט פאַר־שטאנען א מילערישן איניען, און אז מ'האט באדאַרפט, האט ער געקענט קומען אין פאריין און קלאפן אין טיש... ער האט געקענט פאָדערן, נאָר פון זינט ער האט אַהין אריינגעבראַכט די באקלאַנסקע, וואס שעמט זיך מיט איר נאָמען און הייסט זיך רופן לאַנסקע, איז ער עפּעס ניט דאָס, וואָס געווען. ער איז גאָר קאַפּריז געוואָרן, פונם ווייב ברענגט ער דעם קאַפּריז.

שטייט ער אויף אינדערפרי, שרייט ער:

— מילקע! מילקע!

— מיל-קע!

— מיל־ל־קע! וואו ביסטו?

זי לויפט אריין:

— סע ברענט אונטער דיר?

— ברען אַליין! איך רוף, דאַרפסטו שוין קומען!

— וואס איז אזוינס?

— ביסט אַ פּאַראַזיט!..

— איך?

— איך האָרעווע, און דו קומסט צום גרייטן!..

— איך? איך האָרעווע ניט?.. איך זע דאָך די ליכטיקע שיין ניט אַרויס!..

— וואָס שטייסטו איבער מיין קאָפּ און כקירעסט... די טיי וואו איז?

— אין בעט ארייִן זאָל איך זי דיר געבן?

— שטיי ניט, גיב טיי!..

און אַז זי גיט שוין, טרינקט ער ערשט ניט.

— ס'איז טיי?.. טיי איז עס... ס'איז... איך וואָלט דיר געזאָגט, וואָס ס'איז... נאָר מע קען נאָך דערהערן בּאַ די שכיינים... בּאַ די בּאַק־לאַנסקעס...

דאָרט הערט מען טאַקע יעדעס וואָרט, נאָר דער טאַטע, ער שווייגט און די טאָכטער שמייכלט...

— אַ, אַ! אַ, אַ!

אז זי גייט שוין צו דער ארבעט, וואַרט ער אף איר...

— איר גייט שוין... קומט...

שטעלט זי זיך אָפּ:

— כאוועך בּאַראָוואַי... איר וועט אין „ראַבּאָטשקאָם" אָנקומען שפּעטער... סע פּאַסט ניט...

פאָלגט ער איר, ווייל אומעטום פאָלגט זי אים, זי האָט נאָך קיינמאָל קיין וואָרט אים ניט דערווידערט. ער האָט אין קיין ליצייען ניט געלערנט, קיין גזאווערנאַנטקעס האָט ער ניט געהאַט, האָט קיין כאָכמעס ניט געוואוסט, ער האט באלד נאָך דער באַקאנטשאפט אין פינסטערן קאָרידאָר ליאַליען אַ קוועטש געטאָן, האָט זי אַפילע ניט געפרעגט, ווי די מיידלעך פרעגן אין אַזוינע פאַלן:

— וואָס טוט איר?

זי האָט דאָך געפילט, וואָס ער טוט, און ס'זאָל זי אָנהויבן אַרן, פאַרקערט, זי האָט געשמייכלט... און דער ראָמאַן זייערער איז זיך געגאַן אָן שטע־רונגען און איבּערייסן.

אין אַרבעטקאָם איז באראָוואַי געוועזן ערנסט און שטרענג. קומט אַ פּאָר־שטייער פון אַ וואוינקאָאָפּ און הויבט זיך אָן דינגען:

— קולטפאָנד איז צופיל, איך וועל דעם אָפּמאַך ניט אונטערשרייבּן...

— וועט איר דעם רעמאָנט ניט מאַכן...

— גוט איז אייך צו ריידן... און וואָס וועלן די וואוינערס זאָגן?..

— שרייבּט אונטער דעם אָפּמאַך...

— ווילט איר דאָך צופיל קולטפאָנד... און אַמאָרטיזאַציע...

— שרייבּט ניט אונטער...

די אַרבעטער, זיי קוקן אים אין מויל אַריין, און וואָרענען מיט די אויגן:

— האלט פּאַסאָן... האלט...

און ער האָט „קיין פּאַסאָן ניט אויסגעהאַלטן", ער האט זיך פאַרטשעפעט, דער פּאָרזיצער באַראָוואָי...

אינמיטן דערינען, אַ פאָשעטן פּרייטיק אינדערפרי, מע רופט צונויף אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג פון אלע ארבעטער אין געביידע פון קלוב. די פראַגע, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיי איז אַ פּאָשעטע:

— סאָצסטראַך!

נאָר גלייך פון אָנהויב, האָט זיך די פאַרזאַמלונג אָנגעהויבן שטורמיש אויסגעשרייען, גוואַלדן, אלע ריידן מיטאַמאָל, אלע שרייען, אלע טומלען:

— מע דאַרף צעפּאַטשן...

— מע דאַרף צעטרייבן...

— די גאַנצע פאַרוואַלטונג דאַרף מען צעטרייבן...

— אַראָפּ, אַראָפּ! מע דאַרף זיי ניט...

באַראָוואָי גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— לאָמיר אויסהערן אַן אינפאָרמאַציע...

ווער אינפאָרמאַציע! ווער דאַרף זי די אינפאָרמאַציע...

— מיר ווייסן שוין... מיר ווייסן... מ'האָט אונטערגעקויפט די פאַרוואַל-טונג פון פאַריין...

— לאָמיר גיין צום אויספּירקאָם!..

— צום אויספּירקאָם!..

— אַ דעמאָנסטראַציע... אַ דעמאָנסטראַציע...

גייט ארויס לייוויק:

— כאַוויירים! הערט ס'איז טאַקע אַ גרויסע אַוולע...

— אַן אַוולע זאָגט ער... ס'איז אַ סאַבאָטאַזש...

— ס'איז אַ גזיילע...

— מ'האָט אונז אָפּגעקוילעט...

— אָן אַ מעסער געשטאָכן...

לייוויק רעדט דייקע רואיק און מיט זיין רואיקייט שטילט ער איין דעם אוילעם:

— יאָ! נאָר וואָס דאַרף מען גוואַלדעווען?.. איך זאָג אויך: אונזער פאַרוואַלטונג פון פאַריין טויג צום פאַרבּרענען... דאַרפן מיר אַרויסטראָגן אַ געהעריקע רעזאָלוציע... פאָדערן אַ צוזאַמענפאָר... איבערקלייבן און שוין...

פליט אַרויס אַ מוליער, אַ צעהיצטער, אַ פאַרשוויצטער, פאַרפינעט, פאַר-סלונעט:

— ער! ער איז אַ קאָמוניסט!.. איצט אין מיטן ווינטער, האָט ער אַרבעט, ער באַקט רינוועס אין נייעם מויער... ער אַרבעט אין אַ פאַרמאַכטן לאָקאַל,

ביז דעקאַבר האָט ער געאַרבעט אָפּן דאַך... אים איז גוט, ער קען זיין רואיק, ער קאָן זיין קאַלטבלוטיק, אָבער מיר... מיר... מיר אַרבעטן שוין קיין דריי כאַדאָשים ניט... און דער פאַריין האָט קיין נייע אָפּמאכן ניט גע-שאַפן... ס'וועט קומען וועסנע, ס'וועט ניט זיין קיין מאַטעריאַל, ס'וועט ניט זיין קיין אַרבעט... טשיקאַלענקאָ, ער איז פּרעדסיעדאַטעל... ער וועט זיינע צוויי הונדערטער דעם כוידעש אָפּנעמען... און מיר... מיר וועלן פּוכנען אָפּן פּיסק... וואָס, ניין?.. קומט אונז אָ דער ווייסער... און זאָגט רעזאָ־לוציעס... איך זאָג: צום איספּאָלקאָם... זיי ווייסן ניט... זאָלן זיי וויסן, זאָלן זיי געבן עסן... איך זאָג, מיר זאָלן נעמען די ווייבער און די קינדער... צום איספּאָלקאָם...

— צום אויספּירקאָם...

— אַ דעמאָנסטראַציע...

— אַ דעמאָנסטראַציע...

פליט ווידער לייוויק אַרויף אַף דער בינע, איצט איז ער שוין ניט רואיק און ניט קאַלטבלוטיק, די לויפנדע אויגן זיינע טאַנצן שיר ניט אַרויס, די הענט זיי טרייסלען זיך:

— כאַווײרים! שטייט! וואָס טראַכט איר זיך?.. ס'איז ראַטנמאַכט צי ניין? באַ ראַטנמאַכט מיט א דעמאָנסטראַציע קעגן א פאַריין! ווי קען עס זיין? ווי? איר מאַלט זיך עס אויס? אַ? אַ דעמאָנסטראַציע?.. אַ פיינטלעכע דע־מאָנסטראַציע!.. באַראָוואַי, ווי זאָגסטו?.. סע קען זיין...

הויבט ער זיך אוף, דער ברייטפּלייציקער, הויכער באַראָוואַי און זאָגט מיט זיין באַס:

— יאָ! מע דאַרף גיין צום אויספּירקאָם!..

ס'הוידען זיך די פּאָנען פונם געשריי און פון דער פרייד, וואָס איז גע־וואָרן אין זאַל... מ'האָט געפּליעסקעט, מ'האָט גערעוועט, מ'האָט גע־טאַנצט:

— צום אויספּירקאָם!

איז לייוויק צוגעגאַן צו באַראָוואַיען:

— ביסט א קאָמוניסט! צי ניין? הער, איך פאַרבאָט דיר גיין צו אַזאַ דע־מאָנסטראַציע!.. דאָס קערנדל האָט ניט באַשטימט, מע זאָל גיין, ווי זשע רעכנסטו עס גיין?.. אַ?.. ביסט אַ קאָמוניסט?

האָט באַראָוואַי פּלוצלינג אַ ציטער געטאָן. ער האָט עפּעס באַלד פאַרשטאַ־נען, און האָט געפּלאָנטעט מיטן צונג:

— איך גיי דען? זיי וועלן גיין!.. איך ניט...

און ווידער האָט באַראָוואַי אַ קוק געטאָן אַף לייוויקס צעיאָגטע אויגן און אַרויף אַף דער בינע:

— כאַווײרים! אַ רעגעלע! הערט...

ס׳איז שטיל געוואָרן.

— כאַווײרים! מירן ערשט גיין איינס אַזייגער!..

— ניין, שוין!

— שוין!..

— וואָס דאַרף מען אָפּלייגן?..

באָראָוואָי שטייט, ער קוקט זיי אַלע אין פּאָנעם אַריין:

— ביז איינס אַזייגער איז דער פּאָוזיצער ניטאָ אין אויספּירקאָם, וואָס וועלן מיר גיין?

ווערט מען עפּעס אַלע מיטאַמאָל אָפּגעקילט, מ׳איז אנטוישט, מע וויל זיך ניט צעגיין, נאָר מע ווערט אָפּגעקילט און מע צעגייט זיך דערוויי׳ל... מע רעדלט זיך, מע היצט זיך נאָך, נאָר ס׳איז די גאַנצע שטימונג געפאַלן און איינס אַזייגער הענגט שוין אַ בלעטל אַף דער טיר:

„די דעמאָנסטראַציע איז אָפּגעשאַפן".

אַף דער זיצונג פון קערנדל באַם פאַריין איז לייוויק אַרויסגעטראָטן:

— איך בין אַליין אַ קליינשטעטלדיקער, נאָר אַזאַ קליינשטעטלדיקע האַנדלונג, ווי באָראָוואָיס, האָב איך ניט געזען...

האָט אים עמיצער אַפן אויער געזאָגט:

— קליינשטעטלדיק זיינען עפּשער די דעמאָנסטראַנטן און באָראָוואָי האָט פאַרלאָרן דעם קאָפּ איבערן מיידל, איבער דער לאַנסקע.

— אַ, אַ!

האָט זיך לייוויקן אַרויסגעוויזן, אַז שוין, ער האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען, ער האָט ראַכמאָנעס געקראָגן אַף באָראָוואָיען, און פּיינט געקראָגן די סעקרעטאַרשע לאַנסקע און איצט איז ער אַרומגעגאַנגען אַרום דעם זודיקן פּרימוס, וואָס זאָוול האָט אים געשטעלט און געשאָלטן:

— ברענען זאָל זי, לאַנסקעכע די סעקרעטאַרשע!

לאַנסקע די סעקרעטאַרשע טראָגט איצט שיכלעך פאַר באָראָוואָיעס געלט, אין טעאַטער גייט זי פאַר זיין געלט, צוקערקעס עסט זי זיינע, פאַר די דריי־סיק קערבלעך, וואָס זי קריגט, וואָלט זי קיין מאָדנע שליאַפּעס ניט געטראַגן, און קיין זיידענע זאָקן אויך ניט. און ווי איר קוקט זי אָן, דוכט זיך אַ שטי־לינקע, אַ רואיקע, פאָלגט יעדן, נאָר זי קען דאַפּקע זאָגן באָראָוואָיען:

— לאָזט מיר געלט, איך דאַרף אַ פּלעשל אָ־דע־קאָלאָן!

— אַ קרעפּ־דע־שינע־נע „פּלאַטיע" וויל איך!

און איצט טראַכט שוין באָראָוואָי וועגן געטן זיך מיטן ווייב, איז די מאַיסע מיט דער פאַרזאַמלונג גאָר ניט צו דער זאַך. מ׳האָט שוין דעם פּרעזידיום פון פאַריין־פאַרוואַלטונג אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט, און מע וויל אים, דעם

פֿאָרזיצער פֿון 3־טן אַרבעטקאָם פֿון בויערס אויך אַראָפּגענומען, האָט עס אַלע זיינע פּלענער איבערגעקערט, ער איז שוין פֿון צוויי וואָכן אינדערהיים ניט געווען, זיך געדונגען א צימער, אַהין קומט זי, ליאַליע לאַנסקע און פֿאַרברענגט מיט אים די עטלעכע שאָען, און אַז זי קומט אַהיים שפּעטלעך אין אָוונט באַגעגנט זי באַראָוואָיס ווייב:

— שליוכע, נאַפּקע! גיב מיר אָפּ דעם מאַן!

און אַז ליאַליע פֿאַרשליסט זיך אין צימער, נעמט זי קלאַפּן אין איר טיר מיט די פֿויסטן:

— שליוכע, נאַפּקע! גיב מיר אָפּ מיין מאַן!

אינדערפֿרי קומט זי צום צוגעדולטן באַקלאַנסקע:

— וואָס האָט איר צו מיר?

קוקט ער מיט די אומזיניקע אויגן און פֿאַרשטייט גאָרנישט, וואָס וויל זי פֿון אים אָ די צעפּאַטלטע שכיינע, טרייסלט זי אים און שלעפּט אים פֿאַר אַן אַרבל:

— קומט, גיט א קוק, וואָס זי האָט מיט מיינע קינדער געטאָן!

ער וועט דען גיין? ער איז דאָך שוין, ער ווייסט אַליין ניט וויפֿל, ניט געווען פֿון יענער זייט טיר.

— איר זאָלט איר זאָגן, איך וועל זי אָפּגיסן מיט אַלים!

האָט ער געזאָגט וועגן דעם, איז ליאַליע אַוועקגעגאַנגען אין הויז־פֿאַרוואַלטונג, געבעטן מע זאָל זי באַפֿרייען פֿון די סקאַנדאַלן. מ׳האָט אַרויסגערופֿן באַראָוואָיס ווייב, האָט זי זיך ערשט צעקאַטשעט, צעלאָזט:

— מיך רופֿט איר? מיר הייסט איר ניט מאַכן קיין סקאַנדאַלן? הייסט איר, דער נאַפּקע! איר! אייך איז גוט, באַ אייך נעמט מען די ווייבער ניט צו, און באַ מיר נעמט מען צו א מאַן, אַ טאַטע פֿון פֿיר קליינע קינדערלעך!

זי האָט זיך ניט געקענט באַרויִקן, ליאַליע האָט פֿון אונטער דער טיר געהערט איר מאַינע־לאָשן און געשמייכלט:

— איצט, איצט, אַרט מיך שוין ניט!

פֿאַרוואָס אַרט איר ניט? לאָזט זיך אויס, אַז דערפֿאַר, ווייל ס׳איז שוין שפּעט צו מאַכן אַן אַבאָרט. אָי, האָט זי מוירע געהאַט, אַז ער וועט איר זאָגן: מאַך אַן אַבאָרט. זי האָט אים אַפֿילע ניט געזאָגט, אַז זי איז טראָגעדיק. זי האָט טאַקע מוירע געהאַט, זי וועט אים זאָגן, אַז זי טראָגט, און ער וועט זיך אָנעמען פֿאַרן קאָפּ:

— וויי, סע קען ניט זיין!

וואָלט זי געמאַכט דעם אַבאָרט. וואָלט ער נאָכדעם געקענט זי מעשאַלייעך זיין:

— גיי דיר דיין וועג!

זי וואָלט דאָך די שטעלע געפּאַטערט. וואָס קען זי טאָן אָן א שטעלע. און דער טאַטע? ווידער שטאַרבן פאר הונגער? זי האָט דאָך אים ליב דעם צוגע־דולטן טאַטן. זי קומט אהיים, גרייט זי צו די וועטשערע, שפּרייט אויס דאָס טישטעכל און בינדט אים אָן דאָס סאַלפעטקעלע, ער איז דאָך, ווי א קליין קינד, ער פאַרליאַפּעט זיך, אז ער עסט... איצט הערט זי שוין די וועלט פאר א דווייער, זי וועט שוין אָן פּאַרנאָסע ניט בלייבן.

— אַלימענטן!

א מאָדנע וואָרט, אַף יעדער שריט און טריט באַגעגנט מען עס, ליאַליע לאַנסקע האָט דאָס וואָרט געראַטעוועט.

— אן אויסוועג!..

באָראָוואָי טראַכט נאָך ניט פון דעם, ער האָט מוירע, ער וועט ווערן אויס פּאָרזיצער, איז ער געקומען צו לייוויקן, ער האָט געהערט, אים וועט מען קלייבן פאר פּאָרזיצער און זיך אנידערגעזעצט אנטקעגן אים, דערציילט זיין ביטער האַרץ...

— ווי צו א כאַווער, ווי צו אן אייגענעם פריינט בין איך צו דיר גע־קומען...

לייוויק האָט אויסגעהערט און גענומען לויפן איבערן צימער:

— ניין... ניין... איך... איך וועל בעשום אויפן קיין פּאָרזיצער ניט זיין... ניין... ניין... נאָר זי... זי... וואס וועט מיט איר זיין?.. וואָס?.. וואָס זאָל זי טאָן?.. דאָס ווייב דיינס, וואס זאל טאָן? די קינדער?.. צוועלף יאָר האסטו אָפּגעלעבט מיט א פרוי... און איצט, זאָל זי זיך אין וואַסער אריין וואַרפן?.. א!.. ווי נעמט מען... ווי האָט מען קיין ראַכמאָנעס ניט אַף קינדער?..

אויפגעשטאַנען איז באָראָוואָי פון זיין בענקל, אריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס, א קוק געטאָן אַף דעם לאַנגן לייוויקן, ווי ער לויפט ארום און די אויגן זיינע לויפן אויך ארום:

— אָי, לייוויק, ביסטו א קליינשטעטלדיקער!.. אַי, אָי, אַי! ראַכמאָנעס! ראַכמאָנעס... אז איך האָב ניט ליב... פארן קייסערס צייטן האָט מען גע־מוזט אייביק ליב האָבן א ווייב... מע האָט ניט געטאָרט געטן... און איצט... איצט, איצט קאָנען נאָר באלעבאַטישע... שאַ, נאָר! זאָג מיר! אז איך בין נאָך געווען אַווראָם פּוכילע... האט מיר מיין טאַטע געגעבן א ווייב, מוז איך מיט איר די גילדענע כופּע פּראַוועןֿ? זאָג...

וואָס זאָל לייוויק זאָגן?.. ער אליין טראַכט שוין עטלעכע טעג וועגן דעם, אז ער זאָל עסטערקען אָנשרייבן:

— מ'האָט דיר געגעבן א מאן, וואַרף אים אוועק... קום, איכן דיך נע־מען צו זיך מיטן קינד...

זאַוול האָט אים דערציילט וועגן דעם, אז עסטערקע מוטשעט זיך גוט, פון אַלע יאָסלס געשעפטן האט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם, אַוורעמל איז שוין אויס שניטקרעמער, אויס סויכער, איז ער נאָר א טאַמעוואַטע גאַדלען. די געלטן זיינע האָט יאָסל געפּאַטערט, יאָסל איז געקומען אהער אין שטאָט אריין און איז געוואָרן א קוסטאַר — ער מאכט זאָקן.

— א טערעך אן אלטער! א רויטער גאַנעוו! אז וואו מע פּאַרזייט אים ניט, וואַקסט ער אויס!.. און וואו איך גיי, גייט ער מיר נאָך! ווער איך א זאָקנמאַכער, איך גיב א קוק, ער איז אויך א זאָקנמאַכער! נאַ... און א גור-טערברודער איז ער געוואָרן מיט מיר...

זאַוול, ער ווייסט גאָרניט, וואָס צו טאָן פאר פרייד. נאָר ער לאַכט, נאָר ער ווערטלט זיך, ער פאַרכלינעט זיך אין פרייד. ווען האָט זאַוול געזען א לעבעדיקן גראָשן, א פאַרדינטן, אויסגעהאָרעוועטן גראָשן? ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן לייוויקס טויווע, וואָס ער האָט אים איינגעאָרדנט אין אן אַרטעל. ער קומט, זעצט זיך אנידער בא דער מאשין און סע ציט זיך דער פאָדעם: א זאָק און א זאָק, זיי גייען, זיי ציען זיך די ווייסע זאָקן... און ער, ער לערנט זיך, ער מאַכט שוין וויפל טוץ זאָקן א טאָג, ער וועט זיך דער-אַרבעטן ביז דער נאָרמע, וועט ער פאַרדינען דריי רובל א טאָג... ווען האָט עס זיך אים געכאָלעמט, ווען האָט עס זיך אים געדאכט? ווען ער איז ארויס-געגאַנגען איך פראָסטיקן פאַרטאָג פון זיין שטעטל איבער די דערפער, האָט זיך עס אים ניט געדאַכט, ווען ער האט געבלאָנזשעט אין דער זאַווערוכע איבער די פעלדער, וואָס פירן צו דער סטאַנציע, האָט זיך עס אים ניט געכאָלעמט. און איצט איז ער א מיטגליד פון אַרטעל, פאַרדינט, און איז א מיטגליד פון קוסטאַרן-פאַריין. ווייסעך וואָס, ניט דאָס איז דער איקער, וויכטיק איז, ער איז אריין אין דראַמקרייז. ער האט זיך געשעמט יאַווען אהין ביז ער וועט קיין גייעם פּרעגנטש ניט האָבן. דעם נייעם פרעגנטש האָט ער זונטיק געקויפט מיט לייוויקן פון די ערשטע פאַרדינסטן זיינע, ער איז געשטאַנען אין מיטן צימער, צעלאָזט די הענט, ער ווייסט זיי ניט וואו אהינטאָן, האָט אים לייוויק אוטערגעטראָגן א טיכעלע:

— נאַ, ס'איז פון מיר א מאַטאָנע!

ס'איז א ביזאָיען און א געלעכטער. א דערוואַקסענער מענטש זאַוול, נאָר אָ די געוואוינהייט ווישן מיטן אַרבל די נאָז איז בא אים פאַרבליבן. האָט לייוויק זיך גענומען אים אָפּלערנען. אבי זאַוול הויבט אוף די האנט צו דער נאָז, כאַפּט ער א קנאַק אין האַנט אריין. זי ווערט שיר ניט גע-שוואָלן, און איצט, איצט הויבט זאַוול נאָר אויף די האַנט צו דער נאָז און באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ — אָפּגעוואוינט. איין וואָרט — ער מענטשלט זיך און איז פריילעך.

גייט איינמאָל זאַוול ארויס פון דער רעפּעטיציע, ער גיט א קוק אין קלוב־בופעט זיצט יאָסל דער רויטער. זאַוול, אז ער איז אין קאַס, ווערט ער בלוי, און פריער האט ער האַסטיק געווישט די נאָז, אז ער איז געווען אין קאַס, היינט כאַפּט ער עפּעס מיט דער האַנט אין דער לופטן און סאָפּעט:

— יאָסל, וואָס טוט איר דאָ?

— איך דארף זיך זען מיט א מענטשן!

— עך, סאָכרישע סוידעס.

— מ ע ד אַ ר ף!..

— ע מ י צ ן!..

— ע פּ ע ס!..

— א יי נ ע ם!..

קיינמאָל זאָגט מען ניט קלאָר, וואָס און וועמען... ווערט שוין זאַוול גאָר אין קאַס:

— וואָס זשע טוט איר בא אונז אין קלוב?..

— איך בין דאָך אויך א קוסטאַר!..

— אַ! א קוסטאַר!..

פאַרדריסט עס זאַוולען: ער איז א קוסטאַר און יאָסל איז אויך א קוסטאַר, שטייט ער אַ פאַרפּינעטער לעבן יאָסלען, און ווייסט ניט, וואָס דאַרף ער טאָן, נאָר א מיידל, פון דראַמקרייז א מיידל גייט דורך, רופט זי אים מיט זיך:

— קומט, דאָרט איז א לעקציע!

— קומט!..

זיי גייען אוועק. יאָסל וואַרט „אַפן מענטשן, וואָס ער דאַרף זען", זאַוול שמועסט מיטן מיידל וועגן דראַמקרייזישע איניאָנים, נאָר יאָסל גייט ניט ארויס פון קאָפּ:

— וואָס הייסט, ער איז א קוסטאַר? איך בין א קוסטאַר און ער אויך?..

און אין סאַמע פרילינג שוין, ערעוו דעם יידישן פּייסעך, יאָסל יאַוועט זיך אריין צו זאַוולען אין צימער אריין:

— ניטאָ לייוויק?

— ניין!

— אָי, דארף איך אים!

— וואָס דאַרפט איר אים?

— איך האָב מיט אים אן איניען!

— א סאָד!..

— ע, איך ווייס וואָס!..

— ער וועט אייך אַראָפּוואַרפן פון אלע טרעפּ!..

— וואָס איז אזוינס? איך האָב אים שלעכטס געטאָן?

— ווּאַדען, גוטס?

— פאַרקערט, איך בין אים אַלע יאָרן א גוטער פריינט!..

— נו, רעב יאָסל! איך האָב קיין צייט ניט, איר קענט גיין!..

— שאַ, זע נאָר, ווי ער האָט זיך צעלאָזט א ביסל!.. איך בין אַזאַ קוס־טאַר, ווי דו!..

— אָבער, אז איך וויל אייער צורע ניט אָנקוקן!..

— איך בין ניט געקומען צו דיר!..

— „ער" איז ניטאָ!..

— נו, געדענק, זאַוועלע, געדענק!.. ס'איז איצט דיינע זיבן יאָר... נאָר געדענק... „פרידע קאַזאַ דאָ וואָזאַ"... געדענק...

יאָסל איז אָף פּייסעך געקומען אהיים, זיינען, ווי דער שטייגער איז, געקו־מען קרויווים אויספרעגן:

— וואָס הערט זיך?

— ווי גייט עס?

אז מע רעדט, איז מען געקומען צו זאַוועלען אויך:

— וואָס טוט ער עפּעס?

— אָף אלע יידן געזאָגט געוואָרן!..

— א נאָגיד?

— פאַרדינט שלאָלים מיט געלט...

— א דער שלימאַזל...

— יאָ, א שלימאַזל!.. איר מעגט אים שוין אָנקוקן... געזונט געוואָרן, אַזוינע צוויי פּיסקעס, גייט אָנגעטאָן ווי א גראַף, אלע טאָג אין טעאַטער, אין די רעסטאָראַנען עסט ער...

— און דאָס ווייב שטאַרבט זיך דאָ פאַר הונגער!..

— ער דאַרף זי... ער האָט צען אַנדערע אַף איר אָרט...

— וויאַזוי האָט ער זיך עס „דאָראָבעט"?

— לייוויק האָט אים א טויווע געטאָן...

— לייוויק?..

— לייוויק... דאָס איז אַ מענטש...

פאַרכידעשט קוקן שכיינים און קרויווים אין יאָסלס רויטן מויל אַריין, און עסטערקע שטייט אין א זייט, האַלט דאָס קינד אַף די הענט און הערט, הערט מיט אומגעדולד, גיט אַ שמיץ דאָס קינד:

— וואַרט נאָר צו!.. לאָז אויסהערן א וואָרט!..

פאַרנאַכט איז געקומען אַוורעמל פון יאַריד. די ערעוופּייסעכדיקע בלאָטע האָט פאַרליאַפּעט אַפילע דעם שטערן זיינעם, דאָס פּידזשאַקל איז געווען פאַר־לאַטעט און אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. ער האָט פון דער פויערישער פור

געטאַסקעט שווערע זעק, געסאַפּעט, געשוויצט, איינגעם מיטן שווייס צעווישט בלאָטע איבערן פּאָנעם, און דער טאַטע זיינער אין דעם שטאָטישן, ריינעם פּידזשאַק, איז געשטאַנען אַנטקעגן אים, פּריציש - גאַדלאָנעסדיק געפרעגט:

— וואָס מאַכסטו עפּעס?

און ווי עסטערקען אַפּצעלאָכעס האָט ער אים געזאָגט דעם זון זיינעם.

— זאָוול זעט שוין אַביסל שענער פון דיר!

עסטערקע איז אַוועקגעגאַן פון צימער, ווידער אָנגעפּאַטשט דאָס קינד, וואָס איז עס שולדיק?

געקומען צו דער שוועסטער, צו דער נאַרעשעוואַטער קרוינען, אויסדערציילן דאָס ב׳טערע האַרץ!

— א שלימאַזל אוורעמל!.. סע גייט אים... מיט ברויט טאָר מען שוין ניט האַנדלען!.. די יארידים... סע קלעקט א גראָשן אַף גאַז... פּאַרנאָסע אַ קרענק... אַ מאַזל באַ מיר... און דער טאַטע זיינער, דער גוויר, ער לעבט זיך דאָרט, ווי גאָט אין אָדעס... געקומען אַף פּייסעך אן אויסגעפּאַסע־טער, א פריילעכער... סע פרייט אים... דער זון זיינער, ער האָט אים אין זינען... אַ׳, א מאַזל אַ קליינשטעטלדיקס...

און נאָכדעם, אַז זי האָט זיך שוין אָנגערעדט, דוכט זיך שוין מיד פון קלאָגן זיך, האָט זי זיך ערשט דערמאָנט:

— און וואָס זיצסטו אין שטעטל? וואָס? ווען איך האָב א מאַן אין דער גרויסער שטאָט, אַ מאַן א פּאַרדינער, וואָלט איך דאָ געזעסן? וואָס?.. ער וועט דאָרט מיט פרעמדע ווייבלעך טעאַטער שפּילן, און דו וועסט דאָ פוכנען אַפן פּיסק? וואָס?

קרוינע קוקט אַף איר, זי זעצט איבער דאָס קינד אַף א צווייטער האַנט:

— ער ווערט זיך אָנטאָן אין גאָלד, און דו אין טאַכריכים? וואָס? זיינע קינדער? זיין ווייב? זאָל ער אויך וויסן פּאַטשאָם פּוד ליכאַ!.. יאָ!.. אַז דו ביסט אַ בעהיימע!.. ער טוט מיט דיר וואָס ער וויל, ער האָט דיר געלאָזט צוויי אויפּעלעך אַף די הענט... און דו בעהיימע שווייגסט אים... האָסט באַ אים קיינמאָל די ליכטיקע שיין ניט געזעהן... ער איז אַלע יאָרן געווען אַ שלימאַזל... און אַז מע האָט זיך שוין דערלעבט, ער איז שוין אויך אַ שטיקל מענטש, הערט ער זי ווי האָמען דעם גראַגער... אַ ניט דערלעבן וואָלט ער באַ מיר... בעהיימע... דו... וואָס זיצסטו דאָ? וואָס פּאָרסטו ניט צו אים?.. האָסט זיך נאָך באַ אים די ליכטיקע שיין קיינמאָל ניט געזען...

קרוינע האָט טאַקע קיינמאָל די ליכטיקע שיין ניט געזען באַ זאָוולען, שטענ־דיק אַ קאַפּצן, שטענדיק אָן פּאַרנאָסע, איז זי געלעגן אין שטוב און געקנעטן דאָס געבעקל ברויט, אַז ס׳איז געווען, געלאָפן באָרגן און לייען, אַז דאָס איז אויך ניט געווען... אַ פּאַרעלטערטע איז זי שוין געווען, ווען ער האָט זי

געוואָרן, און ער איז געווען יונג און פריילעך, האָט זי ניט געקענט פאַרליידן זיין פריילעכקייט. א יונגערמאַן, א באַווייבטער, א באַלעבאָס, האָט ער אינזינען „דראַמע" און טאַנצט, און איז פריילעך, וואָס איז אַזוינס?.. עסטערקע האָט זי געלערנט, מאַדריך געווען:

— וואָס לאָזטו אים אָפּ די שמאַד?

— וואָס איז ער באַ דיר אַזוי פריי... אַ כיידער־יינגל?

און זי, זי האָט אַלץ, וואָס עסטערקע האָט גערעדט, אַלץ האָט זי אויסגעלאָזט נאָכדעם צו זאַוולס קאָפּ.

האָט דערפאַר זאַוול פיינט געקראָגן עסטערקען, און איצט, אַז ער האָט באַקומען דאָס קאַרטל פון זיין ווייב, אַז זי פאָרט צו אים, האָט ער באַלד דערשמעקט:

— עסטערקע! איר ארבעט...

געיאָוועט האָט זי זיך באַלד נאָך פייסעך מיט ביידע יאַטן, מיט אַ פושקע שמאַלץ, מיט א מולטערל און מיט א האַלב טוץ קלומקעס און קלומקעלעך. אין שטוב האָט זי ניט געטראָפן קיינעם.

זאַוול איז געווען באַ דער מאַשין...

לייוויק איז געלעגן אױף א דאַך...

לייוויק האָט נאָך באַ זיך אין שטעטל ליב געהאַט דעם דאַך, דער דאַך איז געווען באַ אים אָנגעלייגט און ליבלעך, ער האָט אים געקעכלט און געשווינט, ער האָט אים געמאַכט, זיין פראַצע און זיין סייכל האָט ער אין אים אַריינגעלייגט, נאָר נאָך מער האָט ער ליב געהאַט קוקן פונם דאַך אַראָפּ, זען די גאַנצע וועלט פון אויבן, איבערציילן אַלע קוימענעס און רויכן...

דאָ אַפן הויכן דאַך פון שטאָטישן מויער וועסטו די קוימענעס און רויכען ניט ציילן, צופיל זיינען זיי, דערפאַר קען מען זען, ווי די שטאָט שטייט ניט איין, ווי סע קריכן די טראַמווייען, ווי סע רוקן זיך די גאסן, ווי די שטאָט לעבט. מיטאמאָל זען, ווי א שטאָט לעבט, אלע גאסן איינצייטיק, אלע מויערן איינצייטיק... נעמט אָן א פרייד, נאָך א גרעסערע, ווי אין שטעטל. אַז ער אַרבעט אפן דאַך, קלאַפּט ער און קוקט צום הימל, צום פריילינגדיקן, בלויעך־גרינעם הימל און ס'איז אים גוט, די וועלט, די ברייטע, גרויסע וועלט זעט ער...

היינט איז לייוויק אומעטיק, היינט קוקט ער פון דאַך אױף דער שטאָט, און די פרייד, די פרייד פאַרן ברייטן, ליכטיקן אַרום איז היינט פאַרטונקלט...

— באַראָוואַ!..

וואָס טוט מען מיט אים? אזא וואוילער יאַט, אזא טייערער פאַרשוין און ער קומט אום, א מיידל, אַ פּאָשעט נעגידיש מיידל האָט אים קאַליע געמאכט... צולעצט קאַליע געמאַכט...

און עפשער גאָר ניט דאָס מיידל, עפשער טאקע דאָס ווייב מיט די קינדער, עפשער מאכן זיי פון אים טעל...

ווידער איז ער נעכטן געווען באַראָוואָי באַ לייוויקן:

— ברודערקע! כאוועד! איך וועל טאקע בלייבן אָן א שטעלע?..

— האָסט זיך העגט, האָסט זיך א מעלאָכע אין די הענט!..

— ברודערקע!.. איך האָב מוירע... איך האָב שוין די מעלאָכע פארגעסן... זעקס יאָר די קעלניע אין די הענט ניט געהאַלטן... יאָ!..

ליגט איצט לייוויק אַפן וואַרעמען דאַך:

— און אַז איך וועל ווערן פּאָרזיצער פון ארבעטקאָם, וועל איך אויך פאר־געסן די שער און דאָס בלעך, וואָס?..

נאָר ניט דאָס, ניט דאָס קימערט אים. דאָס איז אַ בייזאך. אים אַרט, אים פארדריסט, עפשער זיינען באַראָוואָיס טאינעס גערעכטע, באַראָוואָי האָט זיך נעכטן געטאַינעט:

— ברודערקע! איבער דיר!..

— ברודערקע! לייוויק! דו. דו האָסט מיך איינגערעדט, איך זאָל זיך מיט מיין ערשטע ווייב ניט צעגיין... דעמאָלט ווינטער... און וואָס האָסטו גע־האָלפן?.. ליאליע... זי איז דאָך אלציינס מעאובערעס... איך וועל זיך דען מיט איר צעגיין?.. און די אַלטע מיינע?.. וואָס?.. א לעבן האָט זי בא מיר?.. א געגעם... עך, ברודערקע! דיין קליינשטעטלדיקער קאָפּ איז שמאָל, ענג... פארשטייסט ניט...

ער פארשטייט ניט... פון וואַנעט זאָל ער אזוינע זאכן פארשטיין?.. לעבן עסטערקען האָט ער זיך געלערנט?.. אין שטעטלדיקן ראט איז ער מיט אזוינע פּראוון ניט געפּרואווט געוואָרן... ער האָט שלעכטס געוואָלט באַראָוואָיען? וואָס?

דעמאָלט, ווינטער, איז באַראָוואָי צו אים געקומען:

— איך וועל פון דער שטעלע אַראָפּ?..

האָט ער באַראָוואָיען בארויקט, אז ער קלייבט זיך ניט גיין פאר פּאָרזיצער, נאָר אז לייוויק האָט זיך שוין דעמאָלט געלייגט שלאָפן, האָט ער זיך פלוצלינג דערמאָנט:

— די קאַסע! וואָס טוט זיך אין דער אָרטקאָמישער קאַסע?

ער איז דאָך אויך א מיטגליד פון אַרבעטקאָם? ער איז דאָך פאַראנטוואָרט־לעך, צי ניין? אויב דאָס מיידל, די לאנסקעכע, האָט אויסגעזויגן עטלעכע רובל, וועט מען דאָך אים אויך פרעגן:

— וואו זיינען געווען דיינע אויגן?

און מאַרטינענקאָ'ן דעם צווייטן מיטגליד וועט מען אויך פרעגן. ניין, ניין... ער טראכט ניט וועגן דעם... פאראנטווארטלעכקייט... ניין... ניט פאַר דעם

ציטערט ער... דאָס געלט... די אָרעמע מוליערישע, טעסליערישע, בלעכע־רישע געלטן?.. צו לאַנסקעכען אין קעשעניע, צי אין זיידענעם זאָק אריין זיינען זיי אוועקגעשוואומען? אַ? ער איז אויפגעשטאנען, אראָפּ פונם בעט. אפן צווייטן בעט האָט זאַוול רואיק געשמייכלט אין שלאָף, און ער איז אַרומ־געלאָפן:

— וואָס איז מיט דער קאסע?..

קוים דערלעבט דעם אינדערפרי, אוועקגעלאָפן צו דער לאנסקעכע, א קוק געטאָן די ביכער אירע:

— וואו האַלט איר דאָס געלט?..

— אין שפּאָר־קאַסע!

— וואו איז דאָס ביכעלע?..

דאָס ביכעלע איז אין אָרדענונג... נאָר לייוויק איז ניט רואיק:

— ווער כאַסמעט די טשעקן?..

— באַראָוואָי?..

— און די איבעריקע מיטגלידער דאַרפן ניט כאסמענען?..

אליין זיך פארשעמט פאר זיך. וואָס פאר א רעכט האָט ער באראָוואָיען ניט געטרויען?..

— דאָס מיידל, זי!..

אָבער האָסט בא דער האַנט ניט געכאַפּט! וואָס? טאָרסטו ניט כוישעד זיין... טאָרסט ניט... ער האָט זיך געיאַדעט, ער איז ניט געווען רואיק, און פאַר דער זיצונג פון פראַקציע וועגן באַראָוואָיעס פראַגע האָט ער באַראָוואָיען געזאָגט:

— איך וועל ריידן, מע זאָל דיך לאָזן אַלס פאָרזיצער, נאָר מיט א טנאי... דאָס ווייב פאַרלאָזסטו ניט...

און דאָך איז ער די גאנצע צייט ניט רואיק געווען פאר דער קאסע... אָבער דאָס ווייב באָראָוואָיס. זי האָט צו זינגען און צו זאָגן, זי מוטשעט זיך מיט די פיר קינדערלעך, און באַראָוואָי מוטשעט זי, מאכט כויזעק פון איר, זידלט, מאַכט צו בלאָטע גלייך, ליגט איצט לייוויק אפן דאַך און טראכט:

— וואָס האב איך זיך געדאַרפט אריינמישן?..

איז ער אין אַ שלעכטער שטימונג געגאן אַהיים פון דער ארבעט... געקו־מען און געטראָפן אַ פולן צימער:

— זאוולס ווייב מיט די קינדער!..

זאוול איז ארומגעגאן איבערן צימער, אויסגעגלאנצט די אויגן, געסאפעט, ס'איז קלאָר געווען, ער האט זיך נאָרוואָס געערגערט שטאַרק...

און אז לייוויק האָט אָפּגעגעבן דעם שאָלעמאליכעם, האט זאַוול ווידער אָנגעהויבן זיינס:

— ס'איז זיך ניט מיין צימער! וואו וועסטו וואוינען?

— לייוויק וועט זיך זוכן אַן אנדער צימער!

— סטייטש, ווי נעמט מען עס אַ מענטשן און מע וואַרפט אים ארויס פון זיין אייגענעם צימער?

— זאָל ער וואוינען מיט אונז!..

— און אז ער וויל ניט?..

— וואָס רעדסטו פאַר אים? ער קען אליין זאָגן...

זעצט זיך זאַוול צו אַף א שפּיץ בענקל, ער זיצט עטלעכע מינוט, און רייסט זיך אויף:

— איך מוז גיין אין קלוב!..

— אַ! אַ!.. דאָס ווייב איז געקומען צופאָרן און ער אַנטלויפט צו אלדע רוכעס... ניט דערלעבן וועסטו... דאָ זיץ מיט מיר...

איז לייוויק צוגעגאַן:

— קרוינע, זיצט און טשעפּעט אים ניט... ער דאַרף גיין... גיי, זאַוול!..

זאַוול איז ארויס, זיי זיינען געבליבן אין צווייען, זי האט אף אים דערשראָקן געקוקט, לייוויק האט ניט געוואוסט, וועגן וואָס מיט איר צו רעדן. ס'האט נאָך געפלאַמט דער בייזער קאַעס אין זיינע לויפנדיקע אויגן, האָט ער קורץ געזאָגט:

— ווילט איר דאָ וואוינען, זאָלט איר זאַוולען ניט דערקוטשען!

זי האט א קוק געטאָן אף אים.

ווייל זיינע אויגן שטייען קיינמאָל ניט איין, זעט מען זיי קימאט ניט, און מענטשן האבן מוירע פאַר אים, — ווער ווייסט, וואָס ער טאַיעט דאָרט אין די ווייסלעך — בלויע אויגן. קרוינע, זי האט אויך מוירע פאַר אים. זי זאָל נאָך ניט מוירע האבן, אַ דערשלאָגענע, א צערייצטע, האט זי נאָר פאַר אירע אייגענע קינדער ניט מוירע געהאט, ווייל זיי זיינען נאָך קליינע, און פאַר לייוויקן, ווייסט זי דאָך, האט דאס גאנצע שטעטל דרעכערעץ געהאט, זאָל זי ניט האבן קיין דרעכערעץ אַדאָ אין זיין צימער, אין א פרעמדער, גרויסער, פיינטלעכער שטאָט. אַי, ווען זאַוול זאָל זי וועלן אוועקוואַרפן אדי גרויסע, אומגעלומפּערטע שטאָט. נאָר גיי, אַ מאַגניט עפּעס ליגט אין אדי טומלדיקע גאַסן, אַדי הויכע בעקאָוועדיקע מויערן; זיי ציען, זיי בינדן, זיי פלעפן. אַי, אַי, אי, ווען זאַוול וויל זי פאַלגן, וואָלט ער דאָ ניט געזעסן קיין איבעריקן טאָג. נאָר, זי ווייסט... זי פילט... זי האט געזען אין די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן זיינע, אַז ער וועט זיך מיט דער שטאָט ניט צעשיידן, זי איז אים טייערער פון איר, אַדי שטאָט, אַפילע טייערער פון די קינדער. זי, די אויפגערעגטע, פאַרטיקעטע קרוינע האט קיינמאָל דוכט זיך קיין גוט וואָרט צו זיי ניט גערעדט און איצט, דאָ אין פרעמדן צימער, אין דער פרעמדער

שטאָט האט זי, מעגלעך, דאָס ערשטע מאָל צוגעצויגן צו זיך דערשראָקענע צוויי קעפּלעך און אַ קוש געטאָן איינס און דאס צווייטע:

— קינדערלעך, עפּשער ווילט איר עפּעס עסן?

זיי, די קליינע מענטשעלעך, זיי האָבן עפּעס דערפילט אין דער פלוצלינג־דיקער מאמעס וואַרעמקייט און זיך צוגעטוליעט צו איר... אַ שווערע שטיל־קייט אין צימער, לייוויק ווייסט ניט, ווי זי צעשטערן, טראַכט ער וועגן וואָס צו ריידן מיט דער קליינשטעטלדיקער, דערשלאָגענער יידענע, און פרעגט פלוצלינג:

— ווי גייט עס אייער שוועסטער?

— עסטערקען? אַף אלע מיינע סאָנים געזאָגט געוואָרן...

ס'האבן מיטאַמאָל איר שטראָמען ווערטער פאַרשטעלט דעם האַלז. ער, דער פרעמדער, בייזלעכער יונג, ער פרעגט וועגן א פאַשעטער זאַך, וועגן דער שוועסטער.

— אַף אלע מיינע סאָנים געזאָגט געוואָרן, געזוכט אַ שמאַלץ־גרוב, איז די שמאלץ אויסגערונען, געבליבן אַ וויסטע, פינסטערע גרוב... אַ מאַן אַ טאמעוואטע שלימאזל... מוטשעט זיך נעבעך אַפן טויט, יאָגט אין פרעסט און אין קעלטן איבער די יאַרידים, און נאָכדעם איז ניטאָ אַף שאבעס, דער טאטע זיינער זאָל זיך אַפילע אומקוקן, ער ברענגט אַמאָל דעם אייניקל פאַר אַ זעקסער אַ מאַטאָנע, און מיט דעם איז ער יוצע...

קוקט לייוויק אַף איר מיט זשעדנע אויגן... זי שיט ווייטער...

— אַזא שטיק גאָלד, ווי מיין עסטערקע איז... אַ בעריע... סע ברענט אונטער אירע הענט... איר זאָלט זען, ווי סע בליאסקעט בא איר דער סאַ־מאָוואַר, ווי די קיך איז אויסגעשמירט...

ער רייסט זי איבער, ער וויל עפּעס... וואָס? אַ, ער וויל וויסן:

— וואָס נאָך... וואָס קען זי נאָך, עסטערקע?

פאַרשטייט ניט קרוינע, פאַרוואָס, פאַרוואָס איז ער אויפגערעגט אַדער יונג, וואָס טרייסלט זיך זיין קאָל, ענטפערט זי פאַשעט, — ווייבעריש:

— וואָס נאָך זי קען?.. זי קען פאַרוקן אַ טשאָלנט... איז אַמעכאַיע צו קוקן...

לייוויק איז אַרויס פון שטוב. און פלוצלינג דערפילט: ניטאָ עסטערקע, ניטאָ. אויסגערונען פון דער שוועסטערס ווערטער? ניין. ניין, שוין לאַנג, לאַנג, אַז דאָס מיידל איז ארויס פון קאָפּ, די ארבעט, דער אַרבעטקאָם, די זודיקע, שטאָטישע טעג האָבן איר געשטאָלט אַרויסגעיאָגט... ער האָט געמיינט, די שוועסטער וועט דערציילן, וועט עפּשער אויפלעבן, עפּשער... ניין... פאַרקיִרט...

ער איז געקומען און אומבאַמערקט אַראָפּגענומען פון וואַנט עסטערקעס פאָטאָגראַפיע. שפּעטער זיך אַריינגעלייגט אין בעט... אַף זאַוולס בעט זיינען

געשלאָפן ביידע קינדער און אף דער ערד זיינען געלעגן זאַוול און זיין ווייב...
זאַוול האָט עפּעס אין קאַאַס געטאַינעט, קרוינע האט אין קאַאַס געענטפּערט,
לייוויק האָט בייז אַ זאָג געטאָן:
— שטילער, מע דאַרף שלאָפן אויך!..
ס'איז שטיל געוואָרן.

זונטיק איז צו זאַוולען געקומען יאָסל דער רויטער, געוועו איז ער אזוי פריינטלעך געשטימט, געשמייכלט:
— זאַוועלע, מיר האָסטו צו דאַנקען, וואָס איך האָב דיר געבראַכט דאָס ווייב!
זאַוול קוקט ניט צו אים. רעדט ער ווייטער:
— זי קומט צולויפן: נעמט מיך, איך וויל פאָרן מיט אייך!.. זאָג איך: פאַרוואָס ניט, מיטן גרעסטן קאָוועד...
זיצט ער דער רויטער און איז אזוי באַריידעוודיק, אַזוי וואויל, גוט, מעכאַיעדיק.
— וואָס מיינט ער דערמיט?
סאָף קאָל סאָף האט ער געזאָגט:
— קרוינע, ווילסט זיך אויסלערנען אַ מעלאָכע? קום צו מיר, לערן זיך מאַכן זאָקן... אין צוויי וואָכן לערן איך דיך אויס... נאָכדעם צאָל איך אַ קערבל אַ טאָג...
קרוינע האט אַזש זיך איינגעקוקטעט אין שאַל:
— ער מיינט עס אף דערעמעסן?
זאַוול האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אף יאָסלען, קורץ אָפּגעשניטן:
— זי וועט ניט גיין!..
איז קרוינע אונטערגעשפּרונגען:
— איכן דייקע יאָ גיין... דרייסיק רובל אַ כוידעש גייען ניט צופוס...
— בעהיימע, דו! ער וועט באַ דיר פאַרדינען דריי רובל אַ טאָג...
— זאַוול, פערד! זאָל ער פאַרדינען טויזנט... און איכן גיין...
— ניין, דו וועסט ניט גיין...
— ניין, איך וועל גיין...
— וועסט ניט גיין...
— כ'וועל גיין...
— ניין...
— יאָ...
זיי קריגן זיך, און יאָסל זיצט, ער קוקט און טראַכט עפּעס זיינס. און אַז ער זעט פונם קריגן זיך וועט גאָרניט זיין, רייסט ער איבער:

— נו, מײַלע! וואָס זאָל איך טאָן... בעטן, וועל איך ניט בעטן... איך האָב געמיינט אייער טויווע...

זי איז אַף מאָרגן טאַקע אַוועקגעגאַן צו יאַסלען, זיך געלערנט מאַכן זאָקן, ס'איז אַדאַנק לײַוויקן, ער האָט אויסגעהערט די מאַיסע, האָט ער געזאָגט:

— זאָל זי גיין!..

זאַוול האָט ניט געוואוסט, צי מיינט לײַוויק ערנסט, צי ניין, ווײַל ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט...

טאַקע דעם זונטיק איז צו אים אַרײַנגעפלויגן מאַרטינענקאָ:

— וואָס שווײַגן מיר, כאַווער? מיר זײַנען דאָך מיטגלידער פון אַר־בעטקאָם...

לײַוויק איז אויפגעשפרונגען:

— וואָס? וואָס האָט זיך געטראָפן?

— שאַ, זײַד ניט! וואַרט אויס... מיר זײַנען אַן אַרבעטקאָם, צי ניין? מע טרעט שוין צו צו דער פאַבריק... מע וועט זי שוין בויען טאַקע... און באַ אונז האָט מען עפּעס געטאָן?..

— דער פאַרײַן... דער פאַרײַן דאַרף טאָן... דוכט זיך...

— אָבער מ'האָט באַראָוואָיען געהייסן צוגרייטן מאַטעריאַלן, איצט קען זײַן וועט מען אונזער אַרבעטקאָם... באַליידיקן... מע וועט נעמען אָנדערהאַלבן מענטשן... און שוין... גלויב מיר... איך בין נעכטן געווען אין פאַרײַן... פון אונזער אַרבעטקאָם... האָט מען ניט... גענומען... באַראָוואָי איז פאַרשלאָפן...

— און דער פאַרײַן... מע דאַרף אים דערמאַנען?..

— וואָדען מיינסטו? מ'האָט אים ניט געטשעפּעט, איז... איז גאָרניט...

— לויפן מיר אין פאַרײַן...

— זונטיק?..

— וואָדען איז די אייצע?..

— באַראָוואָיען מיט דער זיידענער סעקרעטאַרשע דאַרף מען געפינען, קומען מאָרגן אין פאַרײַן מיט די מאַטעריאַלן... א!..

— קום, וועלן מיר אים געפינען...

נאָר וואו געפינט מען באַראָוואָיען איצט? באַם ווײַב איז ער שוין וויפל וואָכן ניט געווען... באַ זיך אין דער נײַער וואוינונג איז ער אויך ניטאָ... שכיינים זאָגן, ער איז מיט ליאַליען אַוועקגעגאַן... זיצן זיי ביידע: מאַרטי־נענקאָ און לײַוויק און וואַרטן... אַף באַראָוואָיען וואַרטן זיי... ניטאָ... ער גייט ניט... מאַרטינענקאָ גייט אַהיים, לײַוויק וואַרט נאָך אַלץ, נאָכדעם גייט לײַוויק אַוועק און מאַרטינענקא וואַרט... ווידער וואַרטן זיי ביידע, און ערשט אַפּדערנאַכט זײַנען זיי געקומען... באַראָוואָי און די לאַנסקע...

לייוויק און מאַרטינענקאָ פּינען, היצן זיך, בייזערן זיך... באָראָוואַי שטאמלט עפּעס... און די לאַנסקע זי זאָגט רואיק מיט אַ צעקוועטשטער שטימע:

— איכן איצט ניט גיין אַרבעטן...

— איר וועט דייקע יאָ גיין...

— ניין...

— וואָס הייסט איר וועט ניט גיין?..

— איך בין אין אורלויב... פּאָ בעי־עמענאָסטי... פּיר כאַדאָשים...

— פון ווען אָן?..

— פון נעכטן?..

— קענט איר איצט ניט גיין אַף איין אַפּדערנאַכט...

— כ׳וויל ניט...

— וואו איז פאַראַנטוואָרטלעכקייט?..

— כ׳בין אין אורלויב...

— כאַווערטע לאַנסקע, מירן אייך אַראָפּנעמען פון דער שטעלע...

— נעמט מיך אַראָפּ... איצט בין איך פּיר כאַדאָשים אין אורלויב...

— באָראָוואַי, וואָס שווייגסטו?..

— ליאַלעטשקע, אַרבעט אָפּ היינטיקע נאַכט... איך בעט דיך...

— באָראָוואַי, דו רעדסט נאַרישקייטן... איך וועל ניט גיין...

דער צימער באָראָוואָיס איז נאָך אַ נאַקעטער: ליידיקע ווענט, ווייניק מעבל, שטייען זיי דריי הויכע מאַנסבלען און בעטן זיך באַ איין קלייניקער פּרוי און זי וויל ניט הערן אַפּילע...

שטייט לייוויק און קוקט, קוקט, סע לויפן די אייגעלעך, סע לויפן די געדאַנקען...

— מאַרטינענקאָ... קום... מירן זיך אָן אייצע געבן... מיר וועלן דינגען אַף איין נאַכט דעם קאָנטאָרשטשיק פון פאַריין... מירן אַף מאָרגן די יעדיעס אין פאַריין אריין געבן... פאַרבלייב געזונט, באָראָוואַי...

זיי האָבן אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר...

לייוויק איז דאָך אַ ווייסער, אַ ליכטיק־בלאָנדער, זעט מען ניט אַרויס, ווען ער שוויצט, ער ווישט דאָס ווייסע פּאָנעם זיינס מיטן טיכעלע, און פילט ניט, און זעט ניט, ווי דאָס פּאָנעם ווערט ווידער נאָס.

ס׳איז מיט זומער, און כוץ דעם איז ער אויפגעדעגט. דאָס היטל דרייט זיך אַף אים: פאַרטאָן, צעטראָגן, ער לויפט, ער שפּרינגט. ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין געדולד — ער איז פאָרזיצער פון אַרבעטקאָם...

געקומען צולויפן זאַוול אַ פאַרפינעטער:

— לייוויק, לייוויק! יאָסל... יאָסל דער רויטער...

— נו...

— אַן עקספּלואַטאַטאָר... אַ בורזשוי...

— אָן עק, רייד ווערטער... וואָס האָט זיך געטראָפן?..

זאַוול האָט אָפּגעאָטעמט:

— פאַרשטייסט... אַ שווינדלער... איך בין היינט געווען, געגאַנגען א קוק טאָן, ווי קרוינע אַרבעט... מיינסטו, זי איז איינע... דריי אַרבעטן באַ אים... נו... זי, קרוינע... און נאָך צוויי מיידלעך... ער צאָלט זיי אַ קאַרבּ אַ טאָג... פאַר א גאַנצן טאָג...

— און ער, ער אַליין?..

— ער, ער לויפט ארום... אין באַנק לויפט ער... „סע דאָ פּר.. ראַ־זשע? אין טעקסטיל... קומט ער... איר'ט געבן פרר... ראַזשע?.. אומעטום לויפט ער אַרום... און שלעפּט... ווי פון אַ טויטן... און אין שטוב אַרבעט מען אַף אים... ער וויל שוין דעם בענאָק זיינעם אַרויסנעמען אַהער... נאָך אַ פּאָר הענט...

לייוויק הערט שוין ניט, לייוויק איז פאַרנומען, ער שרייבט עפּעס, ער טראַכט עפּעס, ער איז דאָך פּאָרזיצער פון אַרבעטקאָם...

— לייוויק, מע דערפאַר איבערגעבן אין באַנק אַריין...

— גיב איבער...

— יאָ... יאָ...

ס'איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן זאַוולס שטימונג, ער האָט געשטאַמלט:

— מע דאַרף אים מאַסערן...

לייוויק האָט אויפגעהויבן די פאַרוואונדערטע אויגן. זאַוול האָט אַלץ גע־שטאַמלט:

— איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט געמאַסערט...

לייוויק האָט אַ בייזן קוק געטאָן, זאַוול האָט זיך געקנייטשט:

— עפּעס... עפּעס, ווייס איך ניט, ווי מע טוט עס... לייוויק, וואָס זאָגסטו?

— איך... איך זאָג, אז דו ביסט...

זאַוול האָט א'ם איבערגעריסן:

— עפּשער... עפּשער איז אַ ראַכמאָנעס... אַף אַ יידן... שלאָגן פון פּאַרנאָסע?

האָט שוין לייוויק ניט אויסגעהאַלטן, ער איז ארויס פון די קיי־לים...

— ראַכמאָנעס?.. ראַכמאָנעס?.. ער וועט אף דיר ראַכמאָנעס האָבן... וואָס?.. דערמאָן זיך... דערמאָן זיך... ראַכמאָנעס?.. ניטאָ קיין ראַכמאָנעס אַף דער וועלט...

ניטאָ? פון ווען אָן איז עס לייוויק אזא מענטשן־פרעסער? ווילאַנג ערשט איז געווען די פאַרזאַמלונג, און לייוויק איז אַרויסגעטראָטן מיט א וואָרט:

— אַ ראַכמאָנעס אף באָראָוואָיען!..

אָ, אַ, טאַקע דעמאָלט, טאַקע אַף דער פארזאמלונג האט מארטינענקאָ אים באַצאָלט:

— ראַכמאָנעס?.. מיר... באָלשעוויקעס... אַרבעטער... מיר וויסן... סאָציאַלע גערעכטיקייט... ווייסט ניט וואָס ס'הייסט סאָציאַלע גערעכטיקייט... אָבער דו ווייסט... ווייסט... אַף אונז האָט עמיצער ראַכמאָנעס געהאַט?.. אז מע טוט ניט אונדזער זאַך... אז מע שטערט אונז... אַז מע שטעלט שטעקלעך אין די רעדער... אז מע פארשלאָפּט אונדזערע אינטערעסן... מע גענעצט... מע... אין שפיטאָל... אין באַגאַדעלניע... דאָרט זוך ראַכמאָנעס. מיר וויסן: באָראָוואָי האָט זיך ניט ספראַוועט, שיר דעם סעזאָן ניט פאַרשלאָפן, וועלן מיר ראכמאָנעס האָבן? דאָלאָי ראַכמאָנעס!..

און איצט, איצט איז לייוויק אין קאָס, — וואָס הייסט זאוול רעדט וועגן דעם... און זאַוול, זאַוול ווייסט ניט, וואו ער איז אין דער וועלט, וואָס ער דאַרף טאָן, ער פרעגט שטיל לייוויקן:

— וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט יאָסלען!..

— וואָס? ווייסט ניט וואָס? גיב זיך אליין אן אייצע... איך האָב ניט קיין צייט...

ער האָט טאַקע קיין צייט ניט. ער לויפט אַוועק, ער איז פאַרנומען, ער איז פאַרטאָן: מאָרגן הויבט מען אָן בויען די פאַבריק... מאָרגן!..

מאָרגן!..

אף מאָרגן איז געווען א שיינער, זומערדיקער טאָג. לייוויק האָט אינדערפרי אַ קוק געטאָן אַפן לויטערן הימל און זיך דערפרייט:

— מיר האָבן מאזל! ס'האָט אונז צוגעשפּילט! א שיינער טאג!

און זיך פארדרייט אין וויכער. פארנומען, פאריאָגט, פארכאַפּט.

— מע דאַרף, דער גאַנצער ארבעטקאָם זאָל זיין!..

— דער גאנצער ארבעטקאָם!..

— אַלע!..

אָן איילעניש, א כאפעניש, דער ארבעטקאָם זשומעט. די פאָנען נעמט מען פון ווינקל ארויס... פרעמדע, דוכט זיך, זיינען אויך געקומען... זאָלן זיין פרעמדע אויך, מיילע, א, אַ, זאַוול. וואָס איז? וואס האָט זיך געטראָפן? וואָס? ער האָט קיין צייט ניט. רייד זאַוול, גיכער. נו, וואָס ווילסטו?

זאַוול גלאַנצט אויס די פריילעכע אויגן:

— איך האָב געפונען אן אייצע!.. מע וועט שוין וויסן פון יאָסלס טועכצן. מע וועט וויסן?.. איך האָב אַוועקגעשריבן אין וואַנטצייטונג... אָ!

ליוויק האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף א רעגע, א קוק געטאָן אפן פרייליכן זאַוולען, געוואָלט אויסבאַטלען אף אים אלע בייזע כאַלוימעס, נאָר זיך איינ־געהאַלטן... מע דארף זיך איילן, מע דאַרף דאָך לויפן...

— אַנדערע אַרבעטקאָמען זיינען שוין אַרויסגעגאַן...

לויפט ער, סאפּעט ער:

— כאַווײרים! אין די רייען!..

אַפן גרויסן, ליידיקן פּלאַץ, וואו מע וועט בויען די נייע פאבריק איז פול, שווארץ געוואָרן דער גרינער, ליכטיקער פּלאַץ. מע שטופּט זיך, יעדער וויל א קוק טאָן אהין, וואו דער פּאָרזיצער פון אויספירקאָם שטייט. לייוויק שטייט אין שפּיץ פון זיין אַרבעטקאָם:

— כאַווײרים!.. כאַווײרים, דיסציפּלין!

נאָר אַז דער פּאָרזיצער פון אויספירקאָם נעמט די קעלניע, — ער וועט לייגן דעם ערשטן שטיין, — קריכט לייוויק אין אוילעם, שטופּט זיך, און שטופּט דעם קאָפּ פּאָרויס:

— כאַווער, וואָס איז?..

ער וויל, ער לייוויק דער פּאָרזיצער פון ארבעטקאָם, ער וויל, דער פּאָטאָ־גראַף זאָל אים אויך אַראָפּנעמען, ער האָט זיך א גאנצן ארבעטקאָם מיט מענטשן אוועקגעשטעלט אף דער ארבעט, ער איז ניט ווערט? ער וויל אויך זיך פּאָטאָגראַפירן... און אז מע גייט צוריק, פרעגן נאָך אייניקע אומגלויביק:

— שטעלן מיר זיך מאָרגן צו דער אר־בעט? לייוויק צעיאָגט די אויגן:

— טאַקע מאָרגן, מאָרגן שטעלט איר זיך צו דער ארבעט!..

СССР

א. פּאָמעראַנץ

היים

I

ט׳ווייס! עס וועט אַ כוואַליע אַ פּאַטש טאָן
מיר אין פּאָנים:
סקאָצל קומט — אַ געסטל!.. קוק אים אָן דעם אוירעך!..
און וואו ביסטו געוועזן, ווען עס האָבן סאָנים,
אַף מיין ברעג געטאַנצט די לעצטע אַלטע הוירע!

און וואו ביסטו געוועזן, ווען כ׳האָב אין מיינע אָרעם,
דעם צעוויגטן קאַמף צעכוואַליעט איבער ברעגן!
און וואו ביסטו געוועזן, ווען ס׳האָבן נויט און אָרים,
מיט דער ווייסער זעט — אַ לעצט מאָל זיך באַגעגנט!

— יאַם! איך וועל דיר זינגען לידער פון מיין לעבן —
אוי, מיין גרויסע שאַנד! מיין וויטיק און שוואַרצמאַזל!
יאַם! איך האָב געוואָגלט... וועסט מיר, יאַם, פאַרגעבן, —
ווייסט דאָך גוט ווער ס׳וואָגלט! קינדער פון די מאַסן!

... רעלצן־רעלצן־רעדער, רעדער־רעדער־רעלץ.
און וויפל איז פאַראַן דען פון דאַנען ביזן דניעסטער!
און וויפל דען פון דניעסטער ביז מיין שטעטל בעלז!
און דאָרט אין בעסעראַביע האָב איך נאָך אַ שוועסטער!

אוי, מיין בעסעראַביע! קעשעניעוו מיין ליבע!
די באָיאַרן קלויבן דיין פּאַפּשוי און גערשטן!
כ׳האַלט דאָ גרייט מיין זאָטל, מיין גאַרטל און די שטיוול;
אַז מע וועט אַ רוף טאָן — וועל איך זיין דער ערשטער!

... רעלצן־רעלצן־רעדער, רעדער־רעדער־רעלץ.
און ס׳וואַרט אַף מיר דער יאַם. און אוי, אָדעסאַ־מאַמע!
גוט, אַז עכאָס וואַרטן אַף דעם דיכטערס פּערז!
און גוט איז אַפן האַרצן, אַז דו זינגסט מיט יאַמען!

II

איז געווען אַף באַזאַרנע; איז געווען אַ יעשיווע;
און מענדעלע איז לערער, און טשערנאַוויץ איז דער עלצטער.
...כ׳בין געקומען קיין אָדעס אין מיינע בעלזער שטיוול;
אין קוטשמע בעסאַראַבער, און אין שמויסן פעלצל.

...זיידע, דו מיין זיידע! — אַף מאָלדעוואַניש: מאָשו! —
אין לייוונט-העמד, אין גויאישן, און אין שירץ פון לעדער!
מיין זיידע — אַ ראַטאַר; אַף אונדזער פויערס לאָשן,
הייסט ראַטאַר אַ טעסלער פון קלעצלעך און פון רעדער.
מיין זיידע האָט געדאַוונט אין מאַירעוו נעבן בעדער.

מיין זיידע צו די אַכציק — אַ שאַרף געהער און ריע —
ווייל אין דאָרף געוואָקסן — אין ראַכוועס און אין עכאָ.
מיין זיידן האָבן גוירים גערופן גלאַט: גאַווריעל;
גאַווריעל אָן אַ רעב; מיין באַבען — גאַווריליעכע.

גאַווריעל אָן אַ רעב... און מאַירעוו נעבן בעדער...
צעקראַצט ער זיך מיין זיידע! אַ דאַיגע, נו! קיין שאַנד נישט!
מיין זיידע אַ ראַטאַר פון קלעצלעך און פון רעדער —
ווייל ראַטאַר הייסט אַ רעדל; ווי שיין איז מאָלדעוואַניש!

...ראַטאַ-ראַטאַ-רעדער. רעדער-רעדער-רעלץ.
אוי, אָדעס, כ׳וועל שטייגן אַף דיין העכסטן פעלז!
עפשער וועל איך אָנזען אַ וואָלקנדל אַף בעלז!..

III

ליב געהאַט מיין זיידע מיך, ווי זיינע ווייסע ספּיצעס;
ווי זיין געלן הונט, ווי זיין העמד פון לייוונט.
מיין טאַטע האָט מיך ליב געהאַט פון נאַכעס און פון גאַיווע,
ווי דעם שאַבעסקוידעש, דעם עסרעג און די ציצעס.

מיין טאַטע איז געווען אַ לאַמדן און אַ כאָכעם.
מיין זיידע, זאָל זיך מיען — אַ ייד אַ באַלמעלאָכע.

באַלמעלאָכעס האָבן ליב מיט הירטן־זאָרג און טרויער.
מיט ברייטקייט אינעם האַרץ. מיט שטילן אָל און דויער.
אַזוי נאָר ליבן וועלדער. אַזוי נאָר זאָרגן וועלדער,
פאַר וואָרצלען אױף די שליאכן, פאַר צווייגן אױף דער עלטער.

מיין זיידע איז געוועזן אַן אַלטער גוואַר, א דעמבע.
שרויפן אין די דישלעס — מיט הוילע הענט פאַרקרעמפּט זיי.
געיאַרשנט כ׳האָב באַם זיידן די גוואורע פון די דיכן;
ווי ער, צעבויגן קען איך אױף נאָקן מיינעם גראַטעס.
געיאַרשנט כ׳האָב באַם טאַטן דעם אימפּעט און דעם וויכער,
די אַזעס און די בענקשאַפט, דעם דיבער און דעם פּאַטאָס.
און כ׳האָב אַזוי געוואָקסן מיט מיין צווילינג איכן:
איינער איז דעם זיידנס; דער צווייטער איז דעם טאַטנס.

...געדענקסט. אָדעסאַ-מאַמע. כ׳האָב אױף מאָלדעוואַנקע,
געשלאָגן זיך מיט יונגען — דערנאָך געשריבן לידער!
דאָס האָט זיך דאָך געשלאָגן אין מיר דער טאַטע יאַנקל;
אויס בענקשאַפט נאָך א לעבן, נאָך וויכער און מערידע!

געדענקסט, אָדעסאַ־מאַמע: פאַר כאַווײרים שלעכטע,
מ׳האָט מיך פון יעשיווע אױף אײביק אויסגעשלאָסן!
דאָס האָט אין מיר־מיין זיידע, מיט צירקן־זין און טעכטער,
זיך געכאַוועט; און געליבט זיך מיט דינסטן און מאַטראָסן!

IV

אויך מיר אין יעשיווע — מיט זיבן דינסטן־ליבעס.
מיט זיבן דינסטן־ליבעס — מיט מאַטראָסן זיבן.
האָב איך פאַר געליבטע מיין ערשטע ליד געשריבן.
האָבן זיך די דינסטן געשטורכעט און געכידעשט.
און מיין ליד פאַרשטאַנען. שיקסעס קענען יידיש.

נאָר יעשיווע־באָכרים געשושקעט און געטאַינעט:
— ששש... א טעמע! — שיקסעס... דינסטן, מוידן... שש... שש...
טעמע — טומע — טאַרפע! די טעמע ניט קיין פיינע!
און דערצו געשריבן ניט אין לאָשנקוידעש!

— טעמע — טומע — טאַרפּע? — אוי, אז כ'האָב בא צענדליק
פון יעשיוועַ־באָכרים אָנגעבראָכן ריפּן!
און אין יענעם טאָג האָב איך שוין געענדיקט
טשערנאָוויצעס יעשיווע, און — איידאַ צו די שיפן!

— אוי, ברידערלעך, מאַטראָסן! און ברידערלעך
מאַטראָסן!
נעמט מיך מיט אין וועג! כ'וועל קריכן אפן זעגל!..
בלייב געזונט, געליבטע! עס פּאָרט אוועק דיין כאָסן!
בלייב געזונט, אדעס! און בעלזער גרינע וועגן!

אוי, דו שוואַרצער יאַם! דו נעם און זאָג דעם דניעסטער:
זאָל ער לאָזן גריסן בעסעראַבער סעדער!
און זאָל לאָזן גריסן גאַווריעלן דעם טעסלער!
און יעדער ווייסער ספּיצע אף צוגעבריטע רעדער!

...קריך איך אף די זעגלען; קוק איך אין די זייטן;
קוק איך אויס די אינזלען; קוק איך אויס די ווייטן:
וואו זשע וועל איך קומען? וואו זשע וועל איך לאַנדן!
זיידע! ווען זאָלסט וויסן, אוואו איך האב פארוואַנדערט:
אַזש ביז אַרגענטינע! ביז די בערג פון אַנדן?

V

אַרגענטינע הייסע! הייסע בוענאָס־אַירעס!
דיינע סטעפּן־פייער! פייער איז דיין אָטעם!
פייער דיינע פּרויען! און דיין גאַאוטש פייער איז!
האָב איך אין דיין האַפן מיר געזוכט א שאָטן!..

אַרגענטינע הייסע! מיט ווילדע פּי און ברויטן!
הייסע דיינע נויטן! הייסע דיינע וואונדן!
אף וויפל ווייטע מיילן ציען זיך די פּלויטן,
וואָס היטן דיינע פעלדער, דיינע לאַטיפונדן.

נאָר פלינק איז גאַאוטש פערדל; איבער פּלויט א רייטער!
און נאך א יונגן ביקל — אין גאַלאָפּ מיט מעסער!

א ליטקע אָפּגעשניטן, און צעלייגט א שײַטער...
די גאַנצע ערד דעם גאַאוטשׂס, מיט מויערן און שלעסער!

די גאַנצע ערד דעם גאַאוטשׂס; נאר ער דארף קיין זאַך ניט!
כוּך זיין פערד און מעסער, לאַסאָ און גיטאַרע...
אלע שלעסער — זיינע; נאָר ער דאַרף קיין דאַך ניט;
גאַנוועט ער זיין אייגנס... און כאַפּט מען אים — דער־
האַרגעט!

גאַאוטשׂ, ליבער גאַאוטשׂ! מאָרגנדיקער מוירעד!
אז דו וועסט א יאָג טאָן פון נאווענאַדע שליאַכן!..
... כ׳וואָלט א גאַאוטשׂ ווערן, האָב איך אָבער מוירע,
אז אין מיר מיין טאַטע, זאָל פון מיר ניט לאַכן:

זע נאָר, זע, דעם גאַאוטשׂ! זע נאָר, זע, דאָס פעלד־קינד!
מיט א בלאַט געמאָרע... מיט געגעם און גאַניידן...
יאָרן מיינע זעכצן!.. צי וועל איך דאָ פאַרוועלקן?
שטאַרבן אין א נאַכט־הויז, מיט בענקשאַפט נאָך מיין
זיידן?..

רייכע אַרגענטינע! מיט ברויטן און מיט רינדער!
מיט די שענסטע פרויען! מיט געשיקטע יונגען!
וואָס זשע קומט ארויס? — אז ס׳ליידן דיינע קינדער!
בא לענדער ביסט פארקויפט! בא לענדער ביסט געדונגען!

כ׳האָב פיינט דעם בונטן טומל אף דיינע אַוועניִדן*;
און טויזנטער גאַלאָכים מיט סאָריסדיקע לייבער!
מיך עקלט דיין לאַוואַזשע** מיט אלע אירע יידן,
וואָס מיסכערן מיט אַלטוואַרג, מיט מעבל און מיט ווייבער!

מיינע זעכצן יאָרן פלאַטערן און בענקען.
האָב איך זיי באַנאַכט אין האפן אויסגעבאָדן;
און כ׳האָב זיי איבער טישלעך צעהאַנגען אין די שענקען —
און — זשליאָקע, טאַטע יאַנקל! דאַנקענגאָט — א שאָטן!

*) אוועניִדן — ברויט־גאסן.
**) די יידן־גאס

דאַנקענגאָט, א שאָטן... און ס'האָט דער טאַטע
יאַנקל,
אין אַפּאַשן־גאַרטל און צעכראַסטן קאָלנער,
אויסגעטאַנצט א הייסע אַרגענטינער טאַנגאָ,
ווי אַמאָל דאָס הייסע ריקעדל פון טאָלנער!..

ווער ס'האָט — מיך — געזען, און ווער ס'האָט — מיך —
באגעגנט —
מיט אונטער־אויגן בלויע און אין ריפּ א נאַכט־שניט! —
זאָלט איר גאָרניט פרעגן! איר זאָלט שוין גאָרניט פרעגן!
וואויל איז צו דעם טאַטן, וואָס האָט אַזאַ מין טאַכשיט!

ווער ס'האָט מיך באגעגנט האַלבע נאַכט אין ליקן,
מיט מיין גלאַנציק מעסער אין אַפּאַשן־גאַרטל!..
— עך, סעניאָר! וואָס ווייסטו, ווי איך זוך א טיקן!
האָב, סעניאָר, ניט מוירע... כ'בין א בעלזער יאַטל!..

קוקט, סעניאָר, און שמייכלט... און פינטלט אף מיין
מעסער...
פלאָנטערט מיט דער צונג... און ציט פאַר מיר דאָס
היטל...
— זאָג, סעניאָר, דעם עמעס: געהערט אמאָל פון
דניעסטער?..
בעלז... מיין שטאָט... מיין שוועסטער... עך, מיין
שוועסטער גיטל!

אז ס'האָט זיך גאָר מיין שוועסטער פארליבט אין
א רומענער!
פאַראַטן בעסעראַביע! מיין ליבע היים פאַראַטן!..
שיין איז אַרגענטינע; בעסעראַביע — שענער!
און שענער וועט זי זיין נאָך, אין רויטן און מיט ראַטן!

שוועסטער, אז כ'וועל קומען, דעם באָיאַר באַשטראָפן —
כ'וועל דיך, שוועסטער, שיסן אינעם מיטן שטעטל —
אויב דו האָסט פארשעמט מיך, אויב דו ביסט געשלאָפן
מיט א ברוינעם סוינע אין זילבער־עפּאָלעטן...

... זיק, סעניאָר!.. איך וויין גאָר?.. נו, איז וואָס?.. איז
וויין איך!..
ט'איז א פרעמדע שוועל — איז זעץ זיך אף דער שוועל צו...
וועל איך פון מיין מאָשו... כ'מיין מיין זיידן, מיין איך...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רעלצן־רעלצן־רעדער. רעדער־רעדער־רעלצן...

VI

מיינע ערשטע פריינט — צוויי ארבעטער; צוויי שרייבער;
פיניע קאַץ און בראָדסקי — א קלעפּער; א מעכאַניק.
אונזער ערשטער קאַמף — פרויענהענדלער טרייבן!
בלוט האָט זיך געגאָסן! ס'איז געווען א טאַינעג!

אויב איך בין ניט איצטער, קיין באַרימטער גאַנעוו —
האָב איך צו פאַרדאנקען, נאר מיין כאַווער פיניען!
היינט געפּאַטשט פאַר מארקסן; מאָרגן — פאַר פּלעכאַנאָוו;
פיניע פּאַטשט, און לידער — נייע לידער כלינען!

ס'יידישע טעאַטער האָבן מיר באַלאגערט:
און מיט פרויענהענדלער געשלאָגן זיך ווי לייבן!
— נידער מיט די שפּילער סעמקע בלום און לאגער!
איינער האָט א הייזל; דער צווייטער — אַ נעקיייווע!

א יאָר אוועק אין קאמף; דאָס צווייטע און דאָס דריטע —
דאָס יידישע טעאַטער — פאַר ארבעטער גערייניקט.
און איך און פיניע קאַץ, געהונגערט און געליטן;
געליטן און געשריבן - פארליבטע און פאַרייניקט.

געליטן און געשריבן — און ט'איז שוין דאָ א צייטונג!
און ט'איז שוין א זשורנאַל, און צוויי און דריי און זיבן!
און ט'איז דאָס ערשטע בוך, אין ארגענטינע ווייטער —
דאָס ערשטע יידיש בוך, וואָס איך האָב אָנגעשריבן!

און ט'איז די ערשטע שול אף לאַרעאַ־געסל;
אָן בראָכעס אף א בליק! אָן כומעשדיקן ניגן!

און ט'איז שוין אויך א שטרייק בא יידיש באַלעבעסל;
און שרייבער אגיטירן, און די שטרייקער זיגן!

...רעלצן־רעלצן־רעדער, רעדער־רעדער־רעלץ,
און כ'פאָר אצינד אהיים, נאָך וואנדער־יאָרן — ווידער!
זיי געגריסט, אדעס! אַף דיין העכסטן פעלז,
מיט דיין יאַם איניינעם — וועל איך זינגען לידער!

וואו עס איז אמאָל געוועזן א יעשיווע
שטייט אצינד א קלוב, און כ'זיץ אין רויטן ווינקל;
און פון דאַנען שרייב איך, פיניע, דיר א בריוול;
און ס'איז דאָ פון וואָס, צו שרייבן און צו זינגען!

כ'האָב דאָ נייע לערער: די ארבעטער! די מאַסן!
כ'לערן זיך אפילע בא קליינע פיאָנערן!
כ'לערן זיך באַם טאָג! באַם אָטעם פון די גאַסן!
בא יעדער נייער שאָ — איך לערן זיך און לערן!

כ'בין געקומען גרייט מיט מיינע ברייטע אַקסלען;
פאַר פינעף וועל איך קנעטן, פאר זיבן וועל איך טראָגן!
און כ'שווער בא בעסאראביע, אז איך וועל דערוואַקסן!
און באַם דניעסטער שווער איך אז איך וועל דעריאָגן!..

ליריק

אַווגוסט

ס'איז אַווגוסט ציכטיקער, גערוימער,
ס'איז ווינט, וואָס גייט אין ערשטן שפּאַן,
איך גיי אין וואַלד מיט רויש פון בוימער
און ס'איז, ווי טאָמעד, שטיל מיין גאַנג...

און ס'איז ווי טאָמעד, וואַך מיין וועזן
פאר יעדן שפּיל און יעדן שאָרך
פון שאָטנס מאַטאָווע אַף גראָזן,
פון בלעטער־פאַל אַףווילדן מאָך...

איך גיי אין וואַלד, אין טיפן אורואַלט,
פון ערגעץ הילכן שאַרפע העק...
מיין יוגנט אַף אַן אַלטינק פורל
זי פאָרט, זי פאָרט פון מיר אַוועק.

ס'איז אַווגוסט ציכטיקער, גערוימער,
ס'איז ווינט, וואָס גייט אין ערשטן שפּאַן,
איך גיי אין וואַלד מיט רויש פון בוימער
און ס'איז, ווי טאָמעד, שטיל מיין גאַנג...

אַריינפאָר

ד. האָפשטיינען.

דער וואָגן טראַסקעט שוין אף שטיינער,
איך רייס מיך אויף — מיין האַרץ פארקלעמט —
דאָס אַלטע שטעטעלע, דאָס קליינע,
באַגעגנט מיך אי ליב, אי פרעמד...

ס'איז ווייט די שטילקייט אינם דרויסן,
נאָך האַלבער נאַכט אף גאָרער וועלט...

ע. שאַפּיראַ

מײַן װאָגן נאָר פּאַמעלעך טרײסלט
און שטערן שװײגן טיף און העל...

אָט מײדן מיר שױן דעם בײסװילעם
און הײזלעך לױפן אָן, װי שאָף,
אַן אײנציק פײערל אַ הױלינקס
דאָרט ליגט זיך באַ אַ שױב און שלאָפט...

איך בין דאָ ניט געװען נאָך קײנמאָל,
דאָך איז מיר שױן מײַן האַרץ פאַרקלעמט...
דאָס אַלטע שטעטעלע, דאָס קלײנע,
באַגעגנט מיך אי ליב, אי פרעמד...

ער איז נאָך ניט געװען...

ער איז נאָך ניט געװען, דער דיכטער,
װאָס זאָל מיט פעסט-געפּרעסטן װאָרט
דערצײלן אונז און אונז באַריכטן
פון לעניִנס זיגערישן דאָר...

ניט איך װעל לעניִנען באַזינגען,
ניט איך װעל אױסזאָגן זײַן ליב,
דאָס װעלן טאָן די נײַע יונגען
פון נײַעם דאָר, װאָס ליבט און גלױבט...

נאָר ס׳װערט דערפון מײַן גליק ניט קלענער,
און פרײד אין האַרץ זיך מערט און מערט...
געלעבט האָב איך אין טעג פון לענין,
געזען דאָס גרעסטע אױף דער ערד...

פון ערשטן שטײגן...

איציק פעפערן.

פון ערשטן שטײגן, פון אוראַלט-שװײגן
גײט אױף צו מיר דער בלינדער קאָל
פון מענטשלעכן פאַרקלעמטן לײדן,
װאָס רינט און רינט פון דאָר צו דאָר...

און איך, דער דיכטער, פול מיין אָנמאכט,
איך ווייס, אַז קליין בין איך און וויסט,
נאָר כ'הער גיט אויף בּאַ וועלט צו מאָנען
נאָך פון בעריישיס אַנן ביז איצט...

איך וואַרף מיין קלאָלע צו די הערשער
און זאָג זיי אָן די בייזע שטראָף,
איך בין דאָך אומעטום דער ערשטער,
וואָס וועקט די נאַכט פון טיפן שלאָף...

מיך שרעקן ניט קיין קייטן־רינגען
און ס'רייצט מיך ניט קיין רום און לויב —
איך בין דאָך ניט ווי יענער זינגער,
וואָס איז פאר מענטשן־ליידן טויב...

פון ערשטן שטייגן, פון אוראַלט־שוויגן
גייט אויף צו מיר דער בלינדער קאָל
פון מענטשלעכן פארקלעמטן ליידן,
וואָס רינט און רינט פון דאָר צו דאָר...

איז וואָס...

איז וואָס, אז כ'קאָן ניט שרייען שטאַרקער,
אַז כ'קאָן נאָר ריידן שטילע רייד —
ניט קלענער איז פון האַרץ דער פלאַקער,
ניט מינער איז אין ברוסט די פרייד...

אויב איינער נאָר וועט מיך דערהערן,
נאָר איינער אין זיין שווערער שאָ,
איז מיר געגנוג שוין דאָ אף ערדן,
איז מיר באצאָלט שוין פאר מיין טאָג...

איך גיי מיט טויזנט ברידער מיינע
אַהין, אַהין צו טאָלן שאַנד,
וואו ס'ליגט אַ וועלט אין יאָך פארפייניקט
און רופט מיט אויסגעשטרעקטער האַנט...

און ניט געזאַנג דאַרף איצטער פאַלן,
נאָך פרי די שאָ איצט פאַר געזאַנג —
איך בין אַ זעלנער גלייך מיט אַלע
און ליב איז מיר דער שטרענגער גאַנג...

איז וואָס, אז כ׳קאָן ניט שרייען שטאַרקער,
אַז כ׳קאָן נאָר ריידן שטילע רייד —
ניט קלענער איז פון האַרץ דער פלאַקער,
ניט מינער איז אין ברוסט די פרייד...

מיט זיך אַליין

I

אַזוי



עניט איז דער באַרג
מיט דעם שפּיץ מיט דעם ווייסן זיך הויבן.
געניט איז דער טייך אפן באַרג,
ווי א וואסער־פאַל זאָל ער די נידער פאַרטויבן.
געניט איז דער מענטש —
אין זיך זאָל ער
גלויבן.
אַזוי.

שטערן גרויסע, אויסגעוויילטע,
אויגן טיפע — בויגנס וואונדער,
שיין און גרויזאם.
שיין און גרויזאַם.

און אויב ניט פון די געציילטע —
וויל איך זיין דער הונדערטסטער
פון די, וואָס זיינען הונדערט.
וויל איך זיין דער טויזנטסטער
פון די, וואָס זיינען טויזנט,
ניט מער.

פון פאַנצערס פון געהיימע —
מיין באגער
ארויסגענומען.
און בין געקומען.
דער גלייכגילט האָט שוין לאנג מיין הארץ פאַרלאָרן,
ווער קאָן זיין גלייכגילטיק, ווען ס׳ברענען יאָרן.
ווער קאָן זיין גלייכגילטיק, ווען ס׳סאַרפען
הענט...

י. קאַפּלאַן

די טעג,
די דורכגעגאַנגענע,
די ניי־געפאַנגענע,
און אופגעהאַנגענע
אף אויסגעזוכטן וועג.
אַזוי.

II

נ יי ן

ניין.
ס'איז ניט קיין שאנד.
וואָס וויל דער בויער;
אַז קאלטער שטיין,
אז שטיין אז גרויער
דערפילן זאָל זיין האנט,
זיין וואַרעמקייט,
זיין זאפט,
זיין קראַפט.

ניין.
ס'איז ניט קיין וויי...
און איך אליין —
איך בין א בויער!
איך וויל, אַז צו אַן אויער
דערגיין זאָל מיין געשריי
און שוין.
דער אורטייל איז מיין לוין.

III

ה אַ ר ב ס ט

אַ וואָלקן האַרבסטיקער געהאָרבעט, ווי א קעמל,
איך קוק אף אים דורך שויבן פון מיין טיר.
און מיינע אויגן, ווי ליידיקע צוויי עמער,
צוויי עמער דאָרשטיקע אין מיר.

ס'איז נאַכט. סע כראָפּען מיינע שכיינים.
כאַווײרים נאָענטע אין אומרואיקן שלאָף...
אַלע זיינען מיר באַם אָנהויב דאָ אינײנעם,
מיט זיך אַליין גלויבט יעדערער צום סאָף.

ווי קאָן איך אורטײלן, מיט אײגענע געפילן...
סע טוט מיר באַנק, ביז ווייטעק טוט מיר באַנק,
ווי וואָלקנס וואגלענדיקע נעמט אין מיר איצט שפּילן
מיין שטילער, רואיקער געזאַנג.

זיי זיינען מיד, נו שלאָפן זיי, נו כראָפּען.
און איך בין מיד, נו רו איך אין מיין ליד.
איך וואָלט צו שורעס יעדערן געלײגט צוקאָפּנס,
ווי דופטיקן, ווי פרילינגדיקן צוויט...

אַ שיינער האַרבסט, אַן אומרואיקע האלבנאַכט,
אַ ווייסער נעפּל רינט פון איר אראָפּ...
שוואַרצע, קלײנע, זינגענדיקע שוואַלבן
נעמען פלוצים רעגענען אין קאָפּ.

איך ציטער אויף, איך קאָן זיך נאָך צעזינגען
איך קאָן נאָך אויפוועקן די שכיינים פונעם שלאָף,
באַם אָנהויב זיין, באַם אָנהויב זיין איז גרינגער,
און שווער איז זיין באַם ציטעריקן סאָף...

IV

גליק

אַלע זיינען מיר באגאבט מיט גליק.
ס'איז נאָר שווער דאָס גליק אין זיך געפינען,
דערפאַר ווערט אָפט פארטרויערט עמיצנס אַ בליק
און ס'פאַלט א שווערער יגלײכגילט אַף זיין זינען.

און אין זיין בלוט צעגיסט זיך גיפט פון וויין,
און שווערער ווערן טריט זיינע און מידער.

אין אויגן טריפט אַן אומעטיקע שיין,
אין הארצן טריפן ווייַנענדיקע לידער...

נאָר מיר פארבלייבן טריי זיך ביזן סאָף
אין דאָרשט פון קאמף, אין זכיע פון געפינען...
און אויב א נאכט פארוויקלט אונדז אין שלאָף
איז נאָר אף ברענגען ליטערקייט און זינען.

V

שטעטעלע

ווען וואָס דיר, שטעטעלע מיינס, זינגען
וועגן אָנדענק, וועגן שטילער ליבע...
מיר דאַכט זיך, אַז מיין מינדסטער פינגער
איז נאָך ביז איצט אין זאמד דיינעם פארבליבן.

מיר דאַכט זיך, אַז מיין אָפּגעהאַקטער נאָגל
הענגט ביז איצט נאָך אַף אַ שטיין פון דיינע וועגן...
אַף מיין דלאָניע טראָג איך נאָך דיין האָגל,
אַף די ליפּן טראָג איך נאָך דיין רעגן.

ניין, ס׳א ליגן לאַנג צעגאַן, צערונען.
דאָס האָט גלאַט אַזוי צעשפּילט זיך מיין דערמאָנונג—
ווי שווער איז מיר, ווי שווער אַ ליד געפינען,
אַז דו זאָלסט מיך א ביסל כאָטש דערקאָנען.

פּ. סיטאָ

אַן אָבּלאַווע*)

*) פון „קינדערהויז נומ. 40".



אין קינדערהויז איז געווען יאָנטעוו.

לערער ייסראָעל האָט געשטעלט מיט די קינדער אַ פּיעסע. געשפּילט האָט מען די פּיעסע ניט אף דער בינע, נאָר אינמיטן צושויער־זאַל. ווייל קיין בינע איז ניט געווען. אָבער לערער ייסראָעל האָט דערקלערט, אַזוי שפּילט מען היינט אין די גרעסטע טעאַטערס באַ מייערכאָלדן און אַזוי וועט מען אויך שפּילן אין יידישן קינדערהויז נומ. 40.

די פּיעסע איז, עמעס, געווען אַ סימבאָלישע. זי האָט געהייסן „פון שווערד אן אַקער־אייזן", און אירע סימבאָלישע טיפּן מיט די לאַנגע בערד און שטעקשיך און מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט האָבן פּראָקלאַמירט דעם שאָלעם פון אַלע לענדער און פון אַלע פעלקער. און ניט געקוקט דערויף, וואָס אַזאַ סימבאָליק פּאַסט ביכלאַל ניט צו שטעלן אַ לינקן טעאַטער, וואָס שפּילט אָן אַ בינע אינמיטן צושויער־זאַל, האָבן כעוורע דאָך געשפּילט ערנסט און אַפילע ניט געלאַכט אינמיטן דער שפּיל.

ביילקע האָט נאָך אַלץ געטאַנצט אין דער סטודיע און באַ זיך באַשלאָסן, אַז זי ווערט אַ טענצערן.

גערע האָט שוין איצט געשפּילט בעטכאָווענען און באַכן און האָט אויך באַ זיך באַשטימט, אַז ער בלייבט אַ פּיאַניסט. און אויב די מוזע וועט אים פאָלגן, וועט ער אויך זיין אַ קאָמפּאָזיטער.

עס איז אַוועק אַ רואיק לעבן אין קינדערהויז. אָן שום געשעענישן און פּאַרלויפּענישן. דער שלאָסער־וואַרשטאַט האָט געשניטן די אַמעריקאַנער מילך־קעסטלעך און געמאַכט פון זיי קווערטלעך אף טיי טרינקען. בערל איז געווען דער עלצטער פון שלאָסער־וואַרשטאַט, איז ער טאָמעד ארומגעגאַנגען מיט אַ קליין צווענגל אין דער האַנט, מאַיסע־מאַיסטער, און טאָמער האָט ער ערגעץ דערזען אַ פרייעם צוואָק אין דער וואַנט, האָט ער אים אַרויסגעשלעפּט און באַהאַלטן. עטלעכע שאָ אין טאָג האָבן אין קינדערהויז עמערלעך געקלאַפּט, עטלעכע שאָ אין טאָג האָט דער קינדערהויז גערוישט, געהובלעוועט, געמאַי־סטערעוועט. אייזיק איז טאָמעד ארומגעגאַנגען מיט אַן ארשין אין קעשענע, אַלץ געמאָסטן (ער איז געווען דער סטאַראָסטע פון סטאָלער־וואַרשטאַט). כעוורע האָבן אַלע בענקלעך און טישן פּאַריכט און אַפילע נייע געמאַכט.

עס זיינען אָנגעקומען אין קינדערהויז גרויע, רואיקע, פּאַרנומענע טעג. דער לערער ייסראָעל האָט נייע לערער איינגעלאַדן: די מומע מאַניען און כאַווער אַבראַמען, וואָס האָבן געלערנט די קינדער מאַטעמאַטיק, ספּאָרט און געאָגראַפיע.

דאָס ספּאַרטאַקן־קעמערל האָט זיך ערנסט געגרייט צו דער אָבלאַווע, וואָס דער שטאָטישער פּיאָנערן־ראַט האָט באַשלאָסן מאַכן אף אַלע הויפּטגאַסן. אינם

טאָג פון דער אָבלאַווע האָבן די יונגע ספּאַרטאַקן זיך אויסגעצויגן אין אַ קייט איבער אַלע הויפּטגאַסן און קיינעם אָן אַ שיין ניט דורכגעלאָזט ביז יענער האָט עפּעס וואָס ניט געגעבן לטובֿת די דייטשישע קינדער.

ליבקנעכט־גאַס און „ערשטער־מאַי" און זייערע אַרומיקע געסלעך זיינען געווען אַזוי באַשאָטן מיט פּיאָנערן, אַז קיין זייטיקער מענטש האָט אָן אַ שיין ניט געקענט דורכגיין. אַ „וואַנקאָ" האָט זיך באַוויזן אויפן ראָג, איז אים באַלד אַ פּיאָנער האַסטיק אַנטקעגנגעלאָפן און אַ כאַפּ געטאָן דאָס פערד פאַרן צוימל.

— שטיי! פּראָפּוסק!

דער וואַנקאָ האָט זיך אַ דערשראָקענער געדרייט אויף די קאָזלעס און האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך עס אויף דער הייטיקער וועלט, אַז שנעקעס זאָלן אים גאָר פאַרשטעלן דעם וועג. ער האָט אַפילו געפּרוּווט אַ פאָכע טאָן מיט דער בייטש אינדערלופטן, האָבן אים באַלד ארום־און ארום באַשאָטן פּיאָנערן, ווי מוראַשקעס. און פונדערווייטנס האָט מען נאָר ארויסגעזען דעם פורמאַנס קאָפּ און זיין בויד. ס'איז טייקעף צוגעלאָפן אַ פּיאָנערל מיט אַ זאַמל־פּושקע און זי אונטערגעטראָגן דעם וואַנקאָ אונטער דער נאָז:

— צוהילף די אָרעמע קינדער פון דייטשלאַנד!

— נו, בירגער! צי דען קען מען אַזויפיל ציען פון אַ מענטשן? — אין פינאָטדעל צאָלן, טאָמער האָט זיך באַ דיר צופעליק פאַרלאָשן אַ לאַמטערן — איז ווידער צאָלן. און אַז דער אויבערשטער שיקט נאָך צו אונטערפירן אומזיסט גלאַט אַזוי אַ שיקאָרניק, צי אַ גאַסן־מיידל, — טאָרסטו זיך אויך ניט אָפּזאָגן.

דער וואַנקאָ האָט אָפּגעשפּיליעט דאָס אויבערשטע קנעפּל פון זיין בלויען ברייטן „מאַנטאָ" און האָט פאַרגעזעצט:

— און היינט דאָס פערד דאַרף מען דאָך האָדעווען. ס'איז דאָך אויך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. און וויפל קאָסט היינט אַ פוד האָבער, ווייסט איר? — 4 רובל. און וויפל קאָן מען שוין היינט אויסשלאָגן, אַז אַרום דיר ווימלען טאָג און נאַכט די אווטאָנאָבוסן און אווטאָנאָבילן, פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן, און פון טראַמוואַיען — שוין אָפּגערעדט. דער „וואַנקאָ" האָט זיך אַזוי צערעדט, אַז ער איז אַזש אויפגעשטאַנען פון זיין געזעס און געפאָכעט מיט די הענט אינדערלופטן ווי אַ גרויסער רעדנער, אַז פונדערווייטנס האָט מען גאָר געקאָנט מיינען, אַז עס שטייט גאָר אַ דענקמאָל, אַזוי אָן ענלעכער צו גראַף באָברינסקען אין אַ רעגנדיקן טאָג...

— נו, גענוג פּעטערל צו טאַינען, — איז אונטערגעלאָפן אַ זשוואַווער יאַטל מיט קאַרעווע אויגעלעך, — גענוג, פּעטערל, נעם אַ פּראָפּוסק און פאָר זיך ווייטער דיין וועג...

דער וואַנקאָ האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ מאַכאָרקע־זעקעלע, ארויסגעשלעפּט פון דאָרט 5 קאָפּ. און אַריינגעוואָרפן אין דער זאַמל־פּושקע.

— נאַט, בלוטזויגערס... — און א טרייב געטאָן דאָס פערד.

— פעטערל, — האָט דאָס יאַטל מיט א דין שמייכעלע אָפּגעשטעלט דעם פורמאַן, — וואַרט, נעמט זשע א שיין, אַ ניט וועט מען אייך ווייטער אויך ניט דורכלאָזן...

דער וואַנקאָ האָט מיט כשאַד א קוק געטאָן אַפן יאַטל און דורך די ציין אַ ברום געטאָן:

— פון קינדווייז אָן לערנען זיי זיך שוין ראַבעווען אַ מענטשן...

און דערנאָך האָט ער דאָס פאָנעם צום יאַטל אויסגעקערעוועט:

— כ'האָב שוין אַזא טאָכטער ווי דו, אַקסיושע הייסט זי, נאר זי איז א שטילע, ניט פון אייער כאַפּטע איז זי...

דער פורמאַן האָט באַקומען א שיין — א ווייס פאַפירל, אף וועלכן עס איז געווען מיט רויטער פאַרב אָנגעדרוקט: „צוהילף די אָרעמע קינדער פון דייטש־לאַנד — לאָזט דורך!” ער האָט לאַנג געקוקט אַפן פאַפירל און גאָרנישט ניט פארשטאַנען. די פאַרב איז אים נאָענט — רויט, אָבער די אויסיעס... קיין אוי־סיעס האָט ער ניט געקענט לייענען... האָט ער דאָס פאַפירל אַפן היטל אָנגעטשעפּעט, ווי א קאָקארדע, און כעוורע האָבן אים געמאַכט א ווארע...

פיאָנערישער ליאַרעם האָט אלע הויפּטגאַסן פארפלייצט און פונם גאַנצן ליאַרעם האָט מען נאר געקענט הערן:

— צוהילף די ארעמע קינדער פון דייטשלאַנד!

דער וואַנקאָ האָט זיך קוים געשטופּט מיט זיין פערד און דראָשקע דורך דעם געדיכטן פיאָנערישן אוילעם. זיך געבייזערט, וואָס מע פארהאַלט אים דאָ שוין העכער א שאָ, ער וואַלט פאר דער צייט געקאָנט אונטערפירן עמעצן און פארדינען עפּשער א קערבל. יעדער ווייליע האָט אים אָפּגעשטעלט אַן אַנ־דער יאַטל און געפּאָדערט בא אים א שיין. האָט ער געשריגן: „כ'האָב שוין”. האָבן זיי ניט געגלויבט: „ווייז”. האָט ער יעדער ווייליע אָנגעוויזן מיט דער האַנט אפן היטל: „נאַט, זעט...” און דער קינדערשער געווימל האָט אַלץ געשטיגן. מע איז ארומגעלאָפן. קיין איין מענטש אָן א שיין ניט דורכגעלאָזט. אלע פארבייגייער האָבן גערן מיט א שמייכל אף די ליפּן געטראַגן אנטקעגן דאָס געלט און גיך, גיך באַקומען אַ פראָפּוסק. און ווער עס האָט זיך געאמ־פּערט, האָבן זיי טייקעף געשאַפן א קייט און אים נאָך מער פארהאַלטן, ביז יענער האָט עפּעס וואָס ניט געגעבן פאר די דייטשישע קינדער...

דער וואַנקאָ האָט זיך קוים געשטופּט מיט זיין פערד און דראָשקע דורך דעם געדיכטן קינדערשן אוילעם און זיך געבייזערט. דער פיאָנערישער טומל האָט זיך שפּעטער צעפלאַקערט אין א הילכיק געזאַנג, וואָס האָט געשניטן די לופט. כעוורע האָבן געזונגען הויך, געזונגען געשמאַק, זייער שטים זאָל זיך צעגיסן און אוועקשווימען ווייט, ווייט אהין, אַף יענער זייט גרענעץ, קיין מאַירעוו, צו די דייטשישע כאַווײרים...

און ווען דער וואַנקאָ האָט זיך שוין געהאַט דורכגעשטופּט מיט זיין פערד און דראָשקע דורך דעם געדיכטן פּיאָנערישן אוילעם, איז אונטער אים אַן אַווטאָמאָביל אָנגעפאָרן און זיך מיט זיין דראָשקע אנגעשטויסן:

— נו, דו, באַפריי דעם וועג...

דער וואַנקאָ האָט שוין פון קאס אויפגעהויבן די בייטש און זי געוואָלט אַראָפּלאָזן אף עמעצענס א פּלייצע, האָט ער פונהינטן א קוק געטאָן און די בייטש איז בּאַלד פון זיינע הענט ארויסגעפאַלן... אינם אַווטאָמאָביל זיינען געזעסן פיל קינדער און צווישן זיי — גאָט אלמעכטיקער...— זיין טאָכטער אַקסיושע...

און דער פורמאַן האָט פון קאס א שטארקן שמיץ געטאָן דאָס פערד. דאָס פערד האָט זיך א הויב געטאָן אף די פאָדערשטע פיס און זיך א לאָז געטאָן גאַלאָפּ איבער לאַנגער ליבקנעכט-גאַס... ער האָט פעסט געהאַלטן די לייצעס אין די הענט, אז דאָס פערד זאָל כאָלילע די דראָשקע ניט איבערקערן... און ווען דאָס פערד איז אַפן ברייטן פרייען פּלאַץ ארויס, האָט דער וואַנקאָ טיף אָפּגעאָטעמט. און נאָך מיט א זיפץ:

— הע, זי האָט מען שוין אויך ארייגגענארט... פאַרפאַלן!..

און פונדערווייטנס האָט צו אים אָפּגעקלונגען דער ווידערקאָל פון הילכיקן פּיאָנערישן געזאַנג, וואָס האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט און זיך געריסן ווייט, ווייט...

בּערל האָט זיך דעם טאָג אומגעקערט זייער שפּעט אַהיים, ווייל ער האָט געדאַרפט אונטערפירן סאכאַקלען וויפל עס האָט געגעבן היינטיקע אָבלאַווע. דערנאָך איז ער געקומען מיט אקסיושען אין קינדערהויז אָפּעסן וואַרעמעס און איז אוועק זי באַגלייטן אַהיים. זי וואוינט ווייט — נעבן דער באַלאַשאָווער סטאַנציע. זיינען זיי געגאַנגען דורך דער באַן-ליניע, געשפּירט נאָך די לויפנ-דיקע צוגן. דער אָוונט איז שוין ווייט פאַרגאַנגען און בּערל איז אויך ווייט פאַרגאַנגען, אזש בּיז דער באַלאַשאָווער סטאַנציע. און כאָטש פּיאָנערן באַם געזעגענען זיך געבן ניט איינער דעם אַנדערן די האַנט, דאָך האָט זי אים היינטיקס מאָל באַם געזעגענען זיך געגעבן די האַנט און ער האָט איר האַנט לאַנג געדריקט און געשמייכלט צו איר און ביידע האָבן לאַנג געקוקט אַף די צוגן, וואָס לויפן גיך, גיך און שעמערירן מיט זייערע גרויסע לאַמטערנס פונפאָרנט.

אַקסיושעס טאַטע איז א פורמאַן. גאַנצענע טעג זיצט ער אָפּ אף די קאָז-לעס און קוקט ארויס אף אַ פאַרדינסטל, אונטערפירן עמעצן. גאַנצענע טעג זיצט ער אף זיין געזעס און קוקט ארויס אף יעדן פאַרבייגייער, טאָמער וויל ער עפשער זיך דורכפאָרן ערגעץ... און אז עס ווערט אים נימעס צו זיצן,

קריכט ער אראָפּ פון די קאָזלעס און גייט אוועק אין אַ פּאַרוועט מיט זיינע קאָלעגעס — ווער ווער וועט ווי וועמען גיכער אוועקלייגן אפן רוקן . . .

פאַרן שלאָפן כאַפּט ער טאָמעד אריין אַ האַלב פלעשל בראָנפן, פאַרבייסט מיט אַ זויערער אוגערקע און אַ גוטע נאַכט.

אקסיושע איז באַ אים אן איין און איינציקע טאָכטער. די ווייב זיינע, דאָמנע, טאַינעט, אז מע וואָלט איר שוין, אַקסיושען, געדאַרפט ערגעץ אהינטאָן, ווייל זי איז שוין, אין אירע יאָרן (אַקסיושען איז 14), ניט קראַנק עפּעס צו פאַר־דינען און ניט אַרויסקוקן אפן טאַטן... די ווייב זיינע, דאָמנע, זיצט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, שינדט זי פון דער טאָכטער די הויט, זי זאָל זיך צוזוכן ער־געץ אַרבעט... דער מאַן סערגעי האָט עס באַמערקט, אז זי דערקוטשעט שוין צופיל דער טאָכטער. ער האָט איינמאָל אפילע אזאַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש, אז דאָס געפעס האָט אזש אָנגעהויבן ציטערן.

— בודיאַ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — און זאָל איך עס מער ניט הערן...

אקסיושע וועט איר מישפּאָכע שוין סאיווי מער גאָרנישט ניט קענען געבן אויסער עסן (יענץ אַפילע אויך ניט שטענדיק...). זי דאַרף ערגעץ אוועקגיין פונדערהיים, אַזוי איז קיין טאַכלעס ניט.

אָבער וואוהין?

טאָמעד, ווען בערל באגעגנט זיך מיט איר אין פיאָנערישן „גאָרקאָם", טאַי־נעט ער אויך וועגן דעם. ער זאָגט אַפילע איר צו, אז ער וועט זי איינאָרדע־נען באַ זיך אין יידישן קינדערהויז, אויב זי וויל נאָר. אָבער ווי קאָן אַ רו־סיש מיידל גיין אין אַ יידישן קינדערהויז? זי האט צוגעזאָגט, אז זי וועט אַ טראכט טאָן... זי וועט זיך עפּשער באַראַטן מיט די עלטערן... אָבער אז די מאַמע האָט דערהערט, אז איר טאָכטער וויל גייען אין אַ זשידאָווסקן פריוט, האָט זי די טאָכטער ביז בלוט געשלאָגן.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז א קריסטלעך קינד זאָל גיין אין אַ זשידאָווסקן פריוט?

בערל האָט אָפּטער אָנגעהויבן פירן אַקסיושען אין קינדערהויז. בערל זאָגט, אז זי איז אַ גאַנץ פיין מיידל. מע וואָלט זי אף געוויס געדארפט איינאָרדע־נען. דער לערער ייסראָעל איז מאַסקים מ ט בערלען. די מומע ראָכל — אויך, אָבער... ווי קאָן מען עס אריינעמען א רוסיש מיידל אין אַ יידישן קינ־דערהויז?.. זי וועט זיך דאָ פילן זייער פרעמד, זי וועט דאָ קיינעם ניט פאַרשטיין...

... און אין איינעם א טאָג איז אַקסיושע געקומען מיט אַ גלומעקל אין דער האַנט...

— כ'קאָן שוין מער באַ מיינע עלטערן ניט זיין... די מאַמע שינדט פון מיר די הויט...

... און ווען אַקסיושע האָט אָפּגעלעבט אַ שטיק צייט אין קינדערהויז, האָט דער לערער ייסראָעל און די מומע ראָכל דערזען, אז זיי האָבן אַ טאָעס געהאַט... אַקסיושע האָט זיך דאַפּקע דאָ געפילט ניט שלעכט. עמעס, בערלען, גערען און אייזיקן איז אויסגעקומען זייער שווער זי לערנען יידיש, זי האָט די ערשטע צייט אויסער „קום־אַגער" גאָרניט ניט פאַרשטאַנען און גאָרניט ניט געקאָנט אויסריידן. און אז זי האָט שוין יאָ אַרויסגעזאָגט די צוויי יידישע ווערטער, פלעג זי זיך אויך פאַרשעמען און באַהאַלטן דאָס פּאָנעם... אָבער כעוורע האָבן אקשאָנעסדיק גענומען זי לערנען יידיש.

— ברויט, — פלעג איר בערל דערקלערן, מיט א כיינדעלע, — עטאָ זנאַטשיט — כליעב. — פאַרשטאַנען? און פער־זאַמ־לונג — פארגעדענק "זשע, גאָיעשע קאָפּ, — פער־זאמ־לונג — עטאָ זנאַטשיט — סאָבראַניע...

אָפּט פלעג אַפילע בערל זי אונטערשיקן צו דער מומע ראָכל, זי זאָל אַ פרעג טאָן אף יידיש: מומע ראָכל, בערל איז א גוטער יינגל? אָבער אז אַקסיושע האָט שוין פאַרשטאַנען דעם פשאַט „אַ גוטער", האָט זי שוין בערלען אַליין מיט אַ שמייכעלע געענטפערט: — גוטער, גוטער...

מע איז געגאַן אף אן עקסקורסיע אפן לאָקאָמאָטיוו־זאַוואָד. בערל, אייזיק און אקסיושע זיינען אומיסטן אָפּגעשטאַנען, קעדיי ארייגלויפן צו איר אַהיים. אז ס'האָט זיך איר פאַרוואָלט זען מיט דער מאמען, זיך פאַרבענקט אַביסל... אָבער אַליין האָט זי ניט געוואָלט גיין. אין דרייען איז פריילעכער.

אַקסיושע איז געלאָפן איבער די רעלסן. זי לויפט זייער שיין איבער די רעלסן, ווי אן עקוועליבריסטן לויפט אף דראָט. די לאקאמאָטיוון האָבן ווי שטענדיק געהודעט, און מיט זייער רויך פאַרנעפּלט דעם גאַנצן ארום

אין שטוב זיינען אַלע דריי גלייך אַריינגעלאפן און אקסיושע האָט ניטווילנדיק אף יידיש אויסגעשריען:

— גוטמאָרגן, מאַמע...

די מוטער, וואָס האָט בעשאס־מאיסע געוואַשן גרעט, האָט דאָס שטיקל זייף פון די הענט ארויסגעלאָזט און געבליבן שטיין מיט אַ צעעפנטן מויל.

— וואָס, זיי האָבן דיך שוין זייער לאָשן אויסגעלערנט? — האָט די מאַמע דורך די ציין א קריץ געטאָן... — אוך, אויסוואָרפן...

און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער שמועס צווישן דער טאָכטער מיט דער מאַמען (ווייל מער האָט די מאַמע מיט דער טאָכטער נישט געוואָלט ריידן און אַקסיושע האָט צו די יינגלעך אַ האַלב־יידיש און האלב־רוסיש אַ זאָג געטאָן:

— פּאָשלי, כעוורע, מיר זיינען, דאַכט זיך, אף אן עקסקורסיע געגאַנגען... און אַרויסגעלאָפן...

אף מאָרגן איז איר מאַמע אין קינדערהויז געקומען:

— ווער איז דאָ דער גלאַוונער?

— איך (לערער ייסראָעל).

— איז אָט, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אז יידן זאָלן א קריסטלעך קינד אין זייער מישפּאָכע אַריינציען, ס'איז דאָך... פאַרוואָס האט מען מיך ניט געפרעגט?..

— זי איז אַליין געקומען.

— נו, נו לייגט מיר נאָר ניט אין די אויגן...

— אַקסיושע, וואו ביסטו דאָרט?.. קום נאָר אַהער.

— אָט בין איך, לערער ייסראָעל, וואָס איז דען?..

צוגעלאָפן:

— די מאַמע?!.

— אָט, אַקסיושע, דיין מאַמע קלאָגט זיך אף אונז, זי זאָגט, אז מיר האָבן דיך מיט געוואַלד אהער פאַרשלעפּט...

— זאָל זי ניט לייגן, כאָטש זי איז מיר א מאַמע... אַליין האָט זי פון מיר געשוונדן די הויט...

און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע באַגעגעניש פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער. (ווייל מער האָט די טאָכטער מיט דער מאַמען נישט גע־וואָלט ריידן און די מוטער האָט פון קאַעס אַ שטאַרקן זעץ געטאָן מיט דער טיר און אירע ווערטער האָבן פון שוועל אין שטוב אָפּגעהילכט:

— אַן אָבלאַווע, — האָבן זיי אַף דער טאָכטער געמאַכט,די זשי־דעס! ... אקסיושע האָט זיך זייער גוט איינגעלעבט אינם יידישן קינדערהויז נומער 40. באַזונדערס האָט זי זיך צונויפגעכאַוועט מיט בערלען, גערען און איי־זיקן. די מומע ראָכל האָט שוין אַפילע אָפּט מיט די אויגן געשמייכלט: — אַ גאַנצע אָבלאַווע האָבן די ייִנגלעך אף איר געמאַכט.

ש. העלמאָנד

אין סטעפּ

אַרן יידישן מיידל אין סטעפּ
אונטער ווייכע און כמאַריקע הימלען,
אין רו און אין שטילקייט־געוועב,
ווען היימישע ווייטקייטן דרימלען —

פאר איר איז מיין ליב־ליד געשפּינט,
פאר איר איז מיין בענקשאַפט מיין צאַרטע,
אין שפּעטן גערויש פון דעם ווינט,
אין ווינטיקע דאָרעם־פאַרנאַכטן.

אַנטבלויז זיי, אַנטפּלעק זיי ארויס,
און זאָלן זיך בליאיק צעוואַקסן
אין שלאַנקייט, אין יונגקייט, אין ברויז
דיינע ליכטיקע מיידלשע אַקסלען! —

און איך וועל אין קלאָרקייט־געוועב
באַזינגען אין לויטערע הימנען —
דאָס יידישע מיידל אין סטעפּ
אונטער ווייכע און כמאַריקע הימלען.

זשיטאָמיר

בא די פעלזיקע ברעגן פון טעטערעוו,
מיט מערק און מיט בערג און מיט קראָמען;
אין פעלדער, אין וועלדער טוט קלעטערן
די אלטע שטאָט זשיטאָמיר.

זי איז מיר נאָענט די שטאָט — און איך קאָן זי,
איך פאַל אף איר רוישיקן שויס;

איך געדענק, איך געדענק נאָך מיין בלאָנדזען
אין איר ערשטן פרימאָרגן־גערויש.

אמאָל פלעג אין בלוטן־געלויפן
באַשלאָגן מיט ליבע מיין האַרץ,
ווען איך פלעג שפּאַצירן אָן אויפהער
אף געלע בולוואַרן פון האַרבסט.

די פרייד איז אוועק... נאָר נאָך איצטער
בין איך מיט טרוימען ניט קאַרג;
דערזע איך אין הייכן פאַרשפּיצטע
די ליכטיקע שטאָט אפן באַרג!

* * *

ניט אַלץ איז אונז אין פולער מאָס געגעבן,
ניט פול איז אויך פון אונזער ליד דער קרוג.
די צייט, ווי וואסער, טרייבט די ראָד פון לעבן
און טרעפּ געפאלענע ווערסטו ניט דרייען צריק...

א טאָג פאַרגייט, וועט ער ניט קומען ווידער,
און יאָרן פאַלן — זאַנגען צו די פיס.
אויב מיר באַשערט איז דאָ צו זינגען לידער,
איז כאָטש ביז האַרציקסטן, ביז לעצטן ריס...

איז מיר באַשערט מיט ליפּן — איידל זיידנס
באַזינגען אַלץ, וואס קומט אף אונזער וועג,
איז כאָטש זיך העל און טיף אזוי פארשניידן,
ווי טיפער טאָל צווישן הויכע בערג...

ווייל די צייט, ווי וואסער, טרייבט די ראָד פון לעבן
און טרעפּ געפאלענע ווערסטו ניט דרייען צריק,
זאָל זיין געבענטשט, ווער ס׳איז געקומען שטרעבן,
אז יעדער טאָג זאָל זיין א רינג פון אונזער גליק.

י. יאַנקעלעוויטש

א. פיאַטיגאָרסקע

לידער



1

אין געפענגעניש

ייזט אויס, אז ס'האָט דער שניי א גאנצע
נאכט געשאָטן,
אויב ס'האָט פאַרשאָטן ביז די פענסטער אונזער שטוב.
ס'איז יאָנטעוו היינט, ניטאָ וואוהין צו איילן,
און די געפענגעניש די ווייסע איז מיר ליב.

דער שניי האָט אונזער שטוב פאַרוואַנדלט אין אַ פעסטונג,
וואו טיר און טויער זיינען טויב צום גאַנג פון וועלט,
ניט זי צו אונז, ניט מיר צו איר איצט קאנען קומען;
אַ פעסטע ווייסע וואַנט האָט שניי אַוועקגעשטעלט.

און אויב די קרעניצע אין הויף איז פול מיט וואסער
און אונזער דייזשע טריקנט אויס פון דאָרשט,
טאָ נעם די לאָפּעטע און לייג זיך דורך אַ סטעזשקע,
און אויך צום טויער מיט געדולד די וועגן פאַרש!

ס'איז אלץ היינט ווי אין יענער קינדער-מאַיסע:
עס האָט אַ טעפּעלע געקאָכט אַ קאַשע פאַר א קינד,
און ס'איז די גאַנצע שטאָט אין קאַשע איינגעזונקען,
געשטראָפט אזוי פאר קינדס אַ זינד.

און ווער עס האָט דערנאָך געוואָלט אין שטאט אריינגיין,
האָט זיך געמוזט אין קאַשע דורכלייגן א וועג.
האָב איך דערמאָנט זיך היינט אין יענער קינדער-מאַיסע,
ווען ס'האָט די לאָפּעטע אַ סטעזשקע אופגעדעקט.

ס'איז יעדער טראָט היינט, ווי דער ערשטער טראָט אף שנייען,
און יעדער מענטש, וואָס קומט — דער ערשטער רייזנדער אין
ניי-אַנטדעקטן לאַנד.

II

עס ציִען זיך די הענט צו ווארעם פון געלעגער,
צו ווייכקייט פון דער קישן נידערט שטיל מײַן קאָפּ,
און כ׳לאָז דעם שלאָף, וואָס קומט אף מיר אַראָפּ,
די שווערע וויעס מײַנע אף באנאכט פארינגלען.

בלײַבט שטײַן מײַן פרייד און אויך מײַן שטילער קימער
באַ שוועל פון טיר, פאַרגעסן ביז פאַרטאָג,
איך פאַל אַרײַן מיט אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג
אין נעץ צעוואָרפענעם פון ערשטן דרימל.

איך בלאָנדזשע אום אַף אומוועגן פארשטויבן,
באַ עמעצן איך פרעג זיך אף א וועג;
ער העלפט מיר מיט זיך אומקערן צוריק,
ווען טאָג קלאפּט אָן צו מיר אין פענסטער - שויבן.

איך כאַפּ אַ קוק, ווי גרוי צעגייט אין בלויעם,
און איך דערפיל דעם שטומען רוף פון שײַן:
געבענטשט זאָל לעבן זײַן!
ס׳איז ווידער טאָג, כ׳בין נאָכאַמאָל געבוירן.

III

... און ביסטו שטאָלץ — שפּײַ אויס דעם ווייטאָק דײַנעם
מיט וואָרצלען יעדן אָפּשײַן פון דײַן נעכטן רייס אַרויס.
די וועלט איז ברייט, די וועלט איז אומגעהויער גרויס,
מיט וואָרצלען יעדן אָפּשײַן פון דײַן נעכטן רייס ארויס.

און מיש ניט אויף אפּסניי אָט דאָס, וואָס איז פאַרגאַנגען,
האָב מוט פאַרגעסן עס. פאַרגעס עס און פארשיט
מיט פרישער בליאונג פון דײַן וואנדער - ליד.
פאַרגעס די דורכגעלעבטע טעג, מיט פרישער בליאונג זון פארשיט!

א. וועלעדניצקי

אַפן שאַרפן ראָג

ווייסטו, כאַווער, פאַרוואס קלאַפּט מיין האַרץ אַזוי געשווינד?
פרייד פון קלאָרקייט גייט אַף אונזער וועג.
מירן לעבן שוין מיט לויטערן געפינס,
מירן, דאַכט זיך, לעבן מיט מאַיאָנטעקעס פון טעג.

I

איך האָב דעם טאָג געאַרבעט טריי,
כ'האָב מי קיין רעגע ניט געמינערט.
דערנאָך בין איך געגאַן אַהיים
און ס'האָט געלייטערט זיך דער זינען.

איך האָב אין פיבערדיקן האַרץ
געטראָגן אומגעריכטע יאָרן.
געטראָגן אויך מיין אָנגעשאַרפטן מוט, —
ער איז שוין לאַנג אין מיר געבאָרן.

איך האָב פאַרויסגעשיקט אַ גרוס,
אייך, רעגעס שטורמישע און ריינע.
אַ גרוס דער זויבערער מינוט,
וואָס קומט נאָך שטורעם אין די ביינער.

איך בין איצט גאָרנדיק אַזוי,
דאָס בלוט — אַ לויטערער געוויטער.
מיט גאַרנדיקן לייב
איך בין איצט בא דער שאָ פון מיינע לידער...

II

איר קענט מיין הויז אַף האַרטן ראָג?
עס איז דאָס הויז ערשט ניי געבויט.
עס שיקט אַ בראָכע אָט דעם טאָג,
וואָס האָט זיך איבער אונז צעבלויט.

די גאַסן זיינען אויסגעמויערט הויך —
מע זעט מיך קאָם אַרויס.

נאָר אַלץ, וואָס איך האָב היינט דערגרייכט
וועט איר ניט זען פון העכסטן הויז.

ס'איז פול און פול מיין זין
ביז הימלס שאַרפן טיפן טאָל.
כ'פאַרשטיי בלויז ניט אַצינד
צו וואָס האָט הימל-הויך געטויגט אַמאָל.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך ווייס ... איך ווייס די סיבע וואָס סע העלט,
פאַרוואָס איך פיבער איצט מיט גליק.
איך טראָג אין לייב אַ פרייע וועלט
און סע ציט מיך ניט צוריק.

III

עס איז שוין אַ קאַפּל דאָ געשטעלטקייט,
עס איז דאָ, וואָס דאַרף א האַרץ היינט מאַכן גוט.
מיר זיינען היינט מיט נייעם אָטעם,
מיר זיינען היינט באַרוט.

כ'קום פאַרנאַכט מיט גרינגע שפּאַנען
און מיט הייסן אָטעם איך פאַרשרייב:
אַזוינס איז דאָ פאַראַנען,
וואָס איך מיט האַרצן מיינעם קלייב.

כ'גרייט אַן אַקסל אָן פּאַר פרישע לאַסטן —
כ'גרייט מיר היינט אָט דאָס, וואָס איך פאַרדין —
אין מיין לאַנד איך זע א לינדקייט איבער גאַסן —
שפּילט זי אין באַהאַלטעלעך מיט ווינט

מע קאָן אַרויס מיט פרישקייט צו די גאַסן,
און א זויף טאָן גרינגקייט ווי אַ קינד...
מע קאָן א וואָרט געפינען וואָס זאָל פּאַסטן,
און מע קאָן זיך אויסגלייכן אַצינד!

IV

ווי ס'האָט ניט געליאַרעמט ניט געבויטעט אונז די נאַכט,
ווי ס'האָט ניט געליאַרעמט ניט געבויטעט אונז דער טאָג,
איז געבליבן וואַך
דאָס האַרץ פאַר וואָרהאַפטיקן זאָג...

כ'בין געגאַן אַנומלט,
כ'האָב געזען אַן עמעסדיקע פרייד.
עס האָט מיר שטילשווייגן געוויזן: אין אַרומען
וואַקסט מיין טרייסט אַזוי ווי ברויט.

עס האָט זיך שטילשווייגן פאַרבויגן,
ער האָט אונז לאַנג אַזוי געגרוסט...
און איך האָב דאַן געזען מיט מיינע אויגן,
וואָס איך האָב אַף מיין לעבן ניט געוואוסט.

דינע ליבקעס

מיין ברודער!

I

מיין ליכטיקער זייל פון מיין זיין!
אַן עמעץ האָט מיר דיך געשענקט
אַף לויטערער ליבע,
אַף זודיקן פּיין.

אין שטילע מינוטן איך פריי זיך
פאר ליבע, וואָס איז מיר באַשערט,
פאר יינגן פרימאָרגן איך גרויס זיך
און גלייך זיך מיט אים אַף דער ערד.

מיין ברודער!
מיין ליכטיקער זייל פון מיין זיין
איך קען דיר פאר גאָרניט ניט צאָלן...
און מאָן בא דיר גאָרניט ניט איין...

II

באַ מיין שוועסטער פאַרן פענסטער
דאָרטן וואקסט דער דעמב, דער שענסטער...

צווייגן האָט ער
גרויסע
גרינע...
אין גאנצפריען גאָלד זיי שפּיגען.

באַ מיין שוועסטער וואקסן קינדער
און באַם דעמב די צווייגן גרינען,
קומען פייגלען נעסטן שפּינען
קומען פויגלען אים באַזינגען.

39
СОРАБКООП

י. קיפּניס

סענטימענטן



איך האָב זיך דענסטמאָל געקליבן אַף האַרבסט-צייט קיין קרים. דערפאַר האָב איך געקלערט יולי און אווגוסט פארברענגען אין שטאָט. איך האָב זיך פונקט אויפגעגעבן א פרישע אַרבעט. ס'האָט זיך געדארפט דערציילן וועגן „אים" און „איר". געוואָלט, הייסט עס, באגליקן דעם לעזער מיט אַ ביכל, וואָס זאָל קעדאַי זיין צו לייענען. ווי? ניט אזוי? (איידער איך שרייב עס אָן, און אַפילע בעשאסן שרייבן, געפעלט עס מיר קעסיידער, וואָס בעסער דארף מען ניט). דערווייל איז געקומען מיין שוועסטער פון דאָרף. דעם גאנצן זומער, אַז זי וואוינט אין דאָרף, האַלט זי פאַר קרום, וואָס איך פאָר ניט ארויס צו איר כאָטשבי אַף א כוידעש צייט, זי קען מיר לאָזן דעם קינדס צימער, נו, איז שוין גוט? און לאָמיך פאָרן.

I

גאנצפרי בא פארמאַכטע לאָדן איז שווער אָפּצוטרעפן, ווי ס'האלט די צייט, נאָר פון געלעגער בין איך פונדעסטוועגן אַראָפּ פרי.

מיין שוועסטערס מאן (און מיר איז ער א כאַווער), האָב איך אויך געטראָפן אַף גאנעק זיצן מיטן גאנצפרי. איך בין ארויס מיט די ווייסע ארבל און מיט אַ פּאָנעם, וואָס האלב שמעקט מיר נאָך דער צעריעטער געלעגער און האלב קיצלט דער פרישער דרויסן אין נאָז און רייצט אים צום ניסן. מיין שוועסטערס מאן איז שוין געזעסן אַ פאַראַקשנטער אַפּן טרעפל. פון וויטן האָט זיך די זון א פארזשמורעטע געלאשטשעט צו די שפּיץ-פלויטן און צום קילן דינעם שטויב אפן שליאַך, און מיין שוואָגער האָט ניט געהאַט, ווער ס'זאָל אים א לויב טאָן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געפעדערט אַזוי פרי.

מיך דערזען, האָט ער זיך אַ לעקעלע דערפרייט און ער לייגט שוין גאָר אַרוף זיין שולד אַף מיר און זיין רום אף מיר.

— זע נאָר, — זאָגט ער, — וואָס ביסטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען?

איך פאַרגין ניט אונזער איידעם זיין פארדינסט (און זיין בעקיוונדיקייט פאר־דריסט מיך פון דער גרינג), ענטפער איך אים מיט געהיפערטן שוויגן, אַז יאָ און ניין און גלאט אַזוי, און איך שטעל זיך ניט אָפּ, איך גיי צום שטע-געלע, וואָס פירט אין דער טיף פון הויף.

ווען גאָט העלפט, ס'איז זומער, און ער איז געזונט אַף אלע כושים, איז אַ פארגעניגן צו גיין גאַנצפרי מיטן שטעגעלע, וואָס פירט אַהין אין דער טיף פון הויף. הייגט, אז וואוינען מיר אונטערן שטאָט, און געזונט בין איך אַף אַלע כושים, מיין מויעך איז גרייט צו כיעס מאָרגנדיקן, צום טאָג

און זיינע גליקן, קלער איך זיך, — א קלוגיטשקער מיין שוואָגער, אַז דער שוסטער, אונזער שאָכן, יינגער פון מיר אַף ווייס איך וויפיל, אַרבעט ער שוין בײַ אַ שאָ, די רינדער מיטן פאַסטעך זיינען איצט שוין איך ווייס־וואו און איך זאָל נאָך און נאָך פאַרשלאָפן?

הא?

מיין שוואָגער. דער איידעם אונזערער, מיין עלצטער שוועסטערס מאַן.

יענעם פרימאָרגן בין איך אַרויס צום ברונעם. פון די מוידן איז קיין איינע נאָך ניט געווען. שאַ, די ראָד האָט נאָך היינט ניט געסקריפּעט און געדאַנ־קען האָבן נאָך דאָ ניט געזינדיקט. איך בין דאפקע גערן, וואָס די מוידן האָבן זיך אַפן פרימאָרגן נאָכן זונטיק פאַרשלאָפן. זאָלן זיי, איך בין היינט סאַי ווי סאַי פארנומען. היינט בין איך פאַרנומען מיט א י י נ ע ר און זאָלן זיי זיך מיר ניט מישן אין די מאכשאָוועס מיט זייער אנשוילעכער פרויאישקייט און פרישקייט, מיט זייער מאמאָשעסדיקער אָנטאַפּנדיקייט.

ס'גלאט, וואָס איך בין היינט אויפגעשטאַנען פרי מיט מיין גוטן ווילן, און זי?

פאר דריי גאַסן פון מיר וואוינט זי, פאר דריי גאַסן און דריי און פערציק הויפן. זי איז אויפגעשטאַנען צוליב א מוז. איר צייט איז פארקויפט, זי דינט, רייסט מיר דאָס הארץ אף איר, און איך האָב שוין פאַרדראָס, אַזוי פרי?

זי איז אַ שטאָטישע, זי איז א פרוי א יונגע, און אויב זי וויל, אויב זי דארף עס, קומט איר נאָך אַ ביסעלע שלאָפן, זיך אַ ביסעלע אויסרוען, (אַז מ'עסט; אַ מענטש, אַז ער עסט, דארף מען אים נאָכן אַראָפּשלינגען לאָזן אַ רע־געלע דאָס עסן זאָל אים קומען צום טאַם) און זי, אַז זי שלאָפט, פארוואָס זאָל זי זיך אַזוי פּלוצים דארפן אויפרייסן און שוין פון בעט, ניט לאָזן די אייוורים, (די אייוורים אירע, — איך האָב זיי אזוי ליב) לאָזט זי זיי ניט, אז דער שלאָף און די רו, די בראָכע פון נאַכט זאָל איר קומען צום טאַם.

פאַר דריי גאַסן פון מיר וואוינט זי, פאר דריי גאסן און עטלעכע און פער־ציק הויפן. און איך גיי פון ברונעם פריי און אומפארצוימט: וויל איך, גיי איך גיכער, און וויל איך, מאַך איך פּאַמעלעכער דעם טראָט. און וויל איך, גיס איך גאָר אויס מיין וואסער אין גראָז בײַ זייט פון סטעזשקע און גיי צוריק צום ברונעם און דריי צוריק די ראָד, און בויטע ווידער די ערשט באַרואיק־טע צו זיך די טיף געקומענע. איך בין פריי, ווי דער רעדאַקטאָר אין הויפּט־שטאָט בײַ אונז, וואָס פאַר לייטן, וועט ער איבערקרימען מיין ווערק, וואָס פאר לייטן, אַף מיט לאָמפּן באַלויכטענע אַסיפעס, וועט ער פון זיין אויבנאָן און פון זיין קלוגשאפט זאָגן „סענטימענטאַליזם", „אַ מענטש טאר ניט זיין אַזוי זאָרגלאָז".

און ער אליין, אז ער גייט אין רעדאַקציע אַן אויסגערוטער אַרום האַלבן טאָג, איז ער זאָרגלאָז אזוי ווי איך לעם ברונעם, וואָס ווען איך וויל גיס איך גלייך אויס דעם עמער וואַסער אין גראָז און קער זיך אום און שעפּ מיר אָן אַ פרישן.

מיין ווייב מיין היינטיקע א פארברוינטע איז זי, א רונדע און א געשמאַ־קינקע. נעכטן איז זי געשטאַנען מיט מיר אונטער א בוים און מיר האָבן זיך באַהאַלטןביידע פונעם רעגן. א גרינע פרישע צווייגן־קרוין, באַשטויבט מיט גוטן קילן רעגן, א דורכזיכטיקע גרינע קרוין מיט ווייסע דורכלויכטן באַהילט די שוואַרצע פרישע לאָקן. א פּאָנעם קוקט אף מיר און רייצט מיך שיין. אויגן ליבן אף אַן עמעס, אויגן שפּילן איצט נאָר פאר מיר אליין און זיינען מיידלש יונג. ס׳איז א ליגן, וואָס אינדערהיים שפּילט זיך דאָרט בא איר פון ערשטן מאַן א קינד, מיר איז זי נאָך אַזא קליינע. מיר איז זי נאָך אַליין א קינד.

זי דינט אין סאראבקאָפּ. בעט איך זיך באַ דער שוועסטער, טאָמער אַ גאַנג נאָך עפּעס, נאָך צוקער, נאָך שוועבעלעך אָדער סאָדע, טאָ זאָל זי שיקן מיך.

אַז זי דינט, איז באַ איר איין טאָג שאַבעס און זעקס — ניט.

אַז דער רעגן האָט נעכטן געשטויבט, אז דאָס גראָז האָט אונז ביידן גענעצט די טריט דורך די זאָקן און דורך די שיך, די נעץ איז אונז געוואקסן אומפּאַר־שעמט ביז די סאַמע קני, האָב איך פאר איר דערציילט, איך האָב געהאַלטן פעסט איר רונדע האַנט, איך האָב זי געפילט אין זיך אינגאַנצן איינגעשוווערט, האָב איך געזאָגט:

איצט זע, מיין־קינד־מיין־ווייב, איך האָב אויסגעבויעט הייזער ניט קיין גרויסע, אָבער מענטשן האָבן זיך אף זיי פּארקוקט. די ערשטע פינעף קליינע זיינען, די זעקסטע עטוואָס גרעסער, און אומעטום שוין זיצן שכיינים, זיי לויבן מיך, זיי דאַנקען מיר גאָר אָן מיין וויסן.

(ווארום נאר מיין נאָמען שרייבט זיך אַף די טירן און מיין פּאָנעם האָבן זיי נאָך ניט געזען. קיין וואוין־געלט נעם איך ניט. איך שיק זיי ניט קיין מאָנערס, איז, פרעג איך דיך: אין ביך נאָך יונג, מיין טאַטע אין מיינע יאָרן האָט ערשט געבויט, האָט ערשט געפּלאַנצט, טאָ הער וואָס איך פרעג באַ דיר, מיין שיינס: מיט דיר כאַסענע האָבן וויל איך, נאר בויען זאָל מיר זיין גענוג, ווייל איך בין ניט קיין לאָהעטער און פלייסן גלוסט זיך ניט.

זאָג, זאָל זיין גענוג?

איך האָב געקושט אירע נאַסע פון רעגן פארשטויבטע לאָקן און אונטער זיי נאָך וואו־ניט־וואו — אַ שטיקעלע יונגע באַק.

איך האָב איר געוועררט זיך ראַנגלען, און זי:

— הערסט? איך האָב אייך גאָר ניט געקענט פאַר אַזאַ!

זי האָט מיך טאַקע ניט געקענט און אירע ליפּן רייסן זיך אַליין צו מיר. אירע יונגע ליפּן און אירע אויגן מאַכן מיך גרויס. טוען מיר עס, און איך פרעג זי:

— זע, מיין שיין, ביכער האָב איך אָנגעשריבן ניט קיין סאַך און ניט קיין גרויסע, אָבער מענטשן האָבן זיך פאַרקוקט אַף זיי.

זיי האָבן געלייענט, זיי האָבן געדאַנקט. אַסאַך זייערע האָבן מיך אין פּאָנעם ניט געזען, און זיי מיינען, אַז די האָר באַ מיר אַפן קאָפּ זיינען גאָר רויטע, זיינען גאָר שווארצע און איך בין זיי אַ הויכער, אַ נידעריטשקער — ביידע זאַכן מיטאַמאָל.

מיין נאָמען שרייבט זיך אַף די טאָוועלעך פונויבן און מיין פּאָנעם האָבן זיי נאָך ניט געזען, איצט פרעג איך דיך, מיין קינד, און יענץ וואָס ביז איצט וועט ניט גיין פאַרפאַלן?

יונגע אויגן האַלזן מיך, אַ גוט מיידל לאָזט זיך, ווערט זיך ניט, עפּשער אַ גאַנצע האַלבע מינוט.

(פאַראַן רעגעס פון גליק אַזעלכע, ווען שטאַרבן בעאייס מאַיסע אַפן אָרט איז גרינגער ווי אַ ראַזינקע צעקייען, פאַרוואָס טוט זיך עס ניט אויף, ווייס איך טאַקע ניט).

ס'איז פּאָשעט ניטאָ קיין צייט אַף זיך באַדאַכטן, ווארום מיין קליינע איז רונד און יונג. אָט האָט זי זיך אַ גליטש געטאָן אין דער פעלדערדיקער נעץ און איז אריינגעפאַלן צוריק אין מיינע אָרעמס, אָבער זי פּאַטשט מיר אויס מיין גלוסטנדיקן מויל.

— איך פאַרשטיי שוין, — זאָגט זי — וואָס אַ וואַש בראַט הייסט, און ס'וועט אייך טאַקע גאָרניט העלפן. ארבעטן, מיין טייערס, מוז מען.

ס'זיינען אָנגעגאַנגען פּאַסטעכלעך אַהער צווישן די בוימער מיט זייער פי, זיך באהאלטן פון רעגן. האָבן זיי מיר אַף אסאך קאַליע געמאכט: פריער האָט זי מיך געלאָזן אַף צוקלוימערשט, איך זאָל זיך טוליען אינעם פרייעם העלפט פון איר גרינעם רעגן-מאַנטל.

ס'שטויבט דאָך, זעסט אַליין, די גאַנצע צייט דער רעגן. ביידע טיילן מיר זיך איין מיט איין מאַנטל. איין אַרבל איר, איינער מיר און מיין ברוסט געניסט דערוויל פון ווארעמקייט, (ביכלאַל) פאַרבאָטענער, און איר ברוסט גאַנוועט, גאַנ-וועט אַלע רעגע אַ קלאַפּ פון נאָענטן הארצן מיינעם. ס'איז אונז ווארעם. הינדעלעך, וואָס וואַקסן אונטער, שיצן זיך אזוי פאַר רעגן. זיי שטעלן אויך זיך באַ אַ פּלויט אונטער אַ בוים און הויבן אונטער די רוקן, פלייטשקעס און

מע שווייגט. מיר האָבן זיך אויך שוין אויסגעקליבן א ביסל שוויגן. דארפן קומען פּאַסטעכלעך (א שיינע זאך, א פּאָעטישע), דאַרף קומען פי (א שיינע זאך, א פּאָעטישע), און מיין ליוסיע וויל שוין אָנטאָן דעם מאַנטל, וואָרום עס איז קיל. (אַי, ס'איז איר קיל)...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס, וואָס פּאסטעכלעך זיינען מיר קעסיידער ליב, איז גאָר קיין רייד ניטאָ, נאָר נעכטן האָבן זיי זיך מיר צוגעשטעלט קלאר ניט אין דער צייט.

צו דעם וועג, וואס אהיים, זיינען מיר געגאנגען מיט דורכגעווייקטע שיך, מיט פארנעצטע ברעגן קליידער און שטארק ארומגענומען. אבער וואס נעענטער צום שליאך, אלץ ערנסטער מוז איך ווערן און צוריקגעהאלטענער. זי גיט עס מיר צו פילן; אז איך פויל זיך ניט, זעץ עס איבער אף מענטשישער שפּראך, רייצט זי זיך מיט מיר אף צוריק, אז אהא! וואָרום זי האָט ביז איצט מיך גאָרניט געקענט פאר אזא!

לעם אן אויסגעקרישעטער דאַטשע מיט שטעכיקן דראט א פארצוימטע אף האלב האבן מיר זיך אנגעטראפן מיט אירער א שכיינע, א בעקערן.

ס'קען זיין, אז ס'איז א נארישע טנוע, נאר מיר זיינען אלע שכיינים אירע און אפילע שטומע צינגער, וואס אין הויף בא איר, — אלע זיינען מיר עפּעס אזוי ווי צום הארצן. האָבן מיר באגעגנט די שכיינע אירע, די בעקערן, זי יאָגט זיך נאך איר זעקסיאָריק קינד.

— קום אהער, — זאָגט זי, — וועסט בעסער מאכן, — און אליין רייסט זי א שטיקל הארט גראז, א בוימעלע פון יאגעדעס, און מע זעט, אז זי האָט דערביי א שלעכטן מיין.

דאָס קינד פּילט עס, קריכט עס, נעבעך, פון ליימיק אויסגענעצטן גריבל. אין די אויגן — שרעק, און אין הארץ — א ריס פון ציטער.

זאג איך שוין צו דער בעקערן אף יידיש: אף היינטיקס מאָל וועט איר ס'קינד אייערס ניט שמייסן, שוין כאָטש צוליב אונז. וואָס מיר בעטן אייך. אַזעלכס — — —

קלאָגט זי זיך פאַר אונז די מוטער, אז פריער זיינען די קינדער געווען ווי קינדער, און איצט, זינט די וויסטע בעקעריי... — און זי וויינט עפּעס (מי־נאסטאם איז דא אזעלכעס, וואָס קלעמט דער יידענע באם הארצן). זינט די וויסטע בעקעריי, זיינען זיי גאָר געוואָרן ווילדע.

דאָס מיידעלע לויפט איר דורך פארביי, און בא דער ווייבל, לאכן שוין גאר די אויגן פאר פאַרבאָרגענער צופרידנקייט. זי לאזט שוין אפ דאס ריטל און זי דאנקט אונז.

— אַ דאנק, — זאָגט זי.

די צעקרישעטע דאטשע האָבן מיר שוין אויסגעפּעלט; דער זייגער איז שוין פינעף; און אָט דאָ גייען זיך אונזערע וועגן דערווייל פאנאנדער. איך קוש איר האנט צום אָפּשייד; א געשמאקע האנט אזא. איר ווארעם פינגערל דאָס מינדסטע האָט זיך פארפלאנטעט, פארלאָרן בא מיר אין האנט. איך זשאלעווע עס אָפּלאָזן, אזוי שטארק גלוסט זיך עס נעמען אין מויל, אויפעסן, און ניט אָפּגעבן. מיר שטייען נאך א ווײַלע שווייגנדיק. „וואוהין זשע גייסטו שוין אוועק?" — פרעגט זי (נאָר זי זאָגט עס ניט). „און דו פריסירעסט מיך אָט דאָ אַליין?" — פרעג איך (נאָר איך זאג עס ניט).

אף איר וואַרט אינדערהיים א קינד, א מיידעלע, — דאָס פערטע יאָר איר גייט,—ווייסט זי ניט, די טאָכטער, אף וואס דארף די מאמע אוועק אף א שאָ און זאמען זיך פיר, און אף וואס דארף דער „דיאדיא" טראגן ברילן?

— „גיב, וועל איך צעברעכן" — זאָגט זי.

אָ, מיינע קינדער, מיינע קליינע, די וועלט איז קלוג.

און מיין רעדאקטאר דארט אין הויפּט־שטאט טראגט אויכעט ברילן, נאר מיט קיילעכדיקע גרויסע גלעזער, און, ווען איך נעם זיך גוט באדענקען, איז עפּשער, לויט זיין שיטע, מיין וועג קיין וועג ניט.

II

הייסע טעג זיינען אוועק אין אונזערע קאנטן. די ברויטן זיינען שוין קימאַט פארטיק און, אז א רעגן פאלט אראָפּ אדער א ווינט, לייגן זיך אויס די גאלדענע זאנגען און ס'שוין זיי שווער דערנאך זיך אויסגלייכן.

אונזער הויף איז א שטילער און פארמאָגט אלצדינג צוביסלעך: וואלד און אקער־ערד, בלומען־בייטלעך און א פלאץ צום שפּילן; א שטאל פאר האלץ און פאר קאטשקעס, נאר מער פון אלץ קען איך דעם ברונעם און די הינטישע ביידע ביידלעך.

דער ברונעם איז בא אונז אן אויצער, צו אים גייען סטעזשקעס פון אלע ווינקלען און איבער די סטעזשקעס קומען מיידן — דינסטמוידן, אַלע האלבע שאָ שטעלן זיי זיך צו אַהער אַמאָל דרייען און אמאָל אין פינעפן, זומער־לעב, זיינען די ארבל פאַרקאטשעט, די קליידלעך אונטערגעשטעקט און ביז מע ציט אַרויס אן עמער וואסער, רעדט מען אויס א פּאָר ווערטער, לאכט מען אויס אביסל יוגנט און ס'איז מערערטייל פון דעם גוט אפן האַרצן.

אין קאָאָפּעראַטיוו שיקט מיך די שוועסטער פון געוואוינטשאפט וועגן גאנגען, גיי איך ניט. איך וויל ניט, און פויל זיך. ווייסט זי יאָ, מיין שוועסטער, פאַרוואס, ווייסט זי ניט, טאָ זאָל דער שוואָגער גיין. און איך? איך ווייס? אורלויב פלעגן א מאל אונזערע אנשטאלטן געבן אף א גאנצן כוידעש און

איצט שוין גאָר אַף צוויי וואָכן (אַ דאנק דעם באשעפער כאָטש פאַר דעם).
איצט אַרבעט אַף איר אָרט עמעצער אנדערש און נאָך אין צוועלף טעג אַרום וועט זי שוין זיין צוריק.

די הינט אונזערע, — איינער איז א טונקל - גרויער. איך בין ניט געוואוינט מיט קיין הינט, נאָר אַז די טעג זיינען הייסע, זיץ איך לעבן „טרעזארן", ער איז א גיבער א גרויסער, ניט אזוי לויטן וואוקס ווי לויטן געבוי. ער גייט ארום אַף א קייט און ס'פילט זיך אין אים אסאך מאנסבלשער קויעך, איך וועל אייך שפעטער דערציילן אויך פון „טרעזאָרן". דער ברונעם איז רעכטס און דאָס ביידל זיינס — לינקס. באטאָג האָט ער אַף דער קייט זיינע צוואנציק שפאַן. (באטאָג איז אנדערש, באנאכט איז אנדערש). אז איך גיי צו צו אים, טוט ער זיך א ראַסטע, ער איז נאָך יונג און איז גוואלדיק שיין געבויט. ער עפנט א מויל מיט ווייסע פאַרשפיצטע ציין און שווארצע ליפן; בא א לייב זיינען אויך די ליפן אינעווייניק אומגעריכט שוואַרץ. ער לויפט צו צו מיר ביזן לעצטן מעג - רינגל, ביז די קייט טוט אים א ריס אַף צוריק. און ער ווייזט מיר קעציש הינטישע האוואיעס, איך נעענטער זיך צו אים אויסגע-רעכנט און קוק אים אין די אויגן, ער ווערט אָפגעלאָשן אביסל פון מיינע ליידיקע הענט און אומזיכערע קאוואנעס און איך פרעג אים:

— טרעזאָר?

ער פאַרשטייט מיך, ער טוט אַ גרינגן פינטל מיט די אויגן, ער לייגט זיך אויס אַף דער ערד אַף געציילטע ניינצן שפאַן פון ביידל און ס'איז קלאָר, אז ער אייצעט מיר:

„באלעבאָס, מע מוז זיין שאָלעם מיטן גורל".

גערעכט, אז שאלעם, אָבער פון פופצן, אז ס'איז אַראָפ ערשט דריי בלייבט דאָך נאָך גאַנצע צוועלף.

מיין פלימעניקל איז א ריזשינקער און מידעס האָט ער שוין שטאָטישע; אים גייט דאָס פערטע יאָר, מוז מען אים דערציילן זאכן. מאיסעס, אַז ניט, עסט ער ניט דעם וואַרמעס, נאָר ער קוואטשעט.

דערצייל איך אים.

אַף דער דריטער גאס, פאר דריי און פערציק הויפן, וואוינט אָט דאָרט אַזאַ מין טיאָטיע.

— נו?

איך האָב זיך פאַרקלערט, וואָרום אַ דערציילער בין איך ניט קיין אַי־אַי־אַי— און ער אומגעדולדיקט:

— נו - נו! — און דער ביסן שטעקט שוין בא אים אין מויל, — העלפט דאָך ניט קיין מאיסעס.

— נו, יאָ, איז בא דער טיאָטיע פאַראַן א מיידעלע.

— נו?

— גייט די מאַמע אוועק אַף א גאנצן טאָג.

— נו?

— וואו גייט זי אוועק, ווייסטו?

ווייסט ער ניט א וואו.

— נו, א וואו? א וואו?

פרעגט ער מיך איבער.

— וואָס ווייסטו ניט, מיין קינד, א וואו?

— אין סאַראַבקאָפּ.

— נו?

— בלייבט דאָס מיידעלע אליין אַף א גאנצן טאָג אינדערהיים.

— נו?

— דו ווייסט אוועלכע איז זי דאָס מיידעלע? — אַ שוואַרצינקע, איר וועט שוין באלד זיין פיר יארעלעך.

— אזוי ווי מיר?

— יאָ, אזוי ווי דיר.

— און מיר איז ניט קיין פיר יארעלעך, מיר איז טרי ס'פּאָלאָווינאיו.

— יאָ, דיר איז טרי ס'פּאָלאווינאָיו.

— בין איך שוין א גרויסער?

— יאָ.

— און דאָס מיידעלע איז שוין אויך א גרויסע?

— ניין.

— פאַרוואָס?

— פארדערפאַר, וואָס די מאמע גייט אוועק אין סאראַבקאָפּ.

— נו?

— נו, שפּילט זי זיך דאָרט אין הויף מיט די הינטעלעך און — אז זי וויל עסן, פארגעסט זי זיך און אז זי וויל „פּי״, האָט זי ניט ווער ס'זאָל איר אָפּשפּיליען די מייטקעלעך.

— פּאַרוואָס?

— פאַרדערפאַר, וואָס די מאַמע גייט אַוועק אין סאַראבקאָפּ.

— נו שפּילט זי זיך און ווערט אנטשלאָפן אונטער א בוימעלע אַף דרויסן; כאָלעמט זיך איר, אַז די ראבאָטניצע האָט אָפּגעקאָכט אָנבייסן און זי רופט זי.

— ליענאָטשקא, קום עסן! און זי טאפּט זי בא דער האנט און באַם נע־זעלע. . כאפּט זי זיך אוף, ליענאָטשקע, ערשט ס'„זשוק״ ליגט לעם איר איינגעטוליעט און היט זי, קיינער זאָל זי ניט טשעפּען.

— פאַרוואָס ?
— פאַרדערפאַר, וואָס די מאמע איז אַוועק אין סאָראַבקאָפּ...
און דער וואַרעמעס האַלט שוין א דאַנק גאָט באַם סאָף.

און אַף אָוונט־ברויט, אַז איך דאַרף ווייטער דערציילן פון לענאָטשקען, דערצייל איך אים, אַז צוויי יינגעלעך זיינען דאָרט פאַראַן אין הויף, זיינען זיי זייער צעפעסטעטע, און אַ האַלבע שאָ שפּילן זיי זיך מיט לענאָטשקען און א שאָ רייצן זיי זיך מיט איר, און שלאָגן נאָך זי אָן אויך. וויינט זי, לענאָטשקע, פאַרשלאָגט זיך אין א ווינקעלע און וויינט. פאַרוואָס, הייסט עס ? — פאַרדערפאַר, וואָס די מאַמע איז אַוועק אף אַ גאַנצן טאָג.

פאַרנאַכט קומט צו גיין די מאמע פון דער אַרבעט און נעמט זוכן לענאָטשקען איבערן גאַנצן גאָרטן. די ראַבאָטניצע ווייסט ניט, וואו זי איז און די צעפעסטעטע יינגלעך ווייסן אויך ניט. ערשט זשוק קומט צו לויפן צו דער מאַמען און רופט זי און שלעפּט זי פאַר דער שאַל, ביז ער ווייזט איר, ווי אַזוי אונטער א בוימעלע שלאָפט שוין לענאָטשקע און ס׳כאָלעמט זיך איר, אַז די מאמע וועקט זי... זי כאַפּט זיך אויף, איז טאַקע אַן עמעס, וואָס די מאַמע שטייט לעם איר. בא דער מאמע זיינען שוואַרצע שיינע אויגן.
— פאַרוואָס ?
— פאַרוואָס ? אָט דאָס ווייס איך שוין ניט.

אַזוי זיינען באַ איר שיינע שוואַרצע אויגן. קייקלען זיך אַראָפּ צוויי טרערעלעך פון די אויגן און אַ דריטע בלייבט הענגען אַפן ברעם פאַרוואָס זי וויינט ?

פאַרדערפאַר, וואָס די ראַבאָטניצע איז ניט קיין געטרייע. און אַליין דאַרף זי אוועקגיין אף א גאַנצן טאָג אין סאָראַבקאָפּ.

דאָס, וואָס מ׳האָט ליב בריוון־טרעגער אין קלאַל־גענומען, איז עס ניט קיין נייס. איך בין מיט זיי באַזונדערס גוט, כאָטש זי האָט מיר דאָך א פריער געזאָגט, אַז קיין בריוו וועט זי ניט שרייבן.
— פאַרוואָס ?
— דאָס איז שוין איר זאַך.

אָטאָ פירט זי מיך ניט גערן צו זיך אין שטוב אריין. פאַראַן זאַכן, וואָס זיינען ניט באַקוועם, (קלער איך מיר), ערגעץ מאַכט זיך באַ א מענטשן א קרעצעלע, און ער וויל עס ניט ווייזן פאַר לייטן:

אַן אלטע באַבע אַמאָל, א יערושע פונם מאַן. די אלטע איז אַף דורך און דורך שוין שטויב, נאָר זי האָט זיך אונטערגענומען ווייזט אויס אייביק לעבן, נו, און פונקט אף איר כיילעק איז עס אויסגעפאַלן אַזעלכעס, דער מאַן זאָל

שטאַרבן, (איך גלויב, אַז ער איז געוויס געשטאָרבן) און די באָבע זיינע זאָל לעבן, איז זי ניט מעכויעוו מיט קיינעם זיך טיילן וועגן דעם... און קיין בריוו וועט זי מיר אויך ניט שרייבן, איז עס ווייטער איר זאַך.

דערנאָך האָט מיר טאַקע דער פּאָטשטאַליאָן געבראַכט אַ בריוו נאָר ניט פון איר, פון אַן אנדערער. יענע שרייבט מיר שיינע בריוו. מיר איז קיין כי־לעק ניט, צי זי שרייבט מיר עמעסן, צי ליגנס, אבי ס׳זייער שיין. איך בין אַ באַלן אומיסטן ווייזן זיי דעם רעדאַקטאָר מיט די גרויסע גלעזער אין די ברילן. (ער פירט זיך מיט מיר אָפּט גוט ברודעריש) זאָל ער זען אומיסטן, ווי אַזוי מענטשן קענען ניט וויסן פון קיין רעדאַקטאָר און אזוי שיין שרייבן, נאָר יאָ. בין איך אַוועק צו טרעזאָרן. יענער איז מיר ארויס אַנטקעגן און איך האָב אים פירגעלייענט, אז זי שרייבט מיר: זי האָט זיך פּאַר מיר מוירע, — שרייבט זי מיר, — די לעצטע בריוו מיינע זיינען איר אַזעלכע אומהיימלעכע, און ס׳ווייזט זיך איר אויס: קום איך נאָר צו פאָרן, אַזוי עס איך זי זי גלייך אויף מיט די ביינדעלעך איניינעם.

— ריכטיק, טרעזאָר?

— ניין.

— פאַרוואָס ניין?

— פאַרדערפאַר, וואָס זי גייט אַוועק אָפּן גאַנצן טאָג אין סאַראַבקאָפּ.

נאָר ס׳איז דאָך ניט די. ס׳איז דאָך אַן אנדערע! זי וועט ערשט קומען אין 10 טעג אַרום!.. (און אַז דער בריוון־טרעגער איז געגאַנגען צוריק פון גאַס שוין מיט אַ ליידיקן זאַק, האָב איך אים דערהיט. מיר זיינען פונקט גע־גאַנגען צום טיש און איך האָב אים אריינגעהאַקט צוויי קעלישקעס ביטערע און אים געגעבן פאַרבייסן. ער איז אַ פּאָשעט מענטשל דער בריוון־טרעגער און איז מיט מיר א גאַנצער גוטער ברודער).

יאָ. און וואָס נאָך איז דאָרט געשטאַנען אין בריוו, אז מע האָט איר אין איי־נעם א טאָג פון איר לעבן אָנגעטראָגן א יאַם בלומען. דוכט זיך, אז דענסטמאָל האָט זי אַקוראַט געווען כאַסענע געהאַט, איז זי אַזוי געווען פון דעם פאַרשי ערט, אז זי האָט געמיינט דאָס גאַנצע לעבן אירס וועט דורכגיין אין איינע בלומען... ס׳שוין פינעף יאָר דערין, און... זי האָט זיך ארומגעקוקט אז ס׳ניט אַזוי.

קינד איינס, קינד איינס, באַ מיר איז ערשט צוריק מיט צוויי וואָכן געגאַנ־גען א דינער דריבנער רעגן לעבן פעלדער און לעבן זאַנגען, איך בין זייער ווינציק איסגעקאָכט אין פעלדער און אין זאַנגען. נאָר דענסטמאָל איז מיר געווען גוט. דענסטמאָל איז נאָך ניט געווען קיין „אורלויב״, אין יענעם טאָג איז געווען פאַרמאַכט דער סאָראַבקאָפּ. האָב איך אויך געמיינט, אז קעסיידער וועט גיין אַזאַ גוטער דינער דריבנער רעגן און דאָס גאַנצע לעבן מיינס וועל איך דורכגיין אין גוטן דינעם דריבנעם רעגן.

איך בין געגאַנגען פון יענעם אָרט הינטערן דאָרף, וואו איך בין איין מאָל געזעסן מיט איר.

ס'איז וואַלד מיט פעלד.

דאָ ענדיקט זיך איינס און דאָ הויבט זיך אָן דאָס צווייטע.

(איך האָב זייער ליב אָט דאָס ווינקעלע).

א פויער האָט אויפגעשאַרט אַן אָפגעשויט שטיקל גראָז. ס'האָט גוט געשמעקט, אי פון דער היי, אי פון דער רואיקער פאַרנאַכטיקער אַרבעט. די פי האָט זיך געגענטערט צום דאָרף צו און איבערן וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן צינדן אַ רויטלעך ניט דערשלאָפענע לעוואָנע.

דעם גאַנצן טאָג האָט געוועזן אַפילו געפּאַרעט אַף רעגן, אָבער ס'איז אָפּגעגאַנגען גלאַט.

איך ווייס ניט, צי איך בין אנדרימלט געוואָרן אף דער פלייצע ליגנדיק, צי נאָר אַזוי זיינען בא מיר געוועזן פאַרמאַכט די אויגן, נאָר מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז איצט לעם מיר אַן אָנגעקילטע פון וואַלדישן פאַרנאַכט און זי טאַדלט מיך פאַר מיין אומגעטריישאַפט.

— א שלעכטער — זאָגט זי — ביסטו, א שלעכטער! איך האָב דיך גאָר ניט געוואוסט פאַר אַזאַ... דעם ויפלטן אָוונט, אַז איך קום נאָך דער אַרבעט אַפן זעלביקן אָרט און דו האָסט זיך גענומען, ווייזט אויס, אַף מיך אויסהונגעריקן... שווער מיר, אַז דו ווערסט זיך מער אַזוי ניט פירן!..— און אירע ליפן רייצן זיך מיט מיינע: א פיר און צוגעכאַפּט. א פיר אינדערלענג פון רעכטס אַף לינקס, פון לינקס אַף רעכטס. דערנאָך לייגט זי מיר אַרויף איר רונדן קילן בוזעם צו מיר אַפן האַרצן, צעשפיליע איך די קנעפּ פון מיין העמדל און זאָג איר: אַהער, מיין קינד, אַהער לייג אַרויף דיין קילע האַנט און פיר מיר מיט איר איבערן לייב.

— און „דו" ווערסט וויטער ניט קומען, בעאייס איך וועל גיין פון דער אַרבעט?

— מיין שיינע ווייב, — זאָג איך צו איר, — איך האָב דאָך נאָך דיר מיינע אויגן אויסגעקוקט אַלע פאַרנאַכט. נאָר ווייזט אויס, אַז דאָ איז עפּעס געוועזן א פאַרפירעניש.

און טאַקע.

איך בין קעסיידער געזעסן באַם סאזשלקע פון יענער זייט, און דאָ איז א בערגלדיק אָרט.

אויב אַזוי, איז עס עמעצן געוועזן עפּשער ניכע, מיר זאָלן זיך ביידע ציען איינער צום אַנדערן און ניט זען, אז מער ניט ווי הונדערט טריט צעטיילן אונז.

הונדערט טריט? — דערמאַן איך זיך נאָכאַמאָל — איין שפּאַן! א האַלבער שפּאַן צו דיר. גיב מיר, מיין ווייב, גיב מיר נאָכאַמאָל דיין האַנט אַהער אין

מיין צעשפּליטערטן קאָלנער אַריין. היינט פאַרנאַכט האָט מען דאָ געשאָרט היי. אַ פויער האָט דאָ געשאַרט שמעקעדיקן היי.

און איך דערמאָן זיך גלייך: אַהאַ! דערמאָן איך זיך. זע נאָר, די יונגען האָבן זיך דאָ צו דיר ניט געטשעפּעט? אַז מע באַגעגנט א יונגע פרוי איינע אַליין זיצן. — זי איז דאָך זייער יונג און פּרעכטיק — און דער אוילעם האָט דאָ שטאַרק גוסט צו ווייסקייט פון שטאָטישע פּרויען!

אָבער זי האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך צעלאַכט מיט א פרעמדן געלעכטער; זי איז עפּעס געוואָרן גאָר דינער און העכער און זי זאָגט:

— אנטשולדיקט, מיין פריינט, וואָס איר זייט אַזוי נאַאיוו. איר נעמט עס אַלץ אָן פאַר גוט געלט.

— וואָס איז דען? — וויל איך זי פרעגן.

נאָר זי לאָזט מיך ניט ריידן. זי זאָגט, אז ווי לאַנג האָב איך זיך עס אָנגע־הויבן נעמען אַזעלכע רעכט? אַז איך בין אַזוי קליינשטעטלדיק און מיין, אז דעם פּראָסטן מאַן איז שוין היינט אַלץ אָפּגעגעבן געוואָרן? צופיל האָבן זיך פאַר די באָלשעוויקעס די פּראָסטע לייט א לאָז געטאָן פאַרדייען אַלעס גוטעס.

אַ פרעמדער געלעכטער, האַ?.. זי האַלט, אַז מיין שרייבן האָט זיך אויך נאָר אָנגעהויבן פון די באָלשעוויקעס, זאָלן נאָר ווערן אויס באלשעוויקעס, אַזוי ווער איך אויס שרייבער...

און איך האָב אויפגעעפנט די אויגן...

נו, פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט לעם מיר ניט געקענט זיין. זי האָט נאָך גאַנצע דריי טעג צום קומען, אין סאַראַבקאָפּ ריכט מען זיך שוין אַף איר.

איך ליג דאָ אַפן פאַס, וואָס טיילט אָפּ דעם וואַלד פון פעלד, און אין דאָרף ביילן הינט, אין דאָרף זינגען יונגען מיט מיידן, נאָך דער אַרבעט זינגען זיי. א פייקל אַרבעט דאָרט אַף אַלע קיילים, און מ׳לאַכט, מ׳הירזשעט און מ׳כיכעט.

א פייערל פון א שטוב איז אָטאָ אַזוי נאָענט, — מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

און וואו מע האָט געשאַרט דאָס היי איז שוין ניטאָ קיינער, נאָר א פערד פּאַשעט זיך צוגעבונדן צו א שטריק.

אינדערהיים באַ דער שוועסטער וואַרט מען שוין זיכער אַף מיר. פונדעסט־וועגן האָב איך אנגעלייגט א שטיקל וועג און בין דורכגעגאַנגען אַרום און אַרום איר הויף איר שטוב קומט אויס שוין צווישן אונזער דאָרף און צווישן דעם דאָרף, פונוואַנען מע האָט ערשט געזונגען. שטיל איז דאָרט געווען. א קאַץ, וואָס האָט זיך פאַר מיר דערשראָקן, איז דורכגעקראָכן אונטערן פאָרטקעלע און איז ניט געבליבן.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך באַשלאָסן שלאָפן אַף דער ווערענדע. טרעזאָר לויפט שוין אום איבערן הויף און קלינגט מיט דער שווערער קייט איבערן

לאַנגן דראָט. ער נישטערט שוין באַ אונז אַפן גאַנעק, טאָמער א ביינדל, טאָ־מער וואָס. די שוועסטער האָט מיך געפרעגט און געוואָרנט פאַר א רעגן און איך האָב שוין געזען, אז קיין רעגן וועט ניט זיין. אז איך האָב אויסגעטאָן די שקאַרפעטקעס, האָב איך נאָכאַמאָל ניט געקענט באַזינען, אַז אינעמעסן טאַקע, פארוואָס האָט זי זיך פונדעסטוועגן אָפגעזאָגט פון בריוו שרייבן. אָט דאָס אַליין איז דאָך טאַקע א סימען, אַז ס'גאָרניט. אַז זי קוקט ניט אַף אַזעלכע.

באַ מיר איז געבליבן א כאַוער אין שטעטל, באַ אים איז צוריק מיט א צייט יונגערהייט געשטאָרבן די פרוי; מיט אים איז מיר גרינג צו ריידן פון טאָך זאַכן, — איז ער איצט ווייט פון מיר.

טרעזאָר, צו מיר וועט ער ניט פאַרקריכן, ווייל דער טייל ווערענדע, וואו איך שלאָף, איז אָפגעצוימט מיט אַ באַזונדער ווענטל שטאכעטן, און מיט אַ טירעלע. עפשער אים אריינלאָזן, עפשער אים נעמען צו זיך אַפן בעט. ס'שוין שפעט, האַ? אין שטוב שלאָפן שוין אַלע, דאָס בעט האָט געגעבן אזוי ווי אַ פאַל אונטער מיר, איז עס געווען גאָר ניט. דערנאָך האָב איך זיך אַ הארבע געטאָן, צונויפגענומען זיך איינגאַנצן און געוואָלט שוין, ווי אַ מאַנסבל און ווי אַ באַלעבאָס, האָבן איצט דאָס ווייב לעם זיך, אזוי, פאַרדערפאַר, וואָס ס'איז בעסער . . .

און איך בין ווי עס איז איינגעשלאָפן.

באַ אַ קאָלעגע אַפן טיש האָב איך איינמאָל אויסגעלייענט אַ שטיקל פאַ־פירל. דאָרט איז געווען אָנגעשריבן:

„אַ וועלכער קוק איך עס אויס איינער אליין אין די ווייסע גאטיעס?"

איז אַ וועלכער בין איך טאַקע איצט איינער אַליין אין די ווייסע גאַטיעס דאָ אין אַ פרעמדן דאָרף אַפן גאַניק?

און דאָס ווייטערדיקע איז שוין ווייזט אויס א כאָלעם!

אז אונזער אמאָליקע שניטקרעמערן איז געקומען צו אונז אַ היים, — מיין טאַטע איז אריין מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל און זאָגט „שטיי אויף, גאָטליב, פראַדל די שענקערן גייט אהער". האָב איך זיך געמאַכט בעסער מיין ליגן, און יענע איז טאַקע אריין. זי איז שטאַרק געעלטערט, נאָר זי איז די זעלבע איישעס־כאיל, וואָס אַמאָל. א יאַם רויטע רינצעלעך באַפלעכטן איר עלטער פאָנעם און זי הערט שוין שלעכט.

— הערסטו, גאָטליב — זאָגט זי — דאָס גיי איך צו דיר אומיסנע, זאָל מיר טאַקע אַזוי גאָט געבן געזונט. איך האָב געהערט דו ביסט דאָ, ביסט געקומען צו גאַסט. האָט מיך אָנגענומען א כיישעק דיך זען.

די מאַמע האָט דערלאַנגט קיבעד צום טיש, און יענע פאַרברענגט. — הער־סטו — זאָגט זי — איך קען ניט ליידן, וואָס דו זיצט אַליין אזא לאַנגע צייט, ס'איז כאַלאָשעס, האַלעוואי זאָל מיר דער אויבערשטער אַזוי געבן געזונט.

— איר זייט, דוכט זיך, געווען פון יענער זייט גרענעץ? — פרעג איך זי.

— הערסט א מאַיסע? דאָס קום איך דאָך ערשט פון דאָרטן!

און זי פרעגט מיך ווייטער, זאָג נאָר מיר אָקאָרשט, גאָטליב, דיין מעלאָכע דאָרט אין די גרויסע שטעט! דו שרייבסט דאָך, דוכט זיך, דאָרט אין די ביכלעך, צי ווי אזוי.

— נו?

— האָסטו, הייסט עס, פון וואַנעט צו לעבן?

— יאָ.

— זייער פיין. טאַקע זייער פיין... טאָ זאָלסט זשע מיר נאָר קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָס איך פרעג דיך, איך וויל טאַקע וויסן, דאָס איז נאָר פאַר די באָלשעוויקעס אן אַרבעט איז עס? ווערט אויס וואָלאַסט אזוי איז אויס פאַרנאָסע, הייסט עס?

און די שניטקרעמערן איז, דוכט זיך, א מאַנסבל, וואָס פאָרט אום קעסיידער מיט אַ פערדל איבער די דערפער; קומט אים אויס דורכפאָרן דורך אונזער ווינקל. און ער זאָגט:

— גיי נאָר, — זאָגט ער, — דיין מיידל ווײנט דאָרט העט ארוף, לעם די קאנאפלעס.

דוכט זיך, אז ס'איינס און דאָס זעלבע — אי די קרעמערן אי דער ייד, און איך לאָז זיך גיכער גיין אַרוף.

איך וויל לויפן גיך, קען איך עפּעס ניט, איך פלאָנטע זיך אזוי, ווי אין צעאַקערטער ערד ביז די קני אזוי ווי אין פּירײ מיט אָנגעפּאלעטע קרייטעכצער. אנקעגן מיר לויפן און מיידן מיך אויס קינדערלעך מיט אָנגעשטאָפּטע טאָרבעס אזעלכע, נאָר, מיך דערזען, קערעווען זיי אָפּ אַף א זייט און איינע אן אזעסדיקע לויפט דורך מיר פונקט אַנטקעגן, גלייך פאַרן פּאָנעם: ע, איך האָב זיך פאַר אייך קיין מוירע ניט! זי לויפט דורך און רייצט זיך מיט מיר און איך גיי. פון ווייטנס ווײנט טאַקע אַ קינד, ס'מיין מיידעלע, זאָגט מען. מיין טאָכטער, וואָס וואַקסט דאָ די גאַנצע צייט אָן א מאַמע, און איך בין איר טאַטע, וואס ווייזט זיך אַהער זייער זעלטן און ברענגט איר איין מאָל אין אַ יויוול אַ מאַטאָנע ניס.

שטייט טאַקע מיר אַנטקעגן אפן באַרג אונטער א בוים אָנגעשפּאַרט אַ מיידעלע אַ פּולינקע מיט ווייסע באָרוועסע פיסעלעך, מיט העלע ווייסע גרייזערעך. פינעף יאָר איז דעם קינד אָדער זעקס, און זי ווײנט אזוי ברוסטיק, אזוי זאַפּטיק און ס'גיסן זיך פון איר ריטשקעס טרערן — מאַמעש איך זע, ווי די טרערן זאַמלען זיך אין זאַמד און פאַרקערעווען באַרג אַראָפּ אין ריטשקעלעך, וואס זי ווײנט מיט אזא האַרציקן קאָל, און אף מיר וויל זי ניט קוקן, וואָס איך גיי זיך פאַר איר איינשטעלן...

און די מאַיסע איז שוין פאַר מיר קלאָר. יאָ, איך פאַרשטיי שוין עס אקראַט, אז די קינדער, דער שכיינעס, האָבן זי אהער פאַרפירט, עסטערקע ניט ראָזועלען. זיי האבן באַ איר אָפּגעוואונען אלע ניס און דערנאָך האָבן זיי זי איבערגעלאָזן אײנינקע אליין און האָבן זיך צעלאָפן. קעדיי דאָ זאָל זיך נאָך דאָס קינד דערשרעקן פאַר אַ וואָלף אדער פאַר אַ הונט.

איך קען די פיס ניט אָפּרייסן פון אָרט, אף גיכער צולויפן צו בינעלען, די צוויי שפּאַן, און איך שריי צו איר: קום מיין קינד! דו זעסט ניט, אז איך בין דיין טאַטע? פון הײַנט אָן און ווייטער הער איך אויף צו דיר זיך פאַרפרעמדן! און מיר פאַרנעמט אַליין פאַרן האַרצן, וואס ס׳קענען זיך נאָך געפינען באַ היינטיקע צייט מענטשן אַזעלכע (פאָרגעשריטענע), — ווי, ווי... וואָס איז ציטעריקער פון אַ קינדערשער טרער? האָפשטיין!! און ביאַליק!! מיר גלוסט זיך אַזש וויינען. אָט פרעס איך באַלד אויס אַ טרער. אַ גאַנצן טאָג, אז אַ קינד מיט אַזעלכע ווייסע פיסעלעך בלאָנקעט אום אָן אַן עלטערנס אויג. ביז פרעמדע קומען אָן און מאַכן נאָך א געשפּעט פון דיר. ניין, איצט וועל איך שוין ווייזן, וואָס איך קען! כאָטש זי פאַרשטייט זייער גוט איר לאַגע.

זעט, איך וויין שוין! יאָ! איך וויין. לאָמיך נאָר דורכברעכן דעם ערשטן שטראָם, וועט מיר אַראָפּ א שטיין פון הארצן. דערווייל לויפן אָן די, וואס פון סאָראבקאָאָפּ און נאָך איינע, דוכט זיך, אז ס׳ די שניט־קרעמערן אין דער קאַפּאָטע. און זיי שרייען:

— גאָט איז מיט דיר — שרייען זיי, די פייען זיינען שוין באלד אין שטאָט, און דו שלעפּסט זיך דאָ אום ווי אַ דערשלאָגענער!

זיי כאַפּן מיך אָן אונטער די הענט. און ס׳טאקע ריכטיק, אז מ׳שיסט פון הארמאטן, די „פייען" וועלן שוין באלד זיין אין שטאט (ס׳באפאלט מיך א נויט שווייס.) דער סוינע וועט באלד פארפלייצן די שטאט!

פון יעדער שאָס טוט דער דאך א ציטער און ס׳גיסט זיך וואסער פון די קוילן. גוואלד די „פייען", אז זיי שיטן זיך אריין אין שטאט אריין מיט זייערע ענגלישע שינעלן, גלוסט זיך שוין גאָרניט לעבן אף דער וועלט! זיי זיינען מערדער.

מיר לויפן אראָפּ פון באַרג. בראק. באך! ס׳האָט אויסגעשאָסן א שטיק פייער. בין איך צוגעפאַלן צו דער ערד. איך הער עמעצער שלעפּט מיך, דוכט זיך, פארן האנט. קום! — שלעפּט מען מיך...

איך האָב אַן עפן געטאָן איין אויג... יאָ... די מאַיסע איז טאַקע אַ מאַיסע! אין גאס איז אַ מאַבל א פליוך! ס׳דונערט און ס׳בליצט און מיין שוועסטער איז ארויס מיט אַ מאַנטל אף די פלייצעס. זי קען מיך ניט דערוועקן, איך זאָל שוין אַמאָל אופשטיין און אַנטלויפן אין שטוב אריין.

— אין שטוב אריין? — שטאַמל איך צו איר און וויל זיך נאָך אָנהאַלטן באַ דער שרעק, — שוין גיי איך. איך וואָלט נאָר דאַרפן עפּעס פאַרשרייבן, איך געדענק ניט, עפּעס אזעלכעס האָב איך דאָך אין זינען געהאט פאַרשרייבן.

— דו ביסט אַ מיוון? — רופט זיך אָן די שוועסטער און שלעפּט מיר די קישן פון אונטערן קאָפּ — די קישן איז דאָך שוין פּיטש נאַס. ער זאָל זיך כאַטש ניט צוקילן; קום נאָר גיכער, דו וועסט שוין אַן אַנדערש מאָל פאַר־שרייבן. קום...

די וועווערקעס אין וואַלד, ווי אזוי טראָגן זיי איבער אַ שטורעם? דאָ אין וואלד באַ מיין שוועסטער האָב איך ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען אַ לעבעדיקע וועווערקע. זי איז אסאך קלענער ווי די, וואָס אין די ביכלעך, אָבער דערפאַר איז זי שענער, ווייל זי איז א לעבעדיקע. קלענער איז זי, עפּשער, אף א גאנצן שליש. זי איז אביסעלע גרעסער פון אַ מויז און אַן עקעלע איז באַ איר אַ שיינינקס, אוי, אַ שיינינקס! און פלינק איז זי אויך, וואָס מע דאַרף ניט בעסער. טאָ ווי אזוי האט זי איבערגעטראָגן, די וועווערקע, נעכ־טיקן שטורעם אין וואַלד? ס׳האָט זיך איר אויך געכאָלעמט, אז א קינד וויינט אַפּן בארג? אַ מיידעלע פון 6 יאָר, וואס דער טאַטע לאָזט זיך צו איר ניט קענען, און די מאַמע איז געשטאָרבן, איז קעסיידער טראָגט זי אויס אירע רויגעזן (אַף די ארומיקע און אף דער וועלט) בעזייט אויס פון מענטשן? זי פאַרקלייבט זיך אין א ווינקעלע און דאָרטן איז זי זיך באַרויגעז, וויפל ס׳נעמט זיך איר אָן (פאר דעם פאַל אָדער פאַר יענעם).

און ווי אזוי איז איצט מיין ליוסעס מיידעלע, — אונזער לענאָטשקע. אַז זי דרייט זיך אום גאנצע טעג איבער אזא גרויסן אויסגעגעצטן הויף אָן דער מוטער?

איך בין היינט געשלאָפן שפּעט אפן פרימאָרגן און אַז איך בין אופגעשטאַ־נען, האָב איך זיך ערשט געפוילט אָנטאָן. ס׳האָט זיך מיר געגלוסט אַביסל ליגן.

— קום אַהער, הערשעלע!

מיין ריזשיקל, דעם פלימעניק מיינעם, האָב איך ליב. ער איז אַ קליינינטש־קער און רעדט יידיש ווי אַ גאָיטשיקל.

— הערשעניו! — רוף איך אים — קום, וועל איך דיר דערציילן פון דער וועווערקע...

— פאַר וואָס!

— דערפאַר, וואָס באַנאַכט האט געגאָסן אַ גרויסער רעגן.

— נו?

— נו, האָט זיך די וועווערקע זייער מוירע געהאַט. זי האָט געדעקט און געדעקט אירע קינדערלעך, און די דונערן האָבן געקלאפּט אָן אַ שיר און געטראַסקעט.

— פאַרוואָס?
— פאַרדערפאַר!..
און דער רעגן האָט געליאַפּעט ווי פון אַ צעבער — ליאָפּ-ליאָפּ.
— נו?
— איז טרעזאָר אַוועקגעלאָפן און זיך באַהאַלטן אין זיין ביידעלע.
— און די וועווערקע?
— די וועווערקע ווייס איך ניט... אויב זי לעבט נאָך ערגעץ ערשט, זיצט זי איצט געוויס אפן יאַם און קנאַקט ניסלעך אונטער דער לעוואָנע.

ס'איז אַריינגעקומען אַ שכיינע און האָט מיך געוואָלט פאַרטשעפּן מיט אַ וואָרט, זאָגט זי:
— מ'איז דאָס בא זיך גרויס געוואָרן!
אַף מיין שפעט שלאָפן אַזוי.
— אויך געערעכט; — זאָג איך — נאָר ווען איר ברענגט מיר פון עמעצן אַ גרוס, וואָלט איר געווען מערער לייט...
— פון וועמען, נאַפּרימער?
— איר זייט שוין געווען אין מאַרק?
— געווען.
— איז היינט וואָלוול פיש?
— וואָלוול! נו לאָמיר שוין הערן ווייטער...
— אין קאָאָפּעראַטיוו געווען?
— געווען.
— מ'גיט שוין איטלעכן אַרנאַאוט?
— ווי געפעלט אייך אַן אויספרעגן? איך זאָג דיר, אז מיט אייערע לייט איז דיר נאָר אַן אָקאַזיע אין דער וועלט, זיך נאָר נאָכקרימען זיך ווייסט עס דיר...
אַ נאַרישע יידענע. ניט דאָס פרעג איך זי. איך וויל זיך בא איר דערוויסן, טאָמער איז דאָ נייס אין סאָראַבקאָפּ.
— וואָס פאַר אַ נייס קען דאָרט זיין? גאַנאָווים האָבן זיך אונטער-געגראָבן?
— נו, האָדיע, לאָזט מיך זיך אָנטאָן און אַ סאָף.
און צו אָנבייסן האָט מען מיר געבראַכט א טעלעגראַמע, אז אף שאַבעס און זונטיק מוז איך צופאָרן אין דער און דער קרייז-שטאָט, 8 שאָ פאָרעכץ מיטן וואַסער: אַן אָוונט מיט אַן אוילעם, מיט געצאָלט און מיט פאָרטראַגן.
— זייער שיין און זייער פיין. נאָר גאָרניט.
— וואָס גאָר ניט?

— איך וויל ניט קיין אָוונטן — ענטפער איך זיך אַליין, און פרעג זיך גלייך צוריק אָפּ:

— וואָס איז? וואָס איז אױף דיר פּאַר א סימכע געוואָרן אינמיטן דרינען?

— אַזוי, פּאַר גאָרניט. ווען איך האָב מוט, לעכאַלאַפּאָכעס אױף צו דערציילן.

— פון וואָס?

— פון איר. און פון יענץ קינד, וואָס באַהאַלט אויס זיין רויגעז אין די ווינקעלעך. (פּאַר דערפּאַר, וואָס דער טאַטע איז אין די גרויסע שטעט און די מאַמע איז געשטאָרבן).

— נו, און וואָס נאָך?

— וואָס נאָך? איך זאָל זיי קענען זאָגן, אז אין דעם איניען פון אָוונטן גייען אָן צופיל אָנשטעלן, אַלנפאַלס בא אזעלכע ווי איך, אויב איך קען זיך ניט נעמען פּאַר יענעם.

— נו, ביסטו זיכער, הייסט עס, אז דיר וועט פון דעם ווערן גרינגער?

טאָן האָב איך גאָר ניט ניט געוואָלט, איך בין אַוועק מיטן ריזשיק אין וואַלד אַריין.

צו וואַרמעס האָבן מיר די קינדער געפרעגט, צי איך פּאָר.

האָב איך געענטפערט, אַז ניין.

— פּאַרוואָס?

— אזוי, איך האָב באשלאָסן זיך א שטיקל צייט אָפּהאלטן פון פּאָרן.

די שוועסטער האט געשוויגן אביסל און האט צוגעגעבן, אז מ׳וואָלט דאַפקע דארפן צופאָרן, ס׳איז א שטאָט מיט אסאך ארבעטער...

דעמזעלבן טאָג אינאָוונט איז בא מיר געווארן נאָך קלאָרער, אז האלעוואי וואלט איך היינטיקס יאָר אינערגעץ ניט געפאָרן. נישקאָשע, וואס א שטאָט מיט ארבעטער. ס׳טרעפן זיך צייטן, ווען איך בין אליין אן ארבעטער.

III

אין שטאָט אַריין, אין שטאָט אריין.

איך פּאָר היינט אין שטאָט.

איר קינד יאָרט זיך היינטיקן שאבעס, דאַרף זי נאָך קליינינקייטן אין שטאָט; און איך? אויב אזוי, דאַרף איך אויך אין שטאָט!.. הערשעלען האָב איך געזאָגט, אז ס׳איז א ליגן. איך גיי ניט אינערגעץ ניט. וואָרום ער מאנט שוין בא מיר די שטאָט פון א וואָך. „איך זאל מיט אים פארן אין פארלאג אריין און צו די „כאים״. „אין פארלאג״ — ווייסט ער ניט, וואס דאָס איז פּאר א פרוכט, ער האָט געהערט מיך ריידן, זאָגט ער נאָך. און „צו די כאים״, דאָס

ווייסט ער שוין דאפקע יאָ. ער איז שוין מיט מיר א מאָל געווען אין זאָאָ־גארטן און ווי ער האָט נאָר דערזען דאָרטן דעם הערש, האָט ער זיך דער־פרייט און אויסגערופן מיט איבעראַשונג, אַז ער מיטן הערש אינייגעם זיינען שוין „צוויי הערשעלעך"!

בעשאס ער זאָגט „ווען וועלן מיר פאָרן צו די „כאים" און ווייסט נאָך ניט, א פּאָנעם, אַז דאָס וואָרט רעדט זיך אויס אנדערש, האָט דאָס בא אונז איט־לעכן דעם זיבעטן כיין. קינדווייז איז מיר קעסיידער געווען ליב דער לעגענ־דארער וואסערטרעגער, פון וועלכן מ'האָט דערציילט, אַז פרייטיק פארנאכט פלעג ער קומען פארפרי אין דער ליידיק אויסגעקערטער שול אריין און זיך זאָגן שיר האשירים ווארט בא וואָרט, און אַז ס'פלעג קומען צו „באתי לגני אחותי כלה", פלעג ווערן אפן הימל א גרויסע כעדוּוע. וואָרום דער וואסער־טרעגער האָט עס פארגרייזיקט און בא אים פלעג זיך עס שוין זאָגן אזוי ווי א וואסער: „באסי לעגאגי אכוסי ביילא", ניטאָ שוין היינט דער וואסערטרע־גער, ניטאָ שוין די הימל־לייט. אָבער דער טאם פון דער מאיסע איז מיר פארבליבן ביז היינטיקן טאָג. און בא הערשעלען ווארט איך אויך אזוי, ווי אף א גוטן מאיכל, ער זאָל גיכער זאָגן „ווען וועלן מיר שוין פאָרן אין פּאָרלאַג און צו די כאים".

... אָבער איצט זאָג איך אים, אַז ס'איז א ליגן, איך פאָר ניט אינערגעץ, און אליין פוץ איך אָפּ וועראנדע די שיך מיט אַזא אימפּעט, אז א רויך גייט אזש. דאָס שטוב־מיידל אונזערס כאפּט אף מיר א קוק, בעאייס איר וואַרמעס קאָכן, און זי שמייכלט, ס'שטיקט זי צום לאכן, זי ווייס, אַ פּאָנעם, ניט, אַז איך קען אויספוצן גוט א פּאָר שיך. אליין גיי איך אין די שטוב־שיך און די גוטע שיך מיינע פוץ איך, אין איין האַנט די בארשט און אף דער צווייטער דעם שוך, פאר ווענען האלט זי מיך, וואָלט איך א באַלן זיין וויסן, וואָס זי לאכט.

— זא קאָהאָ ווי מעניא דערזשיטע? א מעציע מיר אויספוצן א פּאָר שיך?!

איך בין מאסקים מיט מיין שוועסטער אינגאַנצן, וואָס זי זאָגט, אַז היינט איז אַ מעשוגענער זומער: אָט לאכט ער און אָט גיסט ער. איך בין ארויס איז דער אפגערעדטער שאָ צום באַן; איז דאפקע געווען אַ שיינע זון אינ־דרויסן און אף האַלב וועג האָט מיך באַפאַלן אַזאַ רעגן, ערגער פון א בייזן הונט, וואָס קייקלט זיך אַרויס פון אַ זייטיקן אומגעריכטן הויף־טירל, ערגער פון א פלינקן הונט, וואָס אין איין רעגע באַווייזט ער דיר דערשרעקן פון אַלע זייטן מיט אַ מאָל. ס'גיסט זיך שוין בא מיר וואסער פון פּאָנעם, פון די הענט, און איך שפּרינג. נישקאָשע, וואָס איך שפּרינג, אָבער ס'וועט איר כאָטש ניט זיין קיין געלעכטער, אַז זי וועט מיך דערזען, א וועלכער איך בין

אן אויסגענעצטער? אונזער שטוב־מיידל וואָלט דאַרפן זען, סאַ טאַכלעס ס'איז געוואָרן פון מיינע אויסגעפּוצטע שיך אינם געמיש פון זאַמד מיט וואַסער און מיינע דאַרף אהין קומען גלייך פון דער אַרבעט.

פון דער אַרבעט הייסט (דאָס איז שוין אַ קלאַל זאַך) אָדער 4, אָדער 4 מיט פינף מינוט.

אויב אַזוי, וועט מיר אויסקומען וואַרטן אַף איר. איז שוין גאָרניט, וועל איך זיך פאַר דער צייט אַבי ווי אַזוי אויסטריקענען. צום סאָף האָב איך אין באַן־הויף געטראָפן שוין זי. קוקט זי אָן — סאַ שיינינקע! אַף די שווארצע לאַנגע גרויזן האָט זי אַרופגעצויגן אַ גרינג זומערדיק היטעלע און אַף די אויגן קען זי גאָר ניט אָנטאָן. זיי לאַכן צו מיר גרינג און שטיל און מאַכן מיר ברייט דאָס האַרץ. דער גרינער רעגן־מאַנטל איז אויך לעם איר, דאָס איז געוויס אַ סימען, אַז מע פאָרט.

דאָס טירל פון קאַסע עפנט זיך, דער צוג לויפט אָן און מיר פאָרן טאַקע. וועגן דעם רעגן און מיין אָפּגענעצטקייט האָבן מיר גראַד־ביידע פאַרגעסן.

מיר זיינען ביידע געפאָרן אין שטאָט אַריין, דער רעגן איז אונז איבערגעגאַנגען, נישקאָשע, אין האַלב־וועג.

— איך בין נעכטיקע נאַכט, — זאָגט זי — געשלאָפן פיר שאָ.

— איצט זעט מען, אַז זי וויל טאַקע אַף אַן עמעס שלאָפן.

איר פּיסקעלע פאַרשליסט זיך אַ מאָל אַזוי ווי אַ קוויטעלע אַף באַנאַכט פאַרן שלאָפן; איך בין, צום באַדויערן, ניט קיין ווייסער אַף קוויטן. נאָר דאַ אַז איך בין געוועזן צו גאַסט בא מיין מוטער, האָב איך דערזען, ווי פאַרן פענסטער אונטער די אָפּגעצוימטע שטאַכעטן, וואַקסן בלימעלעך אַזעלכע רויטע, ענלעך זיינען זיי אַף נעגעלעך, נאָר ס'איז עפּעס אַנדערש. באַטאָג קרייצן זיך איבער אַף אַ הויכן פּעסטן אין האַריקן שטענגל פיר פּאָר רויטע בלעטעלעך אין אַ ציילעמל. און פאַרנאַכט, בעאייס די בעהיימעס האָבן זיך געמאָלקן, איז מיך געקומען באַזוכן אַ הויכע פּרוי אַ יונגע, גרויס שטאָטיש געקליידט, מיט איר קינד.

— גיכער, זאָג איך, הינדעלע, טראַג אַרויס פאַר פעפעלען אַ קוויטעלע. הינדע אונזערע איז גרינג, ווי אַ ציג, האָט זי שוין אַ הויב געטאָן דעם האַק־שלעסל פונעם שטאַכעטן־טירל און זי איז שוין אין רעגע צווישן די בייטלעך. געבראַכט האָט זי אָבער אַ שטייף פאַרשלאָסן בעכערל מיט גרינעם באַשיצט און דאָס ערשט האָב איך ניט דערקענט וואָס דאָס איז און אָנגעקוקט הינדען, אַז ניט נאָך דעם האָב איך זי געשיקט און ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ שוטע, בעפּיירעש אַ שוטע, אויב איך קען זיך פאַרגינען ניט גיין אַמאָל קוקן פאַרנאַכט, ווי אַזוי די בלימעלעך גרייטן

זיך שלאָפֿן... און איצט אין וואגאָן האָט זיך די קליינע צוגערוקט האַרטער צו מיר, זי האָט אַראָפּגעלאָזט די וויעלעך, צוגעשלאָסן דאָס פּיסקעלע — און ס'איז טאַקע ריכטיק, אז ס'וויל פּאָפּן: שלאָף, מיין קליינינקע, שלאָף.

הויבן זיך אויף אַף א האַרעלע די וויעלעך און שמייכלען כיינעוודיק צו מיר, דאָס פּיסקעלע אויך.

זאָלסטו מיר זיין געזונט, ווי אזוי מיר גלוסט זיך דיך איצט פּאַר איטלעכן אין די אויגן גוט גוט צוטוליען און... נו, דיך פּאַרן שלאָפֿן גוט א קוש טאָן.

אַפֿן שטאַטישן וואקזאַל, צווישן די פּורלעך מיטן ווימלדיקן שטופּ־געניש, איז מיר געווען גוט מיט איר. זאכן זיינען בא אונז געווען ווינציק, אַפֿן טראַמוואַי איז אונז געווען גוט, אין שטאָט אָבער האָב איך אייפּערזוכטיקט צו יעדער כאַוואַרטע און באַקאַנטער אירער, וואָס האָבן זיך איר געוואָרפֿן אַפֿן האַלז און זי ליידנשאַפֿטלעך געקושט. א מאַנסבל ניט קיין נאַר, וואָס איז האַלב כאַוועריש האַלב ניט פּאַרגינעריש, וואָלט מיר געזאָגט: דו, וואָס נעמסטו זיך אַזוי צום האַרצן? ס'וועט דאָך דיר מערער בלייבן!

אָבער זאָל ער זיין בא זיך איינדערהיים א קלוגער, דער יונגערמאַן. מיר איז ער אין דער רעגע א נאַר. מיר דערגייט עס צום האַרצן, וואָס זיי קושן זי און קושן זי און זי רעדט מיט זיי.

— קום אַהיים! — גלוסט זיך מיר איר זאָגן. איך וואָלט זי אזש א שלעפּ געטאָן פֿאַרן אָרבל און זאָלן מיר פֿאָרן בעסער אַהיים.

אָבער וואָס וועל איך טאָן, אז זי וועט מיר מיט אַמאָל עפּעס אַריינזאָגן?

— איידער עפּעס, — קען זי נאָך זאָגן — ביסטו שוין א מאַן מיט אַלע פּיש־טשעווקעס! אוי, מאַן! אָנקוקן קען איך ניט קיין מאַן!

נאר זעט, ווי אזוי מיין גאָט לעבט נאָך אויך. און יעדער שלעכטיקייט איז גאָר ניט אזוי שלעכט, ווי מע מיינט. מאָרגן גייט זי דאָך זעקס גאַנצפֿרי צו דער אַרבעט. איך האָב זיך שוין גאַר פּאַרגעסן, דאַרף מען זיך היינט פּעדערן אַהיים.

יאָ, דוסיאַ, גערעכט, אַז ס'איז שוין צייט צו פּאָרן און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אירע לייט. דוכט זיך, זיי האָבן ניט געקלערט אַף מיר, אַז איך בין ניט קיין רירעוודיקער. איך וועל זי נאָך וועגן עס איז וועגן דעם א פּרעג טאָן:

— ליאַליאַ, — וועל איך זי פּרעגן, — איך בין ניט געווען באַ דיינע לייט קיין לעמעך?

איך האָב צו מיין גרויסער פּרייד באַמערקט, אז זי איז אויך גערן, וואָס מיר זיינען שוין אַפֿן גאַס און מיר זיינען אַליין. זי האָט פּריי אָן עטעם גע־טאָן, אַרויפּגעלייגט דעם ווייך באַלאָקטן קאָפּ צו מיר אַפֿן ברוסט. איך האָב

זיך דערמאָנט ניט ווילנדיק אין „שיר האַשירים". איך געדענק שוין ניט אַזוי קלאָר, ווי ס'שרייבט זיך דאָרט „ווען איך האָב דיך, דוכט זיך, פאר אַ ברו־דער, פאר מיין מאַמעס א זון, וואָלט איך דיך אינמיטן גאַס געהאַלזט, און קיינער וואָלט מיך ניט אויסגעלאַכט"... אָטאָ שעמט זי זיך נאָך ניט פאר דער גאַס און איך בין איר א פריינט.

פאַרן פאָרן זיינען מיר נאָך אַריין אין אַ גערטל, פארנאַכט קילט זיך די שטאָט; דאָך איז דאָס גערטל פול מיט לייטן. אף יעדן בוים — זאָג איך — א מענטש.

לאַכט זי פון מיר:

— דו ביסט א נאַר, דאָ איז אַף יעדן בלעטל — זאָגט זי — אַ מענטש. גערעכט. בוימער זיינען דאָ טאַקע פאראַן ווינציק. מיר זיצן לעם פאָנטאַן, וואו קינדער שלעפערדיקע, מידע פון א לאַנגן זומערדיקן טאָג, שפילן זיך נאָך. איינס לאָזט א שיפעלע איבערן וואַסער, איינס פאַרטראַכט זיך גלאט אף די טראָפנס, וואָס פאלן פון אויבן; עמעצער לאָזט זיי צוליב א קונץ אהער אין דער מיקווע אריין.

ווען מיר זיינען ניט קיין פאַרנומענע מענטשן — גיב איך אויף — וואָלטן מיר זיך געלאָזט אף קונצן: מיר וואָלטן געגאַנגען צופוס (אהיים אין דאָרף אריין) אַף א גאַנצער נאַכט; קיינער וואָלט אונז גאָרניט געזאָגט דערפאַר און גוט וואָלט אונז געווען, וואָס איז שוין דאָ די רייד?!

— ניין, — שאָקלט זי מיט אירע שווערע לאָקן, — איך האָב שוין היינט אויך פארשפעטיקט צו דער ארבעט אף פינף מינוט... נאַ פיאַט מינוט!.. פּאָניאַל?

איצטער זעט זי מיר אויס אַקוראַט ווי אַ „טיטקא איז סעלאַ". זי טראָגט דאָס קליינע רענצעלע, דעם רעגן־מאַנטל און נאָך קלייניקייטן. דאָס הייסט, אַז איך טראָג עס אלץ. נאר די טירכע פון דעם אַלעמען טראָגט זי. און אַפן וועג צום באַן־הויף פארקערעווע איך מיט מיין „טיטקאָ איז סעלאַ" אין א טיר, וואו מ'עסט עפּעס און מיר בייסן איבער. דערנאָך אין א טיר, וואו מע טרינקט עפּעס. די מענטשן און די דינערשאַפט זיינען צו אונז זייער גוט און מיר וואָלטן זיך אזוי געגאַנגען (ביזן סאַמע דאָרף) פון טיר צו טיר: דאָ פאר־קויפט מען סטענגעס און דאָ קארעלן; דאָ א ציילעמל און דאָ לעקעכלעך מיט בייגל. איך מיט מיין טיטקע — צוויי פארשפעטיקטע יארידניקעס, פארשפעטיקטע און גליקלעכע וואָלטן מיר זיך געשלעפט ביז אין דער שפעטער נאַכט, ביז אַ פעלד אָן אַ דאַך און אָן ווענט, ביז די שאָקן היי די פרישע, אַז די זון פון „איבערנייס אַ טאָג" זאָל אונז צעוועקן, זאָל אונז צעדעקן, און מיר זאָלן ניט וויסן פון וואַנען און פון וואָס.

די וואַגאָנעס זיינען געווען באַלויכטן מיט טונקל־ברענענדיקע ליכט (סטרינעווע), די ווענטלעך האָבן געציטערט און זיך געוויגט, אָבער זי איז ניט געשלאָפן, זי האָט געלאָזן, איך זאָל זיך צורוקן נעענטער, און זי האָט מיר דערציילט שטיל און שיין אַסאך אומגעריכטע זאַכן: זי, אין ג. פּ. או. אַף פאַראנטוואָרטלעכער אַרבעט. זי, און עשאַלאָנען כאַיל פון איין פראָנט צום צווייטן. זי אין מאנסבילשן אָנטאָן אַף דער פּאָזיציע מעסט באַנאַכט די פעל-דער. איך קוק, און גלויב ניט מיינע אויגן: ווי קומט אַזאַ קליינס צו אַרבעטן אין ג. פּ. או. זי האָט דאָך זיך קליינוויס געלערנט ווי א באלעבאטיש גווי־ריש טעכטערל אַזש אין דער שווייץ? געוויס איז אונזער איצטיקער צוג אויך ניט קיין געוויינלעכער, ניט קיין טאָגטעגלעכער. די נאכט איז אַרום און אַרום אנגעפּילקעוועט מיט אויסערגעוויינלעכס און מיט וואונדער.

אנטקעגן אונז האָט זיך אַ יונגערמאן אָנגעשפּאַרט אפן ווענטל און איז גע-שמאַק געשלאָפן. זיין וועג־רענצעלע האָט ער איינגעמאסטעט אַף דער ערד צווישן ביידע נעזער פון די שיך און אַ סאמאָוואַר אַ נייעם אַ פאַרוויקלטן אין פּאַפּיר האַלט ער אַרומגענומען. ווייט פארט ער, דער יונגערמאן? נאָענט פאָרט ער? אויב ס'ווארט אף אים עמעצער ערגעץ אין אַ היים, איז ער עס ווערט, ער איז א יונגער און א שיינער און נאָך מער: אונז האָט ער ניט געשטערט אַפילע אַף קיין האָר. זיין פּאָנעם און זיין ברוסט זיינען אינגאַנצן געווען באַ־לויכטן פונם וואַגאָן־לאָמטערן, וואָס איז געווען אַזוי ווי גרייט נאָר אים צו דינען.

אַזוי לאָזט זי מיך זיך טוליען אין איר. אַף אַ באַנק פון צוויי ערטער זיצן מיר אין צווייען און מ'קען דאָ אַוועקזעצן נאָך פינפען: מיר פאַרנעמען זייער ווינציק ערט. זי האָט זיך געוואונדט צו מיר אף דו און מיר דערציילט שטיל און שיין אַסאך אומגעריכטע זאכן. פאַרביי די פענסטער ליפּט דורך א שלע-פערדיקער כוטאָר, פאַרביי די פענסטער לויפט דורך אַ טשוביקל וואַלד; אונ-זערע רעדער עסן אויף אַ בריקל א קליינס, אָבער דאָס אַלץ האָט צו אונז ניט קיין גרויסן שאיכעס. ס'נאָר זייער אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר זיינען צו גיך פארפאָרן. ניכאַי וואָלטן מיר געווען פאָרן נאָך, נאָך און ווייט. אַ גאַנצע נאכט און צען נעכט מיטאַמאָל.

איבער אונזער קילן אין שלעפערדיקן וואָקזאַל איז געהאנגען אַ לעוואָנע א רויקע, א קילע און א שלעפערדיקע. מיר האָבן דעם צוג איבערגעלאָדן נאָך כראַפּען א מינוט און אליין זיינען מיר אַוועק. נישקאָשע, מיר ווייסן דעם וועג.

ס'איז אויך נישקאָשע, וואָס מיר זיינען געגאנגען איינע אליין איינצווייען איבערן באנאכטיקן דאָרף און האָבן געשוויגן. זי האָט געזאָגט אז ס'איז אַזוי גוט צו שווייגן און אַריינאָטעמען פרישע לופט.

און זי האָט עס געטאָן.

מיר איז געווען ליב איר אינעווייניקסטע, געפעס, וואו די לופט — די פרישע — רייניקט זיך בײַ איר. איך וויל אויך זײַן לופט און וויל טרעפן צו איר אין בלוט אַרײַן. איך ווייס, איך ווייס, ווי אַזוי צו קריגן אַ באַהעפטונג מיט איר בלוט אַף א נאַטירלעכן אויפן (און ס'איז אויך העכער פון די הימלען און טיפער פון דער נאַכט), אָבער איצט קלער איך פון דעם ניט. איצט וויל איך זײַן לופט און וויל בײַ איר אויסזײַן אין אַלע אינעווייניקסטע כאַדאָרים און איר מיט דעם גוטס טאָן.

אז מיר האָבן פאַרקערעוועט אַפן פינסטערסטן און זײַטיקסטן געסל, האָבן מיר זיך פלוצים ביידע אָפּגעשטעלט.

זאָל אונז זײַן גוט, זאָל אונז זײַן גוט.

און מיר גייען לענגויס די פלויטן. מיר האָט זיך פלוצים אויסגעוויזן אַ מאָדנע זאַך: איך, דער שרײַבער, גאָטליב דער נעמיראָווער, זיץ דאָ אַף אַ דאַטשע, אָט דאָ פון יענער זײַט פלויט און איך כאַלעש, איך גיי אויס נאָך אַ פרישער אוונטיקער באַגעגעניש און מיטאַמאָל דערזע איך זיך אַליין, זיך, דעם אייגענעם גאָטליבן פון דער אָ זײַט פלויט איבערן גאַס גייענדיק מיט אַזאַ פרישער זאַך, מיט אַזוי פול וואַרעמען גליק, און נעמיראָוו איז גאָטליבן מעקאַנע, אַזוי מעקאַנע, און נעמיראָוו לויפט נאָך אינעווייניק אין די שטאַכעטן לענגויס דעם פלויט, לויפט ער נאָך גאָטליבן, אַף וועמען ער האָט קעסיידער נישקאָשעדיק צו שאַפן, צווישן איין שטאַכעט און צווייטן כאַפּט ער אַ זינדיקן קוק.

איך האָב געהאַט אין זיך אַליין פונדערגרינג נעקאָמע אין דעם „זיך“, וואָס איז אַזוי נישטיק דאָרט פון יענער זײַט פלויט, וואָס גייט אויס נאָך אַ פרויאישער זומערדיקער באַגעגעניש.

אַ גוטע נאַכט דיר, פלויט, א גוט אָוונט דיר, וואַלד. אָוונט ניט אָוונט, ס'איז שוין טיפע נאַכט.

ס'זײַנען דורכגעגאַנגען צוויי פאַרשפּעטיקטע שיקורים און האָבן אויסגעריבן אַ שוועבעלע. מײַן האַנט האָט אָפּגענומען בײַ איר האַנט אַן אָנפּראַגע:

„עפּשער האָב איך זיך מוירע“? וואָרום מיר גייען מיט פעקלעך פון שטאָט און באַנאַכט זײַנען אַף דער פינסטערער גאַס צוויי שיקורים אַזעלכע פאַרדעכטיק.

מײַן קינד, געווײַנלעך בין איך א יידישער גיבער, נאָר איצט האָב איך אַפילע פאַר קיין וועלף ניט מוירע. איצט קען איך זיך שלאָגן. דו האָסט געהערט, ווי א ווילדע קאַץ שלאָגט זיך אַמאָל מיט א שטאַרקערן פון זיך פאַר אירס א קינד; זי ווערט אָן דעם פּאַכאַד.

— דאָבּרי וועטשער! — האָבן אונז די שיקורים געזאָגט. זיי האָבן ניט געוואוסט אַף דער פרישער שאָ, וואָס צו זאָגן.

אַף א גוט אָוונט, איז נאָר איין ענטפער פאַראַן:

„א גוט יאָר“.

און אַז די צווייען זיינען דורך און ס'שוין געווען נאָענט איר שטוב (ווי לאַנג מיר זיינען ניט געגאַנגען, איז שוין געווען נאָענט איר שטוב), האָב איך זיך ערשט געדאַרפט מיט איר צעגיין. באַ איר איז דאָ אין שטוב אַ קינד, באַ איר איז דאָ אין שטוב אַ מענטש, מע דאַרף זיך קענען האַלטן אויך.

און ווי א קליין מאמעלע האָט זי מיך מיט עפּעס געטרייסט, האָט מיך מיט עפּעס באַלוינט און אָפּגעשיקט גיכער אהיים.

דער באַן, וואָס האָט אונז ביידן געבראַכט, פייפט שוין ערגעץ ווייט אַף די פאַרשלאָפענע דאַטשעס־סטאַנציעס. ער טוט עס ניט אַף ערנסט. איינער מיינט: „סלוזשבאַ“! מיין אייסעק איז פייפן און איר שלאָפט זיך געזונטערהייט.

עפּשער, הער איך דאָ זיין ווייטן רוף און, עפּשער, הודעט מיר נאָר די שטילקייט אין די אויערן.

ס'גאָרניט, וואָס די גאַס איז א ווייסע, ס'גאָרניט, וואָס די שאָ איז א שפּע־טע (און א מענטש, וואָס טראָגט ברילן, א מענטש, וואָס זיין גאַנצער געווער איז אַ פרישע צייטונג אין האַנט, וואַרפט ניט אָן אַף קיינעם קיין מוירע; אַפילע א הונט פאַרשטייט עס) איז עס אַלץ גאָרניט. איך האָב ניט געהערט אַפילע, ווי אַזוי און וואוהין די פיס מיינע גייען. איך האָב זיך פאַרלאָזן אַף אייגענע, און אַן אייגענער וועט ניט פאַראַטן. איך גיי זיך פאַרביי די קעגנ־איבערדיקע פּלויטן. פונם נאָענטן צווייטן דאָרף בילן הינט קימאַט אין אַלע הויפן. באַ מיר קומט אויס, אַז הינט זיינען דער פּאָנעם פונם דאָרף, באַטאָג — די פעיד און די רינדער, און באַנאַכט — די הינט. איז טאַקע שיין, וואָס ס'באהעפטן זיך קולעס פון הונדערטער הויפן און פון הונדערטער הינט. הונ־דערט הינט אין הונדערט הויפן זיינען שיין. צוואַנציק הינט אין איין שטייג איז ניט שיין. גאָטליב נעמיראָווער ווייסט עס. גאָטליב נעמיראָווער האָט עס קימאַט איבערגעפּרואווט אַף זיין אייגענער הויט.

אַז איך בין געקומען אַף דער ברייטער מיטלסטער גאַס, האָט מיר עפּעס אַ שמעק געטאָן מיט א באַקאַנטער זאַך:

ס'ניט באַנאַכט... ס'פאַרנאַכט. ס'לעשן זיך אויס די לעצטע פאַסן. מיר איז גוט, גוואַלדיק גוט אַפן האַרצן. איך גיי צווישן אַ טייך מיט אַ סטאַוו און ס'שמעקט מיט געמויזעכץ און מיט פיש.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וווען איז עס געווען?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ערשט אין א ווײַלע ארום האָב איך זיך דערמאַנט, אַז מיין כאַווער אין שטעטל, באַ וועמען דאָס ווייב איז יונגערהייט געשטאָרבן, ער האָט עס מיר

דערציילט, אז ייִנגלווייז האָט אים איינמאָל שטאַרק פאַרדראָסן אויף זיין פּאָטער, האָט ער צוגעוואָרפן דעם פּאָטער די שטוב מיט דער מעלאָכע און איז גאָר אַוועק אין אַ דאָרף אַריין קנעלן. און דאָרט אין דאָרף האָט אים אַ מיידל צוליב געטאָן, זי איז אים געפעלן געוואָרן, און ער פלעג נאָך דער אַרבעט אומגיין צי איר אויפן צווייטן עק דאָרף. זומער, דאָס געשניטענע גראָז שמעקט אויף די לאָנקעס, אין סאַמע סאָף דאָרף ער דורכגיין פאַרביי דער מיל דורך דער גרעבליע: פון איין זייט דער טייך, פון דער צווייטער — אַ סטאַוו, איינמיטן אַ בריקל מיט שליוזן און ס'שמעקט מיט געמויזעכץ און מיט פיש. אים איז געווען זייער גוט אויפן האַרצן גיין מיט פּאַמעלעכע טריט איינער אַליין צו איר און דערנאָך איז ער געגאַנגען דורכן זעלבן אָרט איינער אַליין אויף צוריק, און אין סטאַוו האָט זיך געטוקט די לעוואָנע.

איך פלעג אים פאַרשטיין, דעם כאַווער, און אים ליב האָבן אויסהערן (דער-פאַר איז פון מיר עפשער אַרויס אַ שרייבער ניט קיין רויכוואַרגער אָדער קיין טאָקער). דענסטמאָל האָב איך אים ליב געהאַט הערן, אָבער ערשט איצט ווי כידעשדיק די זאַך זאָל ניט זיין, איצט האָב איך אים פּלוצים דערפילט אויף דורך און דורך! ניטאָ דאָ קיין טייך און מ'זעט ניט קיין היי אויף דער ברייטער מיטלסטער גאַס. נאָר ס'האָט מיר אַ שמעק געטאָן מיט גראָז און מיט פיש. און ווען איך באַגעגן איצט אָט דעם כאַווער, וואָלט איך אים איצט זאָגן: אָט איצט, גאָדל, פאַרשטיי איך דיך שוין אויף דער עמעס. איך וואָלט אים פאַרעגן: טו נאָר אַ קוק אומיסטן, ווי אַזוי קען עס איבערגעבן אַ רייעך אויף אַזאַ מאַהאַלעך פון צייט און פון אָרט. און ער וואָלט מיך געכאַפּט קושן פאַר פרייד.

וואָס איך האָב פיינט קרעמער (איך הידע זיך פון אַ קרעמער, ער זאָל זיין אַפילע מיינער אַן אייגענער ברודער). עפשער איז עס ניט ריכטיק, אָט האָב איך באַגעגנט דעם קרעמער אונזערן, ער איז געזעסן באַ דער טיר פון זיין לאַנג פאַרמאַכטער קלייט. עפשער, האָבן אים די פליי אַרויסגעטריבן און עפ-שער וואָס באַגעגנט אים ווי דעם ערשטן מענטשן אין דער נאַכט, האָב איך אים געוואָלט אָפּשטעלן און אים זאָגן גאָר גאָר אַ גוט וואָרט, איך האָב גע-וואָלט מיט אים זיך גריסן און זאָגן:

— איר שטויסט זיך, מינאַסטאַם, אָן פון וואַנען איך גיי?

אָבער ער וויל באַ מיר אויסכאַפּן דאָס וואָרט, ווייל ער האָט מיר, אַכוץ-עפעס, וואָס צו זאָגן.

ס'דאָך ניט שאַיעך צו ריידן. מיר זיינען קרעמער, נאָר איצט אין דער מי-נוט ווען די קלייט איז פאַרמאַכט... מעגט איר מיר זיכער גלויבן, אַז איך האָב דערביי ניט קיין פּניעס — איך האָב אייך דערקענט פאַר אַ לייטיש מענטשן.

זאָג איך:

— איר מיינט עס אָן ווערטלעך?

זאָגט ער:

— איך האָב דאָך מיט אייך נאָך קיינמאָל ניט גערעדט, נאָר ס׳מאַכט ניט אויס, אז מען זעט א מענטשן דורכגיין עטלעכע מאָל, דערקענט מען אים אויך, ביפראַט...

איך:

— וואַרט נאָר. האָט איר מיך עפשער געזען גייענדיק מיט איר.

ער:

— אָט, אָ, טאָ

— און איר זייט אונז נאָכגעגאַנגען?

— פון דערווייטנס.

און ס׳לאָזט זיך אויס, אַז ס׳גאָר ניט קיין קרעמער אין דער נעשאָמע, ס׳איז א מענטש, וואָס שרייבט פּיעסן אַלע זיינע יאָרן, וואָס האָט א יונגן גוסט, וואָס יישעווט זיך באַנאַכט מיט די זייגער-קלאַנגען און מיט די שטערן - בלינצלען וועגן זיין יוגנט, וועגן זיין איינזאַמקייט.

טאָ וואַרט זשע נאָר צו, קלער איך שוין צו זיך אַליין. עפשער איז מיר דער ייד א באַקאַנטער? וואַרט נאָר וואַרט! כאַים!

כאַים, כאַים שמועל, כאַים מוישע! אַ, כאַים מוישע פון ראַקיטנע, וואָס איז פאַר דער ראַטנמאַכט איבערגעגאַנגען אף א קלייט אין א דאָרף און אף פּיעסן.

איך בין דורכגעגאַנגען לעם קאָאָפּעראַטיוו און לעם שלאָפנדיקן שוימער. נאָך אין דריי שאָ אַרום וועט די קליינע קומען אַף דער אַרבעט. לאָמיך זיך עפשער אַנידערזעצן דאָ לעבן שוימער און אים פאַרבייטן אַף די צוויי דריי שאָ, ביז זי וועט קומען מיט די שליסלען און ניט פון וואַנען ניט פון וואָס, האָב איך באַ זיך פּלוצים געפוילט, אז די מאַיסע מיטן קרעמער, צי איז זי אָפּטמאָל ניט קיין אויסגעדאַכטע.

אין צייטונג (וואָס באַ מיר אין האַנט איצטער) איז דאָ א נייס וועגן א דיפקוריער אונזערן, וואָס מ׳האָט אים געהאַרגעט שוין אַף דער גרענעץ. דאָס וואָרט געהאַרגעט - וואָרן איז באהעפט מיט א צאָפּל פון וואַרעמס און קלע־פיקס: שיר שיר בין איך ניט אומגעפאָרן קיין אויסלאַנד אויך מיט א שטיקל שליכעס. האָט מען מיך אויך געקענט האַרגענען ווי א שאַליאַך. איצט בין איך דאפקע גרייט אף אַלצדינג, אַפילע פון האַרגענען איז מיר וואַרעם און היימ־לעך. איצט איז מיר גאָר ניט סטראַשנע. און טרעזאָר לויפט נאָך אַרום איבערן הויף אַפן לאַנגן דראָט; אינדרויסן טאָגט שוין, אין א שאָ אַרום וועט עמעצער פון די באַלעבאַטים אַרויסגיין פון שטוב און אים צובינדן קיר־צער.

טרעזאָר איז מיר אַרויס אַנטקעגן צום פאַרשלאָסענעם טירל. איך בין אַריבערגעקראָכן די שטאַכעטן, און דער קלוגער הונט איז אַרויף מיט די פעדערשטע קרעפטיקע לאַפּעס צו מיר אַפן ברוסט. ווען מיין שוועסטער דערזעט עס, וואָלט זי זיך זיכער דערשראָקן, וואָרום טרעזאָר איז בא אונז באַרימט פאַר א פאַרשוין, וואָס מ׳טאָר זיך אים צופיל ניט פאַרגלויבן. טרעזאר קאָסט פופציק פוד ברויט. טרעזאר האָט איינמאָל ווינטער דעם באַלעבאָס אַליין א כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט. נאָר איצט שטייט ער מיט ביידע פיס בא מיר אַפן האַרצן. בא אים איז א ציכטיקער שוואַרצער פיסקל שטאַרק א באַכיינטער. באַ אים זיינען קלוגע טונקעלע וויעס אַף די בירקאָלירענע זיך-לויכטנדיקע אויגן, די האָר פייכטע; ווייזט אויס, אז טוי פאלט (אָט זיינען מיינע קליידער אויך ניט גאָר טרוקן), ווען איך צעבינד זיך די הענט און לאָז אָפּ דעם באָכער פון דער קייט, כאָטשבי אַף איין נאַכט נאָך ליבע-יאגד, נאָך מילכאָמעס און נאָך אויסשמעקן א גרעסערע שטיק וועלט, ווי די 48-סטע דאַטשע. — — — — — — — —

— —

אַפן ווערענדע ט׳געוואַרט אַף מיר א קאַיאָר לעם מיין ריינעם געלעגער און
א לאָמפּ מיט שוועבעלעך, וועלכע זיינען שוין איצט לאַכלוטן געווען
איבעריק און א קיכל מיט א גלאָז מילך. ביטע. נאָר קיין
פאַפּיר איז ניט געווען און קיין טינט איז ניט געווען.
און אין דער אָ רעגע האָב איך דאָך געהאַט
אַזאַ שטאַרקן גוסט צו פאַפּיר מיט טינט,
נאָך בעסער ווי צו פרישן
קיכל מיט קאַלטער
מילך!



דאָס ליד װעגן זאַװאָד

אין דער גרינער, אין דער שטילער געגנט
זײַנען אויסגעלאָשן אַלע, אַלע װעגן.
אַ זאַװאָד אַ טויטער שטײט און שטומט,
מיט די הויכע קוימענס שרעקט ער דעם אַרום.

און סע דאַכט, ער בויגט זיך און אָט פֿאַלט ער
מיט די קאָרפּוסן די גרויסע און די אַלטע.
דער זאַװאָד ער זינקט און פֿוילט און װערט צעקלעמט,
סע צעשיטן זיך, סע קרישען זיך די װענט.

שטאַרטשען, שטעקן זיך ארויס די שטאַנגען,
און זײ שרעקן, װי מיט פֿינגער לאַנגע,
און די גאַנצע געגנט, װאָס האָט רײך געבליט,
דעם זאַװאָד דעם שטומען טראָגט אין טויטער מיט.

װער צעװאָרפֿן האָט און האָט צעשאָטן
זײַנע הויכע, זײַנע רוישנדיקע שטאָקן?
װער אָװעקגעלאָזט האָט מיטן װינט און מיטן רויך
זײַן פֿאַרקלערטע און זײַן אויסגעשפּילטע הויך?..

און דעם שטאָלענעם געזאַנג פֿון די מאַשינען
װער צעריסן האָט מיט װיסטער סינע?
און אָװעקגעקוילעט אַרבעטער די יונגען
בײַ דעם אַרבעטן און בײַ דעם זינגען?

אזוי פּלוצים, װי אַן אומדערװאַרטער רעגן,
זײַנען אָנגעלאָפֿן פֿון די שטילע װעגן
ראָצכים, װײַסגװאַרדײער מיט הוהאַ און ראַש,
און געלאָזט דאָ כורװעס און געלאָזט דאָ אַש.

אַבראָם קאַבאַן

אַף די דילן אין זאַוואָד פּלעקן פון דער זון,
און אין יעדער פלעק אַ טויטער יונג,
און פון דעמאָלט איז די געגנט אָפּגעשטאָרבן.
דער זאַוואָד פאַרגעסן און פאַרדאָרבן.

אין א ליכטיקן פרימאָרגן קומט צוגיין
פון דער רויטער אַרמיי אַן אַרבעטער אַהיים.
א שלאָסער איז ער א שטרענגער, אַ האַרבער,
וואָס דאַרפט איר זיין נאָמען: פון קאַמף און פון אַרבעט.

זיך אומגעקערט האָט ער צו זיך אין דער געגנט,
ארויס איז דאָס ווייב און דאָס קינד אים אַנטקעגן.
האָט דערזען דער שלאָסער — דער זאַוואָד איז טויט,
און די געגנט ליגט אין שטויב, אין קויט.

האָט אַ ציי געטאָן אים מיטן האַרץ און מיטן זינען
צום געזאַנג און צו דעם גאַנג פון די מאַשינען.
און דאָס האַרץ האָט שטאַרק געמאָנט און שטיל געוויינט:

„אונטער קאַלטן הימל, אין דעם טיפן שניי,
אונטער שטאַרקע רעגנס, אונטער שמייסנדיקע ווינטן,
פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער.
בין איך אויסגעשטאַנען, בין איך אויסגעווען,
און געקומען און געטראָפן אויסגעהוילטע ווענט,
געקומען און געטראָפן ווינט און וויי, —
כ׳וועל זיך בעסער אומקערן צוריק אין דער אַרמיי״.

ס׳האָט אים דערציילט דאָס ווייבל וועגן שווערער נויט,
וועגן נעכט אין שרעק און וועגן טעג אָן ברויט.
ס׳האָט געוויינט דאָס קינד, אין געוויין פון קינד,
דאכט זיך אויס, סע רופט צעלעכערטע מאַשין.

זי רופט צו זיך דעם אויסגעפּרואוווטן שלאָסער
צו היילן די ערטער, וואָס זיינען צעשאָסן,
צו וואשן דעם זשאַווער פון האַיקעס און שרויפן,
וואָס ליגן אַף מיסט אין אַרומיקע הויפן.

זי רופט אים צו זיך די צעקלעמטע מאַשין,
ווי סע רופט צו זיך ליכט און סע רופט צו זיך זון.
און שטרענג איז זיין קלערן, ווי שטאָל און ווי אייזן,
דער שלאָסער דער שטאַרקער וועט אַלע באַווייזן —

מע מוז דער זאַוואָד זאָל קומען צו שטאַנד,
סע מוז זיך צעבליען דאָ טויער און וואַנט.
און זאָל זיך דאָ גיסן שטאָל און טשוהון,
ווי סע גיסט זיך אַ פרישקייט פון פרילינגשער זון.

אַוועק איז דער שלאָסער צו זיינע כאַווייריס
און האט זיי גערופן, אַז אַלע ווי איינער
מוזן זיך נעמען — אין אונז איז געווענדט —
דערהויבן די גאָרנס, דערבויען די ווענט.

„איז טראגט אַהער ליים, איז טראגט אַהער ציגל
איז גיט אהער אָטעם און מירן באַזיגן"
געהערט האָבן יונגען, געטראכט און געקלערט,
ווי ס'איז וויכטיק — געטראכט — ווי ס'איז ביטער און שווער.

און אַרבעטער אַלע מיט קויכעס מיט לעצטע
מע נעמט זיך פאר ווענט און פאר טירן, פאר פענצטער.
מוסקולן שטאַרקע אין פארשלאָפענע הענט
האָבן צעגליט זיך, צעפלאקערט, צעברענט.

מע פירט שוין געהילץ פון פאַרדרימלטע וועגן,
מע הערט שוין אַ קלאַפן, סע קלינגט שוין אַ זעגן,
דעם שלאָסערס געזיכט איז ריין און געלייטערט,
ער שטייט דאָרט, ער שאָבט דאָרט, ער פיילט דאָרט און שלייפט דאָרט.

ער זוכט אויס אַ האיקע, ער זוכט אויס אַ שרויף,
און רייבט אָפּ דעם זשאַווער און פאַסט אים ארויף.
איצטער איז פרילינג — די געגנט אין גרינעם —
מע דארף דאָ אינגיכן צעיאָגן מאַשינען.

און איצטער איז פרילינג — סע שמעקט און סע בליט
מיט זאַפּט און מיט קראַפט און מיט אַרבעטער־ליד.
סע זיינען אוועק אין דער אַרבעט מעסלעסן,
זאַוואָד איז שוין העכער, זאַוואָד איז שוין גרעסער.

סע לויכטן שוין שטאָקן, סע גלאַנצן שוין שויבן,
דעם שלאָסער דאָס פּאָנעם פאַרגאָסן אין גלויבן,
דאָרט נאָך אַ האַיקע, א קליאמקע, אַ שויב,
אָט היינט און אָט מאָרגן, און פאַרטיק, און שוין.

די געגנט צעוויגט פון זאַוואָדישן רויש,
פון פרי און ביז נאַכט און ביז פריאיקן גרוי.

אַריין און ארויס די רעלסן צעפירט מען,
ווי לאַנגע, ווי שלאַנקע, ווי שטאָלענע ווירעס
דער שלאָסער דער יונגער שטייט באַ מאשין.

זאַוואָד איז אין פרישקייט, אין פרילינג, אין זון!



אינהאַלט:

זייט

א. אבטשוק. הערשל שאַמאַי . . 9

מ. שטורמאַן. אייזנבאַן

אין קאָרפּוסן . . . 131

דעם כאַוּוער באם ווארשטאק 133

נאָך שווערער מי . . 134

כאַנע לעווין. אָפּרו 139

פארנאַכט 147

כ. וויינערמאַן. אין באַהעפטונג . . 151

א. דרוקער. אין סטעפּ . . . 157

ד. האָפּשטיין. פון ציקל „דערמאָנונג" 207

איציק פעפער. קינדער 213

ס. טושינסקי. לידער 219

ב. אָליעווסקי. * * * 225

מ. אַראָנסקי. דאָ און דאָרט . . 229

מ. פּינטשעווסקי. היים 287

מ. שאַפּיראָ. ליריק

אווגוסט 297

אריינפאָר . . . 297

ער איז נאָך ניט געוועזן . 298

פון ערשטן שטייגן. . . . 298

איז וואָס... . . . 299

י. קאָטליאַר. מיט זיך אליין

I אזוי 303

II ניין 304

III הארבסט . . . 304

IV גליק 305

V שטעטעלע . . . 306

פ. סיטאָ. אן אָבלאַווע . . . 307

ש. העלמאנד. אין סטעפּ . . . 317

זשיטאָמיר . . . 317

י. יאנקעלעוויטש. * * * 319

א. פיאטיגארסקע. לידער

אין געפענגעניש . . 320

א. וועלעדניצקי. אפן שארפן ראָג . . 322

דינע ליבקעס. מיין ברודער . . 325

י. קיפּניס. סענטימענטן . . 329

אווראָם קאהאן. דאָס ליד וועגן זאוואָד 361